STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01126

DI BRIDER ASHKENAZI

Israel Joshua Singer

Permanent preservation of this book was made possible
by Elane Polin
in honor of
Sarah Mae Bremmè

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. י. זינגער

די ברידער אשכנזי

צווייטער טייל

קומענס אין הימל

• •

הויפטפארקויף:
מאקס נ. מייזיל
ניו - יארק
1937
490

DI BRIDER ASHKENAZY

Copyright 1937

— By —

I. I. SINGER

New York

Manufactured in the
UNITED STATES OF AMERICA

קאַפּיטל איינס

אין צאַרישן הויף אין פּעטערבורג איז געווען אומרואיק און קריגעריש.

נאָך דעם ווי רעוואָלוציאָנערע סטודענטן האָבן אויפגעריסן מיט א באָמבע דעם רוסישן צאַר אַלעקסאַנדער דעם צווייטן, דעם באַפרייער פון דער פויערישער לייב־שקלאַפעריי און דעם אָנהענגער פון ליבעראַליזם, האָבן צוויי פּאַרטייען אין הויף גענומען אין די הענט אַריין דעם נייעם רוסישן צאַר אַלעקסאַנדער דעם דריטן.

די ליבעראַלן האָבן געראַטן דעם צאַר צו גיין אין זיין פאָטערס וועגן, פירן א נאָך מער ליבעראַלע פּאָליטיק, וואָס דאָס וועט צו־ציען צו אים דאָס פאָלק און אָפּשוואַכן די רעוואָלוציאָנערע שטי־מונג. די רעאַקציאָנערן מיט פּאָביעדאָנאָסצאָוו אָן דער שפּיץ האָבן גערופן דעם נייעם צאַר צו זיין שטרענג און האַרט און אויסצוראָטן אַלע שונאים פון דער מאָנאַרכיע און דער פּראַוואָסלאַוויע. דער מי־ניסטער גראַף איגנאַטיעוו איז געווען פון די ליבעראַלע. אָבער ער האָט א ברייט לעבן געפירט, א סך מער געלט אויסגעגעבן, ווי זיינע גיטער האָבן אים אַריינגעבראַכט, און ער האָט די פּעטער־בורגער אידישע מיליאָנערן גערופן צו זיך און פאָרגעלייגט, אַז די אידן זאָלן אים א האַלבן מיליאָן רובל געבן, וועט ער דערפאַר בלייבן ווייטער ליבעראַל און שטיצן די אידן אין הויף. אויב נישט, וועט ער אַריבערגיין צו פּאָביעדאָנאָסצאָוון.

די אידישע מיליאָנערן האָבן אים אָזאַ סומע, כאָטש א גרויסע, געקאָנט שאַפן. אָבער זיי האָבן מורא געהאַט צו גיין אויף דעם וועג. ווייל אויב מען וועט איינמאָל געבן, וועלן די הויפישע לייט כסדר צאַפּן געלט און דראָען מיט באַרויבן אידן זייערע קליינע רעכט. אויך די רבנים האָבן אַזוי געהאַלטן. פאַר כעס איז דער גראַף אַריבער אויף פּאָביעדאָנאָסצאָווס זייט און געפּועלט ביים צאַר, מען זאָל אַרויסטרייבן די אידן פון מאָסקווע.

די מאָסקווער אידן זענען אין די טויזנטער ארויסגעשיקט גע־וואָרן פון שטאָט צוזאַמען מיט זייערע ווייבער, קינדער און גע־שעפטן. טייל פון זיי זענען געפאָרן קיין אמעריקע. אָבער די מער־הייט איז געפאָרן נענטער, אין אייגענעם לאַנד, אין פוילן, קיין ווארשע, און נאָך מער קיין לאָדזש, אין דער שטאָט פון אינדוסטריע און האנדל.

מיט א סך מעבלען, בעטגעוואנט, שבתדיקע לייכטער, איי־זערנע קאַסעס, גרויסע סאמאָווארן און רוסישע „שטשאָטס" צו רעכענען, זענען זיי קיין לאָדזש געקומען און זיך אין דער האנדלס־געגנט, אויף דער פּיעטראָקאָווער, אויף ווסכאָדניע, פּאָלודניאָווע און די ארומיקע גאַסן באַזעצט. גלייך האָבן זיי געשעפטן, אגענטורן, קאָמיסיאָן־הייזער פארלייגט און א סך רוסישע סוחרים אין דער פּוילישער שטאָט אריין אראָפּגעצויגן. אין שטאָט איז באַלד ענג געוואָרן פון די נייע, פרעמדע לייט, וואָס די לאָדזשער האָבן זיי גערופן „ליטוואַקעס". זיי האָבן אָפּגעדונגען א סך וואוינונגען, אויס־געדונגען די גרעסטע געוועלבער. ברייטע, געוואוינט צו מאָסקווער רחבות, צו ווארפן מיט א רובל, האָבן זיי אוועקגעזעצט זיך אין די בעסטע הייזער, פארלייגט געשעפטן אין די אָנגעזעענסטע געוועל־בער. דערפון איז געוואָרן א יקרות אויף דירות, אַן אויסכאַפּעניש אויף געוועלבער. אויך האָבן די ווייבער זייערע זיך נישט געדונ־גען אין די שפּייז־קרעמלעך, נישט געקארגט אויף די פיש־מערק און אין די יאַטקעס. גענומען האָבן זיי אַלץ א סך. די קרעמער, די קצבים און די פישערקעס זענען דעריבער שטאַרק צעלאָזן געוואָרן, געקריגן געשמדטע העלזער און גאָר מיט קיין היימישער באַלע־באָסטע קיין גוט וואָרט נישט געוואָלט אויסרעדן. דאָס האָט די לאָדזשער זייער בייז געמאַכט אויף די פרעמדע.

נאָך מער האָט פארדראָסן זייער גוואישקייט, וואָס זיי האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך. אויף די אידישע גאַסן האָבן זיך אָפּט איצט אינגלעך אין מונדירן מיט גאָלדענע קעפּ געוויזן, מיידלעך מיט ברוינע גימנאַזיע־קליידלעך. גערעדט האָבן זיי א פרעמדע שפּראַך, רוסיש, גאָר ווי די פּאָליציי־לייט און די אָפּיצירן. לאָדזשער אינגלעך האָבן זיי נאָכגעקוקט מיט שנאה, ווייל די פרעמדע האָבן מיט זיי קיין איין וואָרט נישט אויסגערעדט. אָבער צוזאַמען מיט דער שנאה

איז געוואקסן א קנאה צו די פרעמדע, צו זייערע גאָלדענע קנעפּ און בלויע מונדירן. טאטעס האָבן נישט געלאָזט זייערע אינגלעך נאָכקוקן די פרעמדע.

— גויים וועלן זיי אויסוואקסן — האָבן זיי געזאָגט, — גלייך צו דער שמד...

אָבער אפילו די עלטערע, וואָס האָבן גערעדט אידיש און גע־גאנגען דאַווענען, האָבן די לאָדזשער אידן נישט געהאַלטן בעסער פאַר זייערע זין מיט די גאָלדענע קנעפּ. דער אידיש זייערער איז געווען פרעמד, אומפאַרשטענדלעך, איבערהויפּט ווען זיי האָבן גע־רעדט גיך. זייער דאַווענען און לערנען האָט נישט געהאַט קיין טעם און קיין ריח. אין די לאָדזשער שולן און בתי־מדרשים איז זייער ענג געוואָרן פון די פרעמדע. מען האָט געמוזט דאַווענען אינדער־פרי פון פאַרטאָג אָן ביז שפּעט אין טאָג אריין. ווי נאָר די לעצטע מנינים האָבן פאַרענדיקט זייער שחרית, האָבן שוין אַנדערע אידן אָנגעהויבן דאַווענען מנחה. די אינגלעך מיט די פּיאהלעך, וואָס זענען מיטגעקומען מיט די טאַטעס צו מנחה־מעריב, האָבן גאָר־נישט געוואָלט אריינקוקן אין די סידורים, נאָר געריסן די אויגן צו די פרעמדע מענטשן, וואָס האָבן זיך אין די בתי־תפילה געוויזן. איבערהויפּט האָבן זיי געקוקט מיט חידוש און מיט אויפגעריסענע אויגן, ווען די פרעמדע האָבן געזאָגט קדיש.

— נו, אָ, אָמן! — האָבן זיי די טאַטעס דערמאָנט. — נו, אָ!

אָבער די חדר־אינגלעך האָבן נישט געהערט, וואָס די פּאָטערס רעדן. זיי זענען אינגאַנצן געווען פאַרנומען מיט די נייע אידן, וואָס האָבן זיך מיט יעדן טאָג אַלץ מער געוויזן, געגעסן זיי מיט די אויגן.

מאָדנע אידן זענען דאָס געווען, אַזעלכע, צו וועלכע מען איז אין פּוילן גאָרנישט געוואוינט געווען. די עלטערע פון זיי האָבן אפילו געטראָגן בערד, אָבער די קאַפּאָטעס זייערע זענען געווען קורצע, גויאישע, אַזוי אויך זייערע קאַפּעליושן אויף די קעפּ. די יונגע זענען געווען געגאָלט, מיט שוואַרצע לאַטעס אויף די באַקן פון דעם נישט־אָפּטן ראַזירן, מיט האַרטע קאַפּעליושן אויף די קעפּ, אָדער אין ברייטע שטרויענע פּאַנאַמעס. ביים דאַווענען האָבן זיי זיך נישט געשאָקלט, ווי די פּוילישע אידן, נישט געוואָרפן זיך, נאָר

געשטאַנען גלייך, ווי די סטרונעס. אָמן האָבן זיי נאָכגעזאָגט שאַרף הויך. נאָך שאַרפער האָבן זיי געזאָגט קדיש, וואָרט ביי וואָרט, דער־ביי האָבן זיי אַרויסגערעדט די ווערטער גאַרנישט ווי אַלע אידן, כמעט נישט צו פאַרשטיין. די לאָדזשער בית־המדרש־אידן האָבן גע־קוקט קרום אויף די דאָזיקע פרעמדע לייט. זיי האָבן נישט געליטן סיי זייער גויאישן הלוך, סיי זייער הארטן דאַווענען, סיי זייער לאַנגזאַמען קדיש־זאָגן. זיי האָבן נישט שטאַרק געגלויבט, אַז די קדישים פון אַט די לייט, געזאָגט אין אַזאַ אויסטערלישן לשון־קודש, זאָלן זיין שטאַרק אָנגעלייגט אין הימל. נאָך ווייניקער האָבן זיי געגלויבט אין דער פעולה. וואָס אַזאַ קדיש קאָן האָבן פאַר די נפטרים, די עלטערן פון אַט די קדיש־זאָגער, מסתמא פונקט אַזעלכע גוישע ווי זייערע קינדער, וואָס זיי האָבן געלאָזן. זיי זענען נישט געווען גאַנץ זיכער, צי מען דאַרף נאָכזאָגן אָמן נאָך אַזעלכע קדישים. און דערפאַר האָבן זיי טאַקע געזאָגט דעם אָמן מיט א האַלב מויל, אויף יוצא צו זיין בלויז. נאָך גרעסער איז געווען דער וואונדער סיי פון די אינגלעך, סיי פון זייערע טאַטעס, ווען נאָך מעריב האָבן די עלטערע פרעמדע לייט אַרויסגענומען גמראָס פון די פאַבן, אָנגעטריפט ליכט אויף די טישן און גענומען לערנען גמרא הויך, אויפן קול, וואָרט ביי וואָרט, און מיט עפּעס א פרעמדן ניגון, וואָס אין פוילן הערט מען גאַרנישט אַזעלכן.

— זע, — האָבן אידן צו זיך געזאָגט מיט חידוש, — זיי לערנען דאָך גמרא!

דאָס האָט נאָר מער אָפּגעשראָקן, ווי די תורה פון מיסיאָנערן. דערצו האָבן די פוילישן אידן גלייך גענומען דערציילן נסים וועגן דער געוואַלטיקער בריהשקייט און חכמה פון די פרעמדע. ווי די ציגיינער, אַזוי זענען זיי. ווי א רוח, קאָן יעדער פון זיי מיט די אויגן פאַרדרייען, און מען דאַרף זיך היטן פאַר זיי ווי פאַר שדים. און אידן האָבן זיי געווייכט, אָפּגערוקט זיך פון זיי, נישט געוואָלט שטיין אין זייערע ד' אמות. נגידישע חסידים האָבן זיך אַרויסגע־צויגן פון הייזער, וואו א ליטוואַק האָט זיך אַריינגעצויגן. פרומע אידן האָבן נישט גערן פאַררעכנט א ליטוואַק צום מנין אין א שולכל, ווען מען האָט געדאַרפט אַריינכאַפּן א צענטן צו א קדיש. ווייבער אין די הויפן האָבן אויסגעמיטן צו לייהען א כלי צו א ליט-

וואטשקע, נישט געווען געגוג זיכער מיט זייער כשרות און האלטן אפגעזונדערט מילכיקס פון פליישיקס. פונקט אזוי האבן זיי אויס־געמיטן צו שטעלן טשאלנט אין אן אויוון, וואו א ליטוואטשקע שטעלט אריין איר טשאלנט־טאפּ. חדר־אינגלעך האבן נישט אויפ־געהערט נאכשרייען און זינגען:

— ליטוואק חזיר, טשו, טשו, טשו,

לייג דעך אין דר'ערד אריין,

ליו, ליו, ליו!...

צווישען די סוחרים האט מען מיט די נייע געמאכט געשעפט. זיי האבן א סך קאנטשאפט געהאט, די פרעמדע, אין די רוסישע שטעט, צו הערבסט און פרילינג זענען פיל ברייט־הויזיקע און ברייט־בערדיקע רוסישע סוחרים געקומען צו זיי און מאסן סחורות איינגעקויפט אין שטאט. אין די גרויסע דירות זייערע זענען שטענ־דיק געשטאנען זורנדיקע סאמאווארן און איינגעמאכטס. רוסישע סוחרים, קאמיסיאנערן און וואיאזשארן זענען געזעסן ארום די גרויסע טישן, געשוויצט ביי דער פולער טיי, געגאשט איינגעמאכטס, געקנאקט דארע גריוון, געשפילט אין קארטן און געמסחרט און געחשבונט. מאסן פון די פרעמדע זענען ארומגעפארן איבער די גרויס־גובערניעס, אנגעשפארט אין וויטן מזרח, פארקראכן ביז כינע, ביז פערסיע, און פארשפרייט לאדזשער סחורה. לאדזש האט גוטע געשעפטן געמאכט זינט די פרעמדע זענען דא אנגעקומען. מען האט מיט זיי געהאנדלט, אבער נאנט מיט זיי איז מען נישט געווארן, זעלטן א ליטוואק אין שטוב איינגעלאדן, אויסגעמיטן זיי ווי די גוים. טאטעס האבן געהיטן טעכטער, זיי זאלן זיך אין קיין מחזקות מיט קיין ליטוואק נישט ארייגלאזן. פונקט אזוי האבן זיך די ליטוואקעס געהאלטן אפגעזונדערט פון די פוילישע, געקוקט אויף זיי מיט פאראכטונג, געלאכט פון זייער זינגענדיקער אויס־געצויגענער שפראך, וואס זיי האבן נישט פארשטאנען, פון זייערע קאפאטעס און היטעלעך.

— איי וואי מיער, — האבן זיי נאכגעשפעט, — גי מיר א פארציקער!

דאס האבן זיי געשפאט פון די פוילישע, וואס רעכענען נישט

אויף קאָפּיקעס, ווי אין רוסלאַנד, נאָר אויף גראָשנס, און אַ צוואַנ־ציקער־קאָפּיקע רופן זיי אַ פּאַרציקער.

נאָך גרעסער איז געוואָרן די שנאה צו די פרעמדע, ווען נאָך די רייכע מאָסקווער לייט האָבן אָנגעהויבן אָנקומען יונגעלייטלעך פון ליטווישע שטעט און שטעטלעך צו פאַרדינען אַ רובל אין פּוילן.

פּונקט ווי די מאָסקווער זענען געווען ברייט, זענען די ליטווישע יונגעלייטלעך און בחורים געווען קאַרג, אָרעם, אויסגעדאַרט. זיי האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך אין די פּוילישע שטעט בלויז אַ טשייַ־ניק אויף קאָכן טיי און אַ גאַל־מעסער צו גאָלן די באָרד פון פרייטיק צו פרייטיק. זיי האָבן געהאַנדלט מיט אַלעם, וואָס נאָר עס האָט זיך געלאָזט, מיט נאָדלען, שיך־בענדלעך, זייף, ביליקע שיך. זיי האָבן אויסגעקויפט אין די פאַבריקן יעדער פּסולת, יעדער צוגעברענ־טע סחורה, יעדער „בראַק", און פאַרקויפט עס אין די גאַסן, שרייענ־דיק מיט שאַרפע ליטווישע קולות פון פאַרטאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין.

די אָרעמע לאָדזשער ווייבער האָבן זיי פאַרדונגען וואוינונגען ביי זיך, אָפּגעטרעטן אַ ווינקל אין קיך, אַ בעטל אויף איבערנעכטיקן. אָבער קיין נחת פון זיי האָבן זיי נישט געהאַט. קאַרגע, אָרעמע, אויסגערעכנטע צו זאַמלען וואָס מער אַ קאָפּיקע, כדי פאַר די ערשטע פאַר רובל אַליין זיך נעמען צו אַ מסחר און אַרויספאַרבעטן זיך, האָבן זיי געלעבט מיט ברויט און הערינג. זיי האָבן אָפּגעפּטרט זייערע טעג מיט אַ קנאָבל, אַ ציבעלע, אַ זויערע אוגערקע.

זיי האָבן געקוקט מיט חידוש אויף די פּוילישע פרעסערס, וואָס יעדן טאָג עסן זיי פלייש; זיי האָבן געעפנט גרויסע אויגן יעדן פרייטיק, ווען זיי האָבן געזען, ווי די אָרעמע ווייבער בראָטן גענז אויף שבת און באַקן אָן גרויסע בלעכן מיט קוכנס. זיי האָבן דאָס אין זייערע ליטווישע שטעטלעך קיינמאָל נישט געזען. זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען די פּוילישע אידן, וואָס גייען אין די רעסטאָראַנען טרינקען ביר און פאַרבייסן מיט אַרבעס, ווי זיי מאַכן אָפּטע שנאַפּסן ביי די בופעטן און פאַרבייסן מיט געהאַקטע לעבערלעך. עס האָט זיך גאָרנישט געלייגט זיי אין די ליטווישע קעפּ, אַז דערוואַקסענע מענטשן, אידן דערצו, זאָלן אַזאַ זאַך טאָן, אַזוי זיך אויסברענגען. און נאָר צו לאַכן האָט זיי געמאַכט, ווען זיי האָבן געזען, ווי ווייַ־

בער אין די יאָרן גייען אריין אין א צוקערניע און קויפן זיך שאָ־קאָלאַד אָדער א געפילט קיכל.

— פוילישע נאַשערס, — האָבן זיי געזאָגט, — ווילדע מענצן.

— ליטווישע קנאָבל־פרעסער, — האָבן זיי די פוילישע אָפּ־געזידלט, — באָרשט מיט הערינג...

דערצו האָבן זיי קיינער נישט געוואָלט גיין ארבעטן אין די וועבערייען. דאָס, האָבן זיי געהאַלטן, איז פאַר די פוילישע, פאַר די איינגעזעסענע. זיי האָבן בעסער געהאַנדלט, געוואַנדלט און זייער שנעל זיך ארויפגעארבעט. אויך האָבן זיי אַלע ערטער אין די געשעפטן און אין די פאַבריקן פאַרנומען. חסידים אַליין האָבן זיי אריינגענומען צוליב דעם רוסיש, וואָס זיי רעדן, און פאַר דער בוכהאַלטעריע, וואָס זיי פירן. און וואָס האָט מער פאַרדראָסן די אָרעמע וועבער, איז געווען דאָס, וואָס זיי האָבן בלויז געשטיפּט מיט די טעכטער זייערע, נאָר אַז עס איז געקומען צו א תכלית, האָבן זיי פון די פוילישע מיידלעך נישט געוואָלט הערן און אויס־געשריבן זיך אייגענע ליטוואַטשקעס פון די שטעטלעך, מיידן הארטע און נישט־פאַרפוצטע, גאַרנישט ענלעך צו די צעפּיעש־טשעטע לאָדזשער טעכטער.

זיי האָבן גיך איינגענומען די שטאָט, די פרעדע. פריער האָבן זיי פאַרנומען א הויף. די לאָדזשער נגידישע אידן האָבן גלייך זיך ארויסגעצויגן פון זייערע דירות. וואָרום די פרעמדע האָבן זיך אין די בלויזע קעפּ אויף די באַלקאָנען ארויסגעזעצט, מיט די ווייבער זייערע געלאַכט, רוסישע לידער געזונגען און מיט דעם רויך פון די סאַמאָווארן דעם הויף פאַרקאָפּטשעט. אין מיטן די שבתדיקע זמירות האָבן זיי זיך מיט זייערע גויאישע לידער אריינגעריסן. די קינדער זייערע אויף די הויפן האָבן פון די אינגלעך מיט די פּיאהלעך געלאַכט, „טשמאַיער" נאָכגעשריגן, און אידן נגידים האָבן זיך ארויסגעצויגן פון די הייזער און אריבערגעקליבן זיך אין די ווייטערע גאַסן, אין די היימישע און אייגענע. גלייך אויף זייער אָרט האָבן זיך די ליטוואַקעס באַזעצט. נאָך די הויפן האָבן זיי גענומען פאַרכאַפּן די גאַסן, טרייבנדיק די פוילישע אַלץ ווייטער און ווייטער.

אינגיכן זענען זיי געוואָרן די באַלעבאַטים פון לאָדזש. זיי האָבן זיך אויסגעבויט שולן אייגענע, וואו זיי האָבן געדאַוונט מיט זייערע

ניגונים און מנהגים; זיי האָבן געמאַכט זיך חדרים, שולן, וואו די מלמדים זענען געגאַנגען מיט געשווירענע בערד און געלערנט א סך לשון־קודש און פרעמדע לערעס. און אַז עס איז געקומען צו נעמען אין שטאָט א רב, האָבן זיי אַרויסגעשטעלט אַן אייגענעם, א ליטוואַק און אַ רוסיש־רעדער.

מיט א ליטוויש פוטער־היטל אויפן קאָפּ, גאָרנישט ענלעך צו א ספּאָדיק, מיט מלבושים מער ענלעכע צו דייטשע, איידער רבנישע, מיט קלענערע פּיאות און מיט אַ סך תקיפות, איז ער אַראָפּגעקומען, דער נייער רב, פון זיין שטאָט, און געהאַלטן א דרשה א ליטווישע און אַ לומדישע, געשאָטן מיט אַזויפיל תורה, אַז די היימישע לומדים האָבן אים גאָרנישט געקאָנט נאָכיאָגן. די לאָדזשער חסידים האָבן געשריגן, געמאַכט קולות, אַז זיי ווילן נישט פרעגן א ליטוואַק קיין שאלה, נישט פאַרלאָזן זיך אויף זיין תורה. אָבער די גבירים אין שטאָט, די גאַלעבראָדניקעס און די דעה־זאָגער, האָבן געהאַלטן מיט דעם ליטוואַק. איבערהויפּט האָט מיט אים געהאַלטען דער ראש־הקהל, דער טעקסטיל־פאַבריקאַנט מאַקסימיל־יאַן פלידערבוים, דער מיליאָנער פון שטאָט. ערשטנס, האָט ער שוין לאַנג געוואָלט האָבן אין שטאָט א רב א רעפּרעזענטאַבלען און היינטוועלטיקן. עס האָט אים זייער נישט געפּאַסט ביי יעדער חתונה אין פּאַלאַץ זיינעם, ווען מען האָט געדאַרפט אַראָפּברענגען דעם אַלטן פריערדיקן רב, דעם צעיאַכמערטן און פאַרקאַלטענטן. דער ניי־ער רב, כאָטש א ליטוואַק, האָט זייער שיין אויסגעזען, שיער נישט ווי א גלח, וואָס וועט זייער פּאַסן זיך אויף די רייכע שמחות, ווען מען וועט אים ברענגען. נאָך איידער מען האָט אים פאַר רב געמאַכט, האָט ער שוין באַצייטנס געלערנט זיך פּויליש, כדי צו קאָנען רעדן מיט לייט. דאָס איז דעם פאַבריקאַנט זייער געפעלן געוואָרן.

צווייטנס, איז דער רב געווען א חשוב ביים גובערנאַטאָר. אין דער ליטווישער שטאָט זיינער האָט ער צו דער קרוינונג פון אַלעקסאַנדער דעם דריטן זייער א שיינע רוסישע דרשה געהאַלטן פאַר די אידן און די טשינאָווניקעס, אויך האָט ער א גרויסע ברכה אויף פּאַרמעט צום קייזער אַליין געשיקט. ער האָט דערפאַר פון הויף א מעדאַל געקריגן. צווישן אידן האָט מען גערעדט, אַז ער האָט

אויך א גאָלדן שווערדל געקריגן אלס מתנה. קיינער האָט דאָס נישט געזען, דאָס גאָלדענע שווערדל, אָבער געוואוסט האָט מען דערפון אין אַלע אידישע שטעט. אויך אין לאָדזש האָט מען שוין וועגן דעם שווערדל געוואוסט. דער פאַבריקאַנט פלידערבוים, א חשוב ביים גובערנאַטאָר, האָט דעריבער זיך גלייך אָוועקגעשטעלט אויפן צד פון די ליטוואַקעס, כאָטש ער האָט זיי, ווי מערסטנס פוילישע אידן, נישט ליב געהאַט. קעגן פלידערבוימען האָט קיינער נישט געקאָנט רעדן. דער נייער רב האָט טאַקע, ווי נאָר ער איז געקומען, אָפּגע־שטאַט א וויזיט ביים שטאָטישן פּאָליצמייסטער, און טאַקע מיט דעם מעדאַל אויף דער זיידענער קאַפּאָטע. קינד און קייט איז געקומען צו לויפן אויף חידוש. און דער ליטוואַק איז געוואָרן רב אין שטאָט.

פון דעמאָלט אָן האָבן זיי גאָר פאַררי̇סן די נעז, די פרעמדע, געקוקט אויף די פוילישע פון אויבן אַראָפּ. זיי האָבן גענומען בויען הייזער, פּאַרליינען געשעפטן, עפענען פאַבריקן, אַראָפּברענגען רוסישע סוחרים און פירן לאָדזשער סחורות איבער אַלע ווינקעלעך פון גרויסן רוסלאַנד. ליטווישע לערער, בוכהאַלטערס, דענטיסט־קעס, אַקושערקעס האָבן אָנגעהויבן ציען פון אַלע עקן רוסלאַנד קיין לאָדזש. מגידים, שאַרפע רעדנערס, פול מיט משלים און גלייכ־ווערטלעך, האָבן געדרשנט אין די שולן. אַגענטן פון ניי־מאַשינען, פון רוסישע פאַרזיכערונגס-געזעלשאַפטן, אויפקויפער, מעקלער, קאָמיסיאָנערן, וואַיאַזשאָרן, האָטעל־גייער האָבן זיך מיט יעדן טאָג נייע געוויזן אין שטאָט, געהאַנדלט, גערעדט, געמעקלט, געקויפט, פאַרקויפט און פול געווען אין אַלע גאַסן און געסלעך.

די שטאָט איז געוואַקסן, אויסגעשפּרייט זיך, אויפגערודערט געוואָרן פון דעם פרעמדן טומל, ראַשיקייט, באַוועגלעכקייט און ענערגיע. צוזאַמען מיט די פרעמדע ליטוואַקעס האָבן זיך אין איינעם א טאָג אויפן באַלוט צוויי נייע מענטשן באַוויזן, וואָס האָבן גלייך דעם באַלוט אויפגערודערט מיט זייער קומען.

אין א פריען ווינטערדיקן שטאַרק־פראָסטיקן אָוונט, ווען אידן זענען איינגעהויקערטע, מיט די בערדלעך באַהאַלטן אין די לאַצן, פון מנחה און מעריב געגאַנגען, האָבן זיך אויף די שמאָלע געסלעך צוויי פרעמדע מאָדנע לייט געוויזן. מיט קורצע קליידער, מיט ווינ־טערדיקע קוטשמעס אויף די קעפּ, מיט זעלנערישע באַשליקעס אויף

די העלזער און מיט קעסטלעך, באהאנגענע מיט טשייניקעס, אין די הענט, האבן זיי תחילת אויסגעזען ווי אויסגעדינטע זעלנער, וואס קומען צוריק נאך דינסט. אבער אז אידן האבן זיך אין זיי נענטער איינגעקוקט, האבן זיי געזען, אז גארנישט זעלנערישעס איז דא סיי אין זייער הילוך, סיי אין זייער אויסזען. איינער פון זיי איז געווען אן עלטערער, שוין אין די יארן; דער צווייטער איז געווען יונג, אבער זיין פנים איז געווען בלאס, גארנישט ווי ביי קיין זעלנער. דער עלטערער האט זיך דערנענטערט צו א לאמטערן און ביי דער טונקעלער שיין געזוכט אין א קליין שטיקל פאפיר.

— צו וועמען דארפט איר? — האבן אידן געפרעגט ביי די פרעמדע.

— אפשר ווייסט איר, וואו זיצט דא קיילע בובבינדער? — האט דער עלטערער געפרעגט אין א האלב ליטוויש און האלב לאדזשער לשון.

קיינער האט נישט געוואוסט.

— קיילע, טוביה דעם וועבערס ווייב, — האט דער עלטערער פארריכט.

קיינער האט נישט געוואוסט.

— קיילע „טוביה ס'איז נישט הפקר א וועלטס" ווייב, — האט דער פרעמדער אויסגערעכנט.

— א, קיילע „טוביה ס'איז נישט הפקר א וועלטס" ווייב, — האבן די אידן זיך דעפרייט. — אזוי רעדט! קומט, וועלן מיר אייך ווייזן. זי וואוינט דא באלד אין ראג, אין א קעלער נעבן בעקער.

די פרעמדע האבן אונטערגעהויבן די קעסטלעך און געגאנגען מיט די אידן. אבער פלוצלונג האט זיך איינער פון די אידן אויסגעדרייט, אנגעקוקט גוט דעם עלטערן און א פאטש געטאן מיט די הענט.

— טוביה, איך זאל אזוי האבן א גוט יאר, ווי ס'איז טוביה! שלום עליכם!

איידער טוביה האט נאך באוויזן אהיימצוקומען צו זיין ווייב, זענען שוין עטלעכע אינגלעך, וואס זענען געגאנגען מיט די טאטעס פון דאווגען, געפלויגן צו דער טוביהכעס קעלער און אלע אין איין אטעם אויסגעשריגן:

— קײלע, אײער מאַן איז געקומען, קײלע!

זי האָט אים נישט אַזױ לײכט דערקענט, איר מאַן, קײלע, װי דער איד אין דרױסן. זי האָט צום ערשטן אין צעטומלעניש אָנגע־קוקט דעם פרעמדן מאַן אין די פרעמדע קלײדער, דערנאָך אַ בליק געטאָן אױף דעם אַנדערן מאַן, דערנאָך האָט זי זיך באַנאָסן מיט רױטקײט. דערנאָך האָט זי געכאַפּט אַן עק פאַרטוך אין מױל אַרײן, דערנאָך האָט זי גענומען װישן מיטן פאַרטוך אַ נאָס בענקל.

טוביה האָט פון זיך אַראָפּגענומען דעם באַשליק, נאָר קײלע האָט אַלץ נישט געגלױבט אירע אױגן. ער איז גאָרנישט געװען דער אײגענער טוביה, װאָס מען האָט אים בײנאַכט אַרױסגענומען פון בעט אַרױס. טוביה האָט גענומען רעדן.

— קײלע, — האָט ער געזאָגט, — װאָס מאַכסטו?

קײלע האָט נישט דערקענט נישט זײן קול, נישט זײן רעדן. ער האָט גערעדט גאָרנישט װי אַמאָל, עפּעס שאַרף און ליטװיש, און אַפילו, אַז ער האָט אַרױסגענומען פון זײן קעסטל אַ פּאַטשײלע און איר געגעבן אַ מתנה, האָט זי נאָך אַלץ נישט אױפגעהערט קוקן אױף אים מיט אָפענע אױגן און מיט פאַרלײגטע הענט אױף דער ריזיקער ברוסט. נאָך װײניקער האָט זי געװאָלט גלױבן, אַז דער צװײטער מענטש איז ניסן מורה־הוראהס, װאָס מען האָט אים גערופן תרבות־רעה.

נאָר אַן אַנדערער איז ער איצט געװען דער באַלוטער געזעלן. אַן עלטערער, אַן אױסגעװאַקסענער, אַ ברױן־הױטיקער מיט אַ װײכן פוך אױף די באַקן, װאָס האָבן אָנגענומען דעם אױסזען פון אידישע פאות, איז ער שטאַרק ענלעך געװען צום פאָטער זײנעם. פונקט װי בײ דעם פאָטער זײנעם, איז זײן פּנים געװען בײנערדיק און אַסקעטיש, פונקט װי בײם פאָטער, זענען זײנע גרױסע שװאַרצע אױגן געװען אָפן, ברײט פונאַנדערגעריסן, נאָר צוזאַמען דערמיט האָבן זײ נישט געקוקט גלײך, נאָר אַריבער זיך, װי זײ װאָלטן עפּעס װײטע זאַכן געזען, הימלישע, װאָס קײנער זעט זײ נישט. זעלטן אַז אַ שמײכל האָט זיך געװיזן אױף דעם שאַרפן טונקל־הױטיקן פּנים. אָבער די גאַנצע מענלעכע בײנערדיקע פיגור זײנע האָט גע־שטעקט אין זײער פרעמדע קלײדער. װאָס אין פּױלן זעט מען זײ גאָרנישט. אױף די שװאַרצע הױזן האָט ער אַ רוסיש העמדל גע-

טראָגן, גואיש אויסגעזעהן ביים קראַגן, פאַרבונדן מיט א פאַרביק גאַרטעלע. די שווארצע געקרייזלטע האָר זיינע, וואָס פאַלן אזש אריין אין בלויקייט, האָבן אין א סך געדיכטע קרויזן באדעקט זיין קאָפּ. די ברעמען געדיכטע, שאַרף אָנגעצייכנטע, זענען זיך צונויפ־געוואקסן איבער דער נאָז, שטרענג און ערנסט. קיילע, צוזאמען מיט אַלע קינדער אירע, וויפיל זי האָט נאָר געהאַט, האָבן נישט אויפגעהערט איינקוקן זיך אין דעם פרעמדן יונגנמאַן, וואָס איז האַלב דיין, האַלב גוי.

— וואָס ס'האָט זיך מיר געחלומט די נאַכט און יענע נאַכט — האָט זי געבייטלט חלומות און אויסגעשפּיגן. — ביסט א מבין !...

טאָמער איז דאָס נאָך געווען ווייניק, האָט ער געהאַלטן אין איין ארויסשלעפּן ביכער און ביכלעך פון זיינע קעסטלעך און טעשלעך, שווערע, רוסישע, געדיכט־געדרוקטע ביכער, וואָס ער האָט זיי מיט אזא צערטלאַכקייט ארומגעווישט און אָפּגעשטויבט, ווי פרומע אידן באַגייען זיך מיט ספרים. אפילו אין רעדן האָט ער מער רוסיש אריינגעוואָרפן ווי אידיש.

— א וואָרט נישט צו פאַרשטיין, — האָט קיילע געברומט.

פּונקט אזוי האָט דער באַלות נישט דערקענט די צוויי מענטשן, נישט זייער הילוך, נישט זייער רעדן, נישט זייער ניי ליטוויש לשון, און ווייניקער פון אַלץ זייער פירעכץ.

תחילת איז מען פון אַלע געסלעך געקומען צו לויפן אָנקוקען די צוויי פרעמדע לייט. אידן האָבן זיי געשטעקט שלום, ווייבער האָבן זיי געמאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס, קינדער זענען געשטאַנען פאַר די טירן מיט די פינגער אין די נעזלעך פאַר חידוש. פּונקט אזוי פלעגט דער באַלות אויפנעמען יעדן צוריקגעקומענעם נייעם אויס־געדינטן סאָלדאַט, וואָס ברענגט מיט פון וויטן רוסלאַנד נייע מעשיות, נייע קליידער און א ניי לשון. אָבער בעת אַלע צוריקגע־קומענע סאָלדאַטן האַלטן זיך בלויז מיט זייער פרעמדקייט עטלעכע טעג, דערנאָך ווערן זיי צוריק אייגענע, טוען אָן די אַלטע אידישע קליידער, לאָזן זיך וואַקסן בערד, נעמען רעדן דאָס היימישע לשון, און א חוץ א פאָטאָגראַפיע בלייבט גאָרנישט פון זייער פרעמד־קייט — האָבן די צוויי צוריקגעקומענע גאָרנישט געוואָלט אריינ־קריכן אין אַלט.

שוין שבת, ווען דאָס וועבערישע שולכל „אהבת רעים“ האָט זיך געגרייט צוריק מכבד זיין טוביהן מיטן לייענען אין דער תורה, ווי זיין חזקה איז געווען יאָרן-לאַנג, איז טוביה נישט געקומען דאַ-ווענען. דער עולם האָט געמיינט, אַז ער דאַוונט אין דער היים און געקומען צו אים בעטן אים אויף קידוש, וואָס מען האָט פאַר אים און פאַר ניסנען אָנגעגרייט. אָבער ער האָט אין דער היים אויך נישט געדאַוונט.

— ער דאַוונט גאָרנישט, — האָט קיילע געקלאָגט פאַר די אידן. — נאָר מען סודעט זיך און מען לייענט ביכלעך, און קיין היטל אויפן קאָפּ טוט מען נישט אָן, ווי די גוים...

— ליטוואַקעס געוואָרן, — האָבן פרומע אידן געזיפצט. — פאַרגעסן אין גאָט.

אַ קורצע צייט האָט מען נאָך געגלויבט אויפן באַלוט, אַז די צוריקגעקומענע האָבן געבראַכט געלט פון רוסלאַנד. נישט איינמאָל האָט מען געהערט, ווי פאַרשיקטע קיין סיביר פאַר אונטערציינדן זענען דערנאָך צוריקגעקומען מיט אַ סך געלט. צוליב דעם טאַקע האָט מען באַרעכטיקט זייער גויאישקייט און מען האָט זיי מוחל געווען. אָבער אַז איינגיכן האָט זיך טוביה צוריקגענומען אַרבעטן ביי אַ מייסטער אויף אַ שטול און ניסן האָט גענומען געבן רוסישע לעקציעס אין אָרעמע הייזער, האָט מען געזען אויפן באַלוט, אַז זיי זענען גלאַט גוים, אָרעמע דליתים און אפיקורסים, וואָס אַזעלכע האָבן נישט די וועלט, נישט יענע וועלט, און מען האָט זיי גענומען אויסמיידן.

נאָך מער האָט מען אָנגעהויבן קוקן מיט מורא אויף טוביהס קעלער, ווען באַלד דערנאָך האָבן זיך מאָדנע פאַרשוינען גענומען דרייען דאָרט, פרעמדע און מאָדנע-אויסזעענדיקע, וואָס קיינמאָל האָט מען נאָך אַזעלכע אויפן באַלוט נישט געזען.

מיט דעם אָנפאַר פון אַלערליי סוחרים און קאָמיסיאָנערן, גאַסן-הענדלער און בוכהאַלטערס, וואַיאַזשאָרן און לערערס, האָ-טעל-גייער און „בראַק“ - אויפקויפערס, זענען פון רוסלאַנד און ליטע מאָדנע יונגעלייטלעך קיין פוילן אָנגעקומען, גרויס-האָריקע, באַברילטע, מיט רוסישע העמדלעך אויף די אידישלעכע געבויגענע אַקסלען, מיט סטודענטישע היטלען אָדער מיט ווייכע ברייט-

ראַנדיקע שוואַרצע היט. אויך זייערע מיידלעך, וואָס האָבן זיך נעבן זיי געהאַלטן, זענען געווען פּראָסט געקליידעטע, מענלעך-זעלבשטענדיקע, געשווירענע און רויכערנדיקע, וואָס אין פּוילן האָט מען אַזעלכע גאָרנישט געזען.

אָט די יונגעליים און מיידלעך האָבן איצט אָנגעהויבן אָפּט אַראָפּצוקריכן צו טוביהן אין קעלער. וואָס אַזוינס זיי האָבן דאָרט געטאָן, האָט קיינער נישט געוואוסט, נאָר פאַרשטאַנען האָט מען אויפן באַלוט, אַז קיין תהילים זאָגט מען דאָרט נישט. באַלד דערויף האָבן די יונגע באַלוטער געזעלן גענומען קלעפּן צו דעם קעלער, אי-בערהויפּט אין די שבתים און יום-טובים. ווייבער האָבן געוואָלט דערגיין ביי דער טוביהכע, וואָס מען קומט דאָס אַזוי דאָרט צו דעם מאַן אירן, נאָר די טוביהכע האָט גאָרנישט געוואוסט וואָס צו זאָגן.

— נאָר מען רעדט און מען לייענט ביכלעך, — האָט זי גע-זאָגט. — אַז איך וויים גאָרנישט, וואָס מען האָט אַזויפיל צו רעדן.

אויפן באַלוט האָט דאָס וועבערישע שולכל „אהבת רעים“ מיט יעדן שבת מער אָנגעוואָרן די יונגע געזעלן ביים דאַווענען. אָנשטאָט אין שולכל, זענען די בחורים געגאַנגען צו טוביה אין קעלער. דאָרט האָט פאַר זיי ניסן דעם מורה-הוראהס און טוביה, דער אַמאָליקער בעל-קורא פון שולכל, נייע זאַכן דערציילט, זאַכן, וואָס זענען אָנפאַנגס אוים אויסטערליש, פאַנטאַסטיש, אָבער וואָס מער מען הערט זיך צו צו זיי, אַלץ מער ווערן זיי איינגן, נאָנט און פאַרכאַפּן איינגאַנצן. טוביה האָט וועגן דעם לעבן פון די אַרבעטער אין די ליטווישע שטעט דערציילט, וועגן זייערע שטענדיקע מלחמות מיט די באַלעבאַטים, וועגן זייער אחדות, אין וועלכער זיי האַלטן זיך, און וועגן די קאַסעס, וואָס זיי האָבן זיך געמאַכט פון די איי-גענע צונויפגעזאַמלטע גראָשנס, כדי צו קאָנען קעגנשטעלן זיך זייערע באַלעבאַטים און באַדריקער. די געזעלן אין די שבתדיקע קאַפּאָטעס האָבן מיט אָפענע מיילער געשלונגען די פרעמדע און נאָנטע רייד, וואָס דאָ האָט מען גאָר וועגן אַזעלכע זאַכן נישט גע-הערט קיינמאָל.

— אויך מיר וועלן צאָלן, — האָבן זיי געזאָגט, — ווי א נדר וועט מען צאָלן פּינקטלעך.

ניסן האָט וועגן העכערע זאַכן דערציילט, וועגן דעם לעבן פון ארבעטער אין אויסלאַנד, וועגן דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, וועגן דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, וועגן די רוסישע קעמפער און זייערע העלדנטאַטן, וועגן קאַפּיטאַל און ארבעט און אויך אַביסל וועגן נאַטור-וויסנשאַפט און דער געשיכטע פון מענטשן און פעלקער. גלאַטיק און פארשטענדלעך, ווי ער איז געוואוינט געווען ביים פאָטער אין שטוב ביים לערנען, מיט ווארעמקייט און גלויבן, האָט ער אין טונקעלן קעלער פאַר די באַלוטער אויסגעארבעטע געזעלן — וועלט און מענטשן, זאַכן און געשעענישן אויפגע־קלערט, קלאָר געמאַכט, מיט ליכט פון שכל באַלויכטן. די געזעלן זענען געזעסן מיט אויפגעריסענע אויגן, מיט אָפענע מיילער.

— אמת, — האָבן זיי געזאָגט, — אמת.

זייער גאַנץ פינסטער לעבן, די אייגענע שפלות איז אין טונ־קעלן קעלער ביי די מענטשן פארשוואונדען געוואָרן. זיי האָבן זיך געפילט געהויבן ביי זיך אליין. דאָס ערשטע מאָל ווי מען האָט נישט גערעדט צו זיי וועגן זייער נישטיקייט און הבל־הבלים, ווי זיי האָבן עס שטענדיק געהערט פון די מלמדים און מגידים, נאָר וועגן זייער וויכטיקייט און כח, זייער ווערט און חשיבות. דאָס לעבן האָט געקריגן אַ זין. נאָך מער זין האָט עס געקריגן, ווען טוביה און ניסן האָבן זיי אין אַ סוד איינגעהילט, קאָנספּיראַציע זיי גע־לערנט. שוין דאָס וואָרט, דאָס פרעמדע און געהיימע, האָט די יונגע מענטשן פאַרכאַפּט, אין מאַרך און אין בלוט זיי אריינגע־פלאָסן.

— נאָט אייך תקיעת־כף, — האָבן זיי געזאָגט און באַהאַלטן טיף אין די קעשענעס די קליינע מאָגערע ביכלעך און בלעטלעך, וואָס מען האָט זיי איינגעטיילט אין קעלער.

אויף די פּעק סחורות ליגנדיק נאָך אַ שווערן טאָג ארבעט, האָבן זיי, בגנבה, שטיל, די באַלעבאָסטעס זאָלן נישט הערן, ארויס־געדרייט די פארוויכערטע נאָפט־לעמפּלעך און געשלונגען די שלעכט־געדרוקטע ביכלעך.

טוביה האָט געשאַפן קרייזלעך, אריינגעצויגן נייע וועבער און געזאַמלט צענער־גראָשנס ביי די געזעלן פאַר דער קאַסע. אפילו עלטערע וועבער, אידן צעבראָכענע און אַלטפרענקישע, האָבן זייערע

קופּערנע צענערס אַנטקעגנגעטראָגן אים יעדן פרייטיק. ענג איז שוין געוואָרן אין די שבתים ביי טוביהן אין קעלער. אויף קעפּ איז מען געשטאַנען און נישט געקאָנט אריין. די געזעלן האָבן אויפגע-הערט ארומקריכן איבער די הינטערשטאַטישע פעלדער מיט מייד-לעך אין די שבת-טעג, נאָר געקומען צו טוביהן. פּונקט ווי אמאָל זיי פלעגן הערן פרק, האָבן זיי איצט געהערט די מאָראַלישע רייד וועגן מענטשן און לעבן, גערעכטיקייט און אומרעכט.

פון קעלער ארויס האָבן זיך די קרייזלעך פארשפּרייט איבער דעם גאנצן באַלוט. מען איז זיך אין די שבתים און יום-טובים צונויפגעקומען אין קליינע טיי-הייזלעך, אין קאָנסטאַנטינער וואַלד. מער ווי אומעטום האָט מען זיך פאַרזאַמלט ביי פּייוועלע דעם שמאַטע-הענדלער אין זיינע גרויסע אָפּגעלאָזענע שטובן, וואָס זענען אָנגעשטעלט מיט ביכער פון אַלע זייטן.

פּייוועלע שמאַטע-הענדלער האָט פון קיין באַלעמלאָכעס נישט געהאַלטן. באַלעמלאָכעס, האָט ער געוואוסט, זענען גראָבע יונגען, וואָס פארשטייען גאָרנישט אין השכלה און אפּיקורסות. אויך האָט ער אַליין ביי זיינע שמאַטעס געהאַלטן מיידלעך צו דער ארבעט און אַ באַלעבאָס געווען ווי אַלע אַנדערע באַלעבאַטים. ניסנס רייד וועגן דער נייער תורה זיינער, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט פון דער וועלט, זענען צו דעם קליינעם עלטערן אידל אין געקרייזלטן קאָפּ נישט פארקראָכן. אָבער פּונקט ווי פריער, איז ער אַן אפּיקורס געווען, געברענט מיט צאָרן קעגן גאָט און זיין תורה. און פון ניסנס אַלע רייד, האָט ער געוואָלט וויסן איין זאַך.

— אפּיקורסות פארשפּרייט איר, צי נישט? — האָט ער גע-פרעגט זיך.

— יאָ, ר׳ פּייוועלע, — שטאַרק.

— אויב אזוי, איז מיין שטוב פאַר דיר מיט דיינע לייט אָפן, — האָט פּייוועלע געזאָגט אַ גליקלעכער און אַלע קנייטשן פון זיין פּנים, צוזאַמען מיט אַלע צוויטן אין זיינע געקרייזלטע האָר און בערדל, האָבן געקוואָלן פון נחת.

די גרויסע אָפּגעלאָזענע שטובן זיינע, וואָס מיט די אָנגעוואָר-פענע ביכער האָבן זיי אויסגעזען ווי אַ חסידים-שטיבל, זענען אין

די שבת-טעג איצט פול געווען מיט מענטשן. אויך די בית-המדרש-בחורים, וואָס האָבן זיך דאָ שטענדיק אויפגעהאַלטן, האָט ניסן אריינגעצויגן. אַליין אַ געוועזענער ישיבה-בחור, האָט ער גלייך גע-קאָנט צוקומען צו זיי, ער האָט געקאָנט רעדן מיט זייער לשון, פירן מיט זיי ויכוחים וועגן תורה און אמונה. איבערהויפּט האָט ער זיי גענומען מיט דער לערע, וואָס ער האָט זיי געגעבן. ער האָט געקענט זייער לעכצן נאָך בילדונג און וויסן, און ער האָט זיי גע-געבן לעקציעס, געלערנט מיט זיי רוסיש און מאַטעמאַטיק, נאַטור-וויסענשאַפט און געשיכטע. צוזאַמען דערמיט האָט ער געלערנט אנדערע לערעס, שאַרפע און פאַרבאָטענע, שכלדיקע און טיפע, וואָס האָבן די צעפלאַמטע ישיבה-בחורים אָנגעצונדן.

ער האָט אַ סך שטודירט, ניסן, פאַר די יאָרן פון זיין פאַרשי-קונג, געלערנט ביי די סטודענטן, וואָס זענען פאַרשיקט געוואָרן פון די אוניווערסיטעטן, נאָך מער אַליין געאַרבעט. ווי דער פאָטער זיינער אין די ספרים, אַזוי האָט ער געגראָבן זיך אין זיינע ביכער, געשלונגען, און פּונקט ווי זיין פאָטער, האָט ער אויך אויף די מאַרגינעסן פון די ביכער מיט קליינינקע רוסישע אותיות באַ-מערקונגען געשריבן, צוגעבעניש און קשיות. מער ווי אין אַלע אנדע-רע לערעס, האָט ער געשטעקט אין דער מאַרקסיסטישער לערע, וואָס איז נאָך אין רוסלאַנד געווען אַ נייעס, נאָר אין די ליטווישע שטעט און שטעטלעך האָבן זיך שוין די אידישע רעוואָלוציאָנערן מיט איר אַרומגעטראָגן און פאַרשפּרייט זי מיט גרוים אייפער. מיט אַ פייער-דיקן דורשט האָט ניסן איינגעשלונגען די נייע לערע, פאַרכאַפּט געוואָרן פון איר לאָגיק און טיפקייט, פון איר גלייכקייט און גאונישן געבוי. ער האָט זיך שוין פון דייטשן בוך „קאַפּיטאַל“ נישט גע-שיידט, אַרומגעפירט אים מיט זיך, ווי אַ פרומער איד מיט טלית און תפילין. און פּונקט ווי דער פאָטער זיינער, וואָס האַלט, אַז די תורה איז נישט בלויז אַליין צו לערנען, נאָר אויך צו פאַרשפּרייטן איר חכמה צווישן אַלע, אַזוי האָט אויך ניסן פאַרשפּרייט די נייע תורה זיינע און אויסגעלאַכט, אויסגעשפּאָט די אַלע, וואָס ווילן זי נישט אָנערקענען. נאָך דאָרט, אין דער ליטווישער שטאָט זיינער, האָט ער מיט אַן אייזערנעם לאָגיק און מיט ביטערן חוזק באַקעמפט די אַלע נאַראָדניקעס, וואָס האָבן געשטעקט אין ראָמאַנטישע

גלויבנס, געדינט פרעמדע געטער און נישט אָנגענומען די תורה זיינע, די אמתע און די איינציקע.

איצט האָט ער זי פאַרשפּרייט צווישן די ישיבה־בחורים ביי פּיוועלע דעם שמאַטע־הענדלער אין שטוב.

אָרעמע, געדריקטע, מיט אויסגעשאַרפטע קעפּ פון תורה, מיט אָפענע מוחות פאַר פילאָזאָפישע געדאַנקען, אַבסטראַקטע באַגריפן, האָבן זיי שנעל אויפגעכאַפּט די מאַרקסיסטישע פילאָזאָפיע, וואָס ניסן האָט פאַר זיי שכלדיק אויסגעטייטשט, און פאַרכאַפּט געוואָרן פון איר. פּיוועלע, דער שמאַטע־הענדלער, האָט געקוואָלן מיט אַלע צוימען אין זיין געקרייזלטן בערדל פון ניסנס פאַרשפּרייטן בילדונג ביי אים אין שטוב. ער איז געווען שטאָלץ מיט אים, ווי אַ טאַטע מיט אַ זון אַ מושלם. שבת פלעגן די וועבער זיך אָנקומען, איבערהויפּט די חסידישע געזעלן, די, וואָס די נויט אין שטוב האָט זיי אוועק־געריסן פון די גמרות און פאַרפלאָנטערט זיי אין די וועב־שטולן. געוואוינט געווען שטענדיק צו לערנען, צו ספרים, האָבן זיי נישט געפילט קיין גרויסע הנאה אין די שבתדיקע שפּאַצירנס הינטער דער שטאָט, וואו נייטאָרינס און שפּולערקעס האָבן געקנאַקט קערלעך אין די זייטן פון די בחורים, און וואוילע יונגן, לאָדזשער פּרע־טענזיע־נעמער, האָבן זיך געטשעפּעט צו די געזעלן, אַראָפּגעריסן זיי די זיידענע טיכלעך און געפּאָדערט אויסקויף־געלט פאַר מעגן שפּאַצירן מיט די מיידלעך. זיי האָבן געזוכט תורה, און זיי זענען געקומען צו פּיוועלע דעם שמאַטע־הענדלער אין די שבתים.

די אויפקלערערישע זאַכן האָבן פּיוועלען נישט אינטערעסירט. זיי זענען געווען וועגן העברען לוין, ווייניק ארבעט, וואָס האָבן נאַרנישט געהאַט מיט אַפּיקורסות צו טאָן. אָבער צוזאַמען דערמיט האָט מען אויך גערעדט קעגן רעליגיע, פרומע לייט, רבנים און צדיקים, און אים איז אַ שטיק געזונט צוגעקומען.

— רויכערט, אידן, — האָט ער זיי געמונטערט און געטיילט פּאַפּיראָסן.

דער רויך אין שבת האָט אים פאַרשטעלט יעדע מורא פאַר די פאַרזאַמלונגען.

אין די וועבערייען האָבן נייע לידער זיך געלאָזט הערן ביי דער

ארבעט, לידער וועגן קייסער, פון וואָס די מייסטערס האָבן זיך גע-כאַפּט ביי די אויערן:

— לאָבוסעס! — האָבן זיי געשריגן, פאַרשטאָפּנדיק זיך די אויערן. — ווענט האָבן אויערן. איבער אייך וועט מען אונז פאַר-שיקן אין קיטן קיין סיביר.

נאָך מער האָבן זיי זיך געבעסט, ווען אין די לידער האָט מען וועגן זיי אַליין, די מייסטערס, שלעכטע, בייזע ווערטער גע-רעדט.

— אַז די מיילער זאָלן זיי נאָר הינטן שטיין, — האָבן די מייסטערינס געשאָלטן די יונגען, — פאַרן שפּייען אויפן ברויט, וואָס מ׳פרעסט.

די לידער האָבן זיך פאַרשפּרייט שנעל, געגאַנגען פון וועבע-ריי צו וועבעריי. די מייסטערס האָבן געסטראַשעט די געזעלן, אַז זיי וועלן זיי פאַרמסרן פאַר די טאַטעס זייערע, פאַרן רב, אָבער די יונגען האָבן זיך נישט געמאַכט דערפון.

— מיר זענען באַלעבאַטים איבער זיך אַליין, — האָבן זיי געענטפערט.

די מייסטערס זענען פאַרשטאַרט געוואָרן פון די עזותדיקע רייד, וואָס אַזעלכע האָט מען גאָר קיינמאָל נישט געהערט.

ביסלעכווייז האָבן די געזעלן אַלץ ווייניקער גענומען פאָלגן זייערע מייסטערס. זיי האָבן נישט געוואָלט אָפּטראָגן די סחורות צו די פאַבריקאַנטן-ארויסגעבער, זיי האָבן אויפגעהערט ארבעטן שפּעט אין דער נאַכט.

— גענוג, — האָבן זיי געזאָגט, — צייט צו מאַכן נאַכט.

זמנניקעס האָבן אויפגעהערט פאָלגן אַ גאַנג דער מייסטערין, נישט געוואָלט ארויסטראָגן דאָס מיסט, אָפּגעזאָגט זיך אוועקצוטראָגן דאָס טשאָלנט פריטיק צום בעקער. אין די בתי-מדרשים האָבן טאַטעס גערעדט מיט זאָרג וועגן דעם זינדיקן דור, וואָס ווידער-שפּעניקט אין די עלטערע.

— מען רעדט אויף גאָט און משיח, — האָט מען געזיפצט.

— מ׳רעדט אַלדאָס בייז אויפן קייזער, — האָט מען זיך איינגע-רוימט שטילערהייט אויפן אויער, כדי מען זאָל נישט דערהערן דאָס וואָרט.

— אַלץ די ליטוואַקעס, — האָבן פרומע אידן געביטערט. — איין קרעציקע שאָף וועט די גאַנצע סטאַדע קרעציק מאַכן.

אויפן באַלוט האָבן פּאָליציאַנטן גענומען זיך אָפּטער ווייזן און אריינקוקן אין די אָפענע טירן פון די וועבערייען.

— היי, טאַטעלע, מאַמעלע, — האָבן זיי געברומט, דראָענדיק מיט אַ פינגער, און אַוועקגעגאַנגען מיט גאַרנישט, פּונקט ווי זיי זענען געקומען.

קאַפּיטל צוויי

דעם וואָרקער רבינס ווערטער, פּאַרוואָס ר׳ אברהם הערש אשכנזי האָט אַזוי מורא געהאַט, זענען מקוים געוואָרן.

נאָך שמחה מאירן, איז יעקב בונעם אַוועק פון אידישקייט. ווי לאַנג דער פאָטער האָט געלעבט, האָט יעקב בונם אויסגעהיטן זיך פאַר אים מיט זיינע גויאישע דרכים. אין וואַרשע איז ער טאַקע געגאַנגען אין קורצע קליידער, ארומגעפירט זיך מיט לעב-יונגען איבער די קאַבאַרעטן און גאַרנישט אָפּגעהיטן קיין אידישקייט. אָבער אַז ער פלעגט קומען קיין לאָדזש, האָט ער זיך אָנגעטאָן די לאַנגע מלבושים און מיטגעפאָרן מיטן פאָטער אפילו צום רבין קיין אַלעקסאַנדער. ווי נאָר דער פאָטער איז פּלוצלינג געשטאָרבן פון אַ האַרץ-שלאַג, באַלד נאָך דער שבעה, האָט יעקב בונם אראָפּגעוואָרפן פון זיך יעדן סימן פון אידישקייט און אריינגעקראָכן אין אַזאַ עלעגאַנץ, ווי ער וואָלט געווען אַ פריצישער זון פון דור-דורות. אויך דעם טאָפּלטן חסידישן נאָמען האָט ער אראָפּגעוואָרפן, דעם בונם אינגאַנצן אָפּגעטרייסלט און פון אידישן יעקב געמאַכט אַ פּוילישן יאַקוב. אָבער גאָר אַנדערש ווי שמחה מאיר, האָט יעקב בונם אויסגעזען אין זיין גויאישן הילוך.

אויף שמחה מאירן איז דער חסידישער יונגערמאַנטשיק, דער פלוטעוואַטער עלוי, נישט אראָפּ אויף קיין ווייל‍ע פון זיין פּנים, געלעגן אים אין יעדער באַוועגונג, געהאַלטן זיך אים אין יעדער קנייטש פון זיינע דייטשע קליידער. כאָטש ער איז געווען אַ דייטש, גערופן זיך מאַקס און נישט אַנדערש גערעדט ווי דייטש, אפילו אין שטוב, איז אים דער אמאָליקער שמחה מאיר געלעגן אין

די ביינער. ווי אמאָל, פלעגט ער אין פארטראכטקייט רעדן צו זיך אליין, קראַצן זיך ביים שפּיץ בערדל, ציען עס, ווי אין די אַלטע צייטן, ווען ער האָט נאָך א חסידישע באָרד געהאַט. ער האָט אויך גערעדט דייטש מיט א גמרא-ניגון, געענטפערט אידישלעך מיט פראַגן אויף פראַגן, גערעדט מיט האַלבע ווערטער און אָנצוהערע־נישן, ווי אמאָל אין חדר ביי ר׳ ברוך וואָלף דעם מלמד. ער איז תמיד געווען אומרואיק, פארשמאַיעט, פארקאָכט. ער האָט נאָך אַלץ גענומען מענטשן ביי די קנעפּלעך, ווען ער האָט מיט זיי גע־רעדט, געגאָלטע מענטשן אָנגעכאַפּט ביים קין, ווי זיי וואָלטן בערד געהאַט. דעם אש פון די ציגאַרן האָט ער שטענדיק געהאַט פול אויף די לאַצן, אויפן וועסטל. דער קראַוואַט האָט נישט געוואָלט איינליגן ביי אים אויפן אָרט, נאָר פאררוקט זיך אָן א זייט. פּונקט אַזוי האָט דער האַרטער דייטשער קאַפּעליוש, ווי דער צילינדער, נישט געוואָלט זיצן שטייף אויף זיין חסידישן צעטראָגענעם קאָפּ, נאָר פאררוקט זיך אין דער הויך, ווי א חסידיש היטל. אַלע זיינע ענגלישע קאָסטיומען אין קראַטן, וואָס ער האָט געטראָגן, כדי צו מאַכן זיך וואָס עלעגאַנטער און אָנזעעוודיקער, זענען אויף זיין פיגור, אויף זיינע חסידישע אַקסלען גערונען, געשוואומען און גלייך זיך פארוואַנדלט אין אַ חסידישער קאַפּאָטע.

פּונקט אזוי האָט זיין אינגערן ברודער יעקב בונם, וואָס האָט זיך איצט גערופן בלויז יאַקוב, אַלץ געפּאַסט, איז אַלץ גע־לעגן אויף זיין ברייטער שטאַרקער פיגור מיט אַזאַ זיכערקייט, ווי ער וואָלט קיינמאָל אויף זיך קיין קאַפּאָטע נישט געטראָגן. ווי א פּריץ האָט ער אויסגעזען אין זיינע האַלב-קינסטלערישע, האַלב-פּריצישע קליידער, אין וועלכע ער איז מיט אַזאַ לייכטקייט אריינגעקראָכן. אַפילו די שוואַרצע באָרד זיינע, וואָס ער האָט זיך איבערגעלאָזט. בלויז אָפּגאָלנדיק די באַקן, האָבן גאָרנישט אין קיין אידישער באָרד דערמאָנט. אין דעם צילינדער, אין דער ברייטער שוואַרצער פּעלע־רין, וואָס ער האָט מיט גראַציע פארוואָרפן אויף איין אַקסל, ווי ער האָט עס געזען אין דער אָפּערע, מיט די ווייסע האַנטשו און מיט דעם עלעגאַנטן שטאָק אין דער האַנט, האָט ער אויסגעזען ווי עפּעס אַן אויסלענדישער מאַגנאַט, עקסטראַוואַגאַנט און קינסט־לעריש.

עס איז אים זייער גוט געגאנגען, דעם יעקב בונמען, אויף דער וועלט; פון אלע זייטן האט דאס גליק צו אים געשיינט. ווידער איז ער געווען פון אויבן איצט, פונקט ווי אמאל אין הויף צווישן די קינדער. שמחה מאיר איז נישט רואיק געשלאפן אין די נעכט איבער דעם אינגערן ברודער זיינעם. די קנאה האט אים געפרעסן.

קודם-כל, האט ער אים נישט געקאנט מוחל זיין די ירושה. באלד נאכדעם, ווי דער פאטער זיינער האט זיך נאך אים, שמחה מאירן, געזעצט שבעה ביים לעבן, האט ער אויך אים מעביר-נחלה געווען, איבערגעשריבן די צואה זיינע, אז זיין זון שמחה מאיר האט נישט קיין חלק אין זיין פארמעגן, אפילו קיין בענדל פון קיין שוך זאל ער נאך אים נישט ירשענען. די גאנצע ירושה איז איצט אריבערגעגאנגען צו די שוועסטער און צו יעקב בונמען. די ירושה איז געווען א גרויסע, שמחה מאיר האט גאר אליין נישט געטראכט, אז דער פאטער זיינער האט אזא פארמעגן געהאט. אויף יעקב בונמס טייל זענען היפשע עטלעכע צענטליק טויזנטער אין מזומנים אריינגעפאלן. שמחה מאיר איז ארומגעגאנגען א צערו-דערטער. ער האט זיך גראד אויף דער לויה ביים פאטער שטארק געפארעט, געלאזט זיך אויפן בית-עולם איינרייסן דעם לאץ פון א נייעם קאסטיום, קדיש געזאגט, אפילו שבעה געזעסן. ער האט גע-וואלט פארריכטן איצט, אויסנעמען ביי דער מוטער, ביי די שוועס-טער און ברודער. אבער די יורשים האבן גארנישט געוואלט אים ענטפערן, ווען ער האט גענומען רעדן וועגן דער ירושה. ער איז איבעריקנס נאך אויך נישט געווען אינגאנצן אויף א וועג מיט די הלואות, וואס ער האט גענומען ביי זיי פאר הונצעם בארא‌נענשאפט. זיי האבן אים געהאט אין די הענט איצט. מיט קיין געריכטן האט ער נישט געקאנט גיין. אבער צו רבנים האט ער גענומען שלעפן די שוועסטער און דעם ברודער. ער האט נעפרואווט פאר-שרייען, פארטומלען, אבער יעקב בונם האט זיך נישט געלאזט. קיין פרוטה האט ער נישט געקאנט ארויסציען.

נאך מער האט אין אים געקאכט, ווען יעקב בונם איז אריין אין די גויאישע קליידער באלד נאכן פאטערס טויט. אט דאס, וואס ער אליין האט דורכגעמאכט מיט אזויפיל מלחמה, האט יעקב בונם אפנעטאן לייכט און גלאטיק, ווי אלץ, וואס ער טוט. שמחה מאיר

האָט נישט געפילט קיין טעם אין לעבן. עפּעס אַלץ איז אים געגאַנ־גען גלייך, דעם יעקב בונמען, דאָס גליק איז אַליין צו אים אין די הענט געקראָכן, בעת ער, שמחה מאיר, האָט זיך שטענדיק גע־מוזט דערנאָך יאָגן, איינרייסן, מיט די נעגל ארויסדראַפּן.

יאָ, ער איז געבוירן געוואָרן אין אַ זיידן העמדל, דער יעקב בונם. שוין אויסערלעך האָט ער שמחה מאירן נאָך אין דער מו־טערס בויך באַרויבט. ער איז געוואַקסן גרויס, הויך, שיין, פריילעך, פול מיט הנאה צו לעבן און צו זען אַנדערע לעבן. מען האָט אים ליב געהאַט, געקלעפּט צו אים. לייכט איז ער אין אַ מיליאָנעריש הויז פאַר אַן איידעם אריין, כאָטש ער האָט גאָר קיין תורה נישט געקענט, קוים אַ בלעטל גמרא זיך אויסגעלערנט! לייכט איז ער אין די נייע קליידער אריין; לייכט איז ער איצט אין דער לאָדזשער רייכער און פריילעכער וועלט אריינגעקראָכן, אין די רייכסטע הייזער אריינגעקומען, צו וועלכע שמחה מאיר האָט גאָרנישט געוואוסט ווי אזוי צוצוקומען.

ער האָט איצט געוואוינט מער אין לאָדזש ווי אין וואַרשע, יעקב בונם, און זייער אַ פריילעך לעבן געפירט. אין נייעם האָטעל, וואו די רייכסטע געסט שטייען איין, האָט ער אַ שיינע בחוריש וואוינונג זיך אָפּגעדונגען, גאַנצע טעג אין גומענע קארעטן איבער די לאָדזשער שלעכט־געפלאַסטערטע גאַסן ארומגעיאָגט זיך, כאָטש ער האָט גאָרנישט געהאַט נאָך וואָס צו איילן, און געגריסט זיך אויף רעכטס און לינקס צו די פאַרבייגייער אויף די טראָטוארן. ווייער גיך האָט ער זיך מיט דער לאָדזשער גאָלדענער יוגנט איינ־געלעבט, אַ וועלט מיט באַקאַנטע און פריינט געקריגן, אין רייכע שטובן אַ גאַסט געוואָרן, מיט קינסטלער, שרייבער און אקטריסעס זיך ארומגערינגלט, אין רעסטאָראַנען זיי געפירט, הלוואות געגעבן, און אַן אייגענער מענטש אין אַלע טעאַטערס, קאַבאַרעטן, נאַכט־קלובן געווען. אַלע קעלנער אין די רעסטאָראַנען, קוטשערס פון די קאַרעטן האָבן אים געקענט און די היטלען פאַר אים געצויגן. ער האָט געקאָנט פאָרן אין אַ קאַרעטע, ווי אַ געבוירענער מאַגנאַט. דאַמען האָבן אים מיט לאָרניאָנען נאָכגעקוקט.

— האַבע די ערע, מאָיע אושאַנאָוואַניע, קיסע די האַנט! —

האָט ער פון אַלע זייטן געגריסט ברייט, געפאָכעט מיט דעם צילינ־

דער צו מענער און דאַמען, צו פאַבריקאַנטישע רייכע זינדלעך און צו נאַכלעסיגע מאָלער, צו אויסגעפּראַנטעוועטע שאַנסאָנעטקעס און צו לײַטישע דאַמען.

— ווי גייטס, יאַקוב ? — האָט מען אים צוריקגעגריסט, בלויז אַנרופנדיק אים ביים נאָמען.

פונקט ווי ער איז געווען לוסטיק, אויסגעקאָכט מיט א וועלט, אזוי איז זיין ווייב, די רייכע, קרענקלעכע חסידישע טאָכטער, גע-ווען תמיד אַליין, אָפּגערוקט פון מענטשן און פאַרזויערט. זי איז געווען מאָגער און פאַרקרענקט. אויך איז זי אין טראָגן נישט פאַר-גאַנגען, כאָטש אַלע אין שטוב האָבן איר אויפן בויך געקוקט און זי וועגן דעם מיט חידוש אויסגעפרעגט. זי איז געווען פאַרביטערט, שטענדיק אויפגערעגט. זי האָט אַליין נישט געפילט קיין טעם אין די גוטע עסנס און נישט פאַרגונען, ווען אַנדערע עסן מיט אַפּעטיט. זי האָט אַליין נישט געקאָנט שלאָפן אין די נעכט און נישט פאַר-טראָגן, ווען אַן אַנדערער שלאָפט געשמאַק. זי איז געווען ביטער און נישט געקאָנט דולדן קיין שמחה, גערעכטער. זי האָט איר מאַן ליב געהאַט, אויסגעגאַנגען פאַר אים. אָבער זי האָט נישט געקאָנט מיטגיין מיט אים. ער איז איר געווען שווער סיי מיט זיין טעמפּע-ראַמענט, וואָס פלעגט אויף אים אָנפאַלן און וואָס פאַר איר איז עס געווען בלויז אַן עול און א פּיין, סיי מיט זיין שטענדיקער פריילעכקייט און שמחה. ווען זי האָט נישט געקאָנט צונעמען קיין לעפל צום מויל, האָט ער געגעסן מיט א וואָלפישן אַפּעטיט. ווען זי האָט זיך געמאַטערט אין די שלאָפלאָזע נעכט, שלינגנדיק אַלער-ליי פילן, וואָס האָבן נישט געהאָלפן, האָט ער געאָטעמט מיט לעבן און שטאַרקן שלאָף. זי האָט אים נישט פאַרגונען.

— יעקב, — האָט זי אים געוועקט, — שלאָף נישט אזוי, ווען איך קום אום וועלנדיק צומאַכן אן אויג.

זי האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן די מענטשן זיינע, וואָס ער רינגלט זיך אַזויפיל מיט זיי אַרום, וואָס ער איז מיט אַלעמען גוט, פריילעך, גוט-ברודעריש און קלאַפּט יעדן אין פּלייצע, ווי מען קלאַפּט אים אין פּלייצע.

— איך ליד זיי נישט, — האָט זי געזאָגט א זויערע, קוקנדיק מיט האַס אויף די מענטשן.

זי איז געווען אייפערזיכטיק אויף אַלעמען, אויף אַלע ווייבער, פאַר וועלכע ער פלעגט ציען דעם צילינדער, אויף אַלע אַקטריסעס, וואָס ער פלעגט זיי מאַכן רוישיקע אָוואַציעס אין טעאַטער.

— ווער איז די קאָקאָטע ? — האָט זי וועגן יעדער פרוי גע-פרעגט מיט גאַל.

זי האָט אַליין מיט אים נישט געוואָלט גיין ; אויסגעמיטן זיינע באַקאַנטע, פריינט. אָבער טאָמער איז ער אַליין געגאַנגען איז זי געווען אייפערזיכטיק, געמאַכט אים סצענעס. ער איז דעריבער זעלטן געזעסן אין וואַרשע, מערסטנס, פאַרבראַכט אין לאָדזש. אין דער שטאָט, דער רוישיקער און ענערגישער, וואָס זידט פון אַרבעט און דראַנג, האָט ער אַ זייער זאָרגלאָז בחוריש האָטעל-לעבן געפירט. מען האָט אים ליב געהאַט און ער האָט אַנדערע ליב געהאַט. איבער-הויפּט זענען פאַר אים אויסגעגאַנגען די ווייבער — די שאַנסאָנעט-קעס פון די לאָקאַלן, ווי די רייכע באַלעבאַטישע ווייבלעך, וואָס די מענער זייערע זענען פאַרקאָכט אין מסחר און זיי אַליין גייען אויס פון לאַנגווייליקייט אויף זייערע שפּאַצירן אויף פּיעטראָקאָווער גאַס. זיי האָבן אים אַנטקעגן געשמייכלט, מיט די אויגן אים געגעסן. ער האָט פאַר זיי זייער נידעריק און בראַוועריש דעם צילינדער געהויבן, אַרומיאָגנדיק אין די קאַרעטן. אַמטיפסטן און נידעריקסטן פלעגט ער ציען דעם צילינדער פאַר זיין שוועגעריןָ דינהלע, ווען ער פלעגט זי אָנטרעפן אין גאַס, ווי זי גייט מיט דער מוטער שפּאַצירן, ביידע אויסגעפוצטע, מיט הויכע היט און פעדערן.

פונקט ווי אַמאָל, אינגלווייז, ווען ער פלעגט שעהן לאַנג שטיין ביי חיים-אַלטערס הויז, כדי ער זאָל זי זען דאָס מיידל אין פענסיע-קלײדל און ציען פאַר איר דאָס חסידישע היטל, אַזוי פלעגט ער אויך איצט אַרומיאָגן מיט דער קאַרעטע הין און צוריק איבער דער פּיעט-ראָקאָווער גאַס, כדי צו דערזען זי און ציען פאַר איר נידעריק דעם צילינדער. ער האָט זי אַלץ נישט אויפגעהערט צו ליבן, געדענקט נאָך אַלץ די וואַרעמע הענטלעך אירע אַרום זיין האַלז, ווען זי פלעגט זיצן אים אויפן רוקן, געדענקט איר געלעכטער און פאַרערונג.

ער האָט נאָך אַלץ נישט געקאָנט מוחל זיין דעם ברודער זיינעם, וואָס ער האָט זי אים צוגענומען, זי, וואָס אַלע אין הויף האָבן זי פאַר זיין כלה געהאַלטן. ניין, ער איז נישט געווען גליקלעך מיט

זיין ווייב, דער פּרעמדער און קרענקלעכער, וואָס קאָן אַליין נישט לעבן און פאַרביטערט אים דאָס לעבן. ער האָט תמיד געזוכט אַ גע-לעגנהייט דינהלען צו זען. ער איז צו איר אין שטוב נישט געקומען. שמחה מאיר איז געווען מיט אים ברוגז. אָבער אויף די גאַסן האָט ער איר נאָכגעקוקט, געגריסט צו איר טיף מיטן צילינדער. די גאַנצע וואַרעמקייט צו איר האָט ער אין די גרוסן אַריינגעלייגט.

פּונקט אַזוי פלעגט דינהלע ספּעציעל אַרומגיין איבער דער פּיעטראָקאָווער גאַס, כדי אים צו זען, דעם עלעגאַנטן און שיינעם, וואָס איז שטאַרק ענלעך געווען צו די העלדן פון אירע ראָמאַנען.

זי האָט שוין געוואוינט איצט באַזונדער, אין זייער אַ גרויסער און רייכער דירה, זינט דער מאַן אירער האָט איבערגענומען די גענעראַל-פאַרטרעטונג ביי די באַראָנען הונצעס. אויך איז דער מאַן אירער אַן אַנדערער געוואָרן. ער האָט אייראָפּעאישע קליידער געטראָגן, דאָס חסידישע בערדל אָפּגעגאָלט און נייע מענטשן צו זיך אין שטוב אַריינגעצויגן, הייגט-וועלטיקע און רייכע. אפילו דייטש האָט ער גערעדט אין שטוב, און זי, זיין ווייב, נישט מער גערופן דינהלע, נאָר דיאַנאַ. אָבער זי האָט אים נישט פאַרטראָגן, ווי פריער, ביי זיין גאַנצער דייטשקייט, איז ער געזעסן ביים טיש אַ צעטראָגענער, גערעכנט, געברומט צו זיך אַליין, געיאָגט זיך, גע-איילט, עס האָט אים פון אָרט געהויבן.

— וואו לויפסטו ? — האָט זי אים געמוזט אָפּשטעלן, ווען ער האָט גיך געגעבן אַ רייניק-אויס די ציין נאָכן פלייש און געלאָזט זיך לויפן. — מען דאַרף נאָך דערלאַנגען דעם קאָמפּאָט.

פּונקט אַזוי האָט זי אים געדאַרפט לערנען, וואָס ער האַלט אין איין רעכענען ביים עסן, פאַרשרייבט אַלע טישטיכער און סער-וועטלעך, וואָס נאָר עס קומט אים אונטער דער האַנט.

— וואָלסטו אפשר אכטונג געגעבן אויף די קינדער ? — האָט זי אים געזאָגט. — זע, ווי אַזוי זיי פאַרהאַלטן זיך ביים טיש.

— די קינדער ? — האָט מאַקס אשכנזי איבערגעפרעגט.

ער האָט גאָר פאַרגעסן, אַז ער האָט קינדער. ער האָט זיי זעלטן געזען, זעלטן מיט זיי אַ וואָרט אויסגערעדט. וויפיל מאָל זיי האָבן געוואָלט, ער זאָל זיי נעמען אויף דער קני רייטן, הוידן אַ ביסל

אויף דער פוס אָדער אויפהויבן אין דער הויך, האָט ער זיי אוועק־געשיקט צו דער מוטער.

— פורכטבאַר בעשעפטיקט, — האָט ער אַ ברום געטאָן.

ער האָט בלויז געוואָלט וויסן, ווי אַזוי זיי לערנען זיך, איבער־הויפט ווי דאָס אינגל לערנט זיך.

— נאַ, ציינגע מיר די העפטע, איגנאַץ, — האָט ער גערופן דאָס אינגל, וואָס האָט געלערנט אין דער דייטשער שולע, — איך מעכטע דיינע שול־ציינגניסע נאַכזעען.

דער קליינער איגנאַץ האָט נישט מיט קיין גרויסן חשק גע־וויזן זיינע העפטן. ער האָט זייער שלעכטע צייכנס געהאַט פון די לערער. דער פאָטער האָט זיי אים אַרויסגעריסן פון דער האַנט, אַ פלינקן בליק אין זיי געטאָן און זיך פאַרקרימט, איבערהויפט אויף דער אַריטמעטיק, וואָס דער קליינער האָט אַמערגסטן געמאַכט.

— אונבעגרייפליך, ווי ער האָט ניכטס פאַן מיר געערבט, — האָט ער גערעדט מיט פאַרדרוס און געקוקט מיט פאַרוואורף צו זיין ווייב.

דער קליינער האָט דעם פאָטער געשפּיזט מיט שלעכטע גרויע אויגן.

די אינגערע, גערטרוד, אַ קאָפּיע פון דער מוטער, האָט גראָד מיט שמחה אַנטקעגנגעטראָגן אירע העפטן פון קינדער־גאָרטן. זי האָט זייער שיינע האַנט־אַרבעט געמאַכט, אַלערליי בלומען און שמעטערלינגען אין די העפטן אַריינגעקלעפּט, פאַרוואָס די לערע־רינס האָבן זי שטאַרק געלויבט. אָבער דעם פאָטער האָבן אַזעלכע זאַכן ווייניק אינטערעסירט. ער האָט פון קיין מיידלעך קיין גרויסע זאַכן נישט ערוואַרט. ערוואַרט האָט ער פון אינגל, איבערהויפט אין וויכטיקע זאַכן, אין חשבון. און ער האָט אַ פלוטעוואַטן בליק געגעבן אין דער קליינערס העפטן און אַ ברום געטאָן אויף יוצא זיין:

— נעם, קליינע...

זיי זענען געוואָרן פרעמד צום פאָטער, ווי ער איז געווען צו זיי. זיי פלעגן זיך אַפילו איבערקוקן ביים עסן, ווי אַזוי דער פאָ־טער רעכנט, רעדט צו זיך אַליין, קראַצט זיך פאַרטראַכט ביים שפּיץ בערדל, פאַרלירט דאָס סערוועטל, רייניקט אויפן קול מיט דער צונג די שטיקלעך פלייש פון די ציין, און זיי האָבן זיך פאַנאַנדערגע־

לאַכט בײַם טיש, איבערװוינקענדיק זיך מיט די אױגן אױפֿן פֿאָ־טערס העויות. די מוטער האָט צו זײַ בײַזע בליקן געװאָרפֿן, כאָטש איר אַליין האָבן אױך דעם מאַנס חסידישע מנהגים אױפֿגערעגט, צו לאַכן געמאַכט.

בײַ איר גאַנצער גלײַכגילטיקייט צו אים, האָט איר געערגערט, װען עמיצער זעט זײַנע לעבערלעבקייטן, זײַנע חסידישע שטיק. עס איז איר, ר׳ חיים אַלטערס טאָכטער, נישט אָנגעשטאַנען, מ׳זאָל פֿון איר מאַן לאַכן. נישט נאָר האָט זי נישט דערלאָזט די אײגענע קינדער איבערװוינקען זיך איבער דעם פֿאַרטראַכטן פֿאָטער, נאָר זי האָט אױך אָפּגעהיטן, אַז ער זאָל בײַ פֿרעמדע מענטשן אין גאַס נישט אַרױסרופֿן קיין שפּאָט.

בײַ דער טיר האָט זי אים געמוזט פֿאַרהאַלטן, דערמאָנען אים, ער זאָל זיך אָפּשאָקלען דעם אַש פֿון ראָק און פֿאַרבינדן זיך װי גע־העריק דעם קראַװאַט.

— שמחה מאיר, — האָט זי אים גערופֿן, — װי אַזױ גייסטו צװישן מענטשן ?

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, כאָטש ער האָט דעם אַלטן חסידישן נאָמען פֿיינט געהאַט, ספּעציעל פֿיינט געהאַט צו הערן אים פֿון זײַן װײַבס מױל.

— פֿאַרבינדע מיר, דיאַנאַ, איך ביטע דיך, — האָט ער איר געזאָגט אין זײַן לאָדזשער אונטערזינגענדיקן דײַטש, — איך װערדע ניע די קראַװאַטע אַאוסבינדן קענען.

זי האָט אים דעם קראַװאַט פּינקטלעך אױסגעבונדן, אױך דעם אַש פֿון ראָק אָפּגעשאָקלט, ער זאָל נישט ברענגען אױף זיך קיין לײַטיש געלעכטער. אָבער יעדעס מאָל אױפֿסנײַ, װען ער האָט זי דערבײַ אַרומגענומען פֿאַר דער טאַליע, האָט זי זיך האַסטיק אַרױס־געדרייט און אים מיט אַ קאַלטן בליק פֿון די בלױע אױגן דאָס בלוט פֿאַרפֿרױרן.

— שמחה מאיר, אפשר װעסטו אײַנשטײַן ? — האָט זי אים אָפּגעשניטן.

ער האָט אַראָפּגעלאָזט האַסטיק די הענט, װי אונטערגעזעגטע, סײַ פֿון אירע רייד, סײַ פֿון נאָמען, װאָס זי רופֿט אים, דעם אַלטן קאָמישן נאָמען, כאָטש ער הייסט שױן מאַקס. זי האָט אים פֿאַר

קיין פאַל נישט געוואָלט רופן ביים נייעם נאָמען, נישט גערעדט צו אים דייטש, כאָטש זי האָט עס גוט געקענט, נאָר אידיש, אַפילו ווען מענטשן קומען צו אים. דאָס האָט אים זייער געקרענקט. אלע-מען האָט ער געצוואונגען אין דער נישט-פּאַרגינערישער שטאָט צו באוואונדערן אים, צו רעדן וועגן אים, נאָר נישט זיין אייגן ווייב. זי איז נישט נתפּעל געוואָרן פון זיינע סוחרישע גרויסקייטן, וועגן וואָס ער האָט איר דערציילט, פון זיין גיכן וואַקסן. זי האָט גאָר-נישט געוואָלט הערן, ווען ער פלעגט זיך באַרימען פאַר איר מיט זיינע סוחרישע זיגן.

— וואַרף נישט די ציגאַרן אויף דער ערד, — האָט זי אים איבערגעריסן, — און שיט נישט דאָס אַש אויפן טישטוך; אָט שטייט אַן אַש-בעכער.

אזוי האָט זי אויך נישט געוואָלט ווערן קיין לאָדזשער דאַמע, וואָס ער האָט אזוי שטאַרק פאַרלאַנגט פון איר. זי האָט אַפילו נישט אויסגעטאָן באַלד דאָס שייטל, כאָטש זי האָט עס שטענדיק פיינט געהאַט. דער מאַן אירער האָט עס נישט פאַרשטאַנען.

— וואָס איז אזוי פרום ביזטו? — האָט ער געפרעגט. — ס'פּאַסט גאָרנישט פאַר מיר.

— מיר פּאַסט, — האָט דינהלע געענטפערט.

זי האָט נישט געוואָלט נאָכגיין זיינע פיס-טריט. עס איז איר נישט אָנגעשטאַנען. איבעריקנס, האָט זי עס נישט געדאַרפט. זי איז נישט מיטגעגאַנגען מיט אים אין די נייע הייזער, די רייכע און די פאַבריקאַנטישע, נישט געחברט זיך מיט זיינע סוחרים און זייערע היינט-וועלטיקע ווייבער. זי איז געווען פאַרנומען אָדער מיט די קינדער, וואָס אלע מאָל איז אַן אנדערס קראַנק געוואָרן, אָדער מיט דער שטוב, און מערסטנס פון אַלץ מיט אירע ביכלעך. זי האָט זיי גאָרנישט אויפגעהערט לייענען, די ביכלעך, געלעבט מיטן לעבן פון די העלדן זייערע, געפרייט זיך מיט זייער פרייד, געטרויערט מיט זייער טרויער. דערביי איז זי מער געווען ביי אירע עלטערן אין הויז, ווי ביי זיך אין דער היים. טאָג-טעגלעך איז זי מיט דער מוטער געגאַנגען איבער די גאַסן, געקוקט אין די פענסטער פון די געשעפטן און געפירט זיך אונטער די הענט. אויסגעפּוצטע, עלע-גאַנטע, האָבן זיי זיך נישט שטאַרק אונטערשיידט איינע פון דער

אנדערער, גיכער אויסגעזען ווי צוויי שוועסטער, איידער ווי מוטער און טאָכטער. זי איז גאָרנישט עלטער געוואָרן, די פריווע אַלטער. מענער האָבן איר נאָכגעקוקט אויף די גאַסן, כאָטש זי איז שוין אַ באָבע פון עטלעכע אייניקלעך געווען. ווי תמיד, האָט זי נישט געקאָנט פאַרבייגיין קיין געשעפט, זי זאָל עפּעס נישט קויפן. זי האָט אויך די טאָכטער געשלעפּט מיט זיך. אפילו אין דער צו־קערניע נאָשן שאָקאָלאַד האָט זי זי געשלעפּט.

שמחה מאירן האָט זיין ווייבס צוגעבונדנקייט צו די עלטערן אויפגערעגט. ער האָט געפילט, אַז זיי, די שווער און שוויגער, רויבן דאָס אַוועק ביי אים דאָס ווייב זיינס, וואָס געהער צו אים. יעדעס מאָל, ווען זי פלעגט אַוועקגיין צו דער מוטער, האָט ער אויפסניי אויסגעברומט בייז:

— שוין ווידער צו דער מאַמען! כ׳ווייס גאָרנישט, וואָס מען האָט אַזויפיל צו טאָן ביי אַ מאַמען! זאָ עטוואַס...

איבעריקנס איז ער נישט געווען גאַנץ זיכער, צי דאָס ווייב זיינס גיט נישט צופיל געלט די עלטערן. ער האָט גוט געקענט דעם שווערס שיטערע פינגער און דער שוויגערס ברייטקייט. ער האָט וועגן דעם נישט גערעדט, ער האָט מורא געהאַט פאַר דינהלען די ווערטער פאַרן מויל צו ברענגען. אָבער רואיק איז ער נישט גע־ווען. ער האָט זי געוואָלט אָפּציען פון דער מוטער, אריינציען אין נייע הייזער, אין רייכע און היינט־וועלטיקע, ווי עס שטייט אָן פאַר אים און זיין שטאַנד. עס האָט אים געפּאַסט צו ווייזן זיך מיט אַזאַ ווייב, אַ שיינע און געבילדעטע. צו זיין נייעם הילוך וואָלט זייער גוט אויסגעזען, ווען דינהלע, די געוויקסיקע און עלעגאַנטע, זאָל מיט אים אונטער דער האַנט איבער דער גאַס גיין, אַזוי אַז מענטשן זאָלן אים באַוואונדערן. אָבער ער האָט זי פון די ביכלעך און פון דער מוטער נישט געקאָנט אַוועקרייסן. פון אונטער די הענט האָט זי זיך אים אַרויסגעדרייט. ער האָט זיך דעריבער מיט נאָך מער אייפער אין די געשעפטן אריינגעוואָרפן, אהיימגעקומען שפּעט אין די נעכט און אַוועק באַלד אינדערפרי פון שטוב.

ער איז געוואַקסן מיט יעדן טאָג, מיט יעדער שעה, אָבער רואיק איז ער נישט געווען. די שנעלע נערוועזע פינגער האָבן גאָר־נישט אויפגעהערט צופן פאַרדאַגהט ביים שפּיץ בערדעלע. ער איז

געווען בייז, אויף דער שטוב, אויף שווער און שוויגער, אויף די שוועסטער, און מער פון אַלץ אויף יעקב בונמען, וואָס האָט גאַנץ לאָדזש אויפגערודערט מיט זיין פריילעך לעבן. אומעטום האָט מען אים אָפּגעגעבן פריילעכע גרוסן פון אים.

— דער יונג וועט נאָך מיט דער טאַרבע גיין, — האָט שמחה מאיר וועגן אים נביאות געזאָגט, — וויר ווערדען זען דאָס גרייטע...

אָבער יעקב בונם איז מיט דער טאַרבע נישט געגאַנגען, ווי זיין עלטערער ברודער האָט נביאות געזאָגט. פאַרקערט, דאָס גליק איז געשפּרונגען אים אין די הענט אַריין, אַליין נישט ווויסנדיק גאָר ווי אַזוי עס איז געקומען, איז ער אין גרעסטן לאָדזשער פּאַלאַץ, ביי מאַקסימיליאַן פלידערבוים דעם מיליאָנער, אַן איינגייער געוואָרן, מיט די מיליאָנערישע לאָדזשער זינדלעך דאָרט וויין געטרונקען, אין קאָרטן געשפּילט, און אַזוי טאַקע, צווישן וויינען, קאָרטן און געלעכטער, די גענעראַל־פּאַרטרעטונג פון דער פאַבריק ביים פאַבריקאַנט אָנגענומען.

א בלייכער, אינגאַנצן אָן בלוט אין פּנים, איז געבליבן זיצן שמחה מאיר אויפן פּאָטעל אין קאָנטאָר זיינעם, ווען מענטשן האָבן אים דערציילט וועגן יעקב בונמס פאַרטרעטונג.

— שקר וכזב ! — האָט ער געשריגן אין אידיש, פאַרגעסנדיק גאָר, אז ער רעדט דייטש.

שוין צופיל האָט אים די נייעס צעטראָגן.

אָבער עס איז נישט געווען שקר וכזב. טאַקע אויף דער פּיעט־ראָקאָווער גאַס, פונקט אַנטקעגן הונצעס הויז, וואו שמחה מאיר האָט געהאַט זיין פאַרטרעטונג, האָט דער ברודער זיינער א ריזיקן לאַגער פאַרלייגט. מיט ברייטער פאַרשווענדערישקייט א קאַנטאָר אויסגעשטאַטעט. גאָלדענע גרויסע שילדן מיט פלידערבוימס אַלע מעדאַלן און מיט דער פאַבריק־מאַרקע—אָן אנקער מיט א שליסל איבערגעקרייצט — איבער דעם גאַנצן הויז אויפגעהאַנגען און אפילו ביי דער טיר א דינער מיט א אוניפאָרם אוועקגעשטעלט, ווי ביי א באַנק. אויך האָט זיך דער נייער פאַרטרעטער א קאַרעטע אָן אייגענע געקויפט און, ווי מערסטע יונגע פאַבריקאַנטן, אַליין די פערד גע־טריבן, אוועקזעצנדיק דעם קוטשער אויבן־אָן.

שמחה מאיר האָט פאַרהאַנגען מיט גרינע פאָרהענגלעך די

פענסטער פון זיין קאַנטאָרל אין געשעפט. ער האָט נישט געוואָלט קוקן אויף די שילדן אַנטקעגן. דאָס בלוט איז אים קאַליע געוואָרן. אָבער דעם ברודערס נאָמען האָט צו אים פון אַלע זייטן אַראָפּגע־שריגן. עס האָבן דערציילט וועגן אים די גרויסע רעקלאַמעס אין די צייטונגען, די סוחרים, די מעקלערס, גאַנץ לאָדזש.

— ער רודערט א וועלט, — האָבן די סוחרים אים דערציילט, איבערגעגעבן וועגן אַלע זיינע געשעפטן אין די טעג און וועגן די הוליאַנקעס אין די נעכט.

באַלד דערויף האָט דער פאַבריקאַנט פלידערבוים אָפּגעהאַלטן א גרויסן זיג איבער זיינע קאָנקורענטן, די באַראָנען הונצעס. אָר־מעטום האָט מען דערפון גערעדט. צוזאַמען מיט פלידערבוימען האָט אויך זיין גענעראַל־פאַרטרעטער יאַקוב אשכנזי א קלעטער גע־טאָן אין דער הויך, אַרויפגעקראָכן העכער א שטאַפּל אויף דעם גאָלדענעם לייטער.

שמחה מאירס פּנים איז געוועזן אַזוי גרין, ווי די גרינע פאָר־הענגלעך פון די פענסטער אין זיין געשעפט, וואָס ער האָט שטענדיק געהאַלטן אַראָפּגעלאָזן, כדי נישט צו זען דעם גאָלדענעם אויסגע־קריצטן נאָמען פון שונא קעגנאיבער.

קאַפּיטל דריי

אין פּאַלאַץ פון טעקסטיל־פאַבריקאַנט פלידערבוים איז געווען לוסטיק און פריילעך.

דער פאַבריקאַנט פלידערבוים, וואָס האָט געפירט א שווערע קאָנקורענץ קעגן דער מאַנופעקטור־פאַבריק פון הונצעס יורשים, האָט אָפּגעהאַלטן א גרויסן נצחון — דער ניי־באַשטימטער גו־בערנאַטאָר פאָן מילער, וואָס איז אָנגעקומען פון פעטערבורג קיין פּיעטראָקאָוו, האָט אָנגענומען די ערשטע איינלאַדונג צום פאַברי־קאַנט פלידערבוים, נישט צו די באַראָנען הונצעס.

זינט יאָרן האָבן פאַרביטערט געקעמפט די צוויי גרעסטע לאָד־זשער פאַבריקאַנטן — הונצע און פלידערבוים. איינער דעם צווייטן

איז דערגאַנגען די יאָרן ביי יעדער געלעגנהייט, אָפּגעטאָן זיך שפּיצלעך.

פונקט ווי דעם אַלטן הונצע, האָבן אויך דעם פאַבריקאַנט פּלי־דערבוים אַלטע לאָדזשער אידן געדענקט נאָך, ווי ער איז געקומען אין שטאָט מיט ליידיקע הענט. אַן אָפּגעברענטער פון דער דאָרפי־שער זון, א ברייט־פּלייציקער, אויף וועלכן ס'אויסגעוואַקסענע לאַנגע צייגענע כאַלאַט האָט שיער נישט געפּלאַצט, מיט א פּאָר שווערע שטיוול, געשמידט מיט פּאָדקאָוועס, די קנאָפּל זאָלן זיך נישט אָפּרייבן, מיט אַן אָפּגעריסענער צווייג אין דער קרעפטיגער האַנט, אָפּצוייאָגן זיך פון דאָרפישע הינט אויף די וועגן און פון די פּאַסטוכער, וואָס וואַרפן נאָך אידן שטיינדלעך — איז ער געגאַנגען צופוס פון זיין דאָרף וואולקע קיין לאָדזש, צו פאַרדינען זיין ברויט פאַר זיך.

דעם טאַטן זיינעם דעם דאָרפס־קרעטשמער האָבן אַנדערע אידן, פאַרמעגלעכערע פון אים, אויסגערונגען די קרעטשמע ביים פּריץ. ער איז געבליבן מיט ווייב און קינדער, גאַנצע צוועלף, איינס קלענער פון אַנדערן, אָן ברויט, אָן א דאַך איבערן קאָפּ. דער פאָטער האָט גענומען דעם עלטסטן זון זיינעם, מענדל, ער האָט איינגע־בונדן אין א זעקעלע א פּריש קעזל, ער האָט אַרויסגענומען פון בינשטאָק א לויטערן האָניק, אָנגעגאָסן א פולע פלאַש, און געלאָזט זיך דערמיט צופוס, צוזאַמען מיט זיין זון קיין קאַזמיר צום רבין, פרעגן אים אַן עצה, וואָס ער זאָל טאָן מיט ווייב און קינדער.

דער רבי האָט געהייסן דעם קעז מיטן האָניק אַוועקגעבן דער רביצין און ער האָט געבענטשט דעם אַרענדאַר, אַז גאָט זאָל אים העלפן אין אַלעם, וואו ער וועט זיך קערן און ווענדן. אויך האָט ער אים און דעם זון זיינעם געגעבן צו קופּערנע דרייערס, וואָס זיי זאָלן שטענדיק טראָגן מיט זיך, א חוץ שבת און יום־טוב, וואָס עס וועט זיי ברענגען מזל. דער אַרענדאַר האָט זיך געלאָזט איבער די דערפער אויפקויפן ביי די פּויערים וואָל און פלאַקס, כדי צו דער־האַלטן זיין ווייב און פיל קינדער ביים לעבן. ער האָט אויך געוואָלט, אַז דער עלטסטער זון זיינער, מענדל, זאָל אים העלפן מיטגיין און טראָגן די זעק. אָבער מענדל האָט נישט געוואָלט בלייבן קיין דאָרפס־גייער. א געזונטער, א ברייט־פּלייציקער, א בריה אין שענק אויפ־

צוהויבן דאָס שווערסטע פאַס ביר און אַרויסצואוואַרפן די גרעסטע גבורים פון קרעטשמע, ווען זיי שיכורן זיך אָן און ברעכן פלעשער, פול מיט לעבן און הייס בלוט, וואָס שפּראָצט דורך דער פאַרברענטער הויט, אויסגעשמיסן פון זון און ווינט, האָט ער געגלויבט אין זיך, אַז ער איז באַשאַפן צו אַנדערע זאַכן, ווי צו קריכן מיט אַ זאַק איבער די דערפער. פון די דורכפאָרנדיקע אידן, וואָס פלעגן זיך פאַרהאַלטן אין זייער קרעטשמע אין דאָרף, האָט ער געהערט פון שטעטל לאָדזש, וואָס וואַקסט און ווערט רייך פון טאָג צו טאָג. ער האָט די שטאָט נישט געקענט, אָבער זי האָט אים געצויגן. האָט ער גענומען אַ זאַק, איינגעפּאַקט אין אים דאָס תפילין־זעקל מיט די קליינע אָפּגעריבענע און פאַרפעטסטע תפילין, עטלעכע אויסגעוואַשענע, פאַרלאַטעטע העמדער, אַ ברויט מיט אַ דאַר קעזל, עטלעכע יונגע ציבעלעס, אַ שמאַטקעלע זאַלץ און אַ קניפּער, אַ פּויעריש מעסערל, וואָס אַ גוי האָט פאַרזעצט אין קרעטשמע פאַר אַ קוואַטירל בראָנפן און וואָס ער האָט דערנאָך געלאָזט שטעקן אין דער ערד עטלעכע טעג צייט, עס זאָל ווערן כשר.

אָט מיט דעם זאַק, מיט אַ רימען אונטערגעגאַרטלט דאָס צייגענע כאַלאַטל, מיט אַ צווייג אין האַנט און מיט עטלעכע גילדן אין גרויסע קופּערנע גלאַטע דרייערס, איינגעבונדן אין אַן עק פון אַ רויטער נאָז־פאַטשיילע, איז ער געגאַנגען צוויי מעת־לעת צייט איבער די וועגן. ער האָט געבראָטן קאַרטאָפל אויף די פעלדער, איז געשלאָפן אין פּויערישע שייערן, אין וואַלד, צווישן צווייגן און מעך, און געגאַנגען צו דער שטאָט, דער פרעמדער און לאָקנדיקער, כדי צו זוכן ברויט און אַ תכלית אין לעבן פאַר זיך.

אַלט געווען איז ער צוואַנציק יאָר. דעם רבינס דרייער אויף מזל האָט ער געטראָגן אין אַ לייווענטן בייטעלע, אָנגעהאַנגען אויפן האַלז און באַהאַלטן אונטערן העמד.

אזוי האָבן אים נאָך געדענקט די עלטערן אידן אין לאָדזש.

פּונקט ווי הונצע פון זאַקסן, אזוי איז אויך מענדל דעם קרעטשמערס זון פון דאָרף וואָולקע געקומען מיט לײדיקע הענט אין דער נייער שטאָט און זי איינגיכן איינגענומען. נישט ווייט פון זיך זענען געשטאַנען די פאַבריקן פון ביידע לאָדזשער הערשער — דעם דייטש הונצע און דער איד פלידערבוים. אויך זייערע פּאַלאַצן זענען

געווען די שענסטע פון שטאָט. אָבער קיין שלום איז נישט געווען צווישן די צוויי הייזער. איינער דעם צווייטן איז געווען א דאָרן אין אויג.

הונצע האָט נישט געקאָנט פלידערבוימען פארגעסן, וואָס כאָטש ער איז געקומען א סך שפעטער פון אים, כאָטש ער האָט אין די ערשטע צייטן אליין ביי אים געקויפט סחורות פאר זיין געוועלב אויף נײ־שטאָט, האָט ער זיך אזוי ארויפגעארבעט, אז ער איז געוואָרן גלייך מיט אים און אפילו געוואָלט אים אריבעריאָגן.

ער האָט קיינמאָל נישט געוואָלט אָנרופן פלידערבוימען ביי זיין נייעם נאָמען מאקסימיליאן, ווי ער האָט זיך געגעבן באלד נאָך די ערשטע הונדערט טויזנט, וואָס ער האָט געמאכט, נאָר גערופן אים ביים אלטן אידישן נאָמען מענדל.

— ווי גייט עס, מענדל? — האָט ער אים ספּעציעל א פרעג געטאָן, ווער ער פלעגט אים טרעפן אויפן וועג אינדערפרי, פאָרנ־דיק אין דער קארעטע. — איך האָבע א ביסל רעשטלעך צו פאר־קויפן, ביליק...

דאָס איז געווען אַן אָנצוהערעניש אויף די אמאָליקע צייטן, ווען פלידערבוים פלעגט נאָך קויפן רעשטלעך ביי הונצען אין פאבריק.

— איך קאָן אייך פארקויפן מיינע פערד, — האָט פלידערבוים אים צוריק אָפּגעענטפערט. — איך קויף נייע און איך קאָן אייך די אלטע אָפּטרעטן פאר ביליק.

דאָס איז געווען א שטאָך דעם אלטן הונצע, וואָס האָט ליב געהאַט צו קארגן און אלע מאָל געהאַט ערגערע פערד צו זיין קאַ־רעטע, ווי פלידערבוים.

זינט יאָרן האָבן זיי זיך ארומגעריסן, דיביידע הייזער, אָפּגע־טאָן זיך שפּיצלעך, אויסגעבערענגט זיך, אויסגעשטאָכן זיך איין אויג אבי דעם צווייטן ביידע אויגן ארויסצונעמען. אָבער אין דער צייט, ווען הונצע האָט געוואָלט אריבעריאָגן פלידערבוימען בלויז אין געשעפט, האָט פלידערבוים אריבערגעיאָגט הונצען אין פּריציש־קייט, אין האלטן שטאָט.

ניין, ער האָט נישט געקאָנט ווערן קיין באראָן, פלידערבוים, ווי הונצע איז עס געוואָרן. ביי די גרעסטע געלטער, וואָס ער וואָלט

נעגעבן דעם פּיעטראָקאָווער גובערנאַטאָר, וואָלט ער עס נישט דער־גרייכט. נישט גערן האָט מען אידן געאַדלט אין קייזערלעכן הויף. אָבער א הייליקע אַננע אויף זיין האַלז פאר די גרויסע פאַרדינסטן פאַר דער רוסישער אינדוסטריע האָט אים דער גובערנאַטאָר אויס־געפּועלט. ער האָט זי געטראָגן אויפן האַלז צוזאַמען מיטן גלאַטן דרייער, וואָס דער קאַזימירער רבי האָט אים אַמאָל געגעבן אויף מזל און וואָס האָט אים זייער אָפּגעגליקט אויף דער וועלט. צוזאַמען דערמיט האָט ער געטראָגן שטאָלץ דעם טיטול — פּאַרדינסטפולער בירגער — וואָס מען האָט אים פון פּעטערבורג געגעבן און וואָס האָט געדאַרפט איבערגיין פון דור צו דור פלידערבוימס. אויך די גאָלדענע און בראָנזענע מעדאַלן פון זיין פאַבריק האָבן באַצירט אַלע זיינע געביידעס און בריוו־פּאַפּירן. דאָס אַלץ האָט דעם אַלטן הונצע זייער געקרענקט. אָבער פאַר פלידערבוימען איז דאָס אַלץ נאָך נישט געווען גענוג. ער האָט אַלע מאָל געזען צו לאָזן הערן זיין נאָמען אין לאָדזש, צום אייגענעם וואוילגענוס און צו דעם פאַר־דראָס פון די הונצעס.

ער האָט אָפּטער ווי הונצע געביטן דאָס מעבל אין זיין פּאַלאַץ, ער האָט שענערע פערד געהאַט צו זיינע קאַרעטעס, גרעסערע און מיוחסדיקערע הינט אין זיין הויף, טייערערע ווייַנען אין זיינע קע־לערס און אָנגעזעענערע געסט אויף זיינע בעלער און קאַרנאַוואַלן. פון אינגלווייז אָן, ווען דער טאַטע זיינער, דער ארענדאר, האָט די קרעטשמע געהאַלטן ביים פּריץ און אים מיטגענומען מיטן וועגעלע צום הויף יעדעס מאָל ווען ער איז דאָרט אהינגעפאָרן, האָט ער מיט גרויסע אָפענע אויגן געזען דאָס פּירעכץ ביי די פּריצים, יעדע שטאָלצע באַוועגונג זייערע, יעדער מאַניער און ריר. מיטן היטל אין דער האַנט, ווי דער טאַטע זיינער, בויגנדיק זיך און קושנדיק דעם פּריצס פּאָלע, האָט ער פונדעסטוועגן נישט אראָפּגעלאָזט די גרויסע אויגן זיינע פון אַלץ, וואָס איז געווען אין די פּריצישע הויפן. און ער האָט אַלץ איצט זיי נאָכגעטאָן, נאָך איבערגעיאָגט זיי. פּונקט ווי די פּריצים, האָט ער פאַרדרייט די שוואַרצע וואָנסע ארויף, ווען ער האָט מיט עמיצן גערעדט; פּונקט ווי די פּריצים, האָט ער ארייַנגעלייגט דעם טאַטן מיט דער מאַמען אין די פערד. נישט נאָר האָט ער צו עטלעכע פּאָר פערד צו זיינע פיל קאַרעטעס,

לאנדערס און בריטשקעלעך געהאט, נאר ער האט אויך אייגענע שטאלן פאר געיעג־פערד געהאלטן און א מחנה זשאקייען. דאס האט אים א סך געלט אפגעקאסט, אבער דערפאר זענען זיינע פערד געווען די בעסטע אין פוילן און זייערע נעמען זענען פול געווען אין די צייטונגען.

טראגנדיק אין זיך א שנאה צו הינט פון קינדווייז אן, וואס נישט איינמאל האבן זיי אים, גערייצט פון די פריצים און זייערע עקאנאמען, אפגעריסן דאס כאלאטל און אמאל אויך שטיקער פון די ליטקעס, האט ער פונדעסטוועגן מיט די בעסטע הינט זיך ארומ־גערינגלט, אפגעקויפט ביי די גרעסטע פריצים זייערע יאגד־הינט. פונקט אזוי האט ער ביי די פאראמטע פוילישע גראפן אפגעקויפט זייערע גיטער, צוזאמען מיט די דינער און לאקייען. אליין דער גור־בערנאטאר מיט אלע זיינע פריינט, די העכערע אפיצירן און הויכע באאמטע, זענען צו פלידערבוימען אין די גיטער זומער און ווינטער אויף יאגד געקומען. נישט פארטראגנדיק קיין בלוט, האט פלידער־בוים פונדעסטוועגן אויסגעלערנט זיך אזוי גוט שיסן און צילן, אז ער האט א מאסע האזן, ווילדע קאטשקעס און פוקסן אומגעבראכט אין זיינע וועלדער. דערנאך האבן זיינע וואלד־יעגער אין די גרינע קאסטיומען מיט די פעדערן אין די היט געטראמפייטערט מיט הארנס, לאקייען האבן די געשאסענע חיות אויף די פייערן געבראטן און די יעגער האבן סעודות אין וואלד געפראוועט.

אין די ווינטערס זענען אפטע בעלער געפראוועט געווארן אין פלידערבוימס פאלאץ. מיט דער גרעסטער גראציע, ווי נאר ער האט עס אינגלווייז געזען דורך די שפאלטן פון די הויפישע לאדן אויף די פריצישע בעלער, האט ער געטאנצט די פוילישע פא־לאנעזן, פארדרייענדיק מיט אזוי פיל ווירדע די וואנסע ארויף, אז דאמען האבן אים אפלאדירט. ער האט גארנישט. ווי הונצע, איבער־געלאזט אין זיך סימנים פון די צייטן, ווען ער איז מיט א צווייג אין האנט און מיט א זעקל אויף די פלייצעס אנגעקומען אין לאדזש. דער פריץ איז אים געלעגן אין דער ברייטקייט פון פאררויכערן א ציגאר, אין דער מעכטיקייט פון זיין קערפער, אין דער בויגעוור־דיקייט פון זיין גאנג, אין דער נאכלעסיקייט פון געבן געלט, אין לעבן און לעבן לאזן!

אָבער ביי דער גאַנצער פריצישקייט און גויאישקייט האָט ער מורא געהאַט פאַרן אידישן גאָט, געציטערט פאַר אים און שטענדיק פאַר אים געטאָן עפּעס, כדי אים איבערצובעטן פאַר די פיל זינד זיינע. ער האָט גוט נאָך געדענקט, כאָטש ער איז אַזוי רייך און גרויס געוועז, אַז זיין גאַנץ גליק האָט ער צו פאַרדאַנקען דעם קאַזמירער רבין, וואָס האָט אים אַזאַ מזלדיקן דרייער אויף גליק געגעבן. ער האָט נישט איינמאָל געטראַכט מיט זאָרג, אַז נישט אַזוי האָט ער געדאַרפט אָפּדינען דעם רבין און זיין גאָט, אַז ער וואָלט געדאַרפט טאָן מצוות, נישט אָפּגאָלן די באָרד, נישט מחלל זיין שבת, נישט עסן טריפות מיט גוים, נישט זינדיקן מיט פרעמדע ווייבער און נישט טאָן אַנדערע עבירות, וואָס גאָט האָט נישט ליב. ער האָט נישט איינמאָל אין די שלאָפלאָזע נעכט געזיפצט אויף זיין ווייך פראַנצויזיש הימל־בעט דערויף, וואָס ער איז נישט אַזוי גוט צום אידישן גאָט, ווי גאָט איז צו אים. ווי א גוטער סוחר, האָט ער געוואוסט, אַז אין יעדער געשעפט מוז זיין גלייכע, גוטע און קעגנזייטיקע באַהאַנדלונג. און אויב גאָט איז אַזוי גוט צו אים, גיט אים רייכקייט און כבוד און וואוילטאָג, וואָס זעלטן, אַז עמיצער זאָל אַזוינס האָבן, אויב גאָט און זיין שליח, דער רבי, האָבן אים אַזוי אויפגעהויבן, פון מיסט ביז אַזאַ פריצישקייט און גרויסקייט, דאַרף ער גאָט עפּעס פאַר דעם אָפּצאָלן, טאָן זיינע געבאָטן, אַריינלייגן אין געשעפט גלייך אויף גלייך.

אָבער זיין א איד ווי אַלע פרומע אידן האָט ער נישט געקאָנט. צו גרויס און רייך איז ער געוועזן, צופיל האָט אים געצויגן צו פריצישקייט און עולם־הזה. ער זאָל זיין א איד ווי אַלע אידן. ניין, ער האָט נישט געקאָנט זיך אָפּזאָגן פון עסן מיטאָג, ווען דער גובערנאַטאָר אַליין האָט אים פאַרבעטן צו זיך. אויך האָט ער נישט געקאָנט פאַרמאַכן זיין קאָנטאָר אין שבת.

קיין תורה האָט עס טאַקע נישט געקענט, דער טאַטע זיינער דער אָרענדאַר האָט אים קוים אויסגעלערנט דאַווענען, אָבער דערפאַר האָט ער געהאַט געלט א סך, ער האָט געקאָנט געבן צדקה, וואָס איז אויך ביי גאָט אָנגעלייגט. גאָט האָט ליב, אַז מען גיט צדקה זיינע אָרעמעליים. אויך האָט ער ליב, גאָט, אַז מען בויט אים שיינע שולן, תלמוד־תורהס פאַר אָרעמע קינדער, ישיבות.

זייער ליב האָט ער, ווען מען גיט צדקה צו די צדיקים זיינע. און דער פּאַבריקאַנט פלידערבוים האָט גאָט אַ סך צדקה געגעבן, אַזוי, אַז עס זאָל דעקן אַלע זיינע זינד און עבירות.

נישט בלויז האָט ער אויסגעהאַלטן בכבוד מיט געלט און מתנות דעם קאַזמירער הויף, אַלע קינדער און קינדס קינדער פון רבין, נאָר ער האָט אויך געשיקט געלט און מתנות צו אַנדערע גוטע־אידן. יאָ, ער אַליין האָט זיך דערמיט נישט פאַרנומען. ער האָט נישט געקאָנט דערלאָזן, אַז צו אים אין פּאַלאַץ, וואו עס שטייען ביי די טירן לאַקייען אין ליווערייען און וואו עס זענען קיין מזוזות נישטאָ, זאָלן זיך דרייען רבנים, אייניקלעך און מחברים; אָבער דערפאַר האָט ער געהאַלטן אַ איד אַ נאמן, וואָס האָט געדאַרפט אויסקענען זיך אין די אידישע זאַכן, און ער האָט שוין אויסגעטיילט צדקה צו אַלע פרומע און גוטע לייט, וואָס זענען פון גאַנץ פּוילן געקומען נאָך נדבות. שטענדיק האָבן זיי געצויגן צו אים, אַלערליי רבנים, מחברים, אייניקלעך, נשרפים, טאַטעס פון אָרעמע כלה־מיידלעך. קיינער איז נישט אַרויס באַעולהט פון פּאַבריקאַנט פלי־דערבוים.

יאָ, ער האָט אויך אַנדערע גבאים געמוזט באַזאָרגן. ער האָט נישט געקאָנט אָפּזאָגן, ווען דער גלח פון זיין געגנט איז געקומען בעטן אויסצובויען אַ קירכע פאַר זיינע אַרבעטער פון דער פאַבריק. ער האָט אַליין דעם ווינקלשטיין געלייגט און דערפאַר טאַקע איז אויף דער קירכע, אויף אַ מאַרמאָרנעם טאָוול מיט גאָלדענע אותיות, געווען אויסגעקריצט די נעמען פון פלידערבוימען און זיין פרוי. אויך האָט ער געגעבן אויף אַ סך אַנדערע גויאישע זאַכן. דאָס האָט אים באַאומרואיקט אין די נעכט. ער האָט געוואוסט, אַז דער אידישער גאָט האָט נישט ליב, ווען מען גיט געלט פאַר אַנדערע געטער און מען בויט אויס געבעט־הייזער צו בעטן נישט צו אים, נאָר צו אַנדערע. אָבער דערפאַר האָט ער גלייך געלאָזט אויסבויען אַ נייע שול אויף זיין חשבון, עטלעכע ספר־תורהס געשריבן און אויפגעצייט פאַר זיי אַזויפיל טייערע זיידענע, סאַמעטענע און אַטלעסענע מענטעלעך, באַזונדערע אויף דער וואָכן, אויף שבת, אויף ימים־טובים און ימים־נוראים, אַזוי, אַז גאָט זאָל פאַרגעסן אין דער זינד פון געבן געלט אויף דער קירכע.

ער האָט נאָך געדענקט פֿון זיינע אינגלשע יאָרן, ווען דער דאָרפֿישער מלמד האָט אים געלערנט, אַז אויף יענער וועלט שטייט אַ גרויסע וואָג מיט צוויי וואָג־שאָלן, אויף וועלכע מען לייגט אַרויף פֿון איין זייט דעם מענטשנס עבירות און פֿון דער אַנדערער זייט די מצוות זיינע. און ער האָט זיך טאַקע באַמיט שטענדיק אַרויפֿצולייגן וואָס מער וואָג אויף דער שאָל פֿון מצוות. יעדער עבירה האָט ער גלייך געלאָזט איבערוועגן מיט שולן, חדרים, צוימען פֿאַרן בית־עולם, זילבערנע שווערע קרוינען פֿאַר די ספֿר־תורהס, אַזוי, אַז עס זאָל שווערן אויף דער שאָל פֿון מצוות.

לעצטנס האָט די שאָל פֿון עבירות גענומען שטאַרק אַראָפּוועגן. נישט אַזוי אייגענע זינד, נאָר זינד פֿון קינדער. פֿלידערבוימס זין און טעכטער האָבן גענומען ווייכן פֿון אידישקייט, נישט נאָר פֿון מצוות, נאָר אפֿילו פֿון אידישן גאָט. צוויי טעכטער זיינע האָבן חתונה געהאַט מיט משומדים און זיך אַליין אויך דערפֿאַר געשמדט. פֿלידערבוים האָט זיך נישט געקאָנט אָפּזאָגן פֿון די טעכטער זיינע פֿאַר אַזאַ זאַך. וואָסער פּנים וואָלט ער געהאַט פֿאַר זיינע פֿריינט, פֿאַר דעם גובערנאַטאָר און פֿאַר די רייכע פּריצים, וואָס קומען צו אים אויף יאַגד און אויף די בעלער? דערצו נאָך זענען זיינע איידעמס ביידע געווען פֿון גרויס יחוס, זין פֿון מאַגנאַטן. דאָס האָט שטאַרק אויפֿגעהויבן דאָס הויז פֿון די פֿלידערבוימס, וואָס האָבן געשטאַמט פֿון אָרענדאַרן. פֿלידערבוים דעם פֿאַבריקאַנט האָט נישט געקאָנט איינרייסן דעם לאַץ פֿון זיין פֿראַק און אַוועקזעצן זיך אין די זאָקן שבֿעה אויף אַן איבערגעקערט בענקעלע אין די זאַלן פֿון זיין פּאַלאַץ. ער האָט געמוזט צופֿרידן פֿאַרדייען די פּריצישע וואָנסע אַרויף און געבן זיין פֿאָטערישע ברכה. אָבער קיין רו אויף זיין ברייט פֿראַנצויזיש בעט האָט ער נישט געהאַט אין די נעכט.

ער האָט געוואוסט, וואָס אַזוינס שמד הייסט. נאָך ביים טאַטן אין הויז האָט ער זיך אָנגעהערט פֿון די דאָרפֿס־גייער און פֿון די באַלעגאָלעס וועגן דער שרעקליכער זינד, ווען אַ איד בייט אויס דאָס רענדל און גייט אַוועק פֿון זיין גאָט. ער האָט געוואוסט, ווי גאָט איז בייז, ווען מען פֿאַרלאָזט אים, ווי אַ גרימצאָרן גייט אַרויס פֿון זיינע נאָזלעכער, ווען אידן ווערן אָפּטריניק און פֿאַרבייטן אים מיט אַנדערע געטער. כאָטש ער האָט זיך וויניק אויסגעקענט אין די קליינע

אותיותלעך און ווייט געווען פון אידישקייט, האָט ער געוואוסט, אַז גאָט באַצאָלט נישט בלויז די זינדיקע אַליין, נאָר אַז ער איז זיך אויך נוקם אין די עלטערן פאַר די זינד פון די קינדער און קינדס־קינדער ביזן פערטן דור. ער האָט געוואוסט, אַז אין די הימלען דאָרט, וואָס זענען אַזוי פאַררויכערט פון זיינע קוימענס, טוען זיך שרעק־לעכע זאַכן אָפּ, דער גיהנם פלאַקערט, קעסלען מיט סמאָלע שטייען, אויף שטעך־בעטלעך לייגט מען די זינדיקע אויס, שדים און רוחות גיסן זיי הייסן פעך אויף די קעפּ, הענגען זיי פאַר די צונגען און וואַרפן זיי פון איין עק וועלט ביז דער צווייטער.

א גרויל האָט אים אַרומגענומען, אַ קאַלטער שוויס האָט אים אָפּגעגאָסן פאַר מורא און ער פלעגט שרייען אין די נעכט, אַזוי, אַז זיין ווייב עליזאַבעטאַ, וואָס איז געלעגן נעבן אים איינגעוויקלט אין די שפּיצן און האַפטן, האָט זיך אַזש אין שרעק פאַרגעסן סיי אין איר פּויליש, סיי אין איר פריצישקייט, און מיט אידענערישער שרעק גענומען אים וועקן אויף אידיש:

— מענדל, מענדל־לעבן, נעם אראָפּ די האַנט פון האַרץ. כ'האָב מורא...

טאָמער איז נאָך דאָס וויניק געווען, האָבן אויך די זין זיינע גענומען זיך צופיל חברן מיט גוים און גלחים. די לערער זייערע די גויאישע, פּונקט ווי די גוּוועוּרנאַנטקעס, האָבן זיי פון קינדוויייז אָן אין די קירכן געפירט, קניען געלערנט, וואונדער פון יעזוסן און דער הייליקער מוטער אָנדערציילט און שרעק־מעשיות אויף אידן איינגעוואָרצלט. פריער האָט זיך פלידערבוים דערויף נישט אומגעקוקט. ער האָט געוואָלט האַלטן קריסטן צו זיי, זיי זאָלן האָבן אַ ריינע שפּראַך, סאַלאָן־מאַניערן און גוטע ערציאונג. אָבער, אַז זיי זענען עלטער געוואָרן און ער האָט פאַרלאַנגט פון זיי, זיי זאָלן זיך קדיש אויסלערנען און איין מאָל אין יאָר, אין יום־כיפּור, מיט אים אין סינאַגאָגע מיטגיין, האָבן זיי נישט געוואָלט הערן דערפון. אויך האָבן זיי פיינט געהאַט אידן, געזאָגט, אַז די אידן האָבן יעזוסן געקרייציקט. די איינינקלעך זיינע האָבן אפילו מורא געהאַט צו עסן מצה אין פּסח, ווייל די גוּוועוּרנאַנטין האָט זיי דערציילט וועגן דעם קריסטלעכן בלוט, וואָס אידן טוען אַריין אין

די מצות. די זין האָבן אָפּט גערעדט וועגן שמדן זיך. און פלידער־בוים האָט געציטערט אינגאַנצן.

ער האָט געוואוסט, אַז אַ קדיש פון זין פאַר אַ פאָטער קען אַ סך אויפטאָן אויף יענער וועלט, אַז נישט איינמאָל האָבן שוין קינ־דערישע קדישים אַרויסגעשלעפּט אַ זינדיקן פאָטער פון דעם טיפסטן גיהנם. אין די שווערע נעכט פלעגט ער זיך נישט איינמאָל טרייסטן, אַז די זין וועלן אים אין דער גרויסער נויט זיינער איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר מיט זייערע קדישים ראַטעווען. איצט האָט ער געזען, אַז זיינע האָפענונגען זענען געווען אומזיסט. נישט נאָר וועלן זיי אים נישט אַרויסשלעפּן פון שרעקלעכן פייער, נאָר פאַר־קערט, זיי וועלן אים נאָך מיט זייער אָפּטרינניקייט פון אידישן גאָט אַלץ טיפער און טיפער אַריינשטויסן.

ער האָט געוואוסט, דער פאַבריקאַנט פלידערבוים, אַז כאָטש זיינע וואָנסן זענען שוואַרץ, איז עס נישט פון יוגנט, נאָר פון דער זייער גוטער פאַרב, וואָס דער פראַנצויז, דער ראַזירער, באַנוצט ביים פריזירן אים. ביי זיין גאַנצער קראַפט נאָך, האָט ער געוואוסט, אַז אַ מענטש איז נישט אייביק, אַז ער אַליין האַלט שוין ווייט אַריבער אויף דער צווייטער זייט יאָרן, ווען מען דאַרף טראַכטן וועגן דעם וויטן און שרעקלעכן וועג. מען דאַרף זיך פאַרגרייטן דאָרט אַ וועג, וואָרום ווי אַזוי מען בעט זיך, אַזוי שלאָפט מען. און דאָ, ווי אויף צו להכעיס, איז די וואָגשאָל זיינע פון עבירות אַלץ געגאַנגען ני־דעריקער אַראָפּ און אַראָפּ, ווייט איבערגעוואויגן די מצוות.

ער האָט אַלץ געטאָן, כדי אַרויפצולאָדעוון אויף דער מצווה־וואָגשאָל אַלץ שווערערע מעשים־טובים. ער האָט באַצייטענס אָפּגע־דונגען אַ קדיש, נישט איין קדיש, נאָר אַ גאַנצן מנין אידן, פרומע און גאָטספאָרכטיקע, זיי זאָלן נאָך אים קדיש זאָגן, פאַרוואָס ער האָט זיי זייער שיין באַלוינט. ער האָט אויך אויסגעבויט נייע תלמוד־תורהס פאַר אָרעמע קינדער. אויב זיינע אייגענע קינדער האָט ער קיין תורה און אידישקייט נישט געלערנט, זאָלן כאָטש די אָרעמע קינדער פון די באַלעמלאָכעס לערנען תורה פאַר גאָט. ער האָט גע־וואוסט, פלידערבוים, אַז אויף דער וועלט איז שוין אַזוי געמאַכט, גאָט אַליין האָט עס אַזוי אָוועקגעשטעלט, אַז דער אָרעמער זאָל טאָן פאַרן רייכן, און דאָס איז נישט נאָר אין מסחרים, אין פאַבריקן,

נאָר אויך אין מצוות און אין אידישקייט. ווען ער אליין קאָן קיין אידישקייט נישט האַלטן, איז גוט, אז דורך זיין געלט זאָלן אַנדערע היטן אידישקייט. דאָס איז גלייך, ווי ער אליין וואָלט עס געטאָן. פונקט אזוי האָט ער געזאָרגט פאַר די אָרעמע באַלעמלאָכעס פון באַלוט, אַ סך מעשים־טובים געטאָן פאַר זיי.

קיין ארבעט אין זיינע פאַבריקן האָט ער די באַלוטער וועבער נישט געגעבן. ערשטנס, האָט ער געאַרבעט אין שבת, און ער האָט דאָך נישט געקאָנט דערלאָזן, אַז דורך אים זאָלן אַנדערע אידן מחלל שבת זיין. גענוג אייגענע עבירות, וואָס מ׳טוט, און מען דאַרף נישט ברענגען אַנדערע צו זינד. נישט מען האָט עפּעס דערפון און מען לײדט נאָך דערפון אויף יענער וועלט. צווייטנס, זענען די אידן מיוחסים, ווייסט ער, אַ איד מוז האָבן אויף שבת, אויף צאָלן שכר־לימוד־געלט, קויפן כשר פלייש, דעריבער מוז ער מער האָבן. די גוים האָבן נישט די אַלע זאכן. אויך זענען זיי שטאַרקער, קרעכצן נישט און זיפצן נישט, זענען נישט מקנא און האָבן דרך־ארץ, נעמען אראָפּ דאָס היטל פאַר זייער ברויט-געבער. דערפאַר טאַקע האָט ער קיין איד אין פאַבריק נישט אריינגענומען. בלויז אין די קאַנטאָרן, ביי לייכטער ארבעט, וואו מען דאַרף האָבן מוח, אַ אידיש קעפּל, האָט ער געהאַלטן אידן. צו די מאַשינען האָט קיין איד נישט געטאָרט אריינשמעקן. אָבער געזאָרגט פאַר די אָרעמע באַלוטער וועבער האָט ער. ער האָט זיי געגעבן געלט פאַר הכנסת־כלה, פאַר חברה־קדישא, ביקור־חולים. אויף יעדן פסח האָט ער זיי אַריינגע־שיקט אַ וואַגאָן מעל אויף מצות. טאָמער איז געוואָרן אַ הונגער, באַלוט האָט נישט געאַרבעט, האָט ער ביליקע קיכן געמאַכט, וואו יעדער וועבער האָט געקריגן אַ טעפּל עסן און אַ שטיק ברויט.

איצט, נאָך די טעכטערס שמד, האָט ער געוואָלט אַ גרויסע מצוה אָפּטאָן, אַ שווערע, אזוי, אַז זי זאָל זיך אויף דער וואָגשאָל אַרויפליינן מיט אַ געוואַלטיקן קלאַפּ, זי זאָל אַלע עבירות, אייגענע און די קינדערס, אַריבערוועגן. און ער האָט אויסגעבויט אַ שפּיטאָל פאַר די אָרעמע אידן, אַ אידיש שפּיטאָל, וואו דאָס עסן זאָל זיין כשר, עס זאָלן נישט הענגען קיין צלמים און הייליקע בילדער, נאָר מזוזות זאָלן זיין ביי די טירן, און די קראַנקע אידן זאָלן קאָנען טראָגן ציצית, דאַוונען מיט מנין אין שפּיטאָל־שולעכל. אויך פאַר

די מתים זאָלן ליכט ברענען און א מנין אידן זאָלן נאָך זיי תהילים זאָגן. זייער ברייט, פאַרשווענדעריש האָט ער דאָס שפּיטאָל געלאָזט אויסבויען. מיט די גרעסטע גאָלדענע אותיות אויסנווייניק פאַר דער וועלט און מיט קלענערע לשון־קודשדיקע אותיות פון אינע־ווייניק, זענען געווען אויסגעקריצט די נעמען פון פאַבריקאַנט פלי־דערבוים און זיין ווייב. צום חנוכת־הבית זענען די גרעסטע לייט פון שטאָט און אויך פון וואַרשע אַראָפּגעקומען. עס האָט געשווייבלט מיט קאַרעטעס. דער לאָדזשער רב, דער חשוב ביים מלכות, איז מיט דעם מעראָל אויף דעם אַטלעסענעם כאַלאַט זיינעם געקומען צו דער שמחה. אַלע אינגלעך פון די חדרים און תלמוד־תורהס זענען נישט געגאַנגען דעם טאָג אין חדר, כדי צו זען דעם רבס גאָלדן שווערדל, וואָס כאַטש מ'זעט עס נישט, רעדט מען שטענדיק דערפון.

באַלוטער וועבער האָבן געלאָזט די קעטעס אין דער מיט און גע־שטויסן זיך אַרום נייעם שפּיטאָל, וואו פּאָליציאַנטן אויף פערד האָבן זיי מיט די פערדישע הינטנס צוריקגעשטויסן. פלידערבוימס פייער־לעשער אין די מעשענע היטלען האָבן פריילעכע מאַרשן געשפּילט.

אָבער דאָס אַלץ איז געווען גאָרנישט קעגן דעם, וואָס אַליין דער פּיעטראָקאָווער גובערנאַטאָר מיט זיין סוויטע זענען געקומען צו דער פייערונג.

א גרויסע מלחמה איז אָנגעגאַנגען צווישן די הונצעס און דעם פאַבריקאַנט פלידערבוים וועגן דעם נייעם גובערנאַטאָר, וואָס האָט דאָס ערשטע מאָל געדאַרפט באַזוכן לאָדזש, ווער ס'זאָל אים דער ערשטער אַריינקריגן צו זיך. די הונצעס האָבן געהאַט מער שאַנסן, זיי זענען געווען באַראָנען, אַדעליקע, פּונקט ווי דער נייער גובער־נאַטאָר איז עס געווען. אָבער פלידערבוים האָט געהאַט א שפּיטאָל צו באַנייען. אויך האָט ער א פּאַטריאָטישע זאַך געטאָן, דער פאַברי־קאַנט פלידערבוים, ער האָט איין פּאַוויליאָן אין זיין שפּיטאָל א נאָמען געגעבן אַליין אויף דעם צאַר פון רוסלאַנד און א צווייטן פּאַוויליאָן אויפן נאָמען פון דער צאַרין. די פּאָרטרעטן פון מאָנאַרך און פון זיין קייסערינע, אין די ראָזיקסטע פאַרבן, שיינענדיקע ווי מלאכים, האָבן באַצירט די פּאַוויליאָנען, אַרומגערינגלט מיט לאָר־בער־קרענץ און פענער. דאָס איז געווען שטאַרקער פון יעדן באַראָן־טיטול.

אָ, ער האָט געוואוסט, דער פאַבריקאַנט פלידערבוים, וואָס צו טאָן, ווי אזוי די הונצעס ארומצוגיין. פון אונטער דער נאָז האָט ער זיי דעם גובערנאַטאָר ארויסגענומען. און פרייד האָט געהערשט אין פּאַלאַץ פון פלידערבוימען, שמחה און נצחון.

פּונקט אזא פרייד האָט ארומגענומען די אידן פון לאָדזש. אין אַלע בתי־מדרשים, מקוהס, אויף אַלע מערק האָט מען נישט אויפ־געהערט רעדן וועגן פלידערבוימס שפּיטאָל און דעם גובערנאַטאָר.

שבת איז אין אַ סך בתי־מדרשים און שולן די שמחה ביי אידן צעשטערט געוואָרן. דאָנערשטיק ביינאַכט, נאָך דער שווערער נאַכט־ארבעט, וואָס איז לענגער ווי אין די נעכט פון אַלע אַנדערע טעג, איז טוביה געזעסן ביי זיך אין קעלער־שטוב, ביי אַ קליין אריינגע־דרייט נאַכט־לעמפּל, און צוזאַמען מיט ניסנען אַ פּראָקלאַמאַציע פאַרפאַסט, אַ פּראָקלאַמאַציע קעגן דעם פאַבריקאַנט פלידערבוים, זיין גאַסט דעם גובערנאַטאָר, און קעגן קייזער אַליין. מיט שאַרפע רייד, בייסיקע און חוצפדיקע. האָבן די צוויי מענטשן אין קעלער גערעדט קעגן די רייכע, מעכטיקע און הערשנדיקע, און אויסגע־טייטשט פאַר די אָרעמע און אומגליקלעכע נישט צו פרייען זיך מיט דעם ביין, וואָס זייערע שונאים וואַרפן זיי צו, ווי מען וואַרפט צו אַ הונט. קיילע האָט זיך געוועקט אין שלאָף, געשריגן, אַז מען ברענט איר אוים די נאָפט, אַז זי וועט די משוגעים מיט וואַסער אָפּגיסן, נאָר די צוויי מענטשן האָבן ווייטער געשריבן, געמעקט און פאַרריכט. פאַרטאָג האָבן זיי אַ גלייכן פאַרטיקן גרויסן בויגן פּאַפּיר געהאַט, ריין אויסגעשריבן און אויסגעציקלט.

ניסן האָט אים איבערגעשריבן ביי זיך אַ גאַנצן טאָג מיט שיינע געכתיבהטע אותיות, ווי געדרוקט. אים האָבן געהאָלפן זיינע ישיבה־בחורים. פרייטאָג פאַר ליכט־צינדן, ווען אַלע אידן זענען געווען אין מרחץ, האָבן זיך די ישיבה־בחורים אריינגעקריגן אין די שולן און בתי־מדרשים און אויבן־אָן ביים סאַמע ארון־קודש אויף דער מזרח־וואַנט, צווישן אַלע יהי־רצונס, יעלה־ויבאס און ראש־חודש בענטשן, די פּאַפּירן מיט פּאַפּ צוגעקלעפּט. אזוי, אז ווען די שמשים וועלן זיך כאַפּן, זאָלן זיי שוין נישט קאָנען זיי אראָפּ־רייסן איבער שבת.

אז די אידן אין די בתי־מדרשים האָבן גענומען לייענען די

אידישע ווערטער, געכתיבהטע ווי אין סידור, איז זיי א גרויס שרעק באפאלן. דאס פאפיר, וואס האט ווי א „קול־קורא" אויסגעזען, האט זייער אפיקורסישע רייד געשריבן — רייד וועגן פאבריקאנט פלי־דערבוים, וואס גיט נישט די אידן קיין ארבעט אין זיין פאבריק, וואס מאכט מיליאנען פון שווייס פון די ארעמע און דערנאך בויט ער שפיטעלער פאר די, וואס ער זויגט אויס זייער בלוט. נאך ערגערע ווערטער זענען געווען קעגן גובערנאטאר און זיינע לייט. אבער וואס האט גאר אפגעשראקן, זענען געווען די רייד קעגן מלכות אליין, קעגן דעם קיסר, דעם הערשער פון לאנד, וואס זיין נאמען דערמאנט מען אין די שולן בלויז ביי די הנותן־תשועהס.

אידן האבן גלייך געוואלט די שרעקלעכע פאפירלעך אראפ־רייסן, אבער אום שבת האט מען עס נישט געקאנט טאן. האט מען געשיקט פרעגן דעם רב. דער רב האט גלייך אויסגעפונען, אז די פאפירלעך זענען סכנת־נפשות און געהייסן שיקן נאך גוים, זיי זאלן זיי אראפקראצן.

נאכדעם האבן אידן זיך געפילט זיכערער און געהויבענער.

סיי דאס שפיטאל פון פאבריקאנט פלידערבוים, סיי דאס, וואס דער רב איז געגאנגען אין גאלדענעם מעדאל, און מער פון אלץ דאס, וואס דער גובערנאטאר איז געקומען דער ערשטער נישט צו די הונצעס, נאר צום איד פלידערבוים, האט אנגעפילט מיט האפענונג און בטחון. אידן האבן געגלויבט אין ישועות ונחמות פאר ישראל.

אין פלידערבוימס פאלאץ האבן העל געלויכטן אלע ברייטע פענסטער, פיל קארעטן זענען געשטאנען פארן ברייטן ארייגפאר.

עס איז געפראוועט געווארן דער באל פארן נייעם גובערנאטאר.

דער באל איז געווען גרויס, ברייט. ווי אלץ, וואס פלידערבוים האט געמאכט. די וויינען זענען געווען די טייערסטע, די שפייזן די געשמאקסטע, די געסט די עלעגאנטסטע. צווישן אלע געהויבענע געסט אויפן באל איז אויך געווען איינגעלאדן דער נייער פארטרע־טער פון פלידערבוימס פאבריק יאקוב אשכנזי.

אין א פראק און אין שניי־ווייסער וועש, מיט א רויז אין לאץ, האט ער אויסגעזען זייער שיין און עלעגאנט, דער יונגער אשכנזי. אלע פלידערבוימס טעכטער האבן מיט אים געטאנצט און קאמפלימענטן געמאכט.

— איר זענט גאָר קיין איד נישט, — האָבן זיי אים געזאָגט. וואָס איז ביי זיי דער גרעסטער קאָמפּלימענט געווען, און געטוליעט זיך צו זיין גראַציעזן קערפּער אין טאַנץ.

פונקט ווי פלידערבוים, האָט ער זיך געטראָגן לייכט איבער די גלאַנציקע דילן, געטרעטן זיכער און לייכט אויף דער וועלט. ניין, פלי־דערבוים האָט זיך נישט גדאַרפט שעמען מיט אים אין זיין פּאַלאַץ.

דער נייער גובערנאַטאָר פאָן מילער איז געווען צופרידן פון דעם באַל, סיי פון די טייערע ווייַנען, סיי פון די עלעגאַנטע שיינע דאַמען, סיי פון די עטליכע טויזנט רובל, וואָס ער האָט אָפּגעוואונען פאַרטאָג ביים פאַבריקאַנט פלידערבוים אין קאָרטן.

ער האָט געקענט, פלידערבוים, די הויכע רוסישע באַאַמטע. דורך און דורך זיי מיט זייַנע אָפענע שוואַרצע אויגן געזען, און ער האָט שטענדיק זיי געגעבן א וועג אָפּצוגעווינען ביי אים א לייטישע סומע אין קאָרטן. דערמיט האָט ער זיי איינגאַנצן גענומען. און אויך דעם נייעם גובערנאַטאָר האָט ער זייער קונציק, נישט צו מערקן, די שיינע קאָרטן־מתנה אונטערגערוקט. דער גובערנאַטאָר, אַן אויפגעהייטערטער און צעוואַרעמטער, האָט דערפאַר זייער שטיל זיך פאַרטרויט פאַר פלידערבוימען וועגן דער נייער באַן־ליניע, וואָס מען האָט באַשלאָסן אין פעטערבורג דורכצופירן אַרום לאָדזש און וואָס דערווייל איז עס נאָך א סוד.

מען האָט פלידערבוימען קיין פינגער אין מויל נישט גדאַרפט לייגן. ער האָט פאַרשטאַנען דעם גובערנאַטאָרס מיין, געוואוסט, אַז דאָס קאָן זיין א פעטער ביסן סיי פאַרן גובערנאַטאָר, סיי פאַר זיך אליין. מיט א לייכטן טריט האָט ער זיך געלאָזט צו זיין נייעם פאַרטרעטער, אים פון ווייַן, ווייבער און געזאַנג אָפּגעצויגן און אים א באַפעל געגעבן, שטילערהייט, בסוד סודות, אויפצוקויפן אַלע פעל־צער אַרום שטאָט, דורך וועלכע די נייע באַן־ליניע וועט געצויגן ווערן.

— איך האָף, אַז איר וועט די זאַך דורכפירן מיט שכל און טאַקט, — האָט פלידערבוים געזאָגט, אַרומנעמענדיק אים ביי דער טאַליע פון זיין פראַק.

— מאָרגן נעם איך זיך צו דער אַרבעט, — האָט אשכנזי געענטפערט.

— מיר וועלן צום רב נישט גיין, — האָט פֿלידערבוים אים איינגערוימט אין אידיש. — און איצט קאָנט איר צוריקגיין צו אייערע דאַמען.

דער אָרקעסטער האָט אויפֿגעשפּילט אַ נייעם פּאָלאָנעז.

קאַפּיטל פֿיר

מער ווי די הונצעס אַליין, האָט שמחה מאיר מאַקס אשכנזי געפֿילט זיך געטראָפֿן, וואָס פֿלידערבוים האָט אַזוי מיאוס אונטער־געפֿירט די הונצעס און אַריינגעכאַפּט דעם גובערנאַטאָר פֿאַר זיך.

— אַז די קעפּ ליגן זיי נאָר אין הולטאַיען, די גויעצעס, — האָט ער געברומט בייז אויף די באַראָנען, וואָס אַנשטאָט אין זינען צו האָבן געשעפֿט, אַנשטאָט זאָרגן פֿאַר אָנקניפּן גרויסע פֿאַרבינדונגען, וואָס טויג צום עסק, האָבן זיי גאָר אין זינען נאַרישקייטן, ווייבער, יאַגד, פֿעכטן און אַנדערע גויאישע שטותים.

יאָ, דער גובערנאַטאָר האָט אויך שפּעטער די באַראָנען אַ וויזיט אין זייער פּאַלאַץ אָפּגעשטאַט און שטאַרק באַוואונדערט אַלע זייערע אויסגעשטאָפּטע חיות, וואָס זיי זאַמלען, אַלע שווערדן און קינ־זשאַלן. אָבער קיין נוצן פֿון דעם אַלעם פֿאַר דער פֿאַבריק איז נישט אַרויסגעקומען. די סמעטענע האָט אַראָפּגענומען פֿלידערבוים. ער האָט אויסגענוצט דעם ערשטן וויזיט. כאָטש עס איז געהאַלטן גע־וואָרן בסוד, האָט לאָדזש געוואוסט, אַז נישט פֿון הימל זענען פֿלי־דערבוימען אַראָפּגעפֿאַלן די נביאות וועגן דער באַן־ליניע אין לאָדזש, וואָס קיינער האָט וועגן דעם נישט געוואוסט. אין לאָדזש זענען קיין סודות נישטאָ. מען האָט פֿאַרשטאַנען, אַז דער גובער־נאַטאָר האָט עס פֿון פּעטערבורג אין פֿלידערבוימס פּאַלאַץ געבראַכט און מסתמא די באָבעס ירושה נישט דערלייגט. אויסגענוצט דעם ערשטן וויזיט האָט פֿלידערבוים. דורך דעם גובערנאַטאָרס עטלעכע ווערטער וועגן די פּלעצער האָט ער געמאַכט אַ פֿאַרמעגן. ער האָט געקויפֿט די פּלעצער ביליק, פֿאַר גאָרנישט, און איצט האָט זיי די רעג־גירונג אָפּגעקויפֿט פֿאַר גרויסע געלטער, כדי דאָרט דורכצופֿירן די ליניע. אפֿילו די פּלעצער אַרום, וואָס זענען נישט אָפּגעקויפֿט גע־

וואָרן דורך דער רעגירונג, זענען אויך געשטיגן געוואַלטיק אין ווערט צוליב דער באַן, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן. גאַנץ לאָדזש האָט גערעדט דערפון. די פויערים, וואָס האָבן ביליק פאַרקויפט די ערד, האָבן געפרעסן די וואַנסן מיט כעס. אין די רעסטאָראַנדלעך און קאַפעס האָבן די מעקלערס און סוחרים געשאַצט פלידערבוימס פאַרדינסטן, דאָס פעטע גאָלד, וואָס ער האָט אָפּגעלעקט ביים עסק.

— דאָס שפּיטאָל זיינס האָט אים גוט אָפּגעצאָלט, — האָבן אידן גערעדט מיט קנאה.

— אַ גביר האָט די וועלט און יענע וועלט, — האָבן אָרעמעלייט געזיפצט.

מאַקס אשכנזי האָט, ווי פריער, ווען ער איז נאָך געווען אַ חסידיש יונגערמאַנטשיקל, גערעכנט מיטן בליישטיפט אויף אַלע טישן, שטיקלעך סחורה, טישטיכער, די געלטער, וואָס עס האָט געמאַכט דער פאַבריקאַנט פלידערבוים, די פּראָצענטער, וואָס זיין אייגענער ברודער האָט ביים עסק אָראָפּגעשלונגען, און ער האָט זיך אויסגעצופט דאָס שפיצל פון דער געגאָלטער באָרד פאַר פאַרדרוס. מער נאָך פון געלט האָט אים געקרענקט דאָס, וואָס אין לאָדזש האָט מען נישט אויפגעהערט רעדן וועגן די גליקליכע. מאַקס אשכנזי האָט עס נישט געקאָנט הערן, עס האָט אים געעגבערט אין די שפּיציקע אויערן.

— אַזעלכע הולטאַיעס, — האָט ער נישט אויפגעהערט ברומען מיט כעס אויף די באַראָנען. — אַזעלכע פּוסטע קעפּ...

ער האָט עס זיי נישט געקאָנט מוחל זיין.

כאָטש ער איז נאָר געווען דער גענעראַל-פאַרטרעטער, איז אים שטאַרק אָנגעגאַנגען אַלץ, וואָס טוט זיך אין דער פאַבריק. האָט ער אויף אַלעם געהאַלטען אויג, געמישט זיך און געוואוסט פון אַלץ, וואָס דאַרט טוט זיך.

אָנגעהויבן האָט ער, ווי אַלע מאָל, דערמיט, וואָס ער האָט זיך געמאַכט נוצלעך. שוין אין ערשטן יאָר, ווי ער האָט איבערגענומען די גענעראַל-פאַרטרעטונג נאָך זיין פאָטער, האָט ער פאַרקויפט סחורה עטלעכע מאָל אַזויפיל, ווי מען פלעגט פאַרקויפן פריער. ער האָט פאַנאַנדערגעשיקט וואַיאַזשאָרן איבער אַלע עקן רוסלאַנד, ער האָט געשריבן בריוו, געזעסן זיך מיט סוחרים, קאָמיסיאָנערן, גערעדט, גע-

לאָפן, געטאָן, אונטערגעגעבן חשק, אָנגעצונדן. און ענדלעך האָט ער גאָר אַליין זיך אַרויסגעלאָזט קיין רוסלאַנד, כדי אָנצוטאַפּן דעם מאַרק.

מיט ווייניק רוסיש אין באַזיץ, בטבע אַן איינגעהאַלטענער מענטש, נישט קיין פרעסער, נישט קיין טרינקער, האָט ער פונדעסט־וועגן געקאָנט אַריינקריגן זיך צו די גרויסע, צעוואַקסענע, גוטמוטיקע און צעלאָזענע רוסישע סוחרים, וואָס ביי אַ גלעזל און אַ הוליאַנקע טוען זיי אויס דאָס העמד פון לייב, וואַרפן מיט געלט. ער האָט שוין שטענדיק געוואוסט, ווי אַזוי צו לאָזן עמיצן אויסטרינקען וואָס מער און אַליין צו בלייבן ניכטער. ער האָט שוין שטענדיק אַזוי אויסגעדרייט, אַז ער זאָל לאָזן די קאַצאַפּעס אָפּטאָן אַלערליי נאַ־רישקייטן און ער אַליין זאָל זיך באַצייטנס אַרויסדרייען פון די פריילעכע הייזער און ציגיינערינס, צו וועלכע זיי האָבן אים געפירט נאָכן באַגיסן אַ ניי געשעפט.

ער האָט נישט פאַרטראָגן דעם ריח פון בראָנפן, געמיאוסט זיך פון די זינדיקע הוליאַנקעס און אויסגעלאַסנקייט. מיט עקל און פאַראַכטונג האָט ער געקוקט אויף די גוים, וואָס שיכורן און הול־טאַיען. ער האָט מיט זיי מיטגעהאַלטן, ווייל ווען מען קומט צו קראָען, דאַרף מען קראַקען ווי זיי. אָבער ער האָט שוין אַזוי קונציק מאַנעווורירט, ער זאָל בלייבן ניכטער און קלאָר. ווי אַן אמתער בעל־תכלית, האָט ער געוואוסט, אַז אַלע שיכרותן און צעלאָזנקייט זענען זאַכן, וואָס זענען קיין שמעק טאַבאַק נישט ווערט. דער מענטש ווערט נאָר דערפון פאַרנאַרישט און טעמפּ, און דער עיקר איז ביי אַ מענטש דער שכל, דאָס קלאָרקייט. דער עיקר איז ביים מענטש דער קאָפּ, האַלטן דעם געדאַנק. ער האָט דעם קאָפּ געהאַלטן, פעסט אים געהאַלטן אויף די אַקסלען, שטענדיק געווען קלאָר, און עס האָט תמיד געהאַט אַ פּעולה. שוין אין ערשטן יאָר, ווי ער איז געוואָרן דער גענעראַל־פאַרטרעטער פון הונצעס פאַבריק, האָט ער געוויזן, ווער שמחה מאיר, וואָס רופט זיך איצט מאַקס אשכנזי, איז אַזוינס און וואָס ער קאָן מאַכן פון אַ זאַך, וואָס ער נעמט צו זיך אין די הענט אַריין.

די פאַבריק האָט אים זייער שיין באַלוינט פאַר זיין אַרבעט, גוטע באַדינגונגען אים געגעבן, אויך אַ פּרעמיע אים אויסגעטיילט.

אָבער וויכטיקער דערפון איז געווען פאַר מאַקס אשכנזי, וואָס ער איז געוואָרן אַן אייגענער מענטש אין דער פאַבריק און די הונצעס האָבן זיך גענומען מיט אים מישב זיין אין אַלעם, וואָס זיי טוען.

מיט די פּלוטעוואַטע אויגן, וואָס זעען אויף דעם ערשטן אויגנ-בליק אויס ווייך און אומשולדיק, נאָר אין דער אמתן קוקן זיי שאַרף און דורכדרינגלעך, האָט ער גלייך, אַריינשטעלנדיק די פיס אין פאַבריק אַריין, דערזען, אַז דער דיקער הויפּט-דירעקטאָר אַל-ברעכט, וואָס שטולן ברעכן זיך אונטער זיין משא, איז פויל און פאַרשלאָפן און ער פירט אַזוי אויך די פאַבריק. וואָס ווייטער האָט ער איינגעזען, אַז דער דיקער דירעקטאָר פירט גאָר די פאַבריק איינגאַנצן נישט. זי גייט אַליין, מעכאַניש, אָנגעשטעלט ווי אַ גוטער זייגער, וואָס מען האָט אָנגעדרייט. פּונקט ווי פריער, פאַר דעם אַלטן הונצע, אַזוי אויך איצט פאַר די יונגע, האָט דער דירעקטאָר אַלברעכט אויסגעצויגען זיך ווי אַ סטרונע, ווען זיי האָבן צו אים גערעדט, קוים איינגעשטאַנען אויף זיינע דיקע קלאָצעוואַטע פיס אין די שטאַרק ברייטע טאַרביקע הויזן, און אויף אַלץ נאָכגעשאָקלט. געברומט:

— יאַ-וואָל, הער באַראָן!

און מאַקס אשכנזי האָט אַריינגעשטעלט אַ פוס אין דער פאַ-בריק אַריין. ער האָט די יונגע באַראָנען געגעבן אַן עצה, ווי אַזוי צו שפּאָרן, ווען צו אַרבעטן און ווען זיך אָפּצושטעלן, וואָסערע סחורות צוצוגרייטן צום סעזאָן, די עצות האָבן זיך שטענדיק אַרויסגעוויזן ריכטיקע, אויפן אָרט, און די הונצעס האָבן אים גע-נומען האַלטן ווי אַן אייגענעם מענטש, נישט געטאָן קיין שום זאַך, נישט אָנפרעגנדיק זיך ביי דעם איד זייערן.

— וואָ אייגענטליך האָבען זי דאָס אַלעס שטודירט, אשכנזי?— האָבן זיי אים געפרעגט מיט חידוש.

— אין דער אַקאַדעמי טאַלמוד, ביי דען פּראָפעסאָרען אַבאַיע ווערראָווע, — האָט מאַקס אשכנזי געזאָגט מיט גדלות, ווי ער האָט עס געהערט אַמאָל דערציילן אין בית-המדרש וועגן אַ גרויסן פאַרצייטיקן למדן, וואָס האָט אַזוי געענטפערט ווען מען האָט אים געמאַכט פאַר אַ מיניסטער.

דעם דיקן דירעקטאָר אַלבערט האָט דער עסק אָנגעהויבן פאַר־דריסן. ער האָט געזען, ווי דער איד דרייט זיך אים צופיל, ווערט אַ גאַנצער באַלעבאָס, און ער האָט געשוויצט אויפן גאַנצן גרויסן און דיקן קערפּער פאַר אויפרעגונג, וואָס דער פּאַרשוין מישט זיך אים אַריין אין זיינע געשעפטן און מאַכט אים אַ בייזע מערכה ביי די הונצעס. אָבער קעגנשטעלן זיך האָט ער נישט געוואַגט. צופיל איז ער געווען אונטערטעניק זיינע באַלעבאַטים, ער זאָל עפּעס זאָגן קעגן זייער ווילן. נאָך מער איז ער געווען שלעפעריק און פויל. און ער האָט זיך געטרייסט מיט די וועבערינס, וואָס דער דינער מעלכיאָר האָט אים אַלע פּאָר וואָכן צוגעשטעלט אַ נייע, זי זאָל אים רוימען די וואוינונג ביי דער פאַבריק. וואָס ווייטער איז מאַקס אשכנזי אַלץ געוואָרן מער באַלעבאָס אין דער פּאַבריק. ער האָט אַריינגעטראָגן לעבן און אומרואיקייט אין די שווערע פאַבריק־ווענט. ער האָט גע־טאָן, וואָס ער האָט געוואָלט. וואָס ער האָט פאַרשטאַנען פאַר נויטיק. פּונקט אַזוי האָט ער שטענדיק צוגעשטעלט געלט פאַר די הונצעס, וויפל נאָר זיי האָבן געדאַרפט. איידער נאָך דער דירעקטאָר אַלברעכט האָט גענומען טראַכטן וועגן קריגן געלט, האָט מאַקס אשכנזי שוין געבראַכט פון זיין געשעפט גרייטע סומען, ווען נאָר איינער פון די באַראָנען האָט געברויכט. זיין חשיבות איז אין פאַבריק געוואַקסן מיט יעדן טאָג. דער דירעקטאָר אַלברעכט אַליין האָט אים שוין חניפהדיק מכבד געווען מיט ציגאַרן, געוואָלט אים האָבן אויף זיין זייט, אויך זענען אַלע, וואָס האָבן געדאַרפט עפּעס אַ טובה ביי די באַראָנען, געקומען פריער צו אשכנזין, ער זאָל רעדן אַ גוט וואָרט פאַר זיי.

אָבער זינט דעם באַל ביי פלידערבוימען און דער געשיכטע מיט די פלעצער, האָט לאָדזש איינגאַנצן פאַרגעסן אין אים, מאַקס אשכנזי, נאָר גערעדט וועגן פלידערבוימען, אויך וועגן זיין נייעם גענעראַל־פאַרטרעטער, וואָס האָט די פלעצער אויסגעקויפט אַזוי קונציק. מער ווי אומעטום האָט מען וועגן זיין ברודער גערעדט אין זיין אייגענער שטוב. די שוויגער זיינע, וואָס איז אָפט צו דער טאָכטער געקומען, האָט געהאַלטען אין איין דערציילן וועגן יעקב בונמען, וועגן זיין עלעגאַנץ אויפן באַל, וועגן אַלע זיינע ערפאָלגן. דוקא, ווייל ער, מאַקס, האָט עס נישט געוואָלט הערן, האָט זי,

די גרויסארטיקע אידעגע, גערעדט וועגן דעם, צוגעלייגט אַלערליי פּאַנטאַזיעס און גוזמאות.

— וואָלסט אים געמעגט זען, דינהלע, — האָט זי דערציילט פאַר איר טאַכטער, — ווי אַ פּרינץ זעט ער אויס, אַז ער פאָרט דורך די פּיעטראָקאָווער גאַס. ווער וואָלט זיך געקאָנט ריכטן!

דינהלע האָט אויסגעהערט און געזיפצט. מאַקס אשכנזין איז געראָטן געוואָרן דאָס בלוט. ער האָט זיך נישט געבייזערט אויף דער שוויגער. צו וואָס זיך אויסגעבן? אָבער אירע רייד האָבן אים ווי מיט שטעכלקעס די הויט געשטאָכן. ער איז פאַרן קאָמפּאָט נאָך ארויס פון שטוב.

כאָטש ער איז נאָך דערוויל געווען בלויז דער גענעראַל-פאַר-טרעטער, האָט ער געפילט די הונצעס דורכפאַל ווי זיין אייגענעם. ער האָט ליב געהאַט אריינוואַרפן זיך אין יעדער זאַך, צו וועלכער ער רירט זיך צו, מיטן גאַנצן לייב און לעבן, און אויך אין הונ-צעס פאַבריק האָט ער זיך אַזוי אריינגעוואָרפן. די מעשה מיט פלידערבוימס פלעצער האָט אים נישט געגעבן קיין מנוחה אין די נעכט, קיין טעם אין עסן און אין טרינקען. וואָלט עס געווען געלעגן אין זיינע הענט, וואָלט ער שוין אַזאַ זאַך פון די הענט נישט ארויס-געלאָזט. ער וואָלט שוין דעם פלידערבוים נישט צוגעלאָזט אַזאַ אוצר. אָבער ביי אַלע זיינע עצות, וואָס ער האָט געגעבן דער פאַבריק, האָט ער אין אַזעלכע זאַכן גאָרנישט געקאָנט טאָן. צו קורץ איז ער נאָך געווען צו אַזעלכע מענטשן ווי אַ גובערנאַטאָר. דאָס האָט מען געמוזט איבערלאָזן צו זיי אליין, צו די באַראָנען הונצע, און אויף זיי האָט מען זיך נישט געקאָנט פאַרלאָזן. זייערע גויאישע קעפּ זענען געלעגן אין נאַרישקייטן, אין פּוסטע זאַכן. צוליב זייער נאַרישקייט און פּוסטקייט האָבן זיי פלידערבוימען אין די הענט אריין אַ געפונענעם אוצר אוועקגעגעבן.

איבעריקנס, האָט ער זיך געהאַט זיינע אויסרעכענונגען, מאַקס אשכנזי. כאָטש ער האָט נאָך זייער טיף זיך געבויגן פאַר די הונ-צעס, אָנגעוויזן געווען בלויז אויף זייער חסד, האָט ער געזען, אַז עס וועט קומען אַזאַ טאָג, ווען ער אַליין וועט זיצן אין גרויסן פאַבריק-קאַבינעט און אַנדערע וועלן פאַר אים זיך בויגן. ער האָט געזען זייער לעבן, זייער אויסברענגערישקייט, און ער האָט פאַר-

שטאנען, אז מיט פליים און ארבעט קאָן מען אַ סך דערגרייכן. מען דאַרף נאָר זען אריינגעמען די פאַבריק וואָס מער אין די הענט אריין, ווערן דער צענטער פון איר, דאָס האַרץ, און מיט געדולד, ארבעט און שכל קאָן מען דעם ציל דערגרייכן. כאָטש דאָס איז נאָך געווען אַ ווייטע זאַך, האָט ער שוין גענומען קוקן אויף אַלעם ווי אויף אייגנס, איז אים אַלץ געווען טייער. מער נאָך פון די הונצעס אַליין, האָט ער שוין באַצייטנס געפילט אַ שנאה צו דעם קאָנקורענט פלידערבוים, געוואָלט אים פּאַרניכטן, אָפּרוימען פון מאַרק, צוזאַמען מיט זיין גענעראַל-פאַרטרעטער, וואָס האָט זיך אים אוועקגעזעצט גלייך אין די אויגן אריין.

ביים עסן און שלאָפן, ביים רעדן מיט מענשן און ביים דאַווענען אפילו, וואָס ער האָט נאָך אַמאָל אריינגעכאַפּט אויף יוצא זיין, האָט אים גענאָגט, געפּייניקט, געגעסן. ער האָט כסדר געקלערט, וואָס אַזוינס צו טאָן, אַז דער פלידערבוים, דער ברודער זיינער, גאַנץ לאָדזש און זיין אייגענע שטוב זאָלן פון אים רעדן, פאַרגעסן אין אַלע אַנדערע. אָ, ער איז נאָך נישט געפּגרט. ער, מאַקס אשכנזי, וועט נאָך ווייזן, וואָס ער קאָן! פּאַמעלעך, נאָר געדולד. און לאַכן וועט דער, וואָס וועט לאַכן צום לעצטן. ניין, ווען זיי, די באַראָנען זיינע, זענען שלימזלען און הולטאַיעס, מוז ער האַלטן די פאַב- ריק אויף זיין קאָפּ. דאָס איז נישט קיין קונץ צו גיין אין דער הויך, ווען דאָס גליק אַליין שטופּט אונטער, לויפט אין די הענט אריין. אַ קונץ איז, ווען מען כאַפּט אַליין עפּעס, ווען מען דער- טראַכט זיך אַליין צו עפּעס.

און מאַקס אשכנזי האָט זיך דערטראַכט.

צום ערשטן האָט ער אַ זייער וויכטיקע ענדערונג אין דער פאַבריק דורכגעפירט. ער האָט צוגערעדט די הונצעס אָפּצוטיילן זיך פון דעם שותף געצקע און בעסער גרינדן אַן אַקציען-געזעל- שאַפט פון דער מאַנופאַקטור-פאַבריק פון די באַראָנען-ברידער הונצע. די באַראָנען האָבן זיך אין דעם אָנגעכאַפּט. זיי האָבן שוין לאַנג געוואָלט פטור ווערן פון דעם גראָבן יונג געצקע, וואָס האָט זייער באַראָנענשאַפט נישט אָנערקענט און גערופן זיי ביי די נעמען פאַמיליאַר, ווי אַמאָל, ווען זיי זענען נאָך אינגלעך געווען. עס האָט זיי נישט געפּאַסט איצט. מאַקס אשכנזיס עצה פטור צו ווערן פון

שותף, האָט זיי אריינגעטראָפן אין ריכטיקן פּינטל. אבער זיי האָבן נישט געהאַט קיין צייט דורכצופירן די זאַך. זיי האָבן געהאַט אַנדערע ארבעט, יאַגד, פעכטן און רייזעס. אשכנזי האָט עס אַליין דורכגעפירט. דאָס איז געווען א גרויסער זיג פאַר אים.

אין לאָדזש האָט מען וועגן דעם גערעדט. אויך האָט ער פון דער פאַבריק א שיין פּעקל אַקציעס פאַר א באַלוינונג געקריגן. ער האָט נישט געוואָלט קיין געלט, נאָר אַקציעס.

באַלד דערנאָך האָט ער זיך גאָר צו א גרויסער זאַך דערטראַכט, וואָס האָט די שטאָט אויפגערודערט.

געקומען איז עס אים אויפן געדאַנק צופעליק, דורך א נאַרישקייט.

גייענדיק אַזוי פאַרטראַכט איבער דער גאַס, האָט אים פּלוצלינג א רויט ווייבעריש קלייד א בלענד געטאָן פאַר די אויגן. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט.

עס איז ניט געווען די פרוי, וואָס האָט אשכנזין פאַרכאַפּט. וואָרום כאָטש אשכנזי האָט שוין מער נישט געהייסן שמחה מאיר, נאָר מאַקס, און די באָרד און די קליידער אָפּגעשניטן, ווי א דייטש, האָט ער נאָך קיין ווייבער זיך נישט געיאָגט.

דער קאָפּ זיינער איז נישט געלעגן אין אַזעלכע זאַכן; ער האָט אויך נישט געהאַט קיין צייט דערצו. ער האָט געוואוסט, אַז צוליב אַזעלכע זאַכן פאַרלירן מענטשן דעם שכל, פאַרמעגנס. זיין קאָפּ איז געלעגן אין תכליתים, אין גרויסע זאַכן. זיינע אויגן האָבן גערנער פון אַלץ געזען ציגל-רויטע פאַבריק-ווענט, רויך, מאַשינען, אָנגעשטאָפּטע וואַגאָנען מיט סחורה, ניין, נישט די פרוי איז עס געווען, וואָס האָט א בלענד געטאָן אין זיינע פּלוטעוואַטע אויגן. דאָס איז געווען איר קלייד, א פּראָסט קלייד, אָבער זייער א פאַרביקס, פון אַזאַ גלאַטער און ליכטיקער רויטקייט, וואָס אין לאָדזש קאָן מען גאָר אַזאַ פאַרב נישט ארויסקריגן.

מאַקס אשכנזי האָט זיך אָפּגעשטעלט באַטראַכטן די פרוי. זי האָט א קוק געטאָן, אָפּגעמאָסטן דעם מאַנס גרויע אויגן און געגאַנגען ווייטער. דער מאַן איז איר נאָכגעגאַנגען. ענדלעך האָט זי זיך אָפּגעשטעלט ביי א פאַבריק-פאַרקאָן. אשכנזי האָט זיך אויך אָפּגעשטעלט, אָבער נישט גערעדט צו דער פרוי, בלויז אָנגעקוקט.

די פרוי האָט גערעדט. זי איז געווען אַ פּראָסטע, נישט גאָר קיין יונגע, אָבער אַ פעסט-געבויטע.

— וואָס גייט מיר דער הער נאָך? — האָט זי געפרעגט.

— עס געפעלט מיר אייער קלייד, — האָט אשכנזי געענטפערט אַ פאַרשעמטער, מורא האָבנדיק עמיצער זאָל אים נישט דערזען.

— איך בין אַן אָרנטלעכע פרוי, — האָט די גויע אין רויטן קלייד געזאָגט און געוואַרט.

— וואו האָט איר געקויפט דאָס קלייד? — האָט אשכנזי געפרעגט.

די גויע האָט געלאַכט. זי האָט געוואוסט, אַז דער מאַן וויל עפּעס אַנדערש, נאָר ער האָט נישט קיין מוט, דעריבער רעדט ער פון קלייד. זי האָט געזען, אַז ער גייט רייך געקליידט און עס האָט זיך איר געגלוסט לאַכן סיי פון זיין נאָכגיין נאָך איר, סיי פון זיין רעדן וועגן קלייד.

— איך בין נישט קיין גאַסיקע, — האָט זי ווידער געזאָגט. — זאָל זיך דער הער גיין, איך האָב אַ מאַן.

אָבער דער הער איז נישט געגאַנגען, נישט ער האָט זי גערופן גיין מיט זיך.

— אפשר קאָנט איר מיר פאַרקויפן אייער קלייד? — האָט ער געפרעגט. — איך וועל אייך גוט באַצאָלן דערפאַר.

די פרוי אין רויטן קלייד איז אינגאַנצן צעטומלט געוואָרן. אַ ווײַלע האָט זי אַ טראַכט געטאָן, אַז דער מאַן מיטן שפּיציקן בער-דעלע וויל איר שלעכטס טאָן. זי האָט נישט איינמאָל געהערט וועגן די אידן, אַז זיי שעכטן יונגע קריסטלעכע פרויען צו די מצות, וואָס זיי עסן. באַלד האָט זי דעם געדאַנק אָפּגעוואָרפן און דערטראַכט זיך צו עפּעס אַנדערש. זי האָט פון די דאָרפישע ווייבער אָפט גע-הערט, אַז אין די שטעט זענען די מענטשן מאָדנע פאַרשוינען, מיט אויסטערלישע געוואוינהייטן, איבערהויפּט די מענער, וואָס באַ-גייען זיך גאָר אַנדערש מיט ווייבער, ווי די פויערן אין די דער-פער.

— צו וואָס דאַרפט איר מיין קלייד? — האָט זי איבערגע-פרעגט מיט אומצוטרוי. — דער הער מאַכט ליצנות?

נאָר מאַקס אשכנזי האָט ארויסגענומען אַ גאָלדן צענער-רובל

און דער פרוי געוויזן. האָט זי נישט געקאָנט ביישטיין דעם רייץ פון גאָלד און גערן געוואָרן מיטצוגיין מיט דעם מאַן.

געמיינט האָט זי, אַז ער וועט גיין מיט איר אין אַ געהיים אָרט, אָבער געגאַנגען איז ער מיט איר ביז צו זיין לאַגער. דאָרט האָט ער איר געשיקט קופן אַ ניי קליידל, אַ שטאַטישס און אַ פאַרביקס, און פאַר דעם אַלטן קליידל, וואָס זי האָט געקויפט אין דייטשלאַנד, ווען זי איז דאָרט צוזאַמען מיט אַנדערע ווייבער גע-גאַנגען גראָבן קאַרטאָפל, אין זומער, האָט זי פון דעם רייך-געקליי-דעטן מאַן אַ בליצנדיקן אימפעריאַל געקריגן.

זי איז אַנטלאָפן פון דעם אויסטערלישן מאַן, וואָס האָט זי נישט געוואָלט, פול מיט מורא און אומגעזעטיקטער נייגעריקייט. זי האָט זיך כסדר אומגעקוקט, צי מען לויפט איר נישט נאָך און מען פאָדערט נישט ביי איר צוריק דאָס געלט. און מאַקס אשכנזי האָט זיך גלייך אַוועקגעזעצט ביים טיש און צעדרילעוועט דאָס קליידל, וואָס די רויטקייט דערפון איז זייער ליכטיק און קלאָר און וואָס אַזעלכע קאָן מען גאָר אין לאָדזש נישט ארויסקריגן. מאַקס אשכנזין האָט גלייך אַ שאָס געטאָן אין קאָפּ, אַז ווען מען קאָן ארויסלאָזן אין לאָדזש אַזאַ מוסטער, וואָלט מען געקאָנט מאַכן אַ פאַרמעגן. כאָטש ער האָט אויף די ווייבער קיין גרויס אַכט נישט געלייגט, נישט קיין צייט געהאַט פאַר זיי, האָט ער פונדעסט-וועגן געקענט זייערע שוואַכקייטן, זייער ליבע צו העלע, ליכטיקע פאַרבן. ער האָט שטענדיק פאַרשטאַנען אויסצוקלויבן אַ מוסטער ביי די צייכענער, אויסצואוויילן אַ פאַרב, וואָס זאָל נעמען די ווייבער איבערהויפּט די פּויערטעס אין רוסלאַנד. אויך איצט האָט ער דער-זען, אַז ווען מען קאָן אַזאַ רויטקייט ארויסקריגן, וואָלט מען דער-מיט גאַנץ רוסלאַנד פאַרפלייצט. אָבער אין לאָדזש קאָן מען עס נישט מאַכן. די כעמיקער דאָ ווייסן נישט דעם סוד דערפון. זייער רויטקייט איז אַלעמאָל טונקל, מרה-שחורהדיק.

און ער האָט אָפּגעמאַכט ביי זיך, ארויסצוכאַפּן זיך קיין דייטשלאַנד און דערגיין דעם סוד דערפון.

שטיל, קיין שום מענטש זאָל נישט ווייסן, אפילו נישט די מענטשן פון זיין געשעפט, אפילו נישט די הונצעס, האָט ער דורך דעם ליטוואַק ליפע כאַלפן אַן אויסלענדישן גובערנאַטאָר-פּאַס זיך

געמאַכט און אַריבערגעפֿאָרן די גרענעץ. געפֿאָרן איז ער קיין פראַנק-פורט אַם מאַין, וואו אידן זענען דאָ אַ סך און זיי זענען פרומע, אידישלעך דערצו. דאָרט אין די סינאַגאָגן, אין די כשרע רעסטאָראַנען, וואו דאָקטוירים עסן אין יאַרמעלקעלעך, אין די בתי-מדרשים, וואו פראָפעסאָרן זיצן אין די אָוונטן ביי די גמרות, האָט ער זייער גיך ביי די דייטשען זיך איינגעקויפט. מיט זיין לומדות און שיטן תורה האָט ער אַ גרויסן רושם געמאַכט אויף די פרומע אידן אין די צילינדערס. דערצו איז ער נישט געקומען שנאָרן, ווי די אַנדערע אידישע לומדים פון פוילן, נאָר געשטעלט זיך ברייט, מנדר געווען אַ שיינע נדבה אין שול פאַר דער עליה, וואָס מען האָט אים מכבד געווען. און אינגעכן האָט ער זיך צונויפגערעדט מיט אַ כע-מיקער, אַ ספּעציאַליסט, וואָס כאָטש אַליין האָט ער שלעכטע אויגן געהאַט און געטראָגן דעריבער שוואַרצע ברילן, איז ער פונדעסט-וועגן געווען אַ גאון אין פאַרבן. אַט מיט דעם פראַנקפורטער כעמי-קער, וואָס פאַרפעלט נישט קיין דאַווענען אין צוג, וואָס פאַרזוכט נישט קיין פרוכט אין וועג אָן אַ ברכה און אָן צודעקן דעם קאָפּ מיט אַ קליין יאַרמעלקעלע, איז ער שטיל, בסוד-סודות קיין לאָדזש געקומען. ער האָט דעם פרעמדן מאַן אויף דער גאַס נישט אַרויסגע-לאָזט, ביי זיין טיש געשפּייזט, אין זיין וואוינונג אַ צימער אים געגעבן, כדי מענטשן זאָלן אים נישט זען, נישט וויסן פון אים.

געהיים, בסוד-סודות, האָט דער פרעמדער מאַן אין די שוואַר-צע ברילן אַרויסגעלאָזט די רויטע פריילעכע סחורות אין הונצעס פאַבריק געגוי ווי די, וואָס מאַקס אשכנזי האָט ביי דער גויע פאַר אַן אימפּעריאַל איינגעהאַנדלט. די פאַבריק האָט געאַרבעט בייטאָג און ביינאַכט, געיאָגט, געטריבן. און אַז צום סעזאָן האָט אשכנזי דער גענעראַל-פאַרטרעטער אַרויסגעלאָזט די רויטע האָפּערדיקע שטאָפן, איז געוואָרן אַזאַ בהלה צווישן די סוחרים, אַז מען האָט געכאַפּט די סחורה ווי מצה־וואַסער. וואָיאַזשאָרן, קאָמיסיאָנערן, סוחרים האָבן אָפּגעריסן דעם לאַגער, געשיקט טעלעגראַמעס. די פאַבריק האָט גאָרנישט געקאָנט אָניאָגן אַזויפיל. באַלד האָט מען געמוזט העכערן דעם פרייז. די ווייבער האָבן געצאָלט אין טאָג אַריין פאַר דעם העלן, ליכטיקן און הייסן שטאָף, וואָס האָט זיי גע-מאַכט איינגער און רייצנדער.

לאָדזש האָט געקאָכט, ארומגעלאָפן ווי צעדולט, געזוכט נאָכ-צוקאָפּירן, אָבער דערווייל האָט הונצעס פאבריק געמאכט א פּאר־מעגן. דער איניציאַטאָר און פארשפרייטער פון די סחורות, מאקס אשכנזי, האָט צום געשעפט נישט דערלייגט. ער האָט געקאָנט אריינברענגען געלט, אָבער ער האָט אויך געוואוסט צו נעמען א גוטן פּראָצענט. ער האָט פאר עולם הבא נישט געאַרבעט. פאר וויפל געלט נאָר ער האָט געמאכט, האָט ער געקויפט אקציעס פון דער מאנופאקטור־פאבריק הונצע.

לאָדזש האָט נישט גערעדט מער פון פלידערבוימען, נישט אומגעקוקט זיך אויף זיין גענעראַל-פאַרטרעטער, וואָס יאָגט זיך ארום מיט זיין קארעטע איבער דער פּיעטראָקאָווער גאַס. גערעדט האָט מען וועגן די הונצעס: ניין, וועגן מאקס אשכנזי און זיין עלווישן קאָפּ.

— ער וואקסט, — האָט מען געמורמלט און געוויזן אויף אים מיט די פינגער, ווען ער איז א שמאָלער און פאַרטאָענער גע־פאָרן אין דער ברייטער קארעטע, וואָס די פאבריק האָט אים גע־שאָנקען א מתנה, איבער די שלעכט־געפלאסטערטע, ענגע און פאר־עפּושטע לאָדזשער גאסן.

ניין, ביי אלע זינגן האָט ער נישט געקאָנט פאָרן אין קיין קא־רעטע, מאקס אשכנזי. ער האָט זיך פארלוירן אין דער ברייט-קייט, פאררוקט זיך אין א זייט, קיין טעם נישט געפילט דערין. דאָך איז ער איצט זעלטן געגאנגען צופוס, נאָר פונאנדערגעלייגט זיך אין דער קאָטש מיט געמאכטער רחבות, מענשן זאָלן אים זען, די אייגענע פרוי זאָל אים זען.

אָבער זי האָט אים נישט געזען, דאָס ווייב זיינס, קיין איין מאָל נישט א קוק געטאָן דורך די פאָרהאנגען, ווען ער פאָרט אוועק פון שטוב אין געשעפט אריין.

— דיאַנאַ, — האָט ער געזאָגט, — ווען דו עטוואס צו בע-זאָרגען האסט, נעמע איך דיך מיט. גיבט גענוג פּלאַץ.

— ניין, איך וועל זיך בעסער איבערגיין מיט דער מאמען, — האָט דינהלע געענטפערט גלייכגילטיק.

מאקס אשכנזי האָט פאר בעס נישט געענטפערט די נישט־

וויכטיקע פאַרבייגייער, וואָס האָבן געצווינגן פאַר אים די היט. ער האָט זיך געמאַכט זיי נישט־זעענדיק.

קאַפּיטל פינף

לאַדזש האָט זיך אָפּגעשטעלט.

ווי עמיצער, וואָס פּרעסט זיך איבער צופיל, פאַרדאַרבט זיך דעם מאָגן און קאָן נישט מער פאַרדייען, ביז ער גיט נישט צוריק אַלץ, וואָס האָט דעם מאָגן פאַרשטאָפּט. אַזוי האָט זיך די טומל־דיקע און אַרבעטנדיקע שטאָט איבערגעפּרעסן מיט סחורה.

אויסער די גרויסע פאַבריקאַנטן, וואָס האָבן געאַרבעט אַ סך, צו צוויי שיכטן אַ טאָג, און אָנגעליינט ריזיקע לאַגערס מיט סחורה, האָבן קליינע, קליינטשיקע און פּיצינקע פאַבריקאַנטלעך געיאָגט, געטריבן און פּראָדוצירט. קיין געלט האָט מען נישט געדאַרפט. אַלץ איז אין דער שטאָט געגאַנגען אויף קרעדיט, אויף וועקסלען.

פאַר וועקסלען האָט אַ סוחרישער זון חתונה געהאַט מיט אַ סוחרישער טאָכטער. דער יונגערמאַנטשיקל האָט צו דעם שווערס וועקסלען בלויז זיין אונטערשריפט צוגעלייגט און געקריגן פאַר זיי גאָרן און ביינוול. דעם גאָרן און ביינוול האָט ער געלאָזט אויס־אַרבעטן ביי אַ לוינקעטניק און אים געצאָלט מיט וועקסלען. די לוינקעטניקעס האָבן צוגעלייגט זייער אונטערשריפט און אָוועק־געגעבן די וועקסלעך זייערע געזעלן פאַר דער אַרבעט. די געזעלן האָבן צוגעלייגט זייערע שווערע קאָטשערע־אונטערשריפטן און אָוועקגעגעבן די וועקסלעך פאַר אַלעם, וואָס נאָר זיי האָבן געדאַרפט האָבן צום לעבן — פאַר ברויט און קאַרטאָפל, פאַר דירה און קליי־דער.

פון שטעט און שטעטלעך זענען סוחרים, קעסט־איידעמלעך, טאַנדעטניקעס, קרעמערלעך געקומען און אָנגעקויפט סחורות גאַנצע פורן אָן איין גראָשן געלט, בלויז פאַר וועקסלעך, וואָס זיי האָבן אונטערגעשריבן. קיין געלט האָבן די סוחרים נישט געדאַרפט. זיי האָבן גלייך די וועקסלעך פונאַנדערגעטיילט ווייטער, פאַר סחורה, אַרבעט, אַ. אַ. וו. מיט וועקסלעך האָט מען געצאָלט די משרתים אין די

געשעפטן, דינסטן פאר שטוב־ארבעט, שניידערס פאר קליידער, מלמדים פאר מלמד־געלט. די פריילעכע וואַיאַזשאָרן און קאָמי־סיאָנערן זענען אַרומגעפאָרן איבער דעם גרויסן רוסלאַנד, גענומען מאסן סחורות, פאר וואס זיי האָבן גרויסע וועקסלען פון רוסישע סוחרים צוגעשיקט. לאַדזש האָט קיין געלט נישט גענוצט, נישט געברויכט עס. אַלץ האָט מען געקריגן פאר אַן אונטערשריפט. פאר וועקסלען האָבן אידן געקויפט גרויסע עליות אין די בתי־מדרשים, פדיונות דעם רבין געגעבן. פאר וועקסעלעך האָבן משרתים־פּאַ־צעטן געהוליעט אין רעסטאָראַנען, געקויפט כלה־מתנות. אפילו פרויען אין די פריילעכע הייזער און שפעטער די דאָקטוירים פאר היילן ווענערישע קראַנקהייטן האָט מען געצאָלט מיט וועקסעלעך...

ווער עס איז געווען פיפיק, געשיקט, האָט מיט די ליידיקע הענט פארלייגט געשעפטן, אָנגעקויפט זיך טייערע מעבל, צירונג, געשפּילט אַ ראָלע. מיט יעדן טאָג זענען אַנדערע האַנט־וועבער אוועק פון די שטולן און גענומען מסחרן, דרייען. מען האָט בלויז געדאַרפט דערצו אַ שטיקל דריי־קאָפּ. קאָנען זיך אונטערשרייבן און האָבן די ערשטע פּופּצן קאָפּיקעס אויף אַ וועקסל, די איינציקע סחורה, וואָס מען האָט אין לאָדזש פאר קיין וועקסל נישט גע־קריגן, נאָר געמוזט קויפן פאר מזומנים.

נישט אָפּהענגיק פון געלט, צערייצט פון שנעלן רייך ווערן, צעלאָזן פון ריזיקער קאָנקורענץ, האָט לאָדזש געקאָכט, געטומלט, געאַרבעט אָן מאָס און סיסטעם, אָן נוצן און נויטיקייט. מען האָט געיאָגט, געטריבן, געשמייעט, געכאַפּט, גענומען, געדרייט, אַליין פון קיין חשבון נישט געוואוסט, פארשכורט זיך אין הפקרות, גע־לעבט אַ פּאַפּירן לעבן, אָן תכלית און אויסרעכענונג. די איינציקע, וואָס האָבן געטאָן זייער זאַך, געאַרבעט שווער און ביטער, נישט געוואוסט פון קיין מנוחה און רו, זענען געווען די אַרבעטער אין די פאַבריקן, די געזעלן און די באַלמעלאָכעס אין די ווערקשטאַטן. נאָר זיי מיט זייער שווערער מי און קליינעם לוין האָבן געהאַלטן אויף זייערע אַקסלען די ריזיקע, צעלאָזענע, צעיאַכמערטע שטאָט פון הפקרות, נאַרעריי און משוגעת.

פּלוצלינג איז די שטאָט שטיין געבליבן. אַ שווערער ביסן איז געבליבן שטעקן אין איר זויל־וסובאַשן האַלז, און זי האָט גענומען

ווארפן זיך אין קראמפן, אין קאָנוואולסיעס. זי האָט גענומען אויס־מייקענען אַלץ, וואָס זי האָט אין איר פּרעסערישן מאָגן אריינגע־לייגט אין די יאָרן פון חזיריי און געמיינקייט.

צו דעם אַלעם איז אַ טרוקענער זומער געקומען אין לאַנד, וואָבן ־ לאַנג איז קיין רעגן נישט געגאַנגען. די פּראוואָסלאַוונע גלחים האָבן זיך אין זייערע גאָלד און זילבער-אויסגעשטיקטע פּאַ-ראד-קליידער אָנגעטאָן, די הייליקע בילדער אויף די פעלדער ארוים-געטראָגן און מיט פּויערים און פּויערטעס אויף די קני געבעטן ביי כריסטוסן און זיין הייליקער מוטער, זיי זאָלן טאָן גענאָד צו די מענטשן און חיות און אראָפּשיקן רעגן. אָבער די תפילות האָבן נישט געהאָלפן און די זון האָט נישט אויפגעהערט פלאַקערן און ברענען די פעלדער און סטעפּעס פון גרויסן רוסלאַנד, איבערהויפּט די ברויט-געגנטן פון לאַנד. די בהמות זענען געפאַלן פון דורשט און הונגער. און אַז ס'איז געקומען צום שניט, ווען מען האָט גע־דאַרפט אראָפּנעמען דאָס, וואָס די זון האָט נישט אינגאַנצן אויס־געברענט, האָבן רעגנס געדיכטע און אומאויפהערלעכע גענומען גיסן און ווייקן און פארפוילט דאָס לעצטע אויף די פעלדער. פון הונגער און פון געפּגרטע בהמות, וואָס האָבן זיך אומעטום גע-וואַלגערט נישט באַגראָבענערהייט, האָבן מגפות זיך גענומען שפרייטן איבער די פעלדער, כאָליערע, בויך־טיפוס און שאַרלאַך. אין פיל דערפער, איבערהויפּט אין קליין־רוסלאַנד, האָבן די פּוי־ערים פארטריבן די אידען פון זיך, ווייל מען האָט געזאָגט, אַז זיי פארגיפטן די ברונעמס. אין אנדערע ערטער האָבן די פּויערים גע-שלאָגן מיט דרענגער און היי־גאָפּלען די סטודענטן, וואָס זענען אראָפּגעקומען אין די דערפער, כדי צו באַגיסן די מגפות מיט קאַלך, סמאָלע און קארבאָל. אָבער די מגפה האָט זיך נישט אָפּ־געשטעלט.

די פּויערן זענען נישט געקומען אין די שטעט אויף די מערק. די קרעמער און סוחרים זענען געבליבן מיט די סחורות, וואָס זיי האָבן אראָפּגעבראַכט פון לאָדזש צום הערבסט-סעזאָן. קיינער האָט נישט געקאָנט צאָלן די אויסגעשטעלטע וועקסלען. פּראָטעסטן זענען אָנגעקומען קיין לאָדזש אין די צענטליקער טויזנטער, מיט יעדן טאָג, מיט יעדער שעה, מיט יעדער מינוט. די פאבריקאַנטן, וואָס

האָבן גענומען געלט אין די בענק, זענען געבליבן הינטערשטעליק. באַנקען האָבן געקראַכט.

אויפֿן ערשטן פֿייער פֿון קריזיס זענען געגאַנגען די קליינע פֿיש, די אַלע קלענערע פֿאַבריקאַנטן, פֿאַבריקאַנטלעך, קעטע-אַרויסגעבער, גאַרן און ביינוול-הענדלער, שניט-קרעמער, סוחרים, קאָמיסיאָנערן, מעקלער, לוינקעטניקעס און טויזנטער אַנדערע, וואָס האָבן זיך, ווי פֿליגן, געדרייט אַרום דער זיסער פֿאַררויכערטער שטאָט. ווי שטרוי האָבן געברענט די אַלע וועקסל-אונטערנעמונגען. מענטשן זענען אַרומגעלאָפֿן ווי די פֿאַרסמטע מייז, געוואָלט פֿאַרקויפֿן די וועקסלען זייערע פֿאַר גראָשנס, נאָר קיין בעלנים זענען נישט געווען. די גרויסע פּאַפּירענע קייט, וואָס האָט די שטאָט אַרומגענומען, געבונדען איינעם מיטן אַנדערן, האָט געקנאַקט, איז צעקראָכן געוואָרן אונטער די הענט. איינער האָט דעם צווייטן מיטגעשלעפּט מיט זיך אין אָפּגרונט אַריין.

די גרויסע פֿיש, די לויתנס, די פֿאַבריקאַנטן-מיליאָנערן האָבן אויך געכאַפּט אַ טרייסל פֿון די צעשטורעמטע קריזיס־כוואַליעס, אָבער פֿעסטע, שטאַרקע, האָבן זיי די קלעפּ אַריבערגעטראָגן. זיי האָבן בלויז אַרויסגערוקט זיך אויף אַ צייט פֿון דעם שטורעם, אָפּגעוואַרט פֿאַראַנקערטע ביז דער מבול וועט אַריבער. איינער נאָכן אַנדערן האָבן זיי אָפּגעשטעלט די פֿאַבריקן. נישט מען האָט געדאַרפֿט סחורה, נישט מען האָט געוואָלט פּטרן די גרויסע לאַגערן רויע וואָל און ביינוול, וואָס מען האָט געהאַט אין רעזערוו. וואָרום אויס־געאַרבעטע סחורה האָט קיין ווערט נישט געהאַט. קיינער האָט זיי אין האַנט נישט געוואָלט נעמען, רויע מאַטעריאַלן זענען שטאַרק געשטיגן אין פּרייז, מיט יעדן טאָג, און עס האָט מער אַריינגעבראַכט דאָס אָפּשטעלן די פֿאַבריקן, ווי לאָזן זיי אין גאַנג. די, וואָס האָבן יאָ געאַרבעט, האָבן בלויז געאַרבעט אַ טאָג אין וואָך. צענדליקער טויזנטער אַרבעטער זענען אַרומגעגאַנגען מיט ליידיקע הענט.

אויפֿן באַלוט זענען די וועב-שטולן געשטאַנען שטיל. די שניי־דערס, זאָקנמאַכערינס, נייטאָרינס, שוסטערס, גאַלאַנטעריי־אַרבע־טער און אַרבעטערינס האָבן איבערגעדעקט זייערע מאַשינען, וואָס האָבן אויסגעזען ווי מתים אין אַ מגפֿה, ווען די קבֿרנים קומען נישט זיי צו באַערדיקן. יעדער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט וועק־

סלעך, וואָס מען האָט געקריגן פאַר ארבעט, נאָר קיינער האָט זיי אין האַנט נישט געוואָלט נעמען.

— אויף אשר־יצר־פּאַפּיר קאָנט איר זיי נוצן, — האָבן די אָרעמע קרעמער געענטפערט בייז, ווען אַן ארבעטער האָט אַ פאַר־שעמטער אַ וועקסעלע אַריינגעבראַכט פאַר אַ פּאָר פונט קאַרטאָפל אָדער אַ לאָבן ברויט.

די סוחרים און פאַבריקאַנטן האָבן זיך ווי נישט איז אַן עצה געגעבן. מען האָט פאַרזעצט דאָס גאָלד און בריליאַנטן, וואָס מען האָט אָנגעקויפט אין די גוטע צייטן פאַר וועקסעלעך, מען האָט אויספאַרקויפט פאַר האַלב אומזיסט די לאַגערן סחורות, וואָס האָבן נאָך אַ ווערט געהאַט. אַנדערע האָבן זיך אַנדערע עצות גע־געבן. חאָטש עס איז שוין געווען קיל, הערבסטיק און רעגנדיק, האָבן וועבערייען, לאַגערן און שפּינערייען גענומען פּלוצלינג שטאַרק ברענען. אַלע נאַכט האָבן פייערדיקע צונגען פון אַלע זייטן שטאָט געריסן זיך צום הימל. די שטאַרקע פייער־לעשער־פערד האָבן געקנאַקט מיט זייערע פּאַדקאָוועס אויף די שלעכט־געפלאַסטערטע לאָדזשער שטיינער. טרומייטערס האָבן געשפּאָלטן די לופט און געוועקט קינדער פון שלאָף. לאָדזשער האָבן געוואוסט אין די בעטן, אַז דאָס האָט עמיצער געמאַכט בורא מאורי האש אין אַ מיטן מיט־וואָך, אוועקגעלאָזט מיטן רויך די ווערטלאָזע סחורות און מאַשינען, כדי צו קריגן פאַר זיי פון די אַסעקוראַציע־געזעלשאַפטן מזומן געלט, וואָס איז שטאַרק טייער געוואָרן אין דער וועקסל־שטאָט. באַלד אינדערפרי, ווי נאָר די צייטונגס־אינגלעך האָבן גענומען אויסרופן מיט רויע קולות די נייעס, זענען מענטשן אַרויסגעשפּרונ־גען פון די בעטן, כדי אויף גיך איבערצולייענען, ווער עס האָט זיך אויסגעגלייכט דעם באַלאַנס איבער נאַכט.

די פלינקע פערד פון די פייער־לעשער זענען אַזוי צוגעוואוינט געוואָרן צו די נאַכט־שרפות, אַז זיי זענען שוין אַליין געלאָפן צו די פאַבריק־גאַסן.

פּאָליציי־לייט, אַדוואָקאַטן און ריכטער האָבן אויפגעלעבט. די געריכטן האָבן באַשולדיקט, אַדוואָקאַטן האָבן פאַרטיידיקט, באַ־אַמטע האָבן גענומען כאַבאַר. פּראָצענטניקעס, לאָמבאַרדן־אייגנ־טימער, האָבן געהעכערט די ציגזן, געמאַכט פון רובל צוויי, יור־

דים האָבן פּאַרקויפט ס'לעצטע, געשוואַרצט די דייטשע גרענעץ, געקויפט שיפסקאַרטן און אוועק קיין אַמעריקע.

בלויז די אַרבעטער און באַלמעלאָכעס האָבן נישט געהאַט וואָס צוצונעמען, וואָס אויסצוטוישן און פאַרכאַפּן, מיט וואָס זיך צו ראַטעווען אין די דאָזיקע הונגעריקע טעג. אויפן באַלוט איז געווען חושך און וויסט. די גויאישע וועבער, די פּויערן, זענען צוריק אַוועק אין זייערע דערפער. די יונגע פּויערטעס זענען צוריקגעגאַנגען צו טאַטע־מאַמע אויפן פעלד. פּראָווינצער אידישע יונגעלייטלעך און בחורים, וואָס זענען געקומען פון שטעט און שטעטלעך, כדי אַרויפ־צואַרבעטן זיך אין לאָדזש, זענען אַוועק צוריק אַהיים צו זיך. יונגע באַלעבעסלעך האָבן געשיידט דערוויילע מיט די ווייבער, וואָס זיי האָבן אַהיימגעשיקט מיט די קינדער צו זייערע טאַטע־מאַמע, ביז דער צאָרן וועט אַריבער. די שטאָטישע, די וואָס האָבן קיינעם נישט געהאַט אויף וועמען זיך אָנצושפּאַרן, זענען אַרומגעגאַנגען פאַרדאַרטע און אויסגעצערטע, געפאַלן פון די פיס. די ווירטן פון די הייזער האָבן אַרויסגעוואָרפן די אָרעמעלייט פון די דירות. מענטשן האָבן זיך אַרומגעוואַלגערט אין די גאַסן, גענעכטיגט אין די ליידי־קע קעלערס, אַריינגעכאַפּט זיך צו אַ בעקער, כדי אָנצואוואַרעמען זיך די געפרוירענע ביינער. אין די וועלדער און אויף די וועגן האָבן זיך עלנטע אויסגעלייגט, ערד־היילן אויסגעגראָבן, כדי צו שיצן זיך פון קעלט.

דאָרפישע וועבערינס, שפּולערקעס פון די גרויסע פאַבריקן האָבן זיך אין גאַס אַרומגעדרייט, פאַרקויפט זייער לייב פאַר אַ שטיקל ברויט, פאַר אַ נאַכט־לעגער. אידישע אָרעמע מאַמעס האָבן זייערע קינדער געברענגט צו די מייסטערס, איבערגעגעבן זיי צו דער אַרבעט בלויז פאַרן שטיקל ברויט. דערוואַקסענע האָבן געבעטן ביי די באַלעבאַטים צו לאָזן זיי אַרבעטן אָן לוין, בלויז פאַר אַביסל גריץ אָדער אַ טעפל ציקאָריע.

— אַז גאָט וועט העלפן און דער צאָרן וועט אַריבער, וועלן מיר זיך אויסרעכענען, — האָבן זיי געבעטן. — מיר פאַרלאַנגען נישט קיין לוין.

אין די אָרעמע גאַסן האָבן טיפוס, שאַרלאַך און דיפטעריט גענומען גיין פון הויז צו הויז. די פּאָליציי האָט די רינשטאָקן באַ־

גאַסן מיט קאַלך און קאַרבאָל, נאָר די מגפה האָט זיך נישט אָפּ־געשטעלט. פלידערבוימס שפּיטאָל האָט געאַרבעט בייטאָג און ביי־נאַכט. פּונקט אַזוי האָט געאַרבעט דער בית־עולם.

לאָדזש האָט געקרעכצט, געיאָמערט. דער קריזיס האָט גע־ברענט, פאַרצערט און פאַרלענדט.

די גרויסע אידישע פאַבריקאַנטן, וואָס זענען נישט צעריבן גע־וואָרן, האָבן גענומען זיך צו צדקה. דער פאַבריקאַנט פלידערבוים האָט צו זיך אין פּאַלאַץ די פּאַרנעמסטע לייט פון שטאָט איינגע־לאַדן, א סך רייכע דאַמען, איבערהויפּט עלטערע, וואָס באַרעדן מער די זינדיקע ליבעס איידער אַליין זיי צו פירן, און געשאַפן קאָמיטעטן אויפן באַלוט, געמאַכט קיכן פאַר געזונטע, געשיקט דאָקטוירים און פעלדשערס צו די קראַנקע און געגעבן תכריכים פאַר די אומגעקומענע אין די מגפות. כאָטש די פאַבריק זיינע איז געשטאַנען און געוואַרט אויף בעסערע צייטן, האָט דער פאַבריקאַנט פלידערבוים נישט געקאַרגט קיין געלט און אונטערגעהאַלטן דעם באַלוט, די אידישע וועבער, וואָס ער האָט זיי קיינמאָל צו זיך אין פאַבריק נישט אריינגעלאָזט. אַרומגערינגלט מיט די עלטערע רייכע דאַמען, וואָס האָבן געקוקט אין אים ווי אין א שפּיגל אריין, איז ער יעדן טאָג אין זיין רייכער קאַרעטע צום באַלוט פאַרפאָרן, געטיילט געלט, געוואָרפן הויפנס קליינע מטבעות צו גאַסן־אינגלעך, געגאַנ־גען איבער די שטובן אפילו, געזוכט וואו נאָר א פאַרשמאַכטע קימ־פּעטאָרין, אַן אויסגעצערטן זקן, און איבערגעלאָזט רובלס, פינפער־לעך און אויך אמאָל א צענערל.

אָ, ער האָט א סך גוטס געטאָן פאַרן באַלוט, דער פאַבריקאַנט פלידערבוים. ער האָט אפילו פאַרקאַשערט איינמאָל די אַרבל פון זיין סורדוט און, צוזאַמען מיט די פּראָסטע אידן פון דער תומכי־חולים, האָט ער מיט ריינעם שפּירט געריבן דעם בויך ביי א קראַנקן, וואָס איז אַוועקגעפאַלן אויף בויך־קראַמפּן. אין זעלבן טאָג האָט ער אויך צוגעהאָלפן דער חברה־קדישא מתעסק זיין זיך ביי א טויטן וועבער. דאָס האָט זיך גלייך פונאַנדערגעטראָגן איבער גאַנץ לאָדזש. דער באַלוט האָט גערוישט, געשפּרייט די מעשים־טובים פון מיליאָ־נער פלידערבוים, באַקליידט זיי אין א סך פאַנטאַסטישע צוגאָבן און שקרים. אין די שולן און אין די מקוהס האָבן אידן גערעדט

דערפון, געפילט זיך געהויבן, ווי פון אן אייגענעם מלך, וואָס טוט זיך איבער פאַר א פּראָסטן מענטש און גייט צווישן פּאָלק, כדי צו ווייזן זיין גענאָד.

מען האָט אים פאַרגעבן זיין גויאישקייט, אפילו זיינע גע־שמדטע טעכטער. מען האָט געזען זיין גאָלדענע שטול אין גן־עדן אזוי קלאָר און זיכער, ווי ער אליין, דער פאַבריקאַנט פּלידערבוים, האָט זי געזען.

דאָס איינציקע הויז, וואָס האָט זיך קעגנגעשטעלט פּלידערבוימס פּאַלאַץ, איז געווען דער קעלער־שטוב פון טוביה דעם האנט־וועבער אויפן באַלוט.

ווי אַלע וועבער, האָט אויך טוביה נישט געאַרבעט. דאָס ווייב זיינס איז געשטאַנען אין גאָס מיט אן עמער זויערע אוגערקעס און אין אָוונט איז זי אהיימגעקומען מיט א קליין קנױפּל גראָשנס און מיט א פול מויל קללות. די קלענערע קינדער זענען ארומגע־גאַנגען מיט פּודעלעך צוקערלעך אויף די גאַסן. די עלטערע קינדער זענען זיך צעקראָכן, יעדער האָט פאַר זיך געזוכט זיין שפּייז און א ווינקל אין די שרעקלעכע טעג. אין שטוב איז געווען נאַס, רויכיק, פינסטער און הונגעריק. אָבער טוביה האָט דאָס נישט געפילט. ער איז געווען פאַרנומען אין די טעג, גאָר מיטן טאָג נישט אויסגע־קומען. א שלעכט־אָנגעטאָנענער, א געפּרווירענער אין די קאַלטע פּראָסטיקע טעג, בלויז מיטן רוסישן באַשליק אויפן האַלז און מיט דעם פּעלצענעם היטל, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט פון רוסלאַנד, איז ער גאַנצע טעג אַרומגעלאָפן, אַגיטירט די ארבעטסלאָזע וועבער, אויפגעהעצט די זאָקענמאַכערינס, שניידערינס, און נייטאָרינס, גע־רעדט, געקאָכט זיך, געשאָסן מיט פייער, געטיילט פּראָקלאַמאַציעס, וואָס ער מיט ניסנען האָבן פאַרפאַסט, אויפגעדעקט די סיבות פון קריזיס און גערופן צו קאַמף קעגן אַלע, קעגן די פאַבריקאַנטן און די סוחרים, די בעלי־צדקה און רבנים, קעגן דער פּאָליציי און מי־ליטער, קעגן דעם גובערנאַטאָר און אפילו קעגן קייזער אַליין.

עלטערע וועבער האָבן פון אים געלאַכט, ווייבער האָבן אים געוויזן אויפן קאָפּ, אז ער איז נישט ביי די קלאָרע געדאַנקען.

— טוביהן געפעלט דאָך נישט דער קייזער, — האָט מען גע־חוזקט. — קוקסט אים אָן !...

דאָס ווייב זיינס האָט אים געשאָלטן, געזידלט, געמאַכט אים מיט דער בלאָטע צוגלייך. — קהלשער צאַפּ, — האָט זי אים גע-רופן, — קאַטאַרזשאַן, צעבראָכענער קאָכלעפל...

נאָר ער האָט נישט געהערט. אַ בלאַסער, אַן אויסגעדאַרטער, מיט אַ שאַרפן קנאַפּ אין זיין באַוואַקסענעם האַלז, וואָס איז אַרום-געבונדן מיטן רוסישן באַשליק, מיט אויגן ברענענדיקע, הייסע, איז ער אומעטום געווען פול, אין יעדער רעדל אריינגעשטעקט די נאָז, אין יעדן געזעמל צוגעלייגט אַן אויער, און גערעדט, גערעדט שאַרף, מיט כעס און מיט שכל, מיט פייער און מיט איבערצייגונג. מער פון אַלעם האָט ער געאַרבעט אין די ביליקע קיכן, וואָס דער פאַבריקאַנט פלידערבוים האָט אוועקגעשטעלט אויפן באַלוט פאַר די וועבער.

אַרום די פּראָסטע אויסגעשטעלטע הילצערנע טישן, וואו די מענטשן זענען געזעסן ביי די שוואַרצע מוציאס ברויט און ערדענע שיסעלעך גריץ, האָט זיך טוביה כסדר געדרייט, גערעדט, אַריינגע-צויגן די עסנדיקע אין שמועסן, אויפגעקלערט, קלאָר געמאַכט. מער ווי אומעטום האָט ער דאָ געדאַרפט רעדן קעגן די פאַבריקאַנטן און זייער צדקה. אַ סך פון די וועבער, איבערהויפּט פון עלטערן דור, האָבן געוואונטשן דעם פאַבריקאַנט פלידערבוים און זיינע לייט אַ סך ברכות פאַר די אָרעמע מיטאָגן. טוביה האָט עס נישט געקאָנט הערן. ס׳בלוט איז אים פאַרשטאַרט געוואָרן, הערנדיק די אומבאַ-וואוסטזיניקע רייד פון די, וואָס דאַרפן דעם פאַבריקאַנט פלידערבוים זייער קלאַסן-שונא, באַקעמפן. און ער האָט גערעדט קעגן דער צדקה פון די רייכע, אויפגעוויזן זייער פאַלשקייט, פאַרדאָרבנקייט.

אָ, ער האָט געהאַט אַ כח, דער טוביה. אַליין אַ הונגעריקער, אַ פאַרפייניקטער, האָט ער מענטשן אָנגעצונדן, איבערגערעדט, אויפ-געקלערט, אין דער נשמה אריינגעקראָכן און נישט אָפּגעטרעטן פון זיינס, ביז ער האָט מענטשן נישט אַריבערגעצויגן אויף זיין זייט. אים צו הילף זענען געקומען זיינע תּלמידים, די אויפגעקלערטע געזעלן און די ישיבה-בחורים.

ווי קערנער אויף גוטער שוואַרצער ערד, זענען געפאַלן די רייד פון טוביה און זיינע תּלמידים אויף דעם הונגעריקן און אַרבעטס-לאָזן לאָדזש. נישט נאָר וועבער און זאָקנמאַכערינס, שניידערס און

שוסטערס האָבן צוגעלייגט זייערע אויערן צו די רייד פון די אגיטאַ-טאָרן, נאָר אויך די האנדלס-משרתים, בוכהאַלטערס און די מיוחסים צווישן די אַרבעטער, די שערערס און צייכענערס, וואָס האָבן זיך אַלעמאָל געהאַלטן גאוהדיק, נישט געוואָלט האָבן קיין עסקים מיט די קלענערע אַרבעטער און געגלויבט אַרויסצוקריכן אין דער גאָל-דענער שטאָט, ווערן נגידים און באַלעבאַטים. הונגעריקע, עלנטע, האָבן זיי איצט געזען, אַז די פּאַפּירענע וועקסלען, אויף וועלכע זיי האָבן געבויט און פאַר וועלכע זיי האָבן פאַר זייערע באַ-לעבאַטים ליב און לעבן אָפּגעגעבן, זענען נישט מער ווי שווינדל, נאַרעריי. צוגלייך מיט די פּראָסטע און שווער-אַרבעטנדיקע זענען זיי איצט אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פון זייערע שטולן, געוואַלגערט זיך איבער די לאָדזשער גאַסן. צום הארצן זענען זיי געפאַלן די רייד פון די אויפקלערער און אַגיטירער. אַלע האָבן געוואָלט הערן, פאַרשטיין, לייענען די בלעטלעך, די פאַרבאָטענע און אמתע.

מער ווי שטענדיק, האָבן איצט אָנגעהויבן באַווייזן זיך פּראָ-קלאַמאַציעס אויף די לאָדזשער אָפּגעשיילטע מויערן. אין די שולן, אויף די מערק, אויפן וואָקזאַל, אויף די אַמטן, אפילו אויף די ווענט פון די פּאָליציי-צירקלען האָבן זיך אין די נעכט רעוואָלוציאָנערע פּראָקלאַמאַציעס באַוויזן. מענטשן האָבן זיך אַרום זיי געזאַמלט, ביז פּאָליציאַנטן זענען געקומען מיט די הויז-וועכטער און זיי אַראָפּ-געקראַצט.

וויפל ניסן מיט זיינע ישיבה-בחורים האָבן נישט געשריבן אַט די פּראָקלאַמאַציעס, וויפל ביכלעך און בראָשורן זיי האָבן נישט צוגעגרייט, האָט אויסגעפעלט. מען האָט זיי געריסן פון די הענט צווישן די אַרבעטסלאָזע. אין פלידערבוימס קיכן האָבן די פּאַפּיר-לעך פאַרפלייצט די טישן, די בענק, די ווענט און טירן. אין מיטן עסן פלעגן זיך אַפילו מענטשן אויפהויבן פון טיש און אויסשרייען קעגן די פאַבריקאַנטן, פּאָליציי און דעם קייזער.

— נידער! — האָבן קולות גערופן. — נידער!

די דאַמען זענען בלאַס געוואָרן און אַרויסגערופן פּאָליציי, צו היטן די אָרדענונג.

אין די הינטערשטאָטישע פלעצער, אין קאָנסטאַנטינער וואַלד, זענען זיך מאַסן מענטשן צונויפגעקומען, גערעדט, דיסקוטירט, רע-

דעם געהאַלטן און לידער געזונגען. הונגער און נויט האָבן דע־מאָלט געקריגן אַ זין, אַ באַרעכטיקונג. אין ביטערקייט האָט דער עולם אַ זיסקייט דערפילט, אַ האָפענונג, וואָס גיט כוחות אַריבער־צוטראָגן דאָס שלעכטע.

— נאָך ליטעראַטור, מער, מער, — האָט טוביה געפאָדערט ביי ניסנען. — די מאַסע כאַפּט פון די הענט.

ניסן האָט זיך קיין עצה נישט געקאָנט געבן. דער עולם אין לאָדזש האָט די רוסישע ביכלעך, וואָס די ליטווישע סטודענטן האָבן צוגעשטעלט, נישט פאַרשטאַנען. זיי האָבן געוואָלט אידישע ביכלעך, אידישע פּראָקלאַמאַציעס. ניסן האָט איבערגעזעצט, איבערגעאַרבעט, פאַרטייטשט אין לאָדזשער אידיש, אַזוי, אַז עס זאָל אַריין אין די ביינער, ביים האַרץ פאַרכאַפּן. מען האָט אַלץ געדאַרפט שרייבן מיט די הענט. די ישיבה־בחורים האָבן גאָרנישט געקאָנט אָניאָגן אַזויפיל ביים איבערשרייבן, וויפיל די מענטשן האָבן געוואָלט.

און אין די אָווענטן פלעגט גאָר ניסן זיך אָפּרייסן פון אַלע אַרבעטן און אַוועקלאָזן זיך צו די דייטשע שענקלעך, וואו וועבער אין סאַמעטענע הויזן זענען געזעסן ביי גרויסע קופעלס ביר און ביי ביליקע ציגאַרן.

ניין, נישט נאָך ביר און ציגאַרן איז ער געגאַנגען אין די דייטשע שענקלעך. ער האָט קיין טעם נישט געפילט אין די קופעלס ביר, וואָס די דייטשע וועבער האָבן אים געשטעלט, אַ ביטערקייט געפילט אין די ציגאַרן, וואָס זיי האָבן אים מכבד געווען. ער האָט גאָרנישט פאַרשטאַנען אפילו, פאַרוואָס זיי זופּן אין זיך אַריין אַזויפיל דאָס ביטערע געטראַנק, קופעל נאָך קופעל, פאַרבייסנדיק מיט ביליקן ציגאַרן־רויך. אָבער געגאַנגען אין די שענקלעך איז ער וואָרום אין די לאָדזשער פאַבריקן האָבן נייע מענטשן געאַרבעט, דייטשן, וואָס האָבן נישט מיט די ערשטע אימיגראַנטן איינגעוואַנ־דערט נאָר גאָר שפּעט אַראָפּגעקומען. נאָך ביסמאַרקס סאָציאַליסטן־געזעץ אין דייטשלאַנד, ווען מען האָט אויפגעקלערטע אַרבעטער פון די לאַסאַל־גענאָסנשאַפטן אין די געפענגנישן איינגעזעצט, פון לאַנד אַרויסגעטריבן, זענען אַ סך אַרבעטער פון לאַנד אַנטלאָפן. פיל זענען קיין אַמעריקע אַוועקגעפאָרן. קליינע גרופּן, איבערהויפּט וועבער, זענען קיין פּוילן געקומען. גוטע אַרבעטער, פּינקטלעכע און

ערלעכע, האָבן זיי גלייך ארבעט אין די וועבערייען און שפּינערייען געקריגן. טייל פון זיי זענען מייסטערס געוואָרן.

שווער-לייביקע, געלאָסענע, ליבהאָבער פון ביר און ציגאַרן, זענען זיי, פּונקט ווי אַלע אַנדערע לאָדזשער איינגעזעסענע וועבער, אָפּגעזעסן אין די אָוונטן אין די שענקלעך, געטרונקען און געררוי-כערט. אָבער זיי זענען נישט געגאַנגען אין די קירכן, נישט געזונגען קיין הימנען-לידער אין די געזאַנג-פאַריינען, נאָר געהאַלטן זיך צווישן זיך, געלייענט פאַרבאָטענע ביכלעך, וואָס זיי האָבן פון דייטשלאַנד געקריגן, און אויף שמחות צווישן אייגענע, רעוואָ-לוציאָנערע פרייהייטס-לידער געזונגען. פּונקט ווי אין דייטשלאַנד, האָבן זיי געהאַט זייער קליינע לאָסאַל-געגנאָסנשאַפט. שטילערהייט האָבן זיי די איינגעזעסענע דייטשע וועבער אַגיטירט, וועגן סאָציאַ-ליזם דערציילט, וועגן פירער לאַסאַל.

אָט מיט די דייטשע וועבער האָט זיך איצט ניסן אָפּט געטראָפן אין די שענקלעך זייערע. אין זיין אמאַליקן דייטש, וואָס ער האָט זיך פון משה דעסויערס „ביאור" און פון די פילאָזאָפישע ביכער אויסגעלערנט, האָט ער צו די דייטשע מייסטערס גערעדט, צו ארבעט זיי גערופן, אויפגעקלערט און געלערנט. נישט זייער נאָנט איז זייער שפּראַך געווען — ניסנס אידישלעכער ביכער-דייטש מיט דעם גאָרגלדיקן פאָלקס-דייטש פון די ביר-אָנגעגאָסענע און ציגאַרן-רויכערנדיקע וועבער. דאָך האָבן זיי זיך פאַרשטאַנען.

— שטימט, יאַ, שטימט, — האָבן די בלאָנד-האָריקע דייטשן צוגעשאָקלט צו ניסנס איבערצייגנדיקע רייד און פאַרזופּט מיט די לעצטע רעשטלעך ביר.

אַזוי ווי זיין אמאַליקער חדר-חבר שמחה-מאיר אשכנזי, האָט אויך ניסן נישט געהאַלטן פון האַנט-וועבעריי, נאָר פון דאַמף. ער האָט געוואוסט, אַז די האַנט-וועבעריי האָט קיין צוקונפט נישט, אַז זי וועט מוזן פאַרניכטעט ווערן פון דער מאַשין. פּונקט אַזוי וועלן די האַנט-וועבער צערונען ווערן, ארויסגעשטויסן ווערן פון דער אַר-בעט, דעקלאַסירט ווערן. ער האָט אמת געאַרבעט צווישן די האַנט-וועבער אין באַלוט, אויפגעקלערט זיי, אָנגערייצט זיי קעגן זייערע באַלעבאַטים; אָבער ער האָט זיך נישט גענאַרט, געזען, אַז דאָס איז נישט אַ קאַמף צווישן קלאַסן, צווישן פּראָלעטאַריאַט און בור-

זשוּאַזיע, נאָר א היימישע קריגעריי צווישן קבצנים און אָרעמעלייט. ער האָט געוואוסט, אז מערסטנס האַנט-וועבער זענען נישט קיין שטאַנדהאַפטע ארבעטער, אז יעדער פון זיי וואַרט נאָר אָפּ די געלעגנהייט אַליין זיך ארויפצוכאַפּן און ווערן א באַלעבעסל, א לוינקענטיק. ער האָט אויך געזען, וואָסער ביטער לעבן די לוינ-קענטניקעס אַליין פירן, ווי זיי ווערן געדריקט און געקוועלט פון די ארויסגעבער, סוחרים. ער האָט גוט געקענט דעם באַלוט, געדענקט אים נאָך פון די אייגענע צייטן, ווען ער איז א זמנניק געווען. ניין, ער האָט נישט שטאַרק געגלויבט אין באַלוט. די אמתע פּראָ-לעטאַריער האָט ער געזען אין די דאַמף-וועבערייען, וואו די אידן האָבן נישט געאַרבעט. זעענדיק זיי פאַרטאָג אין די טויזנטער, איילנדיק אין די פאַבריקן, מיט פּעקעלעך עסן אין די הענט, יאָגנדיק אויפן גרילצנדיקן רוף פון די קוימענס צו ארבעט, האָט ער געזען, ווי עס גייען קאַדרען פון דער רעוואָלוציע, וואָס מוז קומען לויט די אייזערנע געזעצן פון מאַרקסיזם, די זעלנער פון פרייהייט און קאַמף. זאָלן דערווייל די פאַבריקן וואַקסן, זאָלן די פאַבריקאַנטן אַנטוויקלען זיך, אויסבויען, רייך ווערן, אָבער די צוקונפט געהער די, וואָס לויפן פאַרטאָג איילנדיקע און מידע צו דער ארבעט. פאַר זיי זאַמלען די פאַבריקאַנטן דעם קאַפּיטאַל, קאָנצענטרירן אים, כדי ווען ער וועט שוין זיין גרויס, צייטיק, איבער-רייף, וועט ער פּלאַצן ווי א בלאָטער און אַלץ וועט אריבער צו די ארבעטנדיקע.

אין די טריט פון די הילצערנע שיך זייערע האָט ער געהערט דעם אָפּהילך פון דער באַפרייאונג.

דאָ האָט ער געזען בורזשויען און פּראָלעטאַריער, קלאַסן. אין באַלוט איז געווען דער דלות. פאַרקערט, דאָרט איז נישט אָנגע-גאַנגען קיין קאָנצענטראַנציע, ווי דאָס געזעץ פון דער מאַקסים-טישער לערע זאָגט, נאָר דעצענטראַליזאַציע, צעברעקלונג, וואָס איז אומגעזונט, שעדלעך. די באַלוטער באַלעבאַטים זענען קיין בורזשו-אַזיע נישט און די באַלוטער ארבעטער קיין פּראָלעטאַריאַט נישט. ניין, ער האָט נישט געגלויבט אין באַלוט. אים האָט געצויגן צו קוימענס, רויך, צום קלאַפּן פון מאַשינען, צום רוף פון סירענס. פון דאָרט וועט קומען די באַפרייאונג. מען דאַרף נאָר קלאָר מאַכן די מאַסן, אויפקלערן זיי, באַוואוסטזיניק מאַכן. און ער האָט געזען

זיך טאָג-טעגלעך מיט די מייסטערס אין די סאַמעטענע ברייטע הויזן, גערעדט צו זיי אין די ביטערע לאָדזשער טעג, געוועקט זיי צו קאַמף, צו אויפקלערן זייערע אומווויסנדיקע ארבעטס-ברידער. זיי האָבן אים געהערט, די דייטשן, די אנטלאָפענע פון ביסמארקן. צוגעלייגט די שווערע קעפּ צו זיינע אויפקלערנדיקע רייד און צו-געשאָקלט.

— שטימט, יא, שטימט.

נאָר געציילטע שעהן איז ער געשלאָפן אין די נעכט. ער האָט נישט אויפגעהערט ארבעטן, שרייבן, איבערשרייבן, פּראָקלאמאַצ-יעס צונויפשטעלן, ליטעראַטור באַזאָרגן.

די איבערטראָגערין פון ליטעראַטור, דער שליח צווישן ניסנען, די קרייזלעך, די דייטשע וועבער, טוביהס קעלער-שטוב, איז געווען באַשקע, טוביהס טאָכטער, די איינציקע אין שטוב, וואָס האָט זיך מיט דער מוטערס קללות און זידלערייען אויפן פאָטער נישט איבערגענומען און געהאַלטן מיטן טאַטן, געקלעפּט צו אים און זיינע רייד. אליין אַ שפּולערקע ביי אַ לוינקעטניק, וואָס ארבעט פון פאַרטאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט אריין און קאָן זיך קיינמאָל נישט דערשלאָגן צו אַ לייטיש קליידל און אַ פּאָר גאַנצע שיך, האָט זי, כאָטש אַ קינד נאָך פון פופצן יאָר סך-הכל, פארשטאַנען דעם פאָטערס רייד, איבערגענומען זיך מיט זיינע שטענדיקע און גערעכ-טע ווערטער.

— מאַמע, — האָט זי זיך אָנגענומען יעדעס מאָל וואָס די מוטער איז באַפאַלן דעם פאָטער — מאַמע, הער אויף שילטן דעם טאַטן. דארפסט זיין גליקלעך, וואָס דו האָסט אַזאַ מאַן.

— אַ גליק האָט מיך באַטראָפן, — האָט די אידענע גע-שפּאָט, — געדענק, באַשקע, לאָז זיך נישט פירן פון דעם משוגענעם טאַטן דיינעם, וועסט נאָך ענדיקן אין קייטן...

באַשקע האָט דעם פאָטער פארריכט די קליידער, אויסגעלאַטעט אַ העמד, אָפּגעקאָכט אים עסן, ווען די מוטער איז געשטאַנען אין גאַס מיט דעם עמער אוגערקעס, אויסגעבעטן אים אַ געלעגער, ווען ער איז נאָך אַ גאַנצן טאָג ארומלויפן אהיימגעקומען שפּעט אין די נעכט אַ מידער און צעבראָכענער.

— באַשקע, — האָט זי דער פאָטער צוגעדריקט צו זיך, —

דו פאַרשטייסט דאָך מיך, אמת, באַשקע? דו האַלסט דאָך מיך נישט פאַר קיין משוגענעם, טאַכטער!

— טאַטעשי, — האָט אים דאָס מיידל געענטפערט צערטלעך און צוגעדריקט איר טונקעלן קאָפּ האָר צו זיין ברוסט, — איך וועל שטענדיק זיין מיט דיר.

אין דער פינסטערער קעלער-שטוב, אין דעם דלות, גויט און ווייבערישע קללות, איז באַשקע געווען פאַר טוביהן א טרייסט. נאָך גאַנצע טעג פון פאַרשפּרייטן האַס, אויפהעצן, קאָכן זיך אויף דער גאַנצער אומגערעכטער וועלט, איז באַשקע, דאָס טונקל-הויטיקע און טונקל-האָריקע מיידל מיט די גרינלעכע סודותדיקע אויגן, געווען זיין ליבט, זיין שטוביק גליק.

— באַשקע, קום צו מיר אין בעט אריין, — האָט ער זי גע-רופן, — ביזט דאָך א קליין מיידעלע, שעמסט זיך דאָך נישט צו שלאָפן מיטן טאַטן.

— ניין, טאַטעשי, — האָט באַשקע געענטפערט און געלייגט זיך א גליקלעכע נעבן פאָטער, קושנדיק אים שטיל, די מוטער זאָל זיך נישט אויפכאַפּן און נעמען שילטן פאַר דעם קוש-וואָך אין מיטנדעריטשקע.

אין שטוב איז געווען פייכט, קאַלט, שטשורעס זענען ארומגע-שפּרונגען און געפּישטשעט פאַר כעס, וואָס זיי האָבן נישט וואָס צו גריזשען. א סך מאָל פלעגן זיי אריבערשפּרינגען איבער די שלאָפנדיקע. אָבער דער פאָטער און טאָכטער האָבן דאָס נישט גע-הערט, נישט געזען. זיי זענען געווען גליקלעך פון ליבע און צערט-לעכקייט.

נישט קלענער ווי איר ליבע צום פאָטער, איז די קליינע באַשקע געווען אין איר ליבע צו ניסנען, וואָס איז צו זיי אין שטוב געקומען. שעהן לאַנג האָט זי געקאָנט ליגן אויף דער שלאָף-באַנק וואָך, כאָטש זי איז געווען מיד נאָך א טאָג ארבעט, און איינקוקן זיך אין דעם הויכן יונגנמאַן, וואָס איז געזעסן ביים טיש און גע-שריבן מיט איר פאָטער צוזאַמען די סודותדיקע פּאַפּירן. יונג, אָרעם, פאַרהאָרעוועט אין דער וועבעריי, האָט זי גאָרנישט געטראַכט אמאָל אין לעבן צוצוקומען צו אָט דעם פרעמדן און געבילדעטן מאַן, צו אויסגעבן זיך מיט איר ליבע און געוואַלטיקער פאַרערונג

צו אים. זי האָט נישט איינמאָל פון איר פאָטער געהערט, אַז אָט דער ניסן, דער באַלוטער מורה-הוראהס זון, וואָס איז געווען אַ וועבער, איז פאַר דער צייט, וואָס ער איז געווען פאַרשיקט, גאָר אויסגעוואַקסן, אַ סך געלערנט דאָרט, און אַפילו סטודענטן און אינטעליגענטן קאָנען זיך צו אים נישט גלייכן. אַליין אַ פּראָסטע, קוים וואָס זי האָט זיך אויסגעלערנט אַ אידיש בריוול אָנשרייבן און אַ ביכל לייענען, האָט זי גאָרנישט געוואַגט אַפילו אין געדאַנק צו טראַכטן וועגן זיך און דעם ניסנען צוזאַמען. זי האָט בלויז געפילט זיך זייער גליקלעך און ווארעם, ווען זי האָט געקאָנט, ליגנדיק אויף דער שמאָלער שלאָף-באַנק, צוזאַמען מיט נאָך אַ שוועסטער, קוקן אויף אים, קוקן שעהן לאַנג, ווי אין אַ שיין בילד אריין.

איצט איז זי געקומען אָפט צו אים אין צימער, געקומען מיט שליחותן, אוועקגעטראָגן פּאַפּירן, סודותדיקע און אייגענע, צו די אַגיטאַטאָרן, צום פאָטער, און זי איז געווען אַזוי גליקלעך אין די הונגעריקע ארבעטסלאָזע טעג אַז זי האָט גאָט געבעטן, דאָס די ארבעטסלאָזיקייט זאָל זיך גאָר קיינמאָל נישט ענדיקן, זי זאָל נישט דאַרפן צוריקגיין צו איר ארבעט.

מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם איז זי געזעסן אויף אַ ברעג שטול, ווי זי וואָלט זיך נישט פאַרגונען דעם גאַנצן פּלאַץ, און גע-קוקט ניסנען אויף די הענט, אויף די מענלעכע און קנאָכיקע, ווי ער לויפט שנעל מיט זיי איבער די פּאַפּירן. זי האָט מורא געהאַט אָטעמען אַפילו. און ווען ער האָט איר געגעבן די פּאַפּירן אין קוישל אריין, האָט זי אַזש געציטערט פון גליק, ווען ער האָט צופעליק איר האַנט אָנגערירט.

— היט דיך, באַשקע, — האָט ער אָנגעזאָגט, — טאָמער פּאַקט מען דיר, זאָלסטו נישט זאָגן, ווער עס האָט דיר דאָס געגעבן.

זי האָט אים געוואָלט זאָגן אַז זי וועט גיכער לאָזן פון זיך פּאַסן רייסן, איידער אים אויסגעבן, שלעכט טאָן, נאָר זי האָט גאָר-נישט געזאָגט און מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ ארויס מיט דעם האַנט-קוישל פון שטוב.

קאַפּיטל זעקס

ביים סטודענט פון וועטערינאַרן-אינסטיטוט מאַרטשין קו-טשינסקי וואָס איז אויסגעשלאָסן געוואָרן פון אוניווערזיטעט פאַר געהערן צו א רעוואָלוציאָנערן קרייזל פון דער סאָציאַל-רעוואָלוציאָנערער פוילישער פּאַרטיי „פּראָלעטאַריאַט“, אין זיין צימערל, וואו ער האָט געוואוינט אין עק לאָדזש, האַרט שוין ביי די פעלדער, האָט די געהיימע דרוקעריי געאַרבעט גיך און רעגלמעסיק.

— ווי גייט עס, פעליקס? — האָט קוטשינסקי, אַרויפשאַרנדיק די העלע פּאַסמעס האָר, וואָס האָבן א טבע אים אַראָפּצופאַלן אין די אויגן, געפרעגט ביי זיין חבר, וואָס איז געשטאַנען אָן אויסגע-שמירטער אין דרוק-פאַרב און געפּאָרעט זיך ביים „וואַלעק“.

— די ערשטע עקזעמפּליאַרן שמירן, — האָט געענטפערט פעליקס, א הויכער אידישער יונגערמאַן מיט פענסנע אויף דער שאַרפער געבויגענער נאָז און מיט א צעקרייזלטער שוואַרצער טשו-פּרינע און קליין שפּיציק בערדעלע, — אָבער די ווייטערע וועלן אַרויסקומען בעסער. דערלאַנג פּאַפּיר, מאַרטשין.

אין א זייט ביי דער קיך זענען געזעסן צוויי מיידלעך, איינע א העל-בלאָנדע מיט א קליין גאָלדן צלמל אויף דעם האַלז, די לע-רערין וואַנדא כמיעל, וואָס האָט געלעבט אָן חופה וקידושין מיט דעם אויסגעשלאָסענעם סטודענט קוטשינסקי. נעבן איר איז געזעסן אויף א קליין בענקעלע די ביאַלאַגין מאַריאַ ליכט, א טונקל ברוינע, מיט טיף שוואַרצע האָר און אויגן, ענלעך צו א ציגיינערין. זיי האָבן ביידע געטריקנט ביים קיכל די נאַסע שלעכט-געדרוקטע פּראָקלאַ-מאַציעס און איינגעפּאַקט זיי אין גלייכע פּעקלעך.

— זאָג, וואָס דו ווילסט, פעליקס, — האָט מאַרטשין געזאָגט. אַרויפשאַרנדיק האַסטיק די פּאַסמעס האָר, וואָס זענען אים געקראָכן אין די גרינע אויגן, — אָבער מיר געפעלט נישט די פּראָקלאַ-מאַציע — עס וועט די אַרבעטער נישט נעמען.

— אזוי האָט דער צעקאַ צוזאַמענגעשטעלט, — האָט פעליקס געענטפערט, שמירנדיק דעם גומענעם וואַלעק מיט פאַרב.

— דער צעקא, דער צעקא, — האָט מאַרטשין נאָכגעשפּעט, — און מיר געפעלט נישט דעם צעקאס סטיל. ווייך און אינטעליגענט געשריבן, נישט פאַר אַרבעטער.

פעליקס האָט אָוועקגעלייגט דעם וואַלעק אַ ווײַלע און אָנגע־שטעלט אויף זיין חבר די פּענסנע, וואָס האָבן געריטן אויף זיין שאַרפער נאָז.

— מאַרטשין ווי אַזוי רעדסטו וועגן צעקאַ? — האָט ער גע־פרעגט מיט שרעק אין זיין קול.

— דו דערמאָנסט מיך אינגאַנצן אין די טאַלמודיסטן, פעליקס, — האָט מאַרטשין געלאַכט, — רעדסט וועגן צעקאַ מיט אַזאַ מורא, ווי פרומע אידן וועגן זייערע געזעץ־שרייבער. איך וואָלט ארויסגע־לאָזט אַ פּראָקלאַמאַציע, אַז די אַרבעטער וואָלטן די פינגער געלעקט. אַזוי אויף נאָס...

— דו האָלסט אַלעמאָל פון בלוט, מאַרטשין, — האָט פעליקס געזאָגט, פאַרקרימענדיק זיך, — נאָר שניידן און מאָרדן. דאָס טויג נישט. מען דאַרף רעדן דעם מענטש צום פאַרשטאַנד, נישט צום אינסטינקט.

— ווײַל איך בין אַ וועטערינאַר, און איך ווייס, אַז אַ פערד אַ פגירה דאַרף מען אָפּשינדן, נישטאָ וואָס זיך צו צערעמאָניען, דו ביזט אַן אַדוואָקאַט, גריבלסט זיך נאָר אין געזעצן, פּאַפּירלעך.

— איך גלויב אין כוח פון וואָרט, — האָט פעליקס געזאָגט, צוקוועטשענדיק דעם גומענעם וואַלעק צום פּאַפּיר.

— און די הויפּט־זאַך — אַ איד, וואָס האָט מורא פאַר בלוט. — האָט מאַרטשין אַריינגעוואָרפן מיט אַ געלעכטער. — מיט די מעטאָדן קאָן מען אָנגיין אויפן באַלוט צווישן די אָנעמישע שניי־דערלעך און האַנט־וועבער, נישט ביי אונזערע. צו זיי דאַרף מען רעדן מיט זייער שפּראַך... אויף נאָס... דער גאַנצער צעקאַ איז פרעמד. בלויז אינטעליגענטן זיצן דאָרט. זיי קענען נישט אונזערע אַרבעטער, רעדן צו אים מאָראַל, ווי אין אַ אידישער שול...

פעליקס האָט האַסטיק אָוועקגעלייגט די אַרבעט און אָפּגעווישט די הענט אין אַ שטיק פּאַפּיר.

— מאַרטשין, — האָט ער געזאָגט אומרואיק, — שוין עטלעכע מאָל ווי איך הער פון דיר די זעלבע רייד. דאָס געפעלט מיר נישט.

עס שמעקט מיט אנטיסעמיטיזם, וואָס דאַרף אין אונזערע רייען נישט האָבן קיין אָרט.

— אהא, — האָט מאַרטשין זיך פאַנאַנדערגעלאַכט, — און ביי דיר ווידער שפּרינגט באַלד אַרויס דער איד, וואָס אומעטום דערזעט ער גלייך אַנטיסעמיטיזם. מען טאָרט קיין וואָרט נישט אויסרעדן, ווי פּאַר יעדער עמפּינדלעכען סעמיט... נו, נו, דרוק בעסער, מאַראַליסט מיינער, עס ווערט שפּעט, און מיר האָבן נאָך אַ סך צו דרוקן. לאָז מיך צו צום וואַלעק און דו זעץ ווייטער!

פעליקס האָט אָפּגעווישט די הענט און אוועקגעשטעלט זיך ביים קליינעם קעסטעלע שריפט, זוכנדיק מיט די נישט געניטע הענט יעדער בוכשטאַב באַזונדער.

ער איז נישט געווען קיין געניטער זעצער, פעליקס פעלד-בלום. ער איז גאָר געווען אַ נישט-פאַרענדיקטער סטודענט פון יו-ריספּרודענץ. פּונקט ווי זיין פריינט מאַרטשין, איז ער אויך אוועק פון דער לערע, אָבער נישט דעמאָלט, ווען מען האָט אים אַרויס-געטריבן, נאָר אַליין איז ער אוועק, ווייל, ווי אַלע רעוואָלוציאָנערע סטודענטן אין די רוסישע אוניווערסיטעטן, האָט ער געהאַלטן, אַז עס איז אַ זינד צו פאַרנעמען זיך מיט לערע און גרייטן זיך צו אַ קאַריערע אין דער צייט, ווען דאָס אַרבעטנדיקע פאָלק איז פאַרשקלאַפט. ער איז געגאַנגען אַרבעטן צווישן פאָלק.

כאָטש דער פאָטער זיינער איז געווען אַ איד אַ גביר, אַ באַלע-באָס פון עטלעכע גלאָז-הוטעס און ציגל-פאַבריקן, האָט ער זיך גע-שטעלט קעגן די רייכע אויף דער זייט פון די אָרימע. צום ערשטן האָט ער אַליין ביים פאָטער אין די פאַבריקן אַגיטירט די אַרבעטער, זיי זאָלן פאָדערן בעסערן לוין און ווייניקער אַרבעט. ער האָט דער-פירט צו אַ שטרייק. אַז דער פאָטער איז געשטאָרבן און אים, דעם בן-יחיד, איבערגעלאָזט אַ פאַרמעגן, האָט ער אַלץ פאַרקויפט, גע-מאַכט געלט דערפון און עס אינגאַנצן איבערגעגעבן דער פּאַרטיי „פּראָלעטאַריאַט", צו קענען פירן אַ ברייטע פאַרצווייגטע אַרבעט צווישן דעם אַרבעטנדיקן פאָלק, צו באַפרייען דעם פוילישן פויער און דעם אַרבעטער, וואָס ווערן פאַרשקלאַפט פון צאַר און אונטער-דריקער.

כאָטש דער סטודענט פעלדבלום איז געווען אַ זון פון אַ איד

און ער האָט געוואוסט, אַז אידן ווערן נאָך מער געדריקט פון צאַר און אונטערדריקער איידער די פוילישע פויערים און אַרבעטער, איז ער פונדעסטוועגן נישט געגאַנגען אַרבעטן צווישן די אידן, האָט ער נישט אָפּגעגעבן זיין לייב און לעבן פאַר די אָרעמע און געדריקטע אין דער אידישער גאַס.

וואָרום אַליין אַ זון פון אַ אידישן גביר, איז ער אויפגעהאָדע-וועט געוואָרן פרעמד פון אידן, האָט ער די אידן נישט געקענט, נישט זיי, נישט זייער שפּראַך. נישט זייער לעבן. אַלץ ביי זיי אין דאָרף, וואו דער פאָטער האָט געהאַט הוטעס און ציגל-פאַבריקן, איז געווען גויאיש, די דינסטן אין שטוב, די ניאַניעס, די לערערס, אויך דעם פאָטערס געסט און פריינט. אַפילו דער גלח פון דער פּאַראַפיע איז ביי זיי אַן אָפטער גאַסט געווען אין שטוב. דער פאָטער האָט זיך אינגאַנצן געהאַלטן פאַר אַ פּאָליאַק. די איינציקע אידן, וואָס פלעגן קומען אין קאַנטאָר, זענען געווען אָדער סוחרים און מעקלערס פון די אַרומיקע שטעט און שטעטלעך, אָדער דאָרפס-גייער, וואָס קויפן אויף ביי די פויערים. ער האָט גאָרנישט געפילט קיין געמיינזאַמעס צווישן זיך און אָט די פרעמדע מענטשן, וואָס זענען געשטאַנען אונטערטעניק מיטן היטל אין דער האַנט און גערעדט אַ קאָמישן פויליש.

אַז ער איז אַביסל עלטער געוואָרן האָט אים דער פאָטער אַוועקגעשיקט צו זיין ברודער קיין מאָסקווע, כדי ער זאָל דאָרט לערנען, צוערשט אין גימנאַזיע, דערנאָך אין אוניווערסיטעט.

פונקט ווי ביי זיי אינדערהיים איז אַלץ געווען פויליש, איז ביים פעטער אין הויז אין מאָסקווע אַלץ געווען רוסיש. אין גימנאַזיע, און נאָך מער אין אוניווערסיטעט, איז ער געווען בלויז צווישן רוסן. ער האָט געוואוסט, אַז ער איז אַ איד, מען האָט עס אים אַפילו נישט איינמאָל געגעבן אָנצוהערן, אָבער דאָס אידישקייט זיינס איז געווען אַ פרעמדס, ווי עפּעס אַ מכה, וואָס טשעפּעט זיך צו, ווי אַ שטיק ווילד פלייש, וואָס עסט זיך איין אין קערפּער, מען מוז עס טראָגן, אָבער פרעמד איז עס, אַן עול און אַ צוטשעפּעניש.

נישט ער האָט געקענט די אידן, נישט ער האָט פאַרשטאַנען זייער שפּראַך, זייער תורה, נישט זיי האָבן געהאַט אַ שפּראַך, וואָס זאָל אים אינטערעסירן זיך אויסצולערנען, נישט אַ קול-

טור, וואָס זאָל אים לאָזן. אַלץ, וואָס אים האָט פּאַראייניקט מיט די אידן, איז געווען דער צושריפט אין פּאַס זיינעם, אַז ער איז פון אידישער רעליגיע. אָבער ער איז קיינמאָל נישט געווען פרום, קיינמאָל אפילו נישט געקענט די רעליגיע, צו וועלכער ער איז געווען צוגעשריבן. ווי נאָר ער איז אריינגעצויגן געוואָרן אין די רעוואָלוציאָנערע קרייזלעך, האָט ער בכלל אָנגעוואוירן יעדער געפיל פאַר רעליגיע. אים האָט גאָרנישט געבונדן מיט די אַלטע געזעצן, וואָס זענען ערגעץ געגעבן געוואָרן אויף אַ באַרג סיני אין אזיע.

אמת, די אידן ווערן אויך געדריקט. אָבער, ערשטנס, האָט פעליקס פעלדבלום געוואוסט פון זיינע גויאישע לערער און פריינט, אַז די אידן זענען מערסטנס סוחרים, קרעמער, מעקלערס און קאָנטראַבאַנדיסטן, אַ קלאַס, וואָס פּראָדוצירט נישט, באַארבעט נישט די ערד און לעבט בלויז דערפון, וואָס ער קרעמערט אַרום דעם פויער און נוצט אים אויס. און ער, פעלדבלום, דער רעוואָלוציאָנער, דאַרף מיט זיי קיין עסקים נישט האָבן. צווייטנס, וועלן נישט די אידן מאַכן די רעוואָלוציע. זיי זענען שוואַך, נישט אָנזעעוודיק. די באַפרייאונג אין לאַנד וועלן ברענגען די פיל מיליאָנען פויערים, דער קערן פון פאָלק, און דעמאָלט וועט זיין פרייהייט פאַר אַלע, אויך פאַר די אידן. די רעוואָלוציע וועט נישט מאַכן קיין אונטערשיד צווישן פעלקער און נאַציעס. די רעוואָלוציע וועט אויך פוילן באַפרייען. און דער אידישער סטודענט פעלדבלום איז געוואָרן אַ נאַראָדניק, אַ הייסער אָנהענגער פון די רוסישע פאָלקס־רעוואָלוציאָנערן. ווי נאָר די פּוילישע סטודענטן האָבן פּוילישע קרייזלעך אין די רוסישע אוניווערסיטעטן געשאַפן און זיך אין דער פּוילישער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי „פּראָלעטאַריאַט" אָנגעשלאָסן, איז אויך פעליקס פעלדבלום מיט זיי מיטגעגאַנגען. ער איז אַרוים פון אוניווערסיטעט איידער נאָך ער האָט געענדיקט אויף אַדוואָקאַט. ער האָט נישט געוואָלט זיין קיין אויסדערוויילטער אין דער צייט, ווען דאָס אַרבעטנדיקע פאָלק איז פאַרשקלאַפט. ער איז צוריק אַוועק קיין פוילן און מיטן גאַנצן אידישן ברען אריינגעוואָרפן זיך אין דער פּוילישער אַרבעט. אויפן מוסטער פון די רוסישע נאַראָדניקעס, איז ער אין פּוילישן פאָלק געגאַנגען, אויפגעקלערט די פויערים אין די דערפער. שפּעטער, ווען די פּאַרטיי האָט, אונטער דעם איינפלוס

פון די נייע ווינטן, גענומען מער אַרבעטן אין די פאַבריקן, האָט פעלדבלום זיך אַריבערגעקליבן קיין לאָדזש, אין דער שטאָט פון דער וואַקסנדיקער אינדוסטריע. אין לאָדזש זענען אויך געווען אידישע אַרבעטער, וועבער אַ סך, שניידערס, שוסטערס, אַלערליי אַנ-דערע אַרבעטער. אָבער מען האָט זיי נישט געזען. זיי זענען געווען פאַרשטעקט אין די קליינע ווערקשטאַטן, פאַרוואָרפן אויפן באַלוט. געזען אין לאָדזש האָט ער בלויז פון איין זייט אידן סוחרים, קרע-מער, מעקלערס, גאָרן-הענדלער,ביינוול-פאַרמיטלער, אַ געדיכטע מאַסע אידן, מערסטנס אין קאָמישע לאַנגע קאַפּאָטעס מיט קליינע היטעלעך אויף די קעפּ, אידן לויפנדיקע, איילנדיקע, שפּרינגענדיקע, וואָס רעדן גיך, וואַרפן מיט די הענט, בליצן מיט די אויגן, פאָכען מיט די שטעקעלעך, יאָגן, ברענען, טרייבן, פליען, שטייען קיין רגע אויף קיין אָרט נישט איין, מסחרן, מעקלען. אומעטום זענען זיי פול, אין די קאַפעען, אין די בענק, אויף די טראָטואַרן, אין די טראַמווייען, אין די דראָשקעס. זיי לויפן, דרייען, דינגען זיך. פאַטשן איין אין הענט, סודען זיך, שרייבן וועקסלען און זשומען די גאַנצע צייט נאָר וועגן פאַרדינסטלעך, קאָמיסיע, פּראָצענטער ריווח, געלט, געלט און געלט.

פון דער אַנדערער זייט האָט מען געזען די צענטליקער טויזנ-טער פאַבריק-אַרבעטער, פּויערים, וואָס ווערן אַרויסגעוואָרפן פון דאָרף אין שטאָט אַריין, שווערע, גלייכגעזעצטע, שאַפנדיקע פּראָ-לעטאַריער.

פעלדבלום דער רעוואָלוציאָנער האָט זיך גלייך געשטעלט אויף דער זייט פון די פּוילישע פּראָלעטאַריער קעגן דער ראַשיקער און טומלענדיקער בורזשואַזיע. פאַר זיי האָט ער זיין בילדונג איבער-געריסן, פאַר זיי האָט ער טאָג און נאַכט געאַרבעט, געלעבט אַ געהיים קאָנספּיראַטיוו לעבן, פאַר זיי האָט ער זיין פאַרמעגן, וואָס ער האָט געירשנט פון פאָטער, איינגאַנצן אָפּגעגעבן, פאַר זיי איז ער איצט אין דער שפּעטער נאַכט געשטאַנען און מיט נישט-גע-שיקטע הענט געזעצט אַ פּראָקלאַמאַציע.

נישט אַלעמאָל האָבן די פּוילישע פּויערים און אַרבעטער אָפּ-געצאָלט דעם רעוואָלוציאָנער פעלדבלום מיט דעם גלייכן לוין. נישט איינמאָל האָבן זיי געקוקט אויף אים מיט פאַרדאַכט, אומ-

צוטרוי, ווי אויף א פרעמדן. כאָטש ער האָט גערעדט פּויליש, ווי א פּאָליאַק, אָן איין סימן פון א אידישן טאָן, אָפּטמאָל נאָך א ריינערן און פּינקטלעכערן, ווי די פּאָליאַקן אליין, איז אין זיין פּנים גאָר ווייניק פּוילישעס געווען, נישט אין זיינע ברילן, נישט אין זיין געבויגענער נאָז, נישט אין זיין גאַנצער הויכער אינטעליגענטער פיגור. שוין ביי זיין פאָטער אין די פאַבריקן, ווען ער האָט די פּויערים-ארבעטער קעגן פאָטער דעם עקספּלואַטאַטאָר אָנגערייצט, האָבן די מענטשן אויף אים געקוקט מיט אומצוטרוי, געזוכט דערין א אידיש שפּיצל. אויך דער גלח האָט אים ווען דעם דערמאָנט.

— זייער שיין, זייער לויבנסווירדיק, יונגערמאַן, — האָט ער אים געזאָגט, — אָבער איר דאַרפט זיך נישט אריינמישן.

— פאַרוואָס נישט? — האָט ער איבערגעפרעגט.

— נו, איינפאַך דערפאַר, וואָס איר, אַנטשולדיגט מיר פאַר די רייד, זענט א פרעמדער, א סעמיט אַזוי צו זאָגן, וואָס פאַרשטייט נישט די נשמה פון קריסטלעכן פאָלק... לאָזט עס איבער צו אונז...

אויך אויף די דיסקוסיעס צווישן די רעוואָלוציאָנערן און פּאַטריאָטן, האָבן אים די פּאַטריאָטן נישט איינמאָל אריינגעוואָרפן שטעכווערטלעך וועגן זיין אידישקייט. אין דער פּאַרטיי האָט מען נישט קיין אונטערשיד געמאַכט. דאָרט זענען אַלע געווען גלייך, חברים, אָבער אויך דאָ האָט מען אים מער איינגעשפּאַנט אין טעכנישער ארבעט. אין שרייבן אַרטיקלען פאַר דער אומלעגאַלער פּאַרטיי-צייטונג, איבערזעצן בראָשורן און אַלערליי אַנדערע ליטעראַרישע אַרבעטן, איידער אים אַרויסלאָזן פאַר דער עפנטלעכקייט, צו רעדן פאַר אַרבעטער. זיי האָבן מער צוטרוי געהאַט, די אַרבעטער, ווען צו זיי האָט גערעדט אַן איינגענער, א קריסט. וויפל מאָל ער פּלעגט פּרובירן פאַר אַרבעטער אויסלאַכן די גלחים, ווי די אַגיטאַציע האָט געפאָדערט, האָבן די אַרבעטער אויף אים געקוקט מיט כעס.

— נו, דאָס דאַרף א איד נישט רעדן אַזוי, — האָבן זיי געזאָגט, — דאָס איז הייליק.

פון גוים האָבן זיי געהערט רואיק פיל-שאַרפערע ווערטער אויף די קריסטלעכע הייליקייטן. פעלדבלומען האָט עס ווייט געטאָן. יאָ, ער האָט געוואוסט, אַז דאָס זענען איבערבלייבענישן פון דער

אַלטער וועלט, וואָס מען דאַרף אויסוואָרצלען מיט דער צייט, אָבער ווי געטאָן האָט עס אים. איבעריקנס האָט עס אים געצוואונגען צום רעדן ; ער האָט געפילט אַ דראַנג דערצו. אים האָט נישט באַגנוגנט די בלויזע שטוב-אַרבעט. אָבער ער האָט זיך געמוזט אונטערגעבן. אַרויסגעטרעטן פאַר די אַרבעטער איז זיין פריינט קוטשינסקי.

ווי אַלע אַסימילירטע פּוילישע יונגעלייט, איז ער שטענדיק געשטאַנען אויף דער וואַך פון זיין אומבאַקוועמער אידישקייט, גרייט צו פאַרטיידיקן עס, ווי נאָר אימיצער פון די גוים האָט גע-לאָזט פאַלן אַ וואָרט וועגן דעם. און אויך איצט איז פעלדבלום אויפגעשפּרונגען, ווען קוטשינסקי האָט גערעדט וועגן די אינטעלי-גענטן פון צעקאַ, וואָס רעדן צום פּוילישן אַרבעטער נישט אין זיין שפּראַך, נאָר אינטעליגענט און מיט מאָראַל, ווי אין אַ אידישער שול.

ניין, ער האָט נישט געהאַלטן ווי קוטשינסקי, אַז נאָר מיטן רעוואָלווער און מיט דער באָמבע קאָן מען צום פאָלק רעדן. ביי זיין גאַנצער עכט-פּוילישער ערציאונג, האָט ער ווי מערסטנס אידן געהאַלטן פון וואָרט, פון עטיק, געגלויבט אין דער היסטאָרישער נויטווענדיקייט פון דער רעוואָלוציע. און ער האָט געזעצט מיט לוסט אין דער שפּעטער נאַכט די פּראָקלאַמאַציע. די צייט איז געווען אַ גינסטיקע. די אַרבעטער זענען געווען בייז, פאַרביטערט, אויס-געהונגערט נאָך דעם שווערן קריזיס, ווען די פאַבריקאַנטן האָבן געשלאָסן די פאַבריקן. דערצו איז נאָך צוגעקומען אַ נייע וויכטיקע זאַך. מיט עטלעכע יאָר צוריק איז דער ערשטער טאָג פון חודש מאַי דערקלערט געוואָרן דורכן אינטערנאַציאָנאַלן קאָנגרעס אין פּאַריז אַלס טאָג פון אַרבעטער-יום-טוב, דער טאָג פון פרייהייט און קאַמף. פאַר פעלדבלומען איז דאָס געווען דער ערשטער יום-טוב אין זיין לעבן. נישט ביי זיין פאָטער, נישט ביי זיין פעטער האָט ער אַמאָל אַ יום טוב געהאַט. ער האָט געוואָלט, אַז דער יום-טוב זאָל זיין גרויס, שטאַרק. אַלע אַרבעטער אין שטאָט זאָלן וואַרפן די אַרבעט, אַלע פאַבריקן זאָלן זיך אָפּשטעלן. אין געשלאָסענע רייען זאָלן די אַרבעטער אַרויס אויף די גאַסן און ווייזן די הערשער און עקספּלו-אַטאַטאָרן זייער קראַפט. אויך זאָלן די אַרבעטער דעמאָנסטרירן פּוילנס פרייהייט, פּוילנס פּראָטעסט קעגן די צאַרישע פאַרשקלאַפער.

און ער האָט געזעצט מיט גרויס ברען די ערשטע מאַי-פּראָקלאַ-מאַציע.

— זיי וועלן גיין אויף אונזער רוף, — האָט ער געזאָגט צו קוטשינסקין, — גאַנץ לאָדזש וועט זיך אָפּשטעלן. וועסט זען מיינע רייד.

ער איז צו צום וואַלעק, געהאָלפן דרוקן. מיט דער גרעסטער צערטלעכקייט האָט ער געגלעט די שלעכט-געדרוקטע און האַרטע פּאַפּירלעך. די פרויען ביים קעכל האָבן די פּאַפּירן געטריקנט, גלייכ-געלייגט.

שפּעט אין דער נאַכט, ווען אויף די גאַסן איז געווען פּוסט און מערץ-ווינטן האָבן געריסן די נאַקעטע צווייגן פון די געציילטע צעוואָרפענע לאָדזשער ביימער, וואָס זעען אויס ווי פאַרבלאָנדזשעטע און פאַריתומטע, איז פעלדבלום אַוועק אהיים. ווי אַ געניטער קאָנ-ספּיראַטאָר, האָט ער גוט אויסגעשמעקט די געגנט אַרום, כדי צו זען, צי עפּעס שלעפּט זיך אים נישט נאָך. דערנאָך האָט ער באַ-זונדער און זיין חברטע מאַריאַ ליכט באַזונדער, ווי די פאָרזיכטי-קייט פאָדערט, געלאָזט זיך דורך אַ סך אומוועגן און איבעריקע גאַסן צו זיך אהיים.

— האָסט גאָרנישט מיטגעשלעפּט, מאַריאַ? — האָט פעלד-בלום געפרעגט ביי דעם מיידל מיט די שוואַרצע אויגן, וואָס איז שפּעטער געקומען נאָך אים.

— גאָרנישט, — האָט דאָס מיידל געזאָגט.

— איך אויך גאָרנישט, — האָט פעליקס געזאָגט אַ צופרי-דענער.

כאָטש אויף זייער פאַרקאָנספּירירטער וואוינונג האָבן זיי גע-לעבט ווי מאַן און ווייב, ער אַלס האַנדלס-פאַרשטייער און זי אַלס זיין פרוי, האָבן זיי זיך געלייגט אין באַזונדערע בעטן און נישט אָנגערירט זיך אפילו.

— איך וואָלט שוין געוואָלט זיין עלטער מיט עטלעכע וואָכן און זען, ווי אַזוי די אַרבעטער וועלן אויפנעמען אונזער ערשטן מאַי-אויפרוף, — האָט פעלדבלום געזאָגט אַ פאַרפלאָמטער. — ווי מיינסטו, מאַריאַ, זיי וועלן זיך שטעלן?

— זיי וועלן זיך שטעלן, — האָט מאַריאַ געענטפערט אַ זיכערע.

פון דער גאַס האָבן שוין גענומען רייסן זיך די ערשטע פאַבריק־קוימענס. אין אָרעמע פענסטער האָבן אויפגעלויכטן נאַפט־לעמפּלעך. מענטשן זענען אויפגעשטאַנען צו דער אַרבעט.

קאַפּיטל זיבן

אין מאַי איז אין שטאָט געוואָרן אומרואיק.

די אַרבעטער האָבן אָפּגעשטעלט די פאַבריקן; אָבער נישט דעם ערשטן טאָג פון חודש, ווי די רעוואָלוציאָנערן האָבן זיי גערופן; נישט אין דריטן טאָג פון חודש, ווי די פּוילישע פּאַטריאָטן האָבן זיי צום פאַרבאָטענעם נאַציאָנאַלן יום־טוב־טאָג גערופן. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט דעם פינפטן טאָג פון מאַי, אין אַ געוויינלעכן אַרבעטס־טאָג.

נאָך אַ קנאַפּן יאָר לײדיק־שטיין האָבן די פאַבריקן אין לאָדזש גענומען אַרבעטן אויף דער גאַנצער פאַרע. אָבער די פאַבריקאַנטן האָבן זיך געוואָלט אויסשלאָגן פאַר די שלעכטע צייטן, וואָס זיי האָבן געהאַט, און זיי האָבן אַראָפּגענומען די אַרבעטער צען פּראָ־צענט פון לוין. די אַרבעטער, אויסגעהונגערטע, פאַרמאַטערטע פון לײדיק־גיין און הונגער, פאַרשולדיקטע איבער די אויערן, אויפגעּ־רודערטע פון דער אַגיטאַציע און פּראָקלאַמאַציעס, סיי פון די רע־וואָלוציאָנערן, סיי פון די געהיימע פּאַטריאָטישע אַגיטאַטאָרן, וואָס האָבן גערופן צו אויפשטאַנדן און מרידות, האָבן נישט געוואָלט אָננעמען דעם קלענערן לוין. זיי האָבן געוואָרפן די אַרבעט.

נישט אַלע האָבן די אַרבעט אָפּגעשטעלט. די שטרייקנדיקע מענטשן האָבן צו די אַרבעטנדיגע גערעדט, געזידלט זיי, נאָר זיי האָבן פון די שטולן נישט געוואָלט אָפּטרעטן. האָבן די שטרייקנ־דיקע זיי אַוועקגעשלעפּט מיט געוואַלט. מיט שטעקנס און דרענגער זענען זיי אַריין אין די קעסל־שטובן און גענומען קאַליע מאַכן די קעסלען. די הייצערס האָבן קוים זיך איינגעבעטן, מען זאָל עס נישט טאָן, ווייל די פאַבריקן וועלן אויפרייסן צוזאַמען מיט די מענטשן.

וועבערס, שפּולערקעס אין די טיכלעך אויף די קעפּ, מויערער, פורמאַנעס פון די פאַבריקן, אויסגעמישט מיט מענטשן פון גאַס, וואָס האָבן זיך צו זיי צוגעשאַרט, האָבן גענומען מאַרשירן איבער די גאַסן. זינגענדיק רעוואָלוציאָנערע און פּאַטריאָטישע לידער; גע-גאַנגען פון פאַבריק צו פאַבריק, אַראָפּצונעמען די אַרבעטנדיקע פון דער אַרבעט.

די דירעקטאָרן פון די אַרבעטנדיקע פאַבריקן האָבן געהייסן די וועכטער שליסן די טויערן, כדי דעם המון נישט אַריינצולאָזן; אָבער די מאַסע האָט אויסגעזעצט די טויערן און אַריין אין די פאַבריקן. אַ סך אַרבעטער האָבן גלייך אוועקגעלייגט די אַרבעט. די, וואָס האָבן נישט געוואָלט אַוועקגיין, האָט מען דערלאַנגט אין די זייטן און געצוואונגען אַוועקצוגיין.

— זאָלן לעבן די ברידער אַרבעטער! — האָבן קולות גע-רופן. — הוראַ!

— שלאָגן די בלוט-זויגער, די פּיאַווקעס! — האָבן די ווייבער איבערגעשריגן.

די קלענערע אידישע פאַבריקאַנטן האָבן זיך דערשראָקן און גלייך נאָכגעגעבן. די גרויסע האָבן נישט געוואָלט נאָכגעבן.

ביי די הונצעס אין פאַבריק זענען די אַרבעטער אַוועק פון די שטולן און געשיקט אַ דעלעגאַציע צו די באַלעבאַטים. די הונצעס אַליין האָבן נישט געוואָלט רעדן מיט די אַרבעטער; זיי האָבן גע-הייסן דעם הויפּט-דירעקטאָר, אַלברעכט, ער זאָל זיי אויפנעמען.

מיט די היטלען אין די הענט, נויגנדיק זיך און ווישנדיק די פאַרבלאָטיקטע פיס ביי דער טיר, זיי זאָלן נישט איינשמוצן די גלאַנציגע פּאָדלאָגע, האָבן זיי זיך דערנענטערט צום דירעקטאָר.

— וואָס ווילט איר? — האָט דער דירעקטאָר אַלברעכט גע-פרעגט פאַרשלאָפן.

— מיר ווילן בעטן דעם ליכטיקן הער, נישט אַראָפּצונעמען פון געהאַלט. אַנדערש קאָן מען נישט אַרבעטן.

— איך וועל זיך איבעררעדן מיט די הערן באַראָנען, — האָט דער דירעקטאָר פויל געענטפערט, — דערווייל גייט צו דער אַרבעט!

— מיר ווילן אַ פאַרזיכערונג, ליכטיקער הער; אַנדערש קאָן מען זיך נישט שטעלן צו דער אַרבעט.

— מיר גיבן נישט קיין פארזיכערונגען, — האָט דער דירעק־טאָר בייז געברומט, — דאָס איז אַ געפעליקייט. וואָס עס קאָנען טאָן די הערן באַראָנען, ווען עס וועט זיי געפעלן. פריער גייט צו דער ארבעט, דערנאָך וועט מען זען.

— זאָל דער ליכטיקער הער דירעקטאָר פארצייען, — האָבן עטלעכע עלטערע ארבעטער געזאָגט, — אָבער זאָל מען אַמוויי־ניקסטנס נישט אָראָפּנעמען ביי די, וואָס האָבן ווייבער און קינדער. מיר קאָנען פאר דעם געלט נישט אויסהאלטן אונזערע ווייבער און קינדער.

— צו וועלכן טייוול האָט איר חתונה און פלאָדיעט אָן קינדער, אז איר האָט נישט מיט וואָס זיי אויסצוהאלטן?—האָט דער דירעק־טאָר אלברעכט געענטפערט. — די פאבריק דאַרף דערפאר נישט צאָלן...

אין איין אויגנבליק זענען ביי די ארבעטער פארגאָסן געוואָרן די אויגן מיט בלוט.

— דו פארפלוכטער שוויין־הונד! — האָט געשריגן אַ דייטש אין סאמעטענע הויזן.

— דו הינטישער זון איינער! — האָבן פוילישע ארבעטער אין שפּענצערס געוואלדעוועט. — דו שוואבישער חזיר!

— שלאָג אים, דעם גראָבן טרעלבוך, פאר די טעכטער, וואָס ער פאראומרייניקט!

— לאָזט אים דאָס פעטס ארויס, דעם אומגלוּיביקן, פאר בא־לײדיקן אונזערע געזעצלעכע ווייבער און קינדער!...

דער דירעקטאָר אלברעכט האָט גלייך דערזען, אז מיט אים איז שלעכט, און ער האָט זיך אַ שווערער אויפגעהויבן פון זיין שטול, כדי ארויסצוגיין באַצייטנס. אָבער איידער ער האָט זיך גע־רירט מיט זיינע דיקע קלאָצעוואַטע פיס, האָבן אים שוין די אר־בעטער גענומען שלעפּן ארויס פון זיין קאבינעט. מעלכיאָר דער דינער האָט זיך געכאפּט צו די ארבעטער, אָבער ער האָט געקריגן מיט אַ פויסט אין די אויגן.

די ארבעטער האָבן דעם דיקן דירעקטאָר ארויסגעשלעפּט ביי די הענט און פיס, ווי מען שלעפּט אָן אָקס נאָך דער שחיטה. אלע

אַרבעטער אויפֿן הויף האָבן מיט הילכיקע קולות באַגעגנט דעם טויט־בלאַסן איבערגעשראָקענעם דירעקטאָר.

— הענגט אים! — האָבן מענער געררופֿן. — אָפּשינדן אים דאָס פֿעטס!

— אַראָפּלאָזן אים די הויזן און שמייסן! — האָבן די ווייבער געוואַלדעוועט.

עטלעכע עלטערע אַרבעטער האָבן דעם דיקן מאַכטלאָזן דירעקטאָר אָנגעטאָן אַ זאַק אויפֿן קאָפּ, אַ בעזעם אין די הענט אַריינגעשטעקט און אַרויפֿזעצנדיק אים אויף אַ טאַטשקע, אין וועלכער מען פֿירט אַרוים ציגל און מיסט, האָבן זיי אים איבער דעם גרויסן פֿאַבריק־הויף געפֿירט.

— אַ טשו! — האָבן די אַרבעטער אין הויף נאָכגעשריגן דעם שווערן באַוועגונגסלאָזן דירעקטאָר.

— נאַ דיר! — האָבן די שפּולערקעס געקוויטשעט און געוויזן אים די הינטערס.

פֿון דאָרט האָבן זיך אַלע געלאָזט צו פֿלידערבוימען אין פֿאַבריק. דאָס בלוט איז געווען צעקאָכט, מען האָט געוואָלט בלוט.

— הענגען דעם איד דעם פֿאַרפֿלוכטן! — האָבן קולות גערופֿן.

— זאָל ער שוין העכערן דעם לוין; אויב נישט, וועט מען אים דעם פּאַלאַץ צעטראָגן!

אַלע האָבן זיך געלאָזט צום טויער. אָבער פֿאַרן טויער איז שוין אָן אָפֿיצער מיט זעלנער אין פֿולער באַוואָפֿענונג געשטאַנען, אויך אַ צענדליק פּאָליציאַנטן מיט אַ בערדיקן פּריסטאַוו, וואָס פֿלידערבוים האָט באַצייטנס אַרויסגערופֿן. אין רייכן קאַבינעט איז געזעסן דער פֿאַבריקאַנט פֿלידערבוים אַליין. אין טאַש האָט ביי אים געשטעקט אַ רעוואָלווער געלאָדן. נעבן אים איז געזעסן דער פּאָליצמייסטער מיט עטלעכע אָפֿיצירן און אַגענטן. פּאָליציאַנטן האָבן אַריינגעפֿירט פֿון די פֿאַבריק־האַליעס אַרבעטער נאָך אַרבעטער. דער פּאָליצמייסטער האָט זיי אויסגעפֿאָרשט אויפֿן אָרט. דערביי האָט ער בלויז געשטעלט די אַרבעטער פֿראַגן. קיין ענטפֿערס האָט ער נישט געוואָלט הערן.

— פֿאַרוואָס גייסטו נישט אַרבעטן?

דער אַרבעטער האָט זיך גענומען פאַרענטפערן:

— איך קאָן נישט לעבן, וואָשע ווּיסאָקאָבלאַגאָראָדיע, פאַר אזא לוין...

— שווייגן! — האָט דער פּאָליצמייסטער געשריגן און געקנאַקט אין טיש.

ווען דער אַרבעטער האָט ווייטער פּרובירט מורמלען, האָבן אים די פּאָליציאַנטן פאַרמאַכט דאָס מויל מיט די פויסטן. אַנדערע האָט דער פּאָליצמייסטער גאָרנישט אויסגעפרעגט.

— די מאָרדע געפעלט מיר נישט, — האָט ער געזאָגט. — זעט אויס פאַרדעכטיק. פאַרהאַלטן אים.

ווען די פאַרהאַלטענע האָבן שוין דערגרייכט אַ פולן פאַבריק-קאָרידאָר, האָבן די פּאָליציאַנטן און אַגענטן זיי אַרומגערינגלט און גענומען זיי אַרויספירן צום פּאָליציי-צירקל. אָבער די פאַר-זאַמלטע מאַסע אַרום דער פאַבריק האָט זיך אַוועקגעשטעלט ווי אַ מויער און נישט געלאָזט די אַרעסטירטע אַרבעטער אַוועקפירן. דער אָפיצער פאַרן טויער האָט אַרויסגענומען די שווערד פון דער שייד און געגעבן אַ באַפעל זיך פאַנאַנדערצוגיין. די מאַסע האָט זיך נישט גערירט.

— פאַנאַנדערגיין זיך, הינטישע זין! — האָט דער אָפיצער באַפוילן. — איך וועל היישן שיסן!

די מאַסע האָט זיך נישט גערירט. פאַרקערט, די מענער האָבן נאָך דערנענטערט זיך צום טויער. די ווייבער האָבן געפּאַכעט מיט די טיכלעך, גערעדט ווייכע רייד צו די סאָלדאַטן.

— אינגעלעך, — האָבן זיי גערופן צערטלעך, — איר וועט נישט שיסן אין אייגענע ברידער קריסטן.

דער אָפיצער האָט אַ בליק געטאָן אויף זיינע סאָלדאַטן און איז געוואָרן אומרואיק. ער האָט געוואוסט, אַז ווייבערישע רייד נעמען אַלעמאָל די זעלנער. ער האָט מורא געהאַט צו וואַרטן, די זעלנער זאָלן זיך נישט מישב זיין און אָפּזאָגן הערן די באַפעלן. ער האָט דעריבער געהאַנדלט גיך, אויפן אָרט.

— די ביקסן אין די הענט! — האָט ער באַפוילן הויך, מיט אַ מעכטיק קול, וואָס פאַרטויבט די זעלנער.

די סאָלדאַטן האָבן אָנגעשטעלט די ביקסן.

א ווילע האָט דער אָפּיצער געוואַרט, געשפּיזט די מאַסע מיט די אויגן, כדי זי זאָל זיך פאַנאַנדערגיין. אָבער ווען קיינער האָט זיך נישט גערירט, האָט ער געגעבן א קורצן באַפעל:

— פייער!

א זאַלפּ פון עטלעכע צענטליק ביקסן האָט געשפּאָלטן די אָנגעשטרענגטע שטילקייט. קולות, קללות, ווייבערישע געשרייען, טומל, געלויף פון א סך טריט האָבן זיך צונויפגעמישט אינאיינעם. די מענטשן האָבן זיך פאַרפלאָנטערט אין איין קנויל. די סאָלדאַטן מיט די אויסגעשטרעקטע באַיאָנעטן האָבן געשטויסן די קנוילנדיקע מאַסע, אָפּגערייניקט דעם פּלאַץ.

די פּאָליציאַנטן און אַגענטן האָבן געכאַפּט יעדן, וואָס איז געקומען אונטער דער האַנט, און אַרעסטירט.

דער פּאָליצמייסטער האָט מכבד געווען דעם אָפיצער ביים טויער מיט אַן אמתער האַוואַנאַ, וואָס ער האָט געקריגן פון פּלידערבוימען דעם פאַבריקאַנט, און אים געדריקט די האַנט.

— מאָרגן וועלן שוין די פאַבריקן גיין, — האָט ער געזאָגט מיט א שמייכל.

אָבער די פאַבריקן זענען צומאָרגנס נישט געגאַנגען. פאַרקערט, אַלע פאַבריקן האָבן זיך אָפּגעשטעלט. די אַרבעטער אין די צענטליקער טויזנטער האָבן זיך אין די זונטיקדיקע קליידער אַרויסגעלאָזט אויף די גאַסן און גענומען אָנפאַלן אויף די פּאָליציאַנטן, זאָמלען זיך פאַר דער טורמע און געשריגן, מען זאָל זיי אַרויסגעבן די אַרעסטירטע. אַנדערע האָבן זיך אוועקגעשטעלט און געפאָדערט, דער פּאָליצמייסטער אַליין זאָל אַרויסקומען רעדן צו זיי.

מיט א נאַכט פריער האָט אַן אַרבעטער געכאַפּט דעם פּאָליצימייסטערס הונט, א וואָלף פון דער ריינסטער ראַסע, און אים דערשטאָכן מיט א מעסער פאַר נקמה, וואָס מען האָט זיין, דעם אַרבעטערס, פאָטער געשלאָגן אין פּאָליציי-צירקל. די פּאָליציאַנטן האָבן דעם אַרבעטער געכאַפּט און אים געשטעלט פאַר דעם פּאָליצמייסטער אַליין.

— הונדערט שמיץ! — האָט דער פּאָליצמייסטער באַפוילן.— נישט זשאַלעווען קיין ריטער!

ביי זיבעציק שמיץ האָט דער געשלאָגענער מער נישט גע-

שריגן, אפילו מיט די פיס נישט געוואָרפן, אָבער די פּאָליציאַנטן האָבן אים נישט אָפּגעלאָזט און ווייטער געשמיסן ביז הונדערט, ווי דער פּאָליצמייסטער האָט באַפוילן. ווען זיי האָבן אים געהייסן אויפשטיין, איז ער שוין געווען טויט. דער פּאָליצמייסטער האָט די פּאָליציאַנטן אָנגעזידלט דערפאַר.

— באָלוואַני! — האָט ער געדונערט. — געדאַרפט אים לאָזן אָפּרוען זיך נאָך יעדע פינף און צוואַנציק שמיץ.

אָבער עס איז געווען פאַרפאַלן.

האָט ער גיך געהייסן דעם טויטן אויפרוימען, אַרויספירן אים הינטער דער שטאָט אין אַ פּוסטן אָרט און אים דאָרט באַגראָבן, אַזוי, אַז קיינער זאָל זיך נישט כאַפּן וואו ער איז. די פּאָליציאַנטן האָבן אַזוי געטאָן, געמאַכט עס זייער שטיל. אָבער אין שטאָט האָט מען זיך דערוואוסט וועגן דעם, און די אַרבעטער האָבן געוואָלט, מ׳זאָל זיי אַרויסגעבן דעם טויטן קערפּער.

— מיר ווילן אונזער חבר, — האָבן זיי גערופן, — מיר ווילן אים באַערדיקן ווי אַ קריסט, נישט לאָזן אים פאַרפאַלן ווערן ווי אַ הונט.

דער פּאָליצמייסטער האָט אַרויסגערופן די פייערלעשער און געלאָזט אָפּשפּריצן מיט קאַלטע שטראָמען וואַסער דעם צעהיצטן המון; אָבער דאָס וואַסער האָט די צעהיצטע געמיטער נישט אָפּ- געקילט, נאָר נאָך מער אָנגעצונדן. דער עולם האָט גענומען כאַפּן שטיינער, וואָס זענען געלעגן אָנגעלייגט צו פאַרריכטן דעם ברוק, און אויסגעבראָכן אַלע שויבן אין פּאָליצמייסטערס הויז.

אין אַנדערע גאַסן זענען המונים באַפאַלן די צירקלען, די בראָנפן-סקלאַדעס. דער פּאָליצמייסטער האָט אין שרעק אוועק- געשיקט אַ טעלעגראַמע צום גובערנאַטאָר אין פּיעטראָקאָוו:

— וואָס טאָן?

דער גובערנאַטאָר האָט אוועקגעשיקט אַ טעלעגראַמע צום גע- נעראַל-גובערנאַטאָר קיין וואַרשע:

— וואָס טאָן?

דער גענעראַל-גובערנאַטאָר האָט אוועקגעשיקט אַ טעלעגראַמע קיין פּעטערבורג:

— וואָס טאָן?

פון פעטערבורג איז אָנגעקומען אַן ענטפער קיין ווארשע:
— דערשטיקן אָן רחמנות. נישט קארגן קיין קוילן.
ווארשע האָט טעלעגראפירט קיין פיעטראָקאָוו:
— דערשטיקן אָן רחמנות. נישט קארגן קיין קוילן.
פיעטראָקאָוו האָט טעלעגראפירט קיין לאָדזש:
— דערשטיקן אָן רחמנות. נישט קארגן קיין קוילן.
דער פּאָליצמייסטער האָט ארויסגערופן דאָס מיליטער פון גאר-ניזאָן. אָבער די עלטסטע האָבן די זעלנער פון די קאזארמעס נישט ארויסגעפירט.
— דאָס מיליטער איז צו ווייניק; נויטיק קאָזאקן.
דער פּאָליצמייסטער האָט טעלעגראפירט צום גובערנאטאָר:
— מיליטער צו ווייניק; נויטיק קאָזאקן.
דער גובערנאטאָר האָט טעלעגראפירט קיין ווארשע:
— מיליטער צו ווייניק; נויטיק קאָזאקן.
ווארשע האָט גלייך ארויסגעשיקט קאָזאקן; אָבער ביז די קאָ-זאקן זענען געקומען, האָט דאָס פאָלק געשאַלט אויף די גאסן. צום ערשטן האָט דער המון צעקלאפּט די בראָנפן-סקלאדעס און אויסגעטרונקען דעם בראָנפן. די פּארטיי-פירער האָבן גערופן, גע-בעטן, גערעדט צום הארץ, אז קיינער זאָל זיך צום בראָנפן נישט צו-רירן; אָבער דער המון האָט נישט געהערט און געזויפט. מענטשן האָבן זיך אין די רינשטאָקן אויסגעלייגט און געזשלאָקעט דעם אויס-געגאָסענעם בראָנפן. ווען דער עולם איז שוין געווען אָנגעטרונקען, האָט ער שטורקאצן אָנגעצונדן און גענומען שטורמען די גאסן.
תחלת האָבן די שיכורע מענער געכאפּט א פּוילישן שניי-דער, א לאטוטניק, אַן איינגעהויקערט פּארשווינדל מיט גרויסע נאָכהענגענדיקע וואָנסעס, און אים געקרוינט פאר קעניג פון פּוילן.
— זאָל לעבן דער פּוילישער קעניג! — האָט די מאסע גערופן, טראָגנדיק דעם איינגעהויקערטן לאטוטניק אויף די אקסלען. — הורא!
— זאָל לעבן! — האָבן די ווייבער נאָכגעשריגן און געלאָפן קושן דעם קעניגס אויסגעדרייטע שיך.
דערנאָך האָבן זיך גענומען הערן אנדערע קולות:
— אויסראָטן די אידן! צעראבירן זיי!

— אויפן באַלוט גיין, אויפן באַלוט!

אין איין רגע האָט דער המון געגומען כאַפּן אידן, אַריינפאַלן אין די געוועלבלעך, אַראָפּרייסן סוחרים פון די דראָשקעס און שלאָגן, ממיתן. סוחרים זענען אַנטלאָפן פון די געוועלבער, איבער־לאָזנדיק אַלץ אויף הפקר. ווייבער האָבן ספּאַזמירט, קינדער האָבן געקלאָגט. פון אַלע זייטן האָט מען פאַרהאַקט טיר און טויער.

אויף דעם באַלוט האָבן זיך די אידן קעגנגעשטעלט. קצבים, בעלי־עגלות, וועבער־געזעלן, טרעגערס, האָבן זיך מיט העק, דרענגער און אייזנס אַוועקגעשטעלט און די אָנפאַלער געשלאָגן איבער די קעפּ. אויף דעם פייפער־געסל, וואו עס וואוינען די קונצן־מאַכער, קאַ־טאַרינשטשיקעס, גנבים און וואוילע־יונגען, האָבן די מענטשן אָפּגע־קאָכט טעפּ וואַסער, הייסע הירזש, און די פּאָגראָמשטשיקעס אויף די קעפּ געגאָסן. איינער אַ קצב האָט אַ יונגן גוי מיט דער האַק דעם קאָפּ אויף צווייען געשפּאָלטן.

די גוים האָבן זיך צוריקגערוקט. אָבער זיי האָבן דעם דער־הרגעטן מיט זיך מיטגענומען און אים איבער די גאַסן געשלעפּט.

— זעט קאַטאָליקן, — האָבן זיי גערופן, — וואָס די אומ־גלויביקע האָבן מיט אַ קאַטאָליק געטאָן!

— לאָמיר נעמען נקמה פאַר׳ן קאַטוילישן פאַרגאָסענעם בלוט!

— האָבן גוים גערופן.

— אידן האָבן אונטערגעצונדן די קירכע! — האָבן ווייבער גענומען מאַכן קולות.

— זיי האָבן צעריסן די הייליקע בילדער!

— אַ גלח דערשטיקט!

— הוראַ, אויף אידן!

— פאַרטיליקן די גאָט־לעסטערער!

פאַרטאָג זענען די קאָזאַקן פון וואַרשע אָנגעקומען. צוזאַמען מיט זיי איז דער גובערנאַטאָר פון פּיעטראָקאָוו אָנגעפאָרן. דער פּאָליצמייסטער איז אים אַנטקעגנגעפאָרן.

— וואָס הערט זיך אין שטאָט? — האָט דער גובערנאַטאָר געפרעגט.

— אַ פּאָגראָם אויף אידן גייט, עקסעלענץ, — האָט דער פּאָליצמייסטער געענטפערט, אויסציענדיק זיך, ווי אַ סטרונע.

— גלענצנד! — האָט דער גובערנאַטאָר געזאָגט און אַ שמייכל האָט צעגאָסן זיין געזיכט. — דאָס וועט דעם המון באַפרידיקן.

גלייך דערויף האָט ער זיך צוגעבויגן צום קאָזאַקן-פּאָלקאָווניק, וואָס איז מיט אים אין איין קאַרעטע געפאָרן, און געזאָגט פייער-לעך:

— מיר וועלן זיך דאָ פאַרהאַלטן אַ טאָג צוויי, ביז די קאַ-נאַליעס וועלן זיך אויסהוליען צו דער זעט. דערמאַלט וועט מען זיי געבן שמעקן פולווער.

— שטיין! — האָט דער פּאָלקאָווניק געגעבן אַ באַפעל צו די אפיצירן אויף די פערד.

— שטיין! — האָבן אָפיצירישע באַפעלן זיך געטראָגן איבער דער גאַנצער לענג פון די קאָזאַקישע רייען.

נאָכן דריטן טאָג, ווען אין שטאָט זענען שוין געווען פיל טויטע און פאַרוואונדעטע, זענען די קאָזאַקן אריין און אָפּגערייניקט די שטאָט פון די בונטאָווטשיקעס.

די מאַסע איז געווען שיכור, זאַט פון רציחה און בלוט, אָפּ-געלאָזן און ווייך. זי איז זיך צעלאָפן פאַר די קאָזאַקן, ווי די מייז.

די קאָזאַקן האָבן אַרעסטירט הונדערטער און זיי אָפּגעשיקט אין די טורמעס. דעם „פּוילישן קעניג" האָט מען געבראַכט פאַר דעם גובערנאַטאָר אליין. אַן איינגעהויקערטער, אַ בלאַסער, אין ברייטע צעקנאָדעטע הויזן איבער די אויסגעריבענע שיך, מיט צעקאָלטנטע האָר און וואָנסן, איז ער געשטאַנען זייער אַ דער-שראָקענער און נעבעכדיקער פאַר דעם פּול-בלוטיקן און אויסגע-פּוצטן גובערנאַטאָר. ער האָט זיך נישט אויפגעהערט בויגן און ברומען צו זיך אליין.

— דאָס ביסט דו דער פּוילישער קעניג? — האָט אים דער גובערנאַטאָר געפרעגט מיט אַ שמייכל.

— איך בין נישט שולדיק, ליכטיקער האַר, — האָט דער דערשראָקענער בלאַסער מענטש געזאָגט. — איך בין אַ שניידער פון פאַך, אַ לאַטוטניק; איך בין געגאַנגען בלויז אין גאַס, נאָך פּאָדים געגאַנגען, האָבן מיך די מענטשן געכאַפּט און געזאָגט, אז איך בין דער קעניג פון פּוילן. איך שווער ביי גאָט, דעם הייליקן זון זיינעם און ביי זיינע געטלעכע וואונדן...

— וואָס טאָן מיט אים, עקסעלענץ ? — האָט דער פּאָליצ-מייסטער געפרעגט.

— אַפּשמייסן זיין קעניגלעכן מאַיעסטעט, — האָט דער גו-בערנאַטאָר באַפוילן, — און דערנאָך אים אַפּלאָזן אהיים צום ווייב.

דערנאָך איז דער גובערנאַטאָר אַוועקגעפאָרן מיט אַ וויזיט צו די הונצעס און צו פלידערבוימען. פלידערבוים האָט באַגעגנט דעם גובערנאַטאָר מיט אַ פאַרבאַנדאַזשירטן קאָפּ. ביי זיין גאַנצן גויאישן הילוך, ביי די שטאַרק אַרויסגעדרייטע עכט-פּריצישע וואָנסן, האָבן אים די גוים געשלאָגן גלייך מיט אַלע אַנדערע אידן אין קאַפּאָטעס ; פון דער גרויסאַרטיקער קאַרעטע אַראָפּגעשלעפּט און מיט שטעקנס איבער דעם קאָפּ געגעבן.

— איך באַדויער זייער, — האָט דער גובערנאַטאָר אים אויס-געדריקט זיין מיטגעפיל, — אויב איר קאָנט אָנווייזן אויף די כו-ליגאַנעס, וועל איך באַפעלן זיי גלייך צו אַרעסטירן.

דער פאַבריקאַנט פלידערבוים האָט גוט געוואוסט, אַז דער גובערנאַטאָר, וואָס באַדויערט אים אַזוי, האָט געלאָזט די שטאָט אויף הפקר עטלעכע טעג, נאָר ער האָט בלויז טיף פאַרבויגן זיין פאַר-באַנדאַזשירטן קאָפּ און געדאַנקט דעם גובערנאַטאָר פאַר זיין מיט-געפיל.

אין שטאָט האָבן זיך צוריק געעפנט די אידישע געוועלבער. גלע-זער האָבן אַריינגעשטעלט שויבן. קבורה-אידן זענען אַרומגעפאָרן מיט די עגלות, דאָקטוירים האָבן באַנדאַזשירט די פאַרוואונדעטע, דער רב האָט גוזר-תענית געווען און אין די בתי-מדרשים האָבן פאַסטנדיקע בלאַסע אידן געלייענט ביי מנחה „ויחל“.

די אַרבעטער, אונטערטעניקע און גלייכגילטיקע נאָך די עט-לעכע טעג שיכרות, זענען מיט טיף-געבויגענע קעפּ געשטאַנען פאַר די דירעקטאָרישע קאַבינעטן פון די פאַבריקן און געבעטן ביי די ליכטיקע הערן צוריק צונעמען זיי צו דער אַרבעט. די דירעקטאָרן האָבן זיי צוריקגענומען ; אָבער זיי האָבן אַראָפּגענומען פון לוין יעדן באַזונדער, וויפל זיי האָבן נאָר געוואָלט.

די שוואַרצע געדרייטע רויכן פון די פאַבריקן האָבן ווידער געקאָפּטשעט דעם לאָדזשער הימל, ווי פריער.

אין די אידישע הויפן האָבן די בלינדע בעטלער פון פייפער־געסל געזונגען דאָס נייע ליד פון „ראַבונעק“, וואָס א קלעזמער האָט פאַרפאַסט:

הערט אויס, מענטשן, די גרויסע קלאָג,
וואָס האָט אין לאָדזש פּאַסירט:
ראש־חדש אייר, דעם ערשטן טאָג,
האָט מען אידעלעך ראַבירט.

אַרבעטער בעז שטשאָט
האָבן זיך אין די גאַסן צעלאָזט;
זיי האָבן געהרגעט ווען זיי האָבן געטראָפן,
און אידעלעך זענען זיך צעלאָפן.

אוי, דו זיסער גאָט, דו קוקסט זיך צו אַלעס צו,
דיינע שעפעלעך האָבן גאָר קיין רו;
שטרעק אויס דיין רעכטע האַנט
און פיר אונז צוריק אין אונזער לאַנד.

קאַפּיטל אַכט

אָפּגעשמיסענע, פאַרשעמטע, מיט די אויגן צו דער ערד, נישט קאָנענדיק קוקן א מענטשן אין פּנים אריין, האָבן ארומגעבלאָנדזשעט איבערן באַלוט די קרייזל־פירער, וואָס האָבן מיט אזא פייער און גלויבן גערופן די וועבער צו פרייהייט, פּראָלעטארישער אחדות און ברידערליכקייט אין דעם ערשטן מאַי־יום־טוב. די שויבן אין די וועבערישע שטובן זענען געווען אויסגעבראָכן, די שטולן צע־האַקט. איבער די געסלעך האָבן זיך אידן מיט פאַרבונדענע קעפּ ארומגעדרייט און גערופן גלעזער אין זייערע שטובן. אין די קרעמ־לעך זענען די טירן געווען אָגעריסן, פאַרהאַקט מיט ברעטלעך.

— ברידער... — האָבן די דערשלאָגענע וועבער חוזק געמאַכט פון זייערע פירער, ווייזנדיק מיט די שפּיציקע פינגער אויף די פאַר־

בונדענע קעפּ און צעבראָכענע שויבן. — דאָס האָבן אונז די ברי-דער-אַרבעטער אַזוי צורעכט געמאַכט...

— אַ שיינע ריינע כפּרה אויף אייך! — האָבן זיי די ווייבער געזאָגט מיט גאַל — האָט עטץ נישט געקערט אַרומלויפן טאָג און נאַכט מיט סודות, מיט ביכלעך. שטענדיק וועט אויסגיין צו אידישע קעפּ...

אומגליקלעכער פון אַלע אין די ליכטיקע מאַי-טעג איז געווען ניסן דעם באַלוטער מורה-הוראהס, וואָס מען האָט אים גערופן תרבות-רעה.

אין די ערשטע טעג, ווען די אַרבעטער, זיינע אַרבעטער, וואָס דאַרפן באַפרייען די מענטשהייט פון אונטערדריקונג און אומרעכט און איינפירן אויף דער וועלט יושר, גלייכהייט און ברידערליכקייט, האָבן ביי זייער ערשטן אַרויסטריט אַזוי מיאוס פּאַראומריייניקט דעם פרייהייטס-יום-טוב, געמאַכט פון אים אַ מיאוסע קאָמעדיע מיט אַ קעניג און דערנאָך אַ פּאָגראָם אויף אידן, אויף אייגענע ברידער-אַרבעטער אַפילו; איז ניסן אַריינגעפאַלן אין אַ מרה-שחורה. ער איז נישט אויפגעשטאַנען פון זיין געלעגער, אין וועלכען ער האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין אָנטועכץ, ער האָט זיך נישט אַרומגעוואַשן אינדערפרי, נישט צוגענומען קיין עסן, קיין גלאָז טיי אַפילו.

ער האָט געוואָלט שטאַרבן, אומקומען, אַבי נישט צו הערן און זען דאָס, וואָס אין שטאָט איז געשען.

ער האָט געזען די חרפּה. צוזאַמען מיט טוביהן און די מענטשן פון זיין קרייזל איז ער אויף די גאַסן געווען. ער האָט געשריגן, געפּאָכעט מיט די הענט, גערופן די צעיושעטע אַרבעטער, זיי זאָלן זיך באַזינען; אָבער זיי האָבן אים אָפּגעשטויסן. איינער האָט אים דערלאַנגט מיט אַ פויסט אין פּנים.

דאָס אויג איז אים טאַקע געווען אָנגעלאָפן, ברוין און בלוי, פאַרגאָסן מיט בלוט. דער באַלעבאָס פון זיין צימער, אַ איד אַ ליט-וואַק, וואָס איז געקומען קיין לאָדזש פון מאָסקווע נאָכן גירוש, האָט אים געוואָלט ברענגען אַ דאָקטאָר, אַריינטראָגן אים טיי, הייס וואַסער, נאָר ניסן האָט נישט געוואָלט זיך צו קיין זאַך צורירן.

— פאַר אייך איז עס אַ נייעס, — האָט אים דער באַלעבאָס געזאָגט, — מיר זענען שוין געוויינט דערצו; מיר האָבן עס געהאַט

אין רוסלאנד, מיר האָבן עס דאָ און מיר וועלן עס האָבן אייביק, ווי לאַנג מיר וועלן זיין צווישן גוים...

ניסן האָט זיך אויפגעכאַפּט.

— נישט אמת, ווי לאַנג מיר וועלן זיין צווישן הערשער און אונטערדריקער.

אין צעטומלעניש האָט ער פאַרגעסן אין קאָנספּיראַציע און ארויס פאַר דעם באַלעבאָס זיינעם מיט רעוואָלוציאָנערע רייד.

דער איד האָט אויף אים אַ קוק געטאָן און געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— איר זענט יונג, יונגערמאַן. איך האָב אויך אמאָל אזוי געמיינט. שטענדיק וועלן זיי אונז שלאָגן. מען האָט איינגעפירט נייע מאַשינען אין לאָדזש, האָבן זיי אונז געשלאָגן; רוסישע סטו-דענטן האָבן דערהרגעט דעם צאַר, האָבן זיי אונז געשלאָגן. איצט שלאָגן אונז אַרבעטער, שפּעטער וועלן שלאָגן רעוואָלוציאָנערן... אייביק... ווי לאַנג מיר וועלן זיין אידן און זיי גוים...

— רעדט נישט אזוי, — האָט ניסן געשריגן, צוזאַמענקוועטשנ-דיק די פויסטן. — שווייגט!

— רוימט בעסער אויף דעם חמץ ביי אייך, — האָט אים דער ליטוואַק געזאָגט, — אין שטאָט מאַכט מען רעוויזיעס.

ניסן איז געוואָרען בלייך. דער ליטוואַק האָט אים באַטראַכט מיט דורכדרינגליכע אויגן.

— האָט נישט קיין מורא, — האָט ער אים געזאָגט, — מיר דאַרף מען קיין פינגער אין מויל נישט לייגן. איך קאָן זען, הערן און שווייגן... אָבער מישט זיך נישט. הערט מיין עצה. איך האָב זיך אויך אמאָל געמישט, שטאַרק געמישט... געוואָלט פאַרזאָרגן די גוים... דער ערשטער פּאָגראָם האָט מיך קלוג געמאַכט...

ניסן האָט געוואָלט ענטפערן, נאָר דער איד איז ארויס פון זיין צימער. ער איז געבליבן מיט זיין ווייטאָק און פאַרצווייפלונג אויף זיין בעטל. פון הויף האָבן די טרויעריגע געזאַנגען פון די בעטלערס גאָרנישט אויפגעהערט אויף קיין איין מינוט. דעם אידנס ווערטער האָבן אים געדריקט, געלייגט זיך אים ווי אַ שטיין אויפן האַרץ.

ניין, ער האָט נישט געגלויבט אין די רייד פון דעם איד וועגן די אייביקע פּאָגראָמען. ער האָט געוואוסט, אז שוואַך איז דער וועג

פון דער אויסלייזונג, א וועג פול מיט דערנער, שטרויכלונגען און שפיציקע שטיינער, איבער וועלכע די קלעטערער צו פרייהייט וועלן נישט איינמאל פאלן, צעבלוטיקן זיך, ביז זיי וועלן קומען צום שפיץ. ער האט געוואוסט פון דער געשיכטע פון רעוואלוציעס און פרייהייטן, אז שטענדיק איז זייער וועג געווען נאס פון בלוט און טרערן. ער האט געוואוסט, אז דאס איז געשען צוליב דער העצע פון אויסוואורפן, פאליציי-לייט און פארברעכער, וואס האבן אויפגעהעצט די ארבעטער, די נאך נישט-באוואוסטזיניקע און פארביטערטע, קעגן די אידן, כדי אפצוציען זיי פון זייערע אמתע שונאים. ער האט דאס אלץ געוואוסט, עס איז אים געווען קלאר. אבער דאס איז בלויז געווען אין גערדאנק, איז קאפ. דאס הארץ האט אנדערש געפילט.

פאר זיינע אויגן זענען געשטאנען די שרעקלעכע טעג. די צעיושעטע גוים מיט די שטעקנס אין די הענט, די ווילדע געשרייען און קולות, דאס רייסן, שלאגן און ממיתן עלטערע, ווייבער און קינדער אפילו.

— שלאגט די אידן! — האבן זיי געשריגן. — פארטיליקט זיי די אומגלויביקע!

ארבעטער זענען דאס געווען, פראלעטאריער, פאר וועמען די פאבריקאנטן קאנצענטרירן זייערע קאפיטאלן, כדי זיי זאלן צו זיי איבערגיין, ווען די צייט וועט קומען. אט זיי, פאר וועמען ער קעמפט, די צוקונפט פון דער וועלט, האבן דאס, צוזאמען מיט גאסן-יונגען און באלוטער אונטערוועלט-פארשוינען, דעם ארעמען ארבעטער-פערטל פון זייערע חברים אידישע ארבעטער רצבירט און געשלאגן. און ספיקות, יאוש האבן געגריזשעט זיין מוח. דעם באלעבאס׳ ווערטער וועגן די אייביקע אידן און גוים האבן אים ווי אנגעגליטע נאדלען אין קאפ געשטאכן.

שטארבן... נאר שטארבן... האט אים א גערדאנק געעגבערט און געדרייצט. — מער איז גארנישטא וואס צו טאן איצט.

ער איז געווען אזוי אפאטיש, אז ער האט אפילו נישט אויפגערוימט די פאפירן און ביכלעך, דעם חמץ, ווי דער באלעבאס זיינער האט אים אנגעזאגט. עס איז אים געווען גלייכגילטיק, אלצאיינס וואס ס׳וועט זיין.

אפשר איז דער מענש שלעכט, געמיין אין זיין וועזן, — האָבן אים פינסטערע געדאַנקען געפּייניקט אין זיין בעטל, — אפשר זענען נישט בלויז אין אַלעם שולדיק די עקאָנאָמישע באַדינגונגען, ווי ער האָט געגלויבט, נאָר עס שטעקט אין מענטש אַליין דאָס געמיינע און מיאוסע, וואָס קיין שום וואַסערן וועלן נישט אָפּוואַשן. אפשר איז גערעכט די תורה, וואָס זאָגט, אז דעם מענטשנס האַרץ איז שלעכט פון געבוירן. אפשר האָט זיי געקענט בעסער שאָפּענהויער, דער אמאָליקער באַליבטער פילאָזאָף זיינער, וואָס ער האָט אים אמאָל אזוי דורשטיק געשלונגען ביי פּייוועלע דעם שמאַטע-הענדלער און וואָס שפּעטער האָט ער אים פאַרוואָרפן, אויסגעביטן אויף דעם אידעאַליסטישן העגעל און פראַקטישן מאַרקס.

ער איז אריינגעפאַלן אין א שלאָף, א שווערן, א קאָשמאַרן, פול מיט שלעכטע חלומות און שרעק. ער האָט געזען צעיושעטע מענטשן, דערשראָקענע אידן, געהערט ווילדע געלעכטערס, און דורך אַלעם האָט זיך דורכגעריסן די שטים פון זיין באַלעבאָס דעם ליטוואַק וואָס האָט געשריגן: „אייביק וועט עס אזוי זיין, אייביק!“ אין די קליידער, אומגעגעסן, אומגעוואַשן, אָן פייער אין שטוב ביינאַכט, איז ער אזוי אָפּגעשלאָפן א מעת-לעת צייט ווי אין הינערפּלעט.

אויפגעוועקט האָט אים א פרימאָרגן-זון, א ליכטיקע און פריילעכע, וואָס האָט זיך דורך דעם גאַנצן לאָדזשער שטויב און רויך אריינגעריסן אין הויפּישן פענסטער. צוזאַמען מיט דעם שווערן שלאָף, איז פון אים פאַרשוואונדן זיין יאוש, אַפּאַטיע און דערשלאָגנקייט. ער האָט דערפילט א ווילן צו לעבן, אָפּצוואַשן זיך, צו באַוועגן זיך, צו טאָן עפּעס אין די טעג פון אומגליק און צעפאַלונג.

ווי די פרומע אידן, ווי דער פאָטער זיינער, וואָס אין זייער גלויבן אין משיח, אין דער אויסלייזונג פון דער וועלט, קאָנען קיינע צרות און דערוויילקע פּיין נישט צונעמען ביי זיי די האָפענונג אין דער גאולה, וואָס מוז קומען, כאָטש זי זאַמט זיך שוין טויזנטער יאָרן, אזוי האָט ער אויך געגלויבט איצט אין זיין נייער אמונה, און ער האָט געטריבן די שוואַרצע, שלעכטע געדאַנקען,

אָפּגעשאָקלט זיך פון זיי, פון קאָפּ ארויסגעיאָגט. פארקערט, ערשט איצט, אין דער ארומיקער פארצווייפלונג, דארף ער לאָזן הערן א וואָרט פון טרייסט און גלויבן, קלאָר מאכן די דערשלאָגענע מענטשן פון באַלוט, וועקן זיי צו גלויבן אין דער צוקונפט, וואָס וועט מוזן קומען.

ער האָט אָפּגערייניקט די שטוב פון יעדער פארדאכט. ער האָט זיך אָפּגעוואַשן, אָנגעטאָן און אוועק אויפזוכן זיינע מענטשן כדי צו באראַטן זיך, וואָס צו טאָן.

ער האָט נישט געפונען קיינעם. זיי האָבן זיך אויסבאהאלטן, נישט געוואָלט ווייזן זיך אין די שרעקלעכע טעג. די, וואָס ער האָט געטראָפן, האָבן מיט אים נישט געוואָלט רעדן.

— טראָג זיך אָפּ, — האָבן זיי אים געזאָגט, — די וועבער וועלן מיט קאַלט וואסער אָפּגיסן, אז מען וועט זיי איצט קומען ווייטער רעדן וועגן אַזעלכע זאכן...

ער איז שטילערהייט אוועק צו טוביהן. אָבער ער האָט אים נישט געטראָפן אין דער היים.

— דער טאַטע איז אין פּלידערבוימס שפּיטאָל, — האָט אים באַשקע געזאָגט א טרויעריקע. — א שייגעץ האָט אים א שטיין גע-וואָרפן אין קאָפּ. און פאר דער מאַמען ווייזט זיך נישט. זי האָט געזאָגט, אַז זי וועט אייך שלאָגן...

אליין איז ער אוועק צו זיך אין שטוב, אליין א פּראָקלאַ-מאַציע אָנגעשריבן, אַן אויפקלערונג צו די אידישע ארבעטער פון באַלוט. פול מיט ביטערע רייד קעגן דעם קאַפּיטאַל, וואָס פאַר-שפּרייט ברודער-האַס, מיט לאָגישע דערקלערונגען וועגן דער פּראָ-וואָקאַציע פון דער פּאָליציי, וואָס האָט דעם צאָרן פון פארבי-טערטן פּוילישן ארבעטער אָפּגעווענדעט פון זיין קלאַסן-שונא אויף זיין אייגענעם ברודער-ארבעטער, האָט ער גערופן נישט אריינצופאלן אין יאוש און האַס, נאָר ווייטער גלויבן אין דער ברידערלעכער איינהייט פון פּראָלעטאריאַט. און פארענדיקט האָט ער מיט א סך „נידערס" קעגן דעם קאַפּיטאַליזם און דער זעלבסט-הערשאַפט און מיט א סך „עס לעבעס" פאר דער פאראייניקונג פון די פּראָלעטאריער פון אַלע לענדער. א גאַנצן מעת-לעת צייט איז ער אָפּגעזעסן אין שטוב און די פּראָקלאַמאַציע איבערגעשריבן אין

א סך עקזעמפּליאַרן. דערנאָך איז ער אַוועק אין מיטן-נאַכט אויפֿן באַלוט און מיט די אייגענע הענט די פּאַפּירן אָנגעקלעפּט אויף די קרומע ווענט און פּאַרקאַנעס.

איינער אַליין האָט ער געוואָלט צוריק אויפבלאָזן דאָס פייער אין ים פון רויך און טשאַד. ער האָט שוין טאַקע געהאַט אָנגע-קלעפּט א היפש ביסל אויפרופן זיינע אויף די ווענט פון די שולעכ-לעך, פּלויטן און ראָגן, כדי שטילערהייט זיך אַרויסצורוקן פון באַלוט און גיין דורך זייטיקע וועגן א היים, ווי מיט אַמאָל האָבן צוויי פּאָליציאַנטן זיך אַרויסגערוקט און אים אָנגעכאַפּט ביי די הענט.

— פון אָרט זיך נישט רירן, מיר וועלן שיסן!

געשיקט און פלינק האָבן זיי אים א קייטעלע פארלייגט אויף א האַנט און אים אין א דראָזשקע אָפּגעפירט אין פּאָליציי-צירקל.

אין הויף פון צירקל זענען געשטאַנען אויסגעשטעלט פון ביידע זייטן קאָזאַקן מיט נאַגייקעס אין די הענט. ניסן איז געבליבן שטיין ביים געעפנטן טירל אין טויער. די סטראַזשניקעס האָבן אים א צי געטאָן.

— פּאַשאָל, מוישע! — האָבן זיי געזאָגט לאַכנדיק.

דאָס איז געווען א סימן פאַר די קאָזאַקן, אַז מען פירט א איד און זיי מעגן זיך לאָזן וואַוילגיין. פון ביידע זייטע האָבן גענומען פאַלן אויף ניסנס קאָפּ, אַקסלען און הענט די קאָזאַקישע בייטשן. ער האָט געוואָלט זיך דורכלויפן דעם בראַנד, נאָר די קאָזאַקן האָבן אים א פוס אונטערגעשטעלט, נישט געלאָזט גיין.

— בעי זשידא! — האָבן זיי געשריגן און געפייפט מיט די בייטשן.

אַז די סטראַזשניקעס האָבן געזען, ווי ער פאַלט אויף דער ערד, האָבן זיי אים גיך אַריינגעשלעפּט אינעווייניק און פאַרהאַקט די טיר.

א צעשלאָגענעם, א צעבלוטיקטן האָבן זיי אים אַריינגעפירט צום נאַכטיקן דיזשורני און געמאָלדן:

— געכאַפּט אים קלעפּן פּאַפּירן אויפֿן באַלוט. אַט-אָ זענען זיי.

זיי האָבן בייגעלייגט א פּריש פּאַפּיר, וואָס זיי האָבן אַראָפּ-גענומען פון וואַנט.

— באזוכן אים ! — האָט דער דיזשורני באַפוילן.

די סטראַזשניקעס האָבן אים באַזוכט פון קאָפּ ביז די פיס.

— דיין נאָמען, פאַמיליע-נאָמען און אַדרעס ? — האָט דער דיזשורני געפרעגט.

— נישט דוצן מיך ! — האָט ניסן געזאָגט שארף.

דער דיזשורני האָט אים באַטראַכט.

— אהא, אַן אינטעליגענט, — האָט ער געזאָגט מיט א געלעכטער. — אייער נאָמען, פאַמיליע-נאָמען און אַדרעס ?

ניסן האָט נישט געענטפערט. ער האָט זיך געווישט מיט א טיכל דאָס אָנגעלאָפענע פּנים.

— נו, גוט, מיר וועלן זיך שוין אַליין דערוויסן, — האָט דער דיזשורני געזאָגט און געהייסן אים אַריינפירן אין ארעסט.

אין דער גרויסער קאַמער איז געווען פול, אָנגעשטאָפּט מיט ארעסטירטע. עס זיינען דאָ געזעסן פאַרהאַלטענע גנבים און מענטשן אָן פּעסער, סקאַנדאַליסטן, שיכורע דראָזשקארעס, שלעפער, עטלעכע פאַרהאַלטענע משוגעים און מאַסן ארבעטער, סיי פאַר שטרייקן אין די פאַבריקן, סיי פאַר ראַבירן אידן. מען האָט געהאַלטן אין איין פירן נייע און נייע. א שטיקעניש, שמוץ, רויך, געשרייען. געוואַלדן, געלעכטער, געוויינען האָבן זיך צונויפגעמישט אין דער גרויסער פאַרקראַטעוועטער קאַמער, באַלויכטן מיט א קליין נאַפט-לעמפּל, וואָס האָט אַלץ געהאַלטן אין פינסטערניש געהילט. א חברה יונגען האָט געקלאַפּט מיט די פויסטן אין טיר, גערופן דעם שליסער, נאָר ער האָט זיך נישט אָנגערופן.

דאָס האָבן זיי גערופן ארויסצלאָזן זיי צוליב א מענטשלעכן געברויך. נאָר דער שליסער האָט נישט געוואָלט עפענען. צופיל האָבן די מענטשן אים אָפּגענאַרט דערמיט.

די נאַרעס זענען געווען פאַרנומען. ניסן האָט אויסגעזוכט א ווינקל, אוועקגעלייגט א האַנט צוקאָפּנס און אויסגעצויגן זיינע צעווייטאָקטעביינער אויף דער הוילער שמוציקער ערד. חברה-לייט זענען צוגעקומען און געפּאָדערט געלט אויף בראָנפן, נאָר ניסן האָט נישט געגעבן.

— לאָזט מיך שלאָפן, — האָט ער געזאָגט פעסט, מיט א טאָן פון איינעם, וואָס ווייסט שוין, וואָס געפענגעניש איז.

— נישט קיין „וויטישער״, — האָבן די חברה-לייט געזאָגט.
— ער האָט שוין אומעטום זיין שטרוי-זאַק.

און זיי זענען אַוועקגעגאַנגען פון אים זוכן „פריצעס״.

ניסן האָט דערפילט די גאַנצע וויטאָק פון זיינע צעשלאָגענע ביינער. די בייטשן האָבן געשניטן זיך אין לייב שטאַרקער ווי פריער.

דורך די פאַרקאָוועטע פענסטער האָט אריינגעקוקט א גרינער מאָרגן-שטראַל.

נאָך עטלעכע טעג אָפּוואַלגערן זיך אין ארעסט, אין שמוץ, אומריינקייט און אין ענגשאַפט, האָט מען אים ארויסגערופן צום אויספאָרשער.

אין א ליכטיקן קאַבינעט, ביי א טיש מיט א גרין טישטוך איבערגעדעקט, איז געזעסן א גלאַט-ראַזירטער זשאַנדאַרמען-פּאָל-קאָווניק מיט גאָלדענע לויטערע ברילן.

— זעצט אייך, — האָט ער איינגעלאַדן דעם אריינגעפירטן ניסן. — איך זע אייך דאָס ערשטע מאָל. — א לאָדזשער? א צו-געפאָרענער?

— א לאָדזשער, — האָט ניסן געענטפערט.

— איך ווייס נישט אייער נאָמען, — האָט דער פּאָלקאָווניק געזאָגט מיט א שמייכל, — איר האָט אים אין פּאָליציי-ארעסט נישט געוואָלט אָנגעבן.

— מען האָט מיך געשלאָגן, — האָט ניסן געזאָגט מיט כעס. — זעט מיין פּנים.

— ס׳טוט מיר זייער לייד, — האָט דער פּאָלקאָווניק געענט-פערט, קוקענדיק מיט א ליידנדיקער מינע אויף דעם ארעסטירטן. — אָבער די צייטן זענען אַזעלכע, אז אונז איז שווער צו קאָנטראָלירן. איר האָט צופיל טומל אָנגעמאַכט אין שטאָט. מען האָט געמוזט ארויסרופן קאָזאַקן. און איר ווייסט דאָך, אז זיי זענען היציקע שלעגער, אַזוי צו זאָגן... ביי זשאַנדאַרמען וואָלט עס נישט גע-טראָפן...

ער האָט צופרידן געשמייכעלט פון דעם אונטערשיד צווישן די ווילדע קאָזאַקן און גוט-ערצויגענע זשאַנדאַרמען.

— איר וועט פאררויכערן ? — האָט ער אונטערגערוקט ניסנען א קעסטל פּאַפּיראָסן.

— א דאַנק, — האָט ניסן געזאָגט, נישט נעמענדיק דעם פאָרגעלייגטן פּאַפּיראָס.

דער פּאָלקאָווניק האָט צוריקגעצויגן דאָס קעסטל פּאַפּיראָסן און גענומען אָפּרייניקן די פעדער.

— אַלס אַ לאָדזשער רעדט איר זייער אַ שיינעם רוסיש, — האָט ער אים געמאַכט אַ קאָמפּלימענט. — האָט איר שטודירט אין פּוילן ? אָדער אין רוסלאַנד ?

— איך בין געווען אונטער פּאָליצייאישער אויפזיכט אין רוסלאַנד, — האָט ניסן געזאָגט. — מיין נאָמען איז ניסן איי-בעשיץ.

— זייער אַנגענעם, — האָט דער פּאָלקאָווניק געזאָגט און פאַר-צייכנט דעם נאָמען. — דאָס איז דאָס בעסטע. מיר וואָלטן סיי-ווי-סיי דערגאַנגען. איר האָט בלויז פאַרשפּאָרט איבעריקע אַרבעט, הער אייבעשיץ.

מיט זייער איידעלע ווערטער האָט דער פּאָלקאָווניק פּרובירט אַרויסבאַקומען ביי דעם אַרעסטירטן, צו וועלכער פּאַרטיי ער גע-הערט — צום „פּראָלעטאַריאַט", צום „זוויאָנזעק", אָדער אפשר גאָר צו אַ ניי-געבוירענער פּאַרטיי.

— נישטאָ קיין איינהייט אין אייערע רייען, — האָט ער גע-זאָגט מיט אַ שמייכל. — איר שפּאַלט זיך אָפּט און פאַרשאַפט אונז פיל אַרבעט... מען שמועסט, אַז די „פּראָלעטאַריאַט" האַלט ווידער ביי אַ שפּאַלטונג. ווי מיינט איר ?

נאָר ניסן האָט אויף דעם קיין ענטפער נישט געגעבן. האָט דער פּאָלקאָווניק אַריינגעקוקט אין דער פאַרבאַפּטער פּראָקלאַמאַציע, וואָס איז געלעגן נעבן אים, ער האָט זי פאַרגליכן מיט דער רוסישער איבערזעצונג, וואָס דער סעקרעטאַר פון דער קהלה האָט פאַר אים ווערטלעך געמאַכט, און ער האָט גענומען רעדן וועגן דעם „ראַ-בונעק" אין שטאָט.

— זייער אומאַנגענעם, — האָט ער געזיפצט. — איך באַדויער ווירקלעך.

— דאָס איז אייער אַרבעט, — האָט ניסן געזאָגט.

— ניין, אייער ארבעט. — האָט אים דער פּאָלקאָווניק איבער־געריסן. — אידן דארפן זיך נישט מישן. איר דארפט האנדלען, דאָס איז אייער ספּעציאַליטעט. עס וואָלט געווען בעסער פאר אונז און פאר אייך... טראַכט וועגן מיינע רייד.

— איך האָב מיר מיין קופּ אויף די זאַכן, — האָט ניסן גע־זאָגט.

— איך האָף, אז אין געפענגניש, וואו איר וועט האָבן א סך פרייע צייט צו טראַכטן, וועט איר נאָכדענקען און איינשטימען מיט מיר, — האָט דער פּאָלקאָווניק פאָטערליך גערעדט. — איצט זענט איר מיד, נישט אויסגעשלאָפן און איך וויל אייך מער נישט מאַטערן. מיר וועלן זיך נאָך זען. אפשר פארלאַנגט איר עפּעס? זאָגט מיר, און אויב עס וועט זיין מעגלעך, וועל איך אייך דינען.

— איין זאַך, הער פּאָלקאָווניק, שיקט מיך נישט מער אין ארעסט, נאָר אין טורמע.

— איך האָב עס אליין שוין געהאַט אזוי באַשלאָסן, — האָט דער פּאָלקאָווניק געענטפערט און אָנגעקלונגען נאָך דער וואַך.

צוויי סטראַזשניקעס האָבן אים אריינגעזעצט אין א דראָזשקע און אָפּגעפירט אויף דלוגע גאַס אין טורמע.

— מען שיקט און שיקט, — האָט דער טורמע־אויפזעער זיך געבייזערט, — אז איך האָב שוין גאַרנישט וואו זיי אריינצופּאַקן. אזא אומגליק...

צוויי פארשלאָפענע וועכטער האָבן ניסנען אויסגעטאָן ביז נאַקעט, באַטאַפּט אים, געהייסן אראָפּבויגן, געזוכט אים אין די באַהאַלטנסטע ערטער. פון די קעשענעס האָבן זיי ביי אים צוגע־נומען אלץ, פון א בלייפעדער ביז א פּאַפּיראָס, פון א שוועבעלע ביז דעם בייטעלע מיט קליינגעלט. אויך די הויזנטרעגער און קראַוואַט האָבן זיי פון אים צוגענומען.

— נעמט! — האָבן זיי אים געזאָגט, דערלאַנגענדיג א קליין נאַפּט־לעמפּל און געפירט אים איבער א לאַנגן קאָרידאָר. — איר וועט דאָ זיצן דערווייל. שפּעטער וועלן מיר זען.

ווי א געהרגעטער האָט ער זיך ארויפגעוואָרפן אויף דעם בעטל מיט דער גרויער הארטער קאָלדרע אין זיין קליינער צעלע. דאָס קליינע פארקראַטעטע קעמערל מיטן בעטל, טישל און בענקל

האָט, נאָך דעם שמוציקן פּאָליציי-אַרעסט, אויסגעזען אין זיינע אונ-טערגעשלאָגענע אויגן ווי א פּאַלאַץ.

פון דער וואַנט האָבן גלייך גענומען אויסקלאַפּן טורמע-קלעפּ. ניסן האָט צוגעלייגט אַן אויער.

— גוטן אָוונט. ווער זיצט דאָ? — האָבן די קלעפּ געפרעגט. ניסן האָט אויסגעקלאַפּט זיין נאָמען.

— וואָס הערט זיך אין שטאָט? — האָט דער שכן פון יענער זייט געפרעגט און אָנגעגעבן זיין נאָמען.

באַלד האָט ער אויך אויסגעקלאַפּט, אַז ווי מען האָט זיך דער-וואוסט אין טורמע, וועט מען די אַרעסטירטע לאַנג נישט האַלטן ביזן פּראָצעס. מען וועט עס מאַכן גיך. און געבן וועט מען גרויסע טערמינען, ביז אַכט און צען יאָר. ניסן האָט מיט קלעפּ אין דער וואַנט אויסגעפרעגט וועגן דעם רעזשים אין טורמע, וועגן עסן, שפּאַצירן, שלאָפן, און דער עיקר וועגן לייענען. פון יענער זייט וואַנט האָט מען אים אויסגעקלאַפּט, אַז ביכער זענען דאָ א סך, אויך פּאָליטישע, גאָר א לייטישע ביבליאָטעק, וואָס די פריערדיקע אַרעסטירטע האָבן דאָ איבערגעלאָזט. ניסן איז געווען גליקלעך. קיין זאַך איז אים נישט אַזוי געלעגן אין קאָפּ, ווי די ביכער. ער האָט זיך געגרייט אויף א לאַנגן טערמין און אויף א סך לערנען פאַר דער צייט.

אין איינעם א טאָג האָט מען אים אַרויסגערופן צו א זעאונג מיט זיין כלה. ניסן איז אַרויס א פאַרחידושטער אין קאַנצעלאַריע און געטראָפן די קליינע באַשקע, טוביהס מיידל, מיט א פּעקעלע אין האַנט. דער וועכטער האָט ביי איר דאָס פּעקעלע צוגענומען.

— וואָס איז דאָ דערינען? — האָט ער געפרעגט.

— עסן.

— מיר וועלן עס איבערגעבן נאָך דעם, ווי מיר וועלן עס דורכקוקן, — האָט דער וועכטער געזאָגט, און צוגענומען דאָס פּעקעלע. — איר קאָנט רעדן.

ניסן האָט דער מיידל אויסגעשטרעקט א האַנט. זי האָט זיך באַגאָסן מיט רויטקייט.

— זייען זי נישט בייז, — האָט זי זיך פאַרענטפערט, — אַנ-

דערש לאָזט מען נישט אַריין, נאָר משפחה. האָב איך געזאָגט, אַז מיר זענען חתן-כלה.

— אַ דאַנק דיר, באַשקע, — האָט ניסן געזאָגט און איר אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ.

די קליינע האָט געשוויגן.

ניסן האָט זי אויסגעפרעגט אויפן פּאָטער, אויף באַקאַנטע.

— דער טאַטע איז שוין אינדערהיים, — האָט זי שטיל געזאָגט, — ער אַרבעט. איך אויך. ער לאָזט איהן גריסן.

זי האָט זיך פאַרטראַכט אַ ווײַלע און שטיל געזאָגט:

— ער וועט ווייטער טוען, ווי פריער. איך אויך. כאָטש די מאַמע שרייט.

— ביזט אַ גוט מיידל, באַשקע, — האָט זי ניסן געלויבט, — נאָר היט דיך. און קיין פּעקלעך דאַרפסטו נישט ברענגען. איך האָב דאָ אַלץ.

די קליינע האָט אים אָנגעקוקט מיט גרויסע דאַנקבאַרע אויגן און זיך פאַנאַנדערגעווײַנט.

— וואָס איז דיר, באַשקע? — האָט זי ניסן באַרואיקט און געגלעט איבערן קאָפּ.

— זיי זענען אַזוי געמיין... אַזוי געמיין... — האָט זי געמורמלט און אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

— ווער, באַשקע?

— ביי דער רעוויזיע, — האָט די קליינע געזאָגט און באַגאָסן זיך מיט רויטקייט. — איך האָב מיך אַזוי געשעמט.

ניסן האָט פאַרשטאַנען דאָס מיידל. ער האָט שוין געקענט די טורמע-רעוויזיעס, וואָס מען פירט דורך איבער די, וואָס קומען אויף אַ זעאונג.

— דאַרפסט נישט קומען, — האָט איר ניסן געזאָגט, — ביזט נאָך אַ קינד.

— ניין, איך וועל יאָ קומען, — האָט זי געענטפערט פעסט.

דער וועכטער האָט איבערגעריסן די זעאונג.

— צייט צו גיין, — האָט ער גערופן, קלינגענדיק מיט די שליסלען. — שנעלער.

ניסן האָט דער מיידל אַ קוש געטאָן אין קאָפּ.

קאַפּיטל נײַן

ביים לאָדזשער וואָקזאַל איז געווען טומלדיק און ראַשיק.

ביי די וואַגאָנען פון דריטן קלאַס האָבן זיך געשטויסן אידן, ווייבער, פּויערטעס, קינדער. כאָטש עס איז נאָך געווען היפּש צייט צום אָפּגיין פון צוג, האָבן אַלע געשריגן געאיילט, געיאָגט זיך, געלאָפן מיט די פּעקלעך און זעקלעך. ווייבער האָבן מורא געהאַט ארויסצולאָזן די זאַכן פון די הענט, נישט פארשטאַנען דעם קאָנ-דוקטאָרישן רוסיש, און זיי האָבן געוויינט און געיאָמערט, טוליענ-דיק די פּעק אין די הענט. דאָס זענען זיי צו מאַנען קיין אמעריקע געפאָרן. דאָס איינציקע, וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט, זענען געווען די פּעק בעטגעוואַנט און די קינדער. און זיי זענען געווען דער-שראָקן און צערודערט. אַלע ווײַלע זענען זיי די קינדער אויפסניי פארשוואונדען. דערצו האָבן זיך גנבים געדרייט, געכאַפּט פּעקלעך און ארויסגעצויגן געלט פון אונטער די הענט.

— געוואַלט, מיין געלט! — האָבן אַלע מאָל אנדערע ווייבע-רישע קולות דורכגעריסן די געדיכטע לופט.

אַ סך איז מען איצט פון לאָדזש קיין אמעריקע געפאָרן. נאָך דעם קריזיס זענען מענטשן בדלות געוואָרן, געבליבן מיט די פּאַ-פּירענע וועקסלעך אין די הענט, און מען איז געלאָפן ראַטעווען זיך קיין אמעריקע. אַנדערע זענען צערויבט געוואָרן ביים „ראַ-בונעק", קלעפּ געכאַפּט, און זיי זענען אַוועק פון דער אומרואיקער שטאָט צום נייעם לאַנד.

צום הונדערטסטן מאָל האָבן טאַטעס געזעגנט זיך מיט די זין זייערע און אָנגעזאָגט זיי:

— קינדער, געדענקט צו בלייבן אידן! היטן שבת, לייגן תפילין און נישט גאָלן די באָרד. געדענקט!

— מיר געדענקען, — האָבן די זין געענטפערט און געציילט די פּעקלעך.

פּויערטעס האָבן קווישן מיט הינער געוואָלט אריינשמוגלען אין די וואַגאָנען און געקריגט זיך מיט די קאָנדוקטאָרן. אידן-

חסידים, מיט פעקלעך איינגעבונדענע אין רויטע קעשענע-פאַטשיי-לעס, זענען צום רבין געפאָרן, צוזאַמען מיט זייערע אינגלעך אין די לאַנגע קאַפּאָטעס, וואָס האָבן ווי קליינע אידעלעך אויסגעזען. זיי האָבן געזונגען חסידישע זמרלעך שוין ביי דער באַן. ליטוואַקעס סוחרים, באַהאַנגענע מיט טשעמאָדאַנען, טשייניקעס, רעגן-שירמס, האָבן געריסן זיך צו די אויבערשטע בענק, כדי צו קאָנען איבער-שלאָפן זיך ביז אהיים. זיי האָבן זיך געקריגט מיט די פּוילישע אידן, וואָס מאַכן ענג אין באַן, און געוואַלטעוועט דורך די פענס-טער צו די באַן-טרעגער:

— נאָסילשטשיק קיפּיאַטאָק!

א וועלט מיט הייסע טיי האָבן זיי אָנגענומען, און אַלע טשיי-ניקעס, ווייל נאָר זיי האָבן געפירט.

אין די וואַגאָנען איז געווען א בהלה. מען האָט זיך געוואָרפן פעק, געקריגט זיך, געריסן. פרומע אידן האָבן אָנגעטאָן טלית און תפילין און געדאַוונט מיט א מנין. ווייבער האָבן אָפּגעדעקט די בריסטן און געזויגן שרייענדיקע קינדער. ליטוואַקעס האָבן גע-שפּילט אין קאָרטן אויף די אויבערשטע בענק. חסידים האָבן גע-טרונקען לחיים. גוים האָבן געשניטן חזיר-קישקע מיט קניפּערלעך, געגעסן, געשפּיגן און געלאַכט פון די דאַוונדיקע אידן. קינדער האָבן געוויינט, הינער האָבן געפּישטשעט, א חזירל אין א זאַק האָט געקוויטשעט, א הונט האָט געבילט. און צווישן אַלע האָט זיך דורכגעריסן א איד, א „שמייסער", מיט א געלער באָרד, א געל כאַלאַטל, א קאָכעדיקער, א שרייענדיקער, און צונויפגענומען געלט פאַר פאָרן אויף דער באַן.

— א סוף, אידן, ווער האָט נאָך נישט באַצאָלט, א סוף! — האָט ער גערופן. — אַרויס מיט די פּאָר גילדן!

נישט אַלע האָבן געקויפט בילעטן אין באַן. מען איז געפאָרן אויף „גאַפּע", אויסבאַהאַלטן זיך אונטער די בענק. אָבער די רוסי-שע קאָנדוקטאָרן האָבן געהיט. קיין בילעטן האָבן זיי נישט געפאָ-דערט, אָבער געלט פאַר פאָרן אויף דער באַן אָן א בילעט האָבן זיי גענומען. זיי צוהילף האָבן געאַרבעט אידן „שמייסערס", וואָס האָבן ביי די פּאַסאַזשירן צונויפגענומען דאָס געלט און דערמיט זיך גע-טיילט מיט די קאָנדוקטאָרן.

דער גלער „שמייסער“ האָט געשטופּט, געוואַלטעוועט, געקראָכן אונטער די בענק, ארויסגעטריבן פון דאָרט די באַהאַלטענע אינגלעך און געמאַכט קולות:

— שנעלער, די פאַר גילדן, אהער; א נישט, וועל איך בײם קאָפּ אראָפּװאָרפן...

דער רוסישער קאָנדוקטאָר איז מיטגעגאַנגען אין א זייט און געהאָלפן אין דער ארבעט.

— בגפו יבוא? — האָט ער געפרעגט מיט א פסוק פון דער תורה, וואָס די „שמייסערס“ האָבן אים אויסגעלערנט.

— בגפו יצא! — האָבן די פּאַסאַזשירן אָן בילעטן געענטפערט און בעצאָלט פאַר פאָרן אָן א בילעט.

מער נאָך ווי אויף די, וואָס באַהאַלטן זיך אונטער די בענק, האָט דער „שמייסער“ געשריגן אויף די, וואָס האָבן געקויפט א בילעט ביי דער קאַסע:

— זע נאָר די מצוה, וואָס מען האָט געטאָן אין פּאָניען! — האָט ער געוואַלטעוועט. — נישט גלייכער געווען געבן א איד צו פאַרדינען און פאָרן פאַר ביליקער. ערגער ווי גוים זענט עטץ!...

— דער מלאך-המות וועט קומען? — האָבן חסידים געפרעגט.

דאָס האָט מען געמיינט דעם קאָנטראָליער.

— נישט קומען מאַלכעמאָוועס, — האָט דער קאָנדוקטאָר בארויקט, — יעי באָגו...

אידן און גוים האָבן געשלעפּט געלט פון בייטלען און געזיפצט ביי יעדן גילדן. ווייבער און פּויערטעס האָבן געשלעפּט קניפּלעך פון די בוזימס, פון די זאָקן און געדונגען זיך מיט דעם „שמייסער“.

— ס׳א באַן, נישט קיין פיש-מאַרק, — האָט דער „שמייסער“ געשריגן, — נישט דינגען זיך...

ביי דער ערשטער און צווייטער קלאַס זענען געשטאַנען מענטשן אויסגעפּוצטע, שמייכלענדיקע און רואיקע. עטלעכע אָפיצירן זענען געפאָרן און זייערע אָרדינאַנסן האָבן זיי זייערע רייזעטאַשן נאָכגעטראָגן. סוחרים האָבן ברייט ארומשפּאַצירט אויפן פּעראָן, געקוקט אַלע ווײַלע אויף די גאָלדענע זייגערס און געלאָזט

בלויע קנוילעכלעך רויך פון די דיקע ציגארן. א פּאָר פּארבלאָנ-דזשעטע פּריצים, מיט יעגער-ביקסן און מיט הינט, האָבן הויך גערעדט און געלאכט. מער פון אלץ זענען געפּאָרן דאַמען אין די בעדער. די באַן-טרעגער האָבן נאָך זיי געשלעפּט פּעק מיט וואַלי-זעס, שאכטלען, טאשן און טעשלעך, פול מיט קליידער און שמאָכ-טעס, גענוג אויף עטלעכע וואָכן צייט צו פארברענגען אין די אויס-לענדישע ווארעם-בעדער. אויסגעפּוצטע, מיט ריזיקע היט און פלאַטערנדיקע פעדערן, מיט לאַנגע קליידער, האָבן זיי ארומשפּאַ-צירט מיט פארריסענע קעפּ און שוין באַצייטנס גערעדט דייטש. זיי האָבן צוגענומען ביי די באַגלייטער די גרויסע בוקעטן בלומען, די פודלען שאָקאָלאַד, געקושט זיך, געזעגנט זיך, געפאלן זיך אין די אָרעמס, אָנגעזאָגט א סך גרוסן, ווידער געקושט זיך, צעגאַנגען זיך אין זיסקייטן, געווישט זיך די אויגן, געלאכט און געשנורעוועט די פּיסקלעך.

אין ברייטע וועג-קליידער, אין העלע, מיט ענגלישע קראַטן, אזוי, אז עס זאָל אים מאכן ברייטער און אָנזעעוודיקער, מיט א ציגאַר אין מויל, איז ארומגעגאַנגען אַן אומרואיקער מאקס אשכנזי, דער פאַרטרעטער פון הונצעס מאַנופאַקטור, און גיך גערעכנט מיטן בליישטיפט אויף וואָס עס איז אים געקומען אונטער דער האַנט, אויף די ברעגן פון די דייטשע צייטונגען, וואָס ער האָט געלייענט, אויף די קליינע נאָטיץ-ביכלעך, וואָס ער האָט געהאַט פול אין יעדער קעשענע, אפילו אויף דער פודלע פון ציגאַרן. ער האָט גענעצט דעם שפּיץ בליישטיפט אַלע ווײַלע אין מויל און גיך ציפערן אָנגעוואָרפן, א סך ציפערן.

— גוטען טאָג, הער אשכנזי, — האָט מען אים געגריסט און געצויגן פאַר אים די היט און די צילינדערס, — וואוהין דען רייזן זי?

— אויף איין פערגעניגן-רייזע, — האָט אשכנזי געזאָגט א ליגן, כדי נישט צו דערציילן וואוהין ער פאָרט.

— פיל פערגנעניגן, — האָבן אים די מענטשן געוואונטשן, כאָטש זיי האָבן געוואוסט, אז ער נאַרט זיי.

— דאַנקע, — האָט אשכנזי אַרויסגעוואָרפן א ברום, צוזאַמען מיט א קנויל רויך, און נאָך אַמאָל גענומען ציילן די פיל לעדערנע

רייזע-טאַשן, געפּאַקטע מיט קליידער און מוסטערן, וואָס ער האָט געפירט.

ניין, ער איז נישט געפאָרן אויף קיין פאַרגעניגן-רייזעס, מאַקס אשכנזי, כאָטש עס איז שוין שטאַרק היים געווען און די תמוז-זון האָט געברענט די פאַררויכערטע ענגע שטאָט. דאָס איז ער גע-פאָרן איצט קיין רוסלאַנד, כדי צו פאַרקויפן סחורה און אָנקניפּן נייע פאַרבינדונגען מיט גרויסע סוחרים פאַר זיין גענעראַל-פאַר-טרעטונג. עס איז איצט צוריק גוט געוואָרן אין לאָדזש נאָך דעם קריזיס, בעסער אפילו ווי פריער. די שטאָט האָט זיך אויסגעריי-ניקט, ווי א קראַנקער נאָך אַן אָפּפיר-מיטל. עס איז גוט פאַר אַזאַ שטאָט, אַז זי רייניקט זיך אָפּ אַביסל, — האָט אשכנזי געטראַכט, — לאָזט אַרויס אַביסל שלעכט בלוט, ווי א מענטש, וואָס מען לאָזט אים אָדער. דאָס שלעכטע בלוט גייט אַרויס, דאָס גע-זונטע ווערט ריינער. צופיל האָבן שוין די קליינע פאַבריקאַנטלעך און סוחרימלעך פאַרפּאַסקודיעט די שטאָט. מען האָט קאָנקורירט, מען האָט קאַליע געמאַכט דעם מאַרק, פאַרקויפט אונטערן פּרייז, יעדן קבצן און שלעפּער געגעבן קרעדיט, אַזוי, אַז עס איז שוין אוממעגלעך געוואָרן עפּעס אויפצוטאָן אין לאָדזש. איצט האָט דער קריזיס די גאַנצע חברה אָפּגעשווענקט, אַרויסגעוואָרפן זיי ווי מיסט. די שוואַכע האָבן די ערשטע נישט געקאָנט איבערטראָגן דעם קריזיס; זיי זענען אַרויסגעשפּרונגען, אומגעקומען. געבליבן זענען נאָר די גרויסע פאַבריקאַנטן און סוחרים, די שטאַרקע און סאָלידע. אמת, אויך זיי האָבן געכאַפּט קלעפּ; אָבער דאָס האָט זיי פון די פיס נישט אַראָפּגעוואָרפן. זיי זענען געבליבן פעסט אויפן פּלאַץ. און איצט וועלן זיי זיך טאַקע אָפּנעמען פאַר די שלעכטע צייטן, כפל-כפלים וועלן זיי זיך אָפּנעמען. מען וועט קאָנען נעמען א פּרייז פאַר סחורה, געבן נאָר אויף גוטע וועקסלען. אויך די אַר-בעטער וועלן איצט אַרבעטן פאַר וויפל נאָר מען וועט זיי געבן. די פיס וועלן זיי קושן. זיי האָבן שוין געהאַט א לערע, ווי אַזוי צו שטרייקן.

איצט טאַקע, נאָך דעם ווי אַלץ האָט זיך אַזוי אויסגעגלייטערט, איז מאַקס אשכנזי אַרויסגעפאָרן קיין רוסלאַנד. מען האָט געדאַרפט אויסגלייכן זיך מיט סוחרים, אָנקניפּן נייע פאַרבינדונגען, אָנהויבן

אַלץ אויפסניי, אויסגעפינען נייע מערק און פּלעצער. און ער איז געווען פול מיט גלויבן און האָפענונג.

אמת, אויך זיין לאַגער האָט געכאַפּט עטלעכע קלעפּ אין קריזיס; אָבער מיט חסד. ער האָט אַלע מאָל געהאַלטן דעם קאָפּ אויפן מאַרק, נישט געוואָרפן מיט קיין סחורה, ווי אַנדערע. ער האָט געוואוסט, אַז דער קריזיס וועט מוזן קומען. אויך ביים „ראַ-בונעק" האָט מען אין זיין לאַגער נישט גערירט. זיי זענען געלאָפן, די גוים, צו די קליינע קרעמערלעך. די גרויסע האָבן זיי נישט גע-טשעפּעט, דאַנקען גאָט. ער אַליין, אשכנזי, האָט אפילו יאָ געכאַפּט מיט אַ שטעקן; אָבער קיין גרויסע זאַכן זענען עס נישט געווען. עס האָט זיך באַלד אויסגעהיילט. איצט איז אין לאַדזש געווען רו-איק און שטיל. דער גובערנאַטאָר האָט איבערגעלאָזט קאָזאַקן און צוגעזאָגט, אַז פון איצט אָן וועט ער שוין זאָרגן פאַר רו און אָרדע-נונג. מאַקס אשכנזי האָט געזען, אַז מען וועט קאָנען איצט אַרבעטן און מאַכן געלט. און ער איז געווען צופרידן פון דער רייזע, וואָס ער מאַכט. ביי אים אין פּאָרטפעל איז געווען איינגעפּאַקט אַ סך געלט אויף הוצאות, פיל וועקסלען פון רוסישע סוחרים, אַדרעסן פון סוחרים און קאָמיסיאָנערן, פון האָטעלן און כשרע רעסטאָראַ-נען, און אויך אַ פּאַפּיר, וואָס ווייזט אויף דעם, אַז סימכע מייער אַשקענאַזי איז אַ סוחר פון דער ערשטער גילדע און דעריבער האָט ער רעכט צו פאָרן איבער גאַנץ רוסלאַנד, כאָטש ער איז פון יודע-אישן גלויבן. דאָס, וואָס אין פּאַס האָט ער נאָך אַלץ געהאַט פאַר-שריבן דעם אַלטן קאָמישן נאָמען, האָט אים אביסל געקוועלט, אָבער קיין גרויסע זאָרגן האָט ער זיך דערפון נישט געמאַכט. אויף די וויזיט-קאַרטן איז געווען אָפּגעדרוקט זיין נייער נאָמען — מאַקס.

ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן גאָלדענעם חתן-זייגער זיינעם און צוגעלייגט אים צום אויער, צו הערן, צי ער גייט. לויט דעם זייגער האָט שוין די באַן געדאַרפט גיין און מען האָט נאָך דעם דריטן קלונג נישט געהערט.

— קאָנדוקטאָר, פאַרוואָס פאָרט מען נישט? — האָט ער גע-פרעגט דורכן אָפענעם פענסטער פון וואַגאָן.

— אַרעסטאַנטן פירט מען מיטן צוג, — האָט דער קאָנדוק-

טאַר געענטפערט, — און עס דויערט אַזוי לאַנג ביז מען זעצט זיי אין די וואַגאָנען אַריין. מיר וועלן היפּש פאַרשפּעטיקן...

— אָ, — האָט מאַקס אשכנזי געזאָגט אַ גלייכגילטיקער און אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ דורכן פענסטער.

אויף דעם פּעראָן זענען קאָנוואָי-זעלנער מיט שוואַרצע אוני-פאָרמען און מיט הוילע שווערדן אין די הענט געשטאַנען אויסגע-שטעלט און דורכגעלאָזט אַרעסטאַנטן איינעם נאָכן אַנדערן.

— נישט קוקן, אַפּרוקן זיך אין אַ זייט! — האָבן זיי גערופן צו די מענטשן, וואָס זענען געקומען באַגלייטן די אַרעסטירטע.

דאָס האָבן זיך אין לאַדזש אַ סך אַרעסטאַנטן אָנגעזאַמלט פאַר דער צייט, איבערהויפּט נאָך דעם שטרייק און „ראַבונעק". איצט האָט מען זיי אַרויסגעפירט פון דער שטאָט, כדי צו מאַכן פּלאַץ פאַר אַנדערע. אין די הונדערטער זענען זיי געפירט געוואָרן צו דער באַן, כדי אָפּגעשיקט צו ווערן מיטן עטאַפּ יעדער צו זיין טורמע אָדער געבורטסשטאָט. עס זענען געגאַנגען קרימינעלע אין גרויע אַרעסטאַנטן-קליידער, מענער אין קייטעכדיקע היטעלעך און ווייבער אין טיכלעך אויף די קעפּ, און עס זענען געגאַנגען באַוואַק-סענע פּויערים, וואָס מען האָט געכאַפּט אָן אַ פּאַס. עס זענען גע-גאַנגען געשמידטע קאַטאָרזשניקעס, קלינגענדיק מיט די קייטן אויף הענט און פיס, און עס זענען געגאַנגען פּאָליטישע, אין ציווילע קליידער און מיט רייזע-טעשלעך אין די הענט. עס זענען געגאַנגען אָפּגעריסענע בעטלער, ווייבער מיט קינדער אויף די הענט, אַלטע לייט. עס זענען געגאַנגען מאַן און ווייב, יונג און אַלט, איד און גוי. אַ חברה ציגיינער, מענער מיט שוואַרצע בערד און ווייבער מיט פאַרביקע שמאַטעס און מיט קינדער אויף די הענט, האָבן געשריגן אין זייער ציגיינעריש לשון, געפּאָדערט עפּעס. די זעלנער האָבן זיי נישט פאַרשטאַנען און איינגעשטילט מיט קלעפּ.

— ביי די הענט זיך האַלטן, הינטישע זין, — האָבן זיי גע-רופן, — און נישט אַרויס פון דער ריי!

מחנות-ווייז ריי נאָך ריי, זענען זיי געגאַנגען אויף דעם פּעראָן צו די פאַרקראַטעטע וואַגאָנען, אונטער דער וואַך פון שוואַרץ-מונדירטע קאָנוואָי-זעלנער מיט די הוילע שווערדן אין די הענט.

פון דערווייטנס זענען געשטאַנען די אייגענע זייערע, טאַטעס,

מאמעס, קרובים, פריינט, און גערופן, געשריגן און געפאַכעט מיט די הענט.

אין פאַרשידענע וועגן זענען די אַרעסטאַנטן צעשיקט געוואָרן, ווער עס איז געפאָרן קיין ווארשע אין צענטן פּאַוויליאָן און ווער עס איז געפאָרן אין וויטן סיביר, ווער עס איז געפאָרן אויף אַ פּראָצעס, ווער אויף קאַטאָרגע, ווער בלויז צו זיין שטאָט, וואו ער איז געבוירן, און ווער אין וויטע רוסישע שטעט אויף לאַנגע יאָרן פאַרשיקונג. צווישן די אין די ציווילע קליידער זענען געווען הונ־דערטער אַרבעטער, וואָס זענען אַרעסטירט געוואָרן ביים שטרייק און „ראַבונעק", אויך סטודענטן און אינטעליגענטן פאַר פירן רע־וואָלוציאָנערע אַגיטאַציע. צווישן זיי איז אויך געווען ניסן איי־בעשיץ, דער זון פון ר' נאָסקע, דער באַלוטער מורה־הוראה, וואָס איז נישט לאַנג געהאַט צוריקגעקומען קיין לאָדזש פון פאַרשיקונג.

אויך ער איז, ווי מאַקס אשכנזי, געפאָרן פון לאָדזש קיין רוס־לאַנד. נאָר זיין רייזע איז געווען נישט קיין דירעקטע. ער איז גע־גאַנגען מיטן עטאַפּנעם וועג. בלויז פון לאָדזש זענען זיי אַרויס־געפאָרן צוזאַמען מיט דעם זעלבן צוג.

אַ ווײַלע האָבן זיך די צוויי רייזנדע באַטראַכט, דער פּאַסאַזשיר פון צווייטן קלאַס מיט דעם באַוואַקסענעם אַרעסטאַנט, געפירט אונטער אַ קאָנוואָי. באַלד האָבן זיי זיך פאַרלוירן. מאַקס אשכנזי האָט זיך אַריינגעזעצט אין וויכן סאַמעט אַריין און פאַררויכערט אַ ציגאַר; דער אַרעסטאַנט ניסן אייבעשיץ איז אַריינגעשטופּט גע־וואָרן אין פאַרקראַטעטן אַרעסטאַנטן־וואַגאָן וואָס איז געווען פול מיט מענטשן פּעק, קולות, קללות און עיפּוש.

די באַן האָט גענומען רירן.

פון דערווייטנס איז געשטאַנען די קליינע באַשקע די שפּולער־קע, טוביהס טאָכטער, און געפאַכעט מיט די הענט צום אוועקגע־הענדיקן צוג געהילט אין רויך.

קאַפּיטל צען

טעג העלע, באַנאַסענע מיט זון, האָבן געצויגן זיך אויף דער וועלט. אויף די פעלדער, פולע מיט קאָרן און ווייץ, זענען פּויערים געשטאַנען און געשניטן תבואה. יונגע פּויערטעס אין רויטע טיכלעך אויף די קעפּ, שפּילנדיקע מיט זון און ליכט, האָבן גאַרבן געבונדן, לידער געזונגען.

אין אָרעסטאַנטסקען וואַגאָן איז געווען שטיקנדיק, היים און עיפּושדיק. דאָס גאַנצע אומגליק און נישטיקייט פון מענטש איז געווען צוזאַמענגעקוועטשט אין די אייזערנע ווענט.

אויף דער ערד איז געזעסן אַ יונגע שיקסע מיט אַ געשוואָלן פּנים, צעריסענע קליידער, צעשויבערטע האָר, און געוויינט מיט אַ ביטער געוויין. זי איז פון אַ ווייטן דאָרף קיין לאָדזש געפאָרן נאָך אַרבעט. אָבער אויפן וועג האָט מען איר דאָס קניפּל מיט די עטלעכע גילדן און באַן-בילעט, וואָס זי האָט געהאַט באַהאַלטן אין בוזים, אַרויסגעגנבעט, און זי איז געפאָרן אָן אַ בילעט. דער קאָנדוקטאָר האָט זי געכאַפּט און איבערגעגעבן דעם באַז-זשאַנדאַרם אין לאָדזש. צוזאַמען מיטן געלט האָט מען איר אויך דעם פּאַס צוגענומען, עפּעס אַ שטיקל פּאַפּיר מיט אַ שטעמפּל, וואָס דער דאָרפישער שרייבער האָט איר אַרויסגעגעבן. מער ווי אַ צינערן צלמל אויפן האַלז און דער אַדרעס פון איר דאָרף, וואָס איז ווייט פון לאָדזש, איז איר נישט געבליבן. מען האָט זי צוריקגעשיקט מיטן עטאַפּ ביז איר דאָרף, אָבער אַ וועג, וואָס דאַרף דויערן בלויז אַ קנאַפּן מעת-לעת, האָט זי מיטן עטאַפּ געמאַכט וואָכן-לאַנג. אַ דאָרפישע, אַ פאַרשעמטע, אַ דערשראָקענע, האָבן איר די גאַסן-מיידלעך און די גנבטעס אין די עטאַפּ-טורמעס דערגאַנגען די יאָרן, די קאָנוואָי-סאָלדאַטן האָבן זיך צו איר געטשעפּעט. אַט טאַקע פאַרן אַרויסשיקן פון לאָדזש האָבן זי די קאָנוואָי-סאָלדאַטן גערופן צו זיך אין וואַך-שטוב, זי זאָל אויסוואַשן די פּאָדלאָגע. זי האָט אונטערטעניק גענומען זיך צו איר אַרבעט, אָבער די סאָלדאַטן האָבן פאַרלאָשן די לאָמפּ, אַוועקגעוואָרפן זי אויף דער ערד און זי גע-

פּיניקט. אינדערפרי האָט מען זי צוריקגעשיקט אין קאַמער אַן אומגליקלעכע און דערשלאָגענע. איצט איז זי געזעסן אין וואַגאָן, אויף דער נאַסער פאַרשפּיגענער פּאָדלאָגע, איר פּנים איז געווען געשוואָלן, די אויגן רויט.

— יעזו, — האָט זי גערופן, — מאַריאַ הייליקע.

עטלעכע פּראָסטיטוטקעס אָן ביכלעך האָבן פון איר געלאַכט.

— נו, נו, וועסט נישט שטאַרבן דערפון, — האָבן זיי איר געזאָגט, — גענוג געוואָיעט. וועסט ווערן איצט אַן אונזעריקע, מיט פּראַקטיק...

— פּראַווילנאַ... — האָבן די קאָנוואָי-סאָלדאַטן צוגעשאָקלט און הויך געלאַכט.

אויף אַ קוישל איז אַ אידיש ווייבל געזעסן און געבראָכן די הענט. דער טאַטע אירער האָט איר חתונה געמאַכט מיט אַן עלטערן מאַן, וואָס זי האָט אים נישט געוואָלט, און זי איז פון אים אַנט-לאָפן קיין לאָדזש און געשטעלט זיך דינען אין אַ באַלעבאַטיש הויז. אָבער דער מאַן האָט זיך דערוואוסט, וואו זי איז, און אָנגעגעבן אין דער פּאָליציי, מען זאָל זי אים צוריקברענגען, ווי דאָס געזעץ איז. די פּאָליציי האָט זי אַרעסטירט און צוריקגעשיקט מיטן עטאַפּ צו איר געזעצלעכן מאַן. זי האָט נישט אויפגעהערט ברעכן די הענט.

— אידן, וואָס טוט מען? גיט אַן עצה! — האָט זי געבעטן ביי די אידישע גנבים, וואָס זענען געזעסן צוזאַמענגעקוועטשט אין אַ קופּע און געשפּילט אין פאַרשמאַלצעוועטע קאָרטן.

— סם אים אָפּ, — האָט אַ גויע אין אַרעסטאַנטן-קליידער איר געגעבן אַן עצה, — איך האָב מיט מיינעם אויך אַזוי געטאָן. איצט גיי איך אויף קאַטאָרגע.

אין אַ פּאַק שמאַטעס איז אַן אַלטע בעטלערין געלעגן און גע-קרעכצט. אין דער שטאָט פון טויזנטער בעטלער האָט מען גראַד זי געכאַפּט פאַר בעטלען און צוריקגעשיקט פון וואַנען זי איז געבוירן. אָבער זי איז געווען אַלט און אָן זינען און זי האָט איר געבורטס-דאָרף נישט געדענקט.

— פון גאָטס ערד קום איך, — האָט זי געזאָגט, — אַ קירכע אַ שיינע מיט הייליקע בילדער איז דאָרט דאָ...

יאָרן איז זי שוין געגאַנגען מיטן עטאַפּ, פון שטאָט צו שטאָט,

פון טורמע צו טורמע. קיינער האָט זי נישט געוואָלט צונעמען, קיינער האָט נישט געקאָנט איר קיין פּאַס ארויסגעבן. זי איז גע-ווען פאַרפוילט, קראַנק, א בינטל שמאַטעס. זי האָט אפילו מענטש-לעכע געברויכן געטאָן אונטער זיך. איצט איז זי דאָ געלעגן אין ארעסטאַנטן-וואַגאָן און געזיפצט פון אירע שמאַטעס ארויס. אויף דער ערד האָבן זיך געוואַלגערט די שטיקלעך ברויט, וואָס זי האָט נישט געקאָנט פאַרצערן.

— נעמט זי ארויס, — האָבן די ארעסטאַנטן געשריגן צו די סאָלדאַטן, — זי איז קראַנק, מען וועט דערשטיקט ווערן פון איר.

— און דאָס פּגרט גאָרנישט, דאָס מיסט, — האָבן די סאָל-דאַטן געשאָלטן און געשפּיגן אויף דער קנויל שמאַטעס, — מכשפה פאַרשאָלטענע... איבער גאַנץ רוסלאַנד וועט מען דאָס מוזן ארומ-שלעפּן אומזיסט...

עס זענען געפאָרן קאַטאָרזשניקעס אין קייטן, מערדער, וואָס האָבן זיך באַרימט מיט זייערע רציחות; פערד-גנבים; א בלוי-אויגיקער פּויער מיט א פּנים פון די הייליקע, וואָס האָט אין א קריג איבער דער ערד-גרענעץ זיין שכן דערלאַנגט מיט א האַק איבערן קאָפּ און אים אַוועקגעלייגט טויט; עס איז געפאָרן א פּויער מיט גרויסע וואָנסן, וואָס האָט אין א פּריצישן וואַלד א דרענגל אויפגעהויבן, כדי צו מאַכן זיך דערפון א נייעם דישעל צום וואָגן, און איצט האָט ער געהאַט ניין חדשים אָפּצוזיצן; עס איז געפאָרן א ברייט-פּנימדיקער טאַטער, וואָס האָט געאַרבעט אין לאָדזש ביי טראָגן-סחורות צו דער באַן און עס איז אים פאַרפאַלן געוואָרן א פּעקל ביינוול; עס זענען געפאָרן יונגע שקצים, וואָס האָבן זיך אויף א חתונה צעשלאָגן, די קעפּ זיך געעפנט, און מען האָט זיי דערפאַר פון דער חתונה צוגענומען און אין טורמע אריינגעפּאַקט; עס זענען געפאָרן גנבים און פּראָסטיטוטקעס אָן ביכלעך, אונטער-צינדער און גרענעץ-שמוגלער, רוצחים און הפקרדיקע משוגעים, פאַרבלאָנדזשעטע ציגיינער און רעוואָלוציאָנערן, — דאָס גאַנצע גרויסע רוסלאַנד, צוזאַמענגעקוועטשט אין פאַרקראַטעוועטן וואַגאָן, באַדנדיק זיך אין שווייס, עיפּוש, קללות, געוויינען און אומרעכט.

אין גאַנצן נעדיכטעניש איז געזעסן ניסן אויף זיין מאָגער

פּעקעלע און שווער געאָטעמט אינם שווייסיקן שטיקענדיקן וואַגאָן. זיי זענען געווען גערעכט, ניסנס שכנים אין טורמע, וואָס האָבן אים אויסגעקלאַפּט אין וואַנט וועגן די שנעלע געריכטן און גרויסע שטראָפן, וואָס מען וועט געבן. צופיל אַרעסטאַנטן האָבן זיך אָנגעזאַמלט און מען האָט גענייטיקט פון זיי וואָס גיכער פּטור ווערן. די אויספאָרשער האָבן גיך באַשולדיקונגס-אַקטן צוזאַמענגעשטעלט, לויט די עדות פון פּאָליציאַנטן און אַגענטן. די קרוין-ריכטער מיט די גראָבע קייטן אויף די העלזער האָבן זייער רואיק אויסגעהערט די רעוואָלוציאָנערע רעדעס פון די באַשולדיקטע רעוואָלוציאָנערן, פּונקט ווי די תחנונים און געוויינען פון די בעלי-חרטהדיקע אַרבעטער.

צו זעקס חדשים האָבן זיי געגעבן פאַר רויבן און שלאָגן אידן; צו דריי יאָר — פאַר רופן צו שטרייקן. די רעוואָלוציאָנערן האָבן אַלע געקריגן פון פינף ביז אַכט יאָר טורמע און שפּעטער, נאָכן טערמין, צו פינף און צען יאָר פאַרשיקונג אין סיביר אונטער פּאָליצייאישער אויפזיכט.

ניסן האָט, ווי אַלע אַנדערע רעוואָלוציאָנערן, אין לעצטן וואָרט געהאַלטן אַ לאַנגע רעדע, פול מיט רעוואָלוציאָנערע רייד קעגן די אונטערדריקער פון אַרבעטער-פאָלק, און די ריכטער אין די קייטן אויף די העלזער נביאות געזאָגט וועגן טאָג פון פרייהייט, וואָס וועט קומען. די ריכטער האָבן אים נישט איבערגעריסן, אָבער אויך נישט אויסגעהערט. זיי האָבן געגענעצט און געדרימלט. פּונקט אַזוי האָבן זיי געדרימלט ביי די רעדעס פון די פּאַרטיידיקער, וואָס האָבן געוואָרפן מיט פּאַראַגראַפן און געזעצן. זיי האָבן שוין די אַלע זאַכן געקענט. זיי האָבן שוין געהאַט באַצייטנס דעם אורטייל אין קעשענע, ווי דער גענעראַל-גובערנאַטאָר האָט עס פאַרלאַנגט און געלאָזט ווייסן וועגן דעם דורך זיינע מענטשן. ניסן האָט געזוכט מיט די אויגן די באַלוטער מענטשן וואָס זאָלן בעסער פון די ריכטער הערן זיינע רייד, אָבער קיינער איז נישט געווען. בלויז פּאָליציאַנטן, אַגענטן און עטלעכע אויסגעפּוצטע דאַמען זענען געזעסן. מען האָט דאָס פּובליקום נישט אריינגעלאָזט.

איצט איז ער געפאָרן מיטן עטאַפּ צו דער טורמע זיינער אַזש ביז מאָסקווע. מען האָט זיי נישט געוואָלט האַלטן אין לאַנד, די

רעוואָלוציאָנערן, מען האָט זיי געוואָלט האָבן וואָס ווייטער, כאָטש הינטער פיר ווענט, און מען האָט זיי געשיקט פון פוילן קיין מאָסקווע אין דער „בוטירקע".

דער טערמין איז געווען א שווערער. אויך האָט דער גענעראַל־גובערנאַטאָר אָפּגעזאָגט צו שיקן די רעוואָלוציאָנערן ביז מאָסקווע מיט דעם גלייכן וועג, נאָר געהייסן זיי גיין מיטן עטאַפּ, צוזאמען מיט די קרימינעלע און ארויסגעשיקטע. דער וועג האָט זיך געדאַרפט שלעפּען חדשים־לאַנג, דורך טורמעס, אַרעסט־הייזער און עטאַפּ־פּונקטן, וואָס זענען פול מיט אומריינקייט און שמוץ, פאַרברעכער און חולאים. ניסן האָט געוואוסט, אז עטלעכע חדשים עטאַפּ זענען ערגער פון עטלעכע יאָר טורמע. אויך איז ער געווען אָן געלט. אפילו די עטלעכע רובל, וואָס מען האָט ביי אים צוגענומען אין דער לאָדזשער טורמע־קאַנצעלאַריע, האָט מען אים נישט ארויסגעגעבן ביים אָפּפאָרן. דער טורמע־נאַטשאַלניק האָט צוגעזאָגט, אז ער וועט זיי נאָכשיקן קיין מאָסקווע. אָבער ניסן האָט שוין געוואוסט, אז ער וועט דאָס געלט שוין מער אין די אויגן נישט זען. דער נאַטשאַלניק האָט זיך קיינמאָל נישט געאיילט מיט אַזעלכע זאַכן. ניסנען איז איצט פאָרגעשטאַנען א וועג א שווערער, א לאַנגער. אָבער נישט דאָס איז אים געלעגן אזוי שווער אויפן הארצן.

פּונקט ווי דער פאָטער זיינער, איז ער געווען א מסתפק־במועט, געקאָנט לעבן מיט ברויט און וואסער פאר זיין גלויבן; ווי דער פאָטער זיינער אין דער תורה און אירע חכמים, אזוי האָט ניסן געגלויבט אין מארקסיזם און אין אלעם, וואָס די טעאָרעטיקער פון דער נייער תורה זאָגן; און פּונקט ווי זיין פאָטער איז זיך באַגאַנגען מיט ברויט און וואסער און געפּייניגט זיין גוף, ווייל נאָר אין אָרעמקייט און אין צער, האָט ער געוואוסט, קאָן מען עוסק זיין אין דער תורה, אזוי האָט אויך ניסן געוואוסט, אז דער וועג זיינער איז א הארטער, א שווערער, וואָס פארלאַנגט פּייניקן דעם גוף. איבעריקנס, איז ער געווען געוואוינט שוין דערצו. די ערשטע פאַר־שיקונג זיינע האָט אים א גוטע לערע געגעבן. איצט איז ער שוין געווען א געניטער, געקענט זיך אויף אלע פּאָליציייאישע קונצן, אָן אייגענער אין טורמעס געווען, און נישט געווען אזוי אומגליקלעך און פאַרצווייפלט, ווי דעמאָלט, ווען מען האָט אים דאָס ערשטע מאָל

ארײנגעפּאַקט אין תּפיסה און די גנבים האָבן אים געגעבן אַרױס־צוטראָגן דעם שאַף.

איצט האָט מען אים מער אין טורמע אַזױ נישט באַהאַנדלט. ער האָט געקענט אַלע מנהגים, רעכט, געװאוסט, װי אַזױ זיך אװעק־צושטעלן, און די קרימינעלע האָבן פאַר אים דרך־ארץ געהאַט.

— אָ, ער האָט שױן אומעטום זײַן שטרױ־זאַק, — האָט מען װעגן אים געזאָגט מיט אַפּשױ.

אױך האָט ער שױן געװאוסט, װאָסערע רעכט אין די טורמעס עס האָבן די פּאָליטישע. און װען מען האָט אים די רעכט נישט נאָכגעגעבן, האָט ער געפאָדערט, געמאַכט סקאַנדאַלן, באַשטאַנען אױף זײַנס, ביז ער פלעגט אױספירן, אָדער גײן אין קאַרצער.

ער האָט געװאוסט, אַז כמעט אומעטום, װאו מען קומט, גע־פינען זיך פּאָליטישע, װאָס נעמען אַרײַן צו זיך אין די קאַמערן, העלפן אַרױס. אױך זענען נישט די טורמע־שעפן און די קאָנװאָיען אומעטום גלײַך. עס זענען פאַראַן טאַקע אַ סך רוצחים צװישן זײ, מנוולים, אָבער עס זענען פאַראַן אױך אָפטמאָל ערלעכע מענטשן צװישן זײ, װאָס באַהאַנדלען אַרעסטאַנטן, איבערהױפּט פּאָליטישע, לױט די געזעצן. אױך איז ער נישט געװען קײן שטומע צונג, װי דאָס ערשטע מאָל. ער האָט זײער גוט גערעדט רוסיש, געקענט אַ סך. ער האָט געװאָלט לערנען. דער דורשט נאָך װיסן, ספּעציעל נאָך מאַרקסיסטיש װיסן, איז בײַ אים געװען אַזױ גרױס און שטאַרק, װי דעמאָלט בײַ פּיװועלע דעם שמאַטע־הענדלער אין שטוב, װען ער פלעגט שלינגען די השׂכּלה־ביכער און די פילאָזאָפן. און אין ערגעץ האָט מען אין רוסלאַנד נישט געקאָנט אַזױ פרײַ לערנען די מאַרקסיסטישע לערע, װי אין די טורמעס. װי פאַר מערסטע רעװאָלוציאָנערן, איז אױך פאַר ניסנען די טורמע געװען אַ שולע. װען ער איז אװעק פון לאָדזש, איז ער געװען אַ רױער בחור, מיט השׂכּלהשער לומדות, און צוריקגעקומען פון פאַרשיקונג איז ער אַ מענטש מיט בילדונג. איצט האָט ער געװאָלט װײַטער לערנען. שטילערהײט האָט ער שױן אַפילו אױף די מאַרקסיסטישע װערק זײַנע, װאָס ער האָט אַזױפיל געלערנט, אײגענע באַמערקונגען צו־געשריבן אױף די מאַרגינעסן, פּונקט װי דער טאַטע זײַנער פלעגט פאַרשרײַבן די גליונות פון די ספרים.

ער האָט פאַר דער טורמע נישט מורא געהאַט. געפּייניקט האָבן אים אַנדערע זאַכן.

צוזאַמען מיט אים אין וואַגאָן זענען געפאָרן לאָדזשער אַר-בעטער, פאַבריק-אַרבעטער. אמתע פּראָלעטאַריער. אָבער אַרעס-טירט זענען זיי געווען נישט נאָר פאַר שטרייקן, נאָר אויך פאַר ראַבירן אידישע קרעמלעך און פּאָגראָמירן באַלוטער וועבער. זיי האָבן געשאָלטן איצט פאַר דעם, וואָס מען האָט זיי אַריינגעשלעפּט אין די שטרייקן, חרטה געהאַט און געדראָט מיט נקמה, ווען זיי וועלן צוריקקומען. איבערהויפּט האָבן זיי זיך נישט געקאָנט מוחל זיין, וואָס צוליב די אידן, וואָס זיי האָבן דורכגעלופּטערט, שיקט מען זיי אין טורמע.

— מיר וועלן זיי נאָך אָנלערנען, — האָבן זיי געדראָט מיט די פויסטן, — וואַרט!

זייער מיאוס האָט זיך אַלץ געענדיקט. מער האָט מען אין דער פאַבריק-שטאָט איצט פון קיין סאָציאַליזם נישט געטאָרט רעדן, פאַרן מויל נישט ברענגען. די אַרבעטער זענען אונטערטע-ניקע אין די פאַבריקן צוריקגעגאַנגען, מיט די היטלען אין די הענט, געבויגענע פאַר די זיגנדיקע דירעקטאָרן און פאַבריקאַנטן געשטאַ-נען. אין באַלוט האָט מען געציטערט פאַרן פרילינגס-יום-טוב מאַי. דער חודש, וואָס דאַרף זיין דער סימבאָל פון פרייהייט און ברידערליכקייט, איז געוואָרן דער סימבאָל פון רציחה און רויב. נישט נאָר אין לאָדזש אַליין, נאָר אומעטום האָט זיך די מורא צע-טראָגן, אומעטום האָט מען געזונגען דאָס ליד פון „ראַבונעק“, אפילו דאָ אין וואַגאָן, צווישן די אידישע גנבים.

ער איז נישט געווען פאַרצווייפלט ניסן. ער האָט געוואוסט, אַז אין יעדער זיגרייכער מלחמה זענען אויך דאָ ציטווייליקע מפּלות און פאַרלוסטן. נישט אַזוי לייכט גייט דער וועג צום אמת. פול מיט זיגזאַגן איז ער. אַמאָל גייט מען באַרג-אַרויף, אַמאָל באַרג-אַראָפּ, ביז מען קומט ענדלעך צום שפּיץ. דער אמת וועט מוזן זיגן, וועט אַרויסשפּראָצן פון דעם מיסט און בלאָטע, ווי אַ קערנדל, וואָס מוז אַרויסשפּראָצן פון דער ערד, ווען דער ווינד האָט עס פאַרוואָרפן; ווי אַ באַשעפעניש, וואָס מוז געבוירן ווערן פון די זוימען אין דער מוטערס בויך. ער האָט נישט נאָר געגלויבט אין דער ניכער אויס-

לייזונג, נאָר געזען זי. זאָל זיך דער קאַפּיטאַל קאָנצענטרירן, ווי ער מוז, ווי די געשיכטע פירט אים דערצו מיט אירע אייזערנע געזעצן, און דאַן וועלן אַלע פאַרמעגנס צעטיילט ווערן. עס וועלן נישט זיין מער קיין באַדריקער און אונטערדריקטע, קיין קלאַסן און נאַציעס, קיין האַס און קנאה. אַלע וועלן זיין פריי און גליקלעך. עס וועט נישט זיין קיין אָרט מער פאַר האַס, גזילה, קריגעריי. וואָרום אַלעס שלעכטס פון דער וועלט, אַלע מיאוסע מידות, געמיינ־הייטן נעמען זיך נאָר פון די עקאָנאָמישע באַדינגונגען. עס איז אַלץ געווען פאַר אים אַזוי קלאָר, ווי קלאָר עס איז געווען דער הימל, וואָס האָט אַריינגעקוקט דורך די פאַרקראַטעטע פענסטערלעך פון אַרעסטאַנטן־וואַגאָן. ער האָט עס געזען אַזוי העל, ווי דער פאָטער זיינער האָט געזען דאָס פאַרשפּראָכענע לאַנד, נאָך דעם ווי משיח וועט קומען.

אָבער דערווייל האָבן די מענטשן אין וואַגאָן געפרעסן זיך איינער דעם אַנדערן, ווי די טורמע־לייז האָבן געפרעסן זייערע קערפּערס. מען האָט זיך שטיקלאַך אָפּגעטאָן, די יאָרן זיך דער־גאַנגען. מער ווי אומעטום האָט מען דאָ כסדר געהערט אַלע ווילדע „זשיד“. מען האָט עס געהערט פון די סאָלדאַטן, פון די אַרעס־טאַנטן, פון די אַרבעטער.

אין ענגן אַרעסטאַנטן־וואַגאָן האָבן די אַלטע אַרעסטאַנטן א געמיין שטיקל אַרבעט אָפּגעטאָן. עפּעס א יונגער שייגעץ, מיט א פלאַקסענער טשופּרינע איבער די בלויע אויגן, איז דאָס ערשטע מאָל מיטן עטאַפּ געגאַנגען. די אַלטע אַרעסטאַנטן האָבן אים „באַשוואוירן“.

— ווי רופט מען דיך? — האָבן זיי אים געפרעגט.

— אַנטעק, — האָט דער בחור געענטפערט.

— פאַרוואָס זיצסטו, אַנטעק?

— פאַר קויפן א געגנבעט פערד.

— אויב אַזוי, דאַרפסטו שווערן, — האָבן זיי אים ערנסט געזאָגט, — ווי מיר אַלע האָבן געשוואוירן.

— שווערן? — האָט דער בחור איבערגעפרעגט א צעחידוש־טער. — אויף וואָס?

— אז דו וועסט זיין א גוטער קאָלעגע, נישט מסרן, —

האָבן די אַרעסטאַנטן געזאָגט פרום. — אין גאָט גלויבסטו?

— געוויס, — האָט דער שייגעץ געענטפערט.

— טאָ וועסטו שווערן ביי דער הייליקער עוואַנגעליע, אַז דו וועסט זיין אַ גוטער חבר. דערצו דאַרף מען דיר פאַרבינדן די אויגן.

מען האָט דעם בחור פעסט פאַרבונדן מיט אַ ברודיקער שמאַטע די אויגן. דערנאָך האָט דער עלטסטער אַרעסטאַנט שטילערהייט אַראָפּגעלאָזט די הויזן און מיט הוילן שמוציקן לייב זיך אַוועקגעשטעלט נעבן דעם פאַרבונדענעם בחור. איינער אַן אַרעסטאַנט אין קייטן האָט מיט אַ גלחיש-פייערלעכן טאָן געלייענט אַ הייליקע שבועה. דער פאַרבונדענער האָט נאָכגעזאָגט יעדעס וואָרט.

— איצט, מיין זון, גיב אַ קוש די הייליקע עוואַנגעליע, — האָט דער געשמידטער געזאָגט, — אָט דאָ.

אַנשטאָט אין אַן עוואַנגעליע, האָט דער פאַרבונדענער אַ קוש געטאָן דעם האַלב-נאַקעטן אַרעסטאַנט אין שמוציקן הינטערטייל, וואָס ער האָט אים אונטערגעשטעלט.

די געלעכטערן פון עולם האָבן גאָר קיין סוף נישט גענומען.

— געשוואוירענער, — האָט אים יעדער געשטעקט אַ האַנט און געלאַכט, — ווי האָט עס געשמעקט?...

דער דאָרפישער בחור איז געלעגן אין אַ ווינקל אַ צעשמעטערטער. די געלעכטערן האָבן שיער נישט די אייזערנע ווענט צעטראָגן.

אַ וועלט מיט מיאוסקייטן האָבן זיך אָפּגעטאָן אין דעם צוגויפגעקוועטשטן וואַגאָן. מען האָט זיך באַגנבעט, שמוציקע ליבעס געפירט, אַלטע אַרעסטאַנטן האָבן זיך צו קליינע גנבימלעך געשעפּעט.

די אַלטע ספיקות וועגן נישטיקייט פון מענטש און זיין וועזן האָבן ניסנען גענומען טרייבן פון קאָפּ אַרום די ליכטיקע זעאונגען פון אויסגעלייזטן מענטש. און ער האָט פאַרשלאָסן די אויגן, ווי איינגלוויין, ווען ער האָט זיך געוואָלט אויסטאָן פון דער וועלט און פאַרטאָן זיך אין אַנדערע וועלטן, כדי נישט אָנצוקוקן די מענטשן אַרום זיך. פונקט ווי זיין פאָטער, ווען ספיקות פלעגן אים קומען אין קאָפּ אַריין, האָט ער גענומען זאָגן די אני-מאמינס,

אזוי האָט אויך ניסן גענומען זאָגן פון אויסנווייניק שטיקער פון זיינע ביכער, וואָס ער האָט געדענקט. דאָס האָט אים צוריקגע־בראַכט צום גלויבן, צו פאַרגעסן אין אַלעס, וואָס אים רינגלט אַרום. אין די ווערטער האָט ער די מענטשן אַרום זיך נישט געזען.

וואָס האָבן אים אינטערעסירט די מענטשן איצט מיט זייער קליינלעכקייט, מיאוסקייטן, אייגנליבע, אָט די אַלע ווערים, וואָס האָבן זיך דאָ קעגנזייטיק געפרעסן, פּונקט ווי די אומפּליט האָבן זיי געפרעסן? ער האָט נישט געוואָלט קוקן אויף זיי. ער האָט גע־האַט פאַר זיך אַן אידעאַל, אַ ווייטן, אַ שיינעם, פאַר וואָס עס איז כדאַי צו אַרבעטן, ליידן און זיך מוסר־נפש זיין. ער האָט נישט געזען די מענטשן, נאָר די אידעע.

אין הייסן עיפּושדיקן וואַגאָן האָבן די מענטשן געשפּילט אין דער „בלינדער קו". אַלע מאָל האָט מען אַן אַנדערן אוועקגעלייגט מיט קאָפּ צווישן די קני, און אַלע האָבן אַזוי לאַנג געפּאַטשט אין הינטן, ביז ער האָט אָנגעוויזן דעם אמתן פּאַטשער.

— לייג זיך! — האָבן קולות מיט געלעכטערן געדונערט. — גיכער!...

קאַפּיטל עלף

אין עסטרייכישן וואַרעמבאָד קאַרלסבאַד, ביים קוואַל, האָט זיך פאַרזאַמלט דאָס גרעסטע און רייכסטע פון דער פאַבריק־שטאָט לאָדזש אין פּוילן.

— גוטן טאָג! — האָט מען זיך באַגריסט אין דייטש און צע־גאַנגען זיך אין זיסקייטן און אין העפלעכקייטן.

דער אָנלויף איז דאָס יאָר געווען נישט אַזוי גרויס, ווי די לעצטע יאָרן. אַ סך פון די, וואָס פלעגן דאָ קומען יאָר־איין יאָר־אויס, צי זיי האָבן עס יאָ געדאַרפט, צי נישט, זענען היי־יאָר נאָכן קריזיס אָפּגעווישט געוואָרן און מער אַהער נישט געקאָנט פאָרן. עס זענען נאָר געקומען די שטאַרקע, וואָס זענען געבליבן אויף די פיס. זיי האָבן טאַקע מיט אַ באַזונדער חנאה אַרומפּאַראַדירט צום

קוואַל מיט די אָנגעהאַנגענע גלעזער צו טרינקען שפּרודל-וואַסער. די דאַמען האָבן געשלעפּט איבער די געפּלאַסטערטע טראָטוארן די לאַנגע שלעפּעס פון די קליידער, וואָס אין לאָדזשער שמוץ און געדיכטעניש האָט מען עס גאָרנישט געקאָנט באַווייזן. אין די פאַרביקע לאַנגע געבופטע קליידער, מיט די וואַכלערס אין די הענט, מיט די ריזיקע היט און פעדערן, בלישטשענדיק מיט בריליאַנטן און דימענטן, האָבן זיי געדרייט זיך און געבלאָזן ווי די פאַרביקע פּאַוועס, וואָס האָבן איבערן באָד-פּאַרק אומשפּאַצירט. די מענער, אין זייער קורצע רעקלעך מיט שמאָלע הויזן, אָדער אין העלע גע-שניטענע זשאַקעטן, מיט הויכע קראַגנס און שמאָלע שפּיציקע ליאַק-שיך, האָבן כסדר געהויבן די צילינדערס, געגויגט זיך און געפּאָכעט מיט די ענטשקעס.

— דאָס ערשטע מאָל דעם זומער, אז מען קאָן פאַרברענגען ווי געהעריק אין קאַרלסבאַד, — האָבן די מענער געזאָגט מיט הנאה. — נישטאָ אַזאַ אָנלויף פון די אויפגעקומענע...

— יאָ, עס איז לויזער געוואָרן. שוין נישט געווען איבערצו-טראָגן פון דעם פּעבל זינט די לעצטע יאָרן, — האָבן די דאַמען געענטפערט. — אַלע דינסטן און משרתים האָט מען דאָ געהאַט...

איבערהויפּט האָט מען זיך געפילט שטאָלץ, וואָס אַליין פלי-דערבוים מיט זיין פאַמיליע איז געקומען קיין קאַרלסבאַד. אפילו די טעכטער זיינע, וואָס האָבן אויסגעמיטן דעם פּלאַץ, ווייל ער איז שוין צופיל פּאַראַדישט געוואָרן, זענען דאָס יאָר געקומען אהער. דאָס האָט די קלענערע פון זיי א סך כבוד צוגעגעבן.

צווישן אַלע אַנדערע איז אויך דאָ דינהלע, מאַקס אשכנזים ווייב, געווען, צוזאַמען מיט איר מוטער. ר׳ חיים אַלטער, איר פאָטער, האָט נישט געקאָנט קומען. עס איז אים זייער נישט גוט געגאַנגען לעצטנס, דערצו נאָך נאָכן קריזיס. דאָס ערשטע מאָל האָט ער געמוזט איבערלאָזן פריוועץ, די שיינע אידענע זיינע, וואָס איז גאָרנישט עלטער געוואָרן און מיט יעדן יאָר אַלץ שענער און ווייבלעכער געווען. זי האָט ער מוזט שיקן. ער האָט זיך פאַר-זעצט, פאַרמשכונט און זי קיין קאַרלסבאַד געשיקט. זי וואָלט נישט איבערגעטראָגן אָן דעם באָד. זי וואָלט זיך פאַר קיין מענטשן נישט געקאָנט ווייזן. זי וואָלט נישט געהאַט א גאַנצן ווינטער דערנאָך

װעגן װאָס א װאָרט מיט די װייבער אויסצורעדן. אָבער ער אַליין איז פאַרבליבן אין שטאָט. דאָס ערשטע מאָל איז ביי ר' חיים אַלטער געבליבן ליגן אין גרויסן שאַכטל דער דייטשער קאַפּעליוש זיינער, װאָס ער האָט געהאַט ספּעציעל פאַר די אויסלענדישע בעדער.

אויך דינהלע איז געװען אַליין, אָן דעם מאַן, פּונקט װי די מוטער. דער מאַן אירער האָט זיך גראַד יאָ געקאָנט פאַרגינען צו פאָרן אין די בעדער. ער איז געװאַקסן מיט יעדן טאָג. אין לאָדזש האָט מען פון אים שטאַרק געהאַלטן, געשאַצט אים אין די שװערע געלטער.

— די הונצעס זענען ביי אים מער אין די הענט, װי ער ביי די הונצעס, — האָט מען געזאָגט יעדעס מאָל, װען ער פלעגט אין דער פאַבריק-קאַרעטע דורכפאָרן די גאַס. — ער איז שטיין-רייך.

דאָך איז ער נישט געפאָרן. ער איז בעסער געפאָרן קיין רוס-לאַנד װעגן געשעפטן. ער האָט זיך נישט געקאָנט פאַרגינען צו פטרן צייט אויף בעדער און קװאַל-װאַסער. ער האָט דערין קיין טעם נישט געפילט, קיין פאַרגעניגן אין דעם נישט געזען. אים איז א שאָד געװען יעדע מינוט צו פטרן אויף לײדיק-גייערײ, אויף נאַרישקייטן. כאָטש אין לאָדזש האָט מען אים זייער הויך געשאַצט און געזאָגט, אז ער האָט מער די הונצעס אין די הענט, װי זיי — אים, האָט אָבער ער אַליין געװאוסט, אז דאָס איז װייט נישט אַזוי, אז די הונצעס זענען די באַלעבאַטים און ער איז בלויז זייער מענטש. אמת, ער האָט א גרויסע דעה אין דער פאַבריק, און ער האָט אויך שוין א היפּשע צאָל אַקציעס, װאָס ער האַלט אין איין קויפן; אָבער דאָך איז ער נאָך זייער װייט צו דעם, צו װאָס ער גייט, צו װערן דער באַלעבאָס פון לאָדזש. ער האָט זיך נישט באַ-נוגנט מיט קיין האַלבע זאַכן, מאַקס אשכנזי, ער האָט געװאָלט אַלץ. און ער האָט נישט גערוט, נישט פאַרגונען זיך קיין דרימל צו כאַפּן נאָכן מיטאָג, נישט געקאָנט איינליגן אַביסל שפּעטער אין בעט פאַרטאָג, כאָטש די ביינער האָבן זיך געצויגן צום בעט-געװאַנט.

מער װי אַלע מאָל איז ער איצט געװען פאַרנומען. דער דיקער דירעקטאָר אַלברעכט, װאָס איז אַזוי אויך געװען פאַרשלאָפן און

שווער, איז זינט דעמאָלט, ווען די ארבעטער האָבן אים געפירט אין א טאַטשקע איבערן פאבריק - הויף מיט אַ בעזים אין האַנט, שטאַרק אראָפּגעפאַלן ביי זיך, געוועזן דערשראָקן און פארטויבט. אויך דאָס הארץ זיינס, אָפּגעשוואַכט פון דער שווערער משא שמאָלץ, וואָס דריקט דערויף, איז געוואָרן אָנגעגריפן און אומ-רואיק. ער איז געקומען אין פאַבריק, געזעסן אויף דעם גרויסן פאָטעל, וואָס האָט געקרעכצט אונטער זיין צעוואַקסענעם גוף, אָבער קיין ארבעט ווי אמאָל האָט ער נישט געטאָן. ער פלעגט נישט דערהערן, וואָס מען רעדט צו אים, פארפלאָנטערט פאַפּירן, און א סך מאָל פאַרגעסן ארויפצוציען אן אראָפּגעלאָזענעם זאָק אויפן פוס, אָדער צו פאַרקנעפּלען די הויזן ווי עס דארף צו זיין. די דייטשע ביורא-מיידלעך מיט די גלאַט-פאַרקעמטע בלאָנדע קעפּ האָבן זיך זייער אָנגעבלאָזן אין די פּאַפּירן, כדי איינצוהאַלטן דאָס געלעכטער, וואָס האָט זיי צוליב דעם געשטיקט.

— דער אַלטער איז קאַפּוט, — האָבן די באַראָנען געזאָגט. און כאָטש זיי האָבן אים געלאָזט קומען אין פאַבריק און זיצן ביים דירעקטאָרישן טישל, האָבן זיי ביי אים די גאַנצע ארבעט צו-גענומען און אוועקגעגעבן זי אשכנזין. אַלבערעכט האָט אפילו נישט געמאָנט, נישט דערמאָנט. ער האָט זיך פארגעסן ביי די וועבערינס, וואָס דער דינער מעלכיאָר האָט אים געבראַכט אַלע מאָל פרישע אויפצורוימן זיין בחוריש - דירעקטאָרישע וואוינונג ביי דער פאַב-ריק. אשכנזי האָט געוווּסט, אז דעם אַלטנס סוף איז נאָענט, א ליאַדע טאָג קאָן מען דערהערן, אַז ער איז געליימט אָדער גאָר אַז ער האָט געקריגן אן אַפּאָפּלעקסיע; ביי זיין דיקקייט, דערצו נאָך ביי דעם לעבן, וואָס ער פירט, טרינקט, עסט א סך און פארברענגט מיט ווייבער, האָט מען עס געקאָנט דערוואַרטן. שוין, נאָך ביי אַלבערעכטס לעבן, איז אשכנזי געוואָרן דער פאַקטישער דירעקטאָר, קיין זאַך ווערט נישט געטאָן אָן אים. ער איז געוועזן זייער גע-הויבן ביי זיך דעריבער. ער האָט א סך געארבעט, אַלץ געהאַט אויפן קאָפּ, אַלץ ארומגענומען, און ער האָט נישט געקאָנט איבער-לאָזן די געשעפטן און אוועקפאָרן קיין קאַרלסבאַד צוזאַמען מיט זיין ווייב. ער האָט עס גאָרנישט געדאַרפט. זיין בעסט פאַרגעניגן איז געווען שטויב, רויך און טומל. נאָר אין דעם האָט ער פריי

געשמעקט, געפילט, אז ער לעבט. אין לײַדיק-גײַערײַ און אין שטילקייט איז ער קראַנק געוואָרן, אַלערלײ יסורים און ברעכבעגישן דערפילט.

ער איז איצט צוריק געווען פון אויבן, אַ סך העכער איבער זײַן ברודער. ער איז געוואַקסן שנעל, מיט יעדן טאָג געשאַרט געלט מיט די הענט און געקויפט אַקציעס פון דער הונצע-מאַנופאַקטור-אַקציען-געזעלשאַפט. פעקל נאָך פעקל האָט ער זײ געלייגט, די ווערט - פּאַפּירן, אין זײַן אײַזערנער קאַסע, ווי טרעפּ, וואָס דאַרפן אים פירן צום ציל, צו די העכסטע קוימען-שפּיצן. ער איז, אמת, נישט געווען רואיק אינגאַנצן אין זײַנע געשעפטס-רייזעס. זי האָט אים קיינמאָל נישט באַגלייט צו דער באַן, דאָס ווײַב זײַנס, ווען ער איז אַוועקגעפאָרן, און קיינמאָל אים נישט באַגעגנט, ווען ער איז צוריקגעקומען. זי האָט אים בלויז באַזאָרגט מיט גענוג וועש, קליידער און אַנדערע זאַכן אין וועג. מאַקס אשכנזי האָט דער-פון געליטן. ער האָט געקוקט מיט קנאה אויף די פאַרליבטע פּאָר-לעך, וואָס לייגן אַרײַן אַזויפיל ליבע אין זייערע געזעגענישן בײַ דער באַן, קושן זיך כסדר און סודען זיך. אויך איז ער געווען אומ-רואיק אין די וועגן וועגן דינהלען, דער שיינער און שווייגנדיקער. ער האָט קיין זאַך צו איר נישט געקאָנט האָבן, אָבער רואיק אינ-גאַנצן איז ער נישט געווען, ווי יעדער מאַן, וואָס איז פאַרליבט און נישט-געליבט. זייער שווערע געדאַנקען זענען אים געקראָכן אין קאָפּ, ווען ער פלעגט בלייבן אַליין אין די גרויסע רוסישע האָ-טעל-צימערן. איבערהויפּט איז ער געווען אומרואיק, ווען זי איז געפאָרן קיין אויסלאַנד אין די בעדער. ער איז דאָרט קיינמאָל נישט געווען. אָבער פאַרשטאַנען האָט ער, אַז אַלערלײ שלעק און לײַדיקגייער דרייען זיך דאָרט אַרום. נישט אומזיסט האָט דער שווער זײַנער אַזוי געציטערט צו לאָזן זײַן אידענע אַליין דאָרט פאָרן און שטענדיק מיט איר מיטגעפאָרן. אויך ער, האָט ער גע-טראַכט, וואָלט געדאַרפט מיטפאָרן. אָבער ער האָט עס נישט גע-קאָנט בײַ זיך פועלן. די געשעפטן האָבן אים נישט געלאָזט.

געפאָרן דערפאַר איז זײַן ברודער יעקב בונם, וואָס רופט זיך איצט יאַקוב.

גראָד ער האָט ווייניקער פון אַנדערע געקאָנט דערלויבן זיך

איצט אוועקפאָרן. זייער ליכט און פארשוועגדעריש האָט ער זיין פאַרטרעטונג געפירט, געגעבן סוחרים קרעדיט מיט א ברייטער האַנט, געוואָרפן מיט געלט. דער קריזיס אין שטאָט האָט אים פעסטע קלעפּ דערלאַנגט, באַנקראָטן האָבן זיך געשאָטן. עס האָט שוין טאַקע קיין סך נישט געפעלט, ער זאָל אַרויסשפּרינגען פון מסחר און בלייבן שטעקן מיט די שיינע צענטליקער טויזנטער קוויציע, וואָס ער האָט געהאט ביים פאַבריקאַנט פלידערבוים. נאָר אין דער לעצטער מינוט האָט אים זיין ווייב געראַטעוועט. ווי לאַנג ער איז געווען גליקלעך און פרייליך און אים איז גוט געגאַנגען אויף דער וועלט, האָט זיין קרענקלעך ווייב אים געפּייניקט, געגעסן אים, דעראַנגען אים די יאָרן. זי האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן זיין שמחה, זיין גליק. זי איז אַליין געווען פאַרביטערט, קראַנק, און זי האָט געוואָלט, אַז אַלע אַנדערע זאָלן זיין ווי זי. זי האָט טאַקע מיט אים נישט געוואָלט מיטפאָרן קיין לאָדזש, וואו ער האָט זיך באַזעצט, און זי איז געבליבן אין וואַרשע אַליין מיט אירע מעדיצינען, פּילן, פלעשעלעך און סלאָאיקלעך, וואָס זענען געווען פול אין אַלע ווינקעלעך. זי האָט געוואוסט וועגן זיין פריי־לעבן לעבן, וואָס ער פירט, אָבער פאָרן צו אים האָט זי נישט געוואָלט.

ווי נאָר אָבער זי האָט דערהערט, אַז דעם מאַן גייט עס נישט גוט, אַז ער איז פאַרפּלאָנטערט און געדריקט, איז זי גלייך צו אים געקומען צו פאָרן. זי האָט פאַרקויפט איינע פון די הייזער, וואָס זי האָט געהאט ירושה פון דער מוטערס זייט, און דאָס גאַנצע געלט אַריינגעטראָגן אין געשעפט אַריין. זי איז נישט אָפּגעטרעטן פון אים, געגעבן עצות, אַרויסגעהאָלפן, ביז ער איז געקומען צו זיך און געשטעלט זיך אויף די פיס. זי איז טאַקע געבליבן וואוינען אין לאָדזש. זיי האָבן אַ גרויסאַרטיקע דירה גענומען, טייער מעבל אַריינגעשטעלט, געסט אָפּט איינגעלאָדן און געפירט אַ שיין הויז. מער ווי מיט אַנדערע, האָט זיך פערעלע מיט די אַלטערס נאָנט געהאַלטן, מיט פריווען און נאָך מער מיט דינהלען. די מענער, די ברידער אשכנזי, האָבן טאַקע זיך נישט געזען, פיינט געהאט זיך, אָבער די ווייבער האָבן זיך געהאַלטן נאָנט, געקומען איינע צו דער אַנדערער.

אָבער ווי נאָר יאַקוב איז אַריין אין די פּעדערן, אויסגע־גלייכט זיך פון די קלעפּ און צוריק גענומען פרייען זיך, עסן מיט אַפּעטיט און שלאָפן געשמאַק אין די נעכט, האָט זיין ווייב, די קרענקלעכע און פאַרזויערטע, אים צוריק אָנגעהויבן עסן, פייניקן, דערגיין די יאָרן. זי האָט נישט געוואָלט ליידן, וואָס ער לאָדט איין געסט צו זיך, נישט פאַרטראָגן, ווי ער עסט מיט אַ וואָלפישן אַפּעטיט, נישט געליטן, וואָס ער שלאָפט געשמאַק אין די נעכט, און געווען אייפערזיכטיק צו אַלע ווייבער, פון דער אייגענער שוועגערין ביז דער דינסט אין שטוב.

— שלאָף נישט אַזוי שטאַרק, — האָט זי אים געוועקט און געריסן אין די נעכט, — אָטעם נישט אַזוי געזונט, ווען איך גיי אויס צוצוטאָן אַן אויג אויף אַ רגע כאָטש...

יאַקוב האָט זי נישט פאַרשטאַנען.

— וואָס ווילסטו האָבן דערפון, אַז איך וועל אויך אויף זיין?

— האָט ער זי געפרעגט.

זי האָט אים נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן, און דערפאַר נאָך צאָרנדיקער געוואָרן, ספּאַזמעס געקריגן.

— אַז דו רעגסט מיך אויף, — האָט זי געביטערט, — מיט יעדער וואָרט רעגסטו מיך אויף...

זי איז אַנטלאָפן אַ היים קיין וואַרשע, קיין טאָג נישט געוואָלט פאַרבלייבן אין לאָדזש. און יאַקוב האָט ווידער גענומען פירן זיין לעבן, דאָס פריילעכע און זאָרגלאָזע, אַרומגעפאָרן ברייט מיט דער קאַרעטע איבער די גאַסן, געגריסט מיטן צילינדער צו דאַמען און געלעבט אַ טאָג. כאָטש די געשעפטן זענען נאָך ווייט נישט געווען אַזעלכע גוטע, כאָטש מען האָט נאָך געדאַרפט פעסט אַריינצו־אַרבעטן, ביז מען וועט אויסגלייכן די לעבער, וואָס דער קריזיס האָט געמאַכט, האָט יאַקוב אשכנזי איבערגעלאָזט די געשעפטן ביי זיינע מענטשן און אַליין אוועקגעפאָרן קיין אויסלאַנד איבער די הייסע וואָכן, ווען לאָדזש שמעלצט זיך אין היץ און אין רויך. ער האָט קיין בעדער נישט געדאַרפט. ער איז געווען אייזן-שטאַרק. דער רוח האָט אים נישט גענומען. אָבער ער האָט געקענט די אויס־לענדישע קור־ערטער, די פריילעכע און יום־טובדיקע, וואו מען זעט אַ וועלט מיט מענשן, וואו מען קאָן זייער גוט פאַרברענגען עט־

לעבע וואָכן. איבערהויפּט ווען מען איז אַליין. און ער האָט גע־נומען א קופּע ערשטע קלאַס, אַנגעפּאַקט וואַליזעס מיט קליידער און וועש און געלאָזט זיך קיין אויסלאַנד.

מיט דער גאַנצער ברייטקייט און פרייגעבקייט איז ער איבער דעם גרויסן צוג געגאַנגען, פון וואַגאָן צו וואַגאָן, מיט אַלעמען זיך געגריסט, געטיילט פּאַפּיראָסן די מענער, שאָקאָלאַד די ווײַ־בער, געקושט די דאַמען אין די הענט, געלאַכט, קאָמפּלימענטן געשאָטן און אָנגעפילט אַלעמען מיט פרייד און אָפּטימיזם. מער ווי אַרום אַלע, האָט ער געקלעפּט אַרום דער קופּע, וואו עס זענען געפאָרן דינהלע און איר מוטער, אַרומגערינגלט מיט וואַליזעס, שאַכטלען, רייזע־טאַשן, קישעלעך און פודעלעך. ער איז אַראָפּגע־לאָפן אויף די סטאַנציעס איינקויפן פרישע פרוכט פאַר זיי, גע־האָלפן זיי בײַ די פּעקלעך, בײַ די גרענעצן און רעוויזיעס. פריווע האָט זיך גאַרנישט געקאָנט געגוג אָנלויבן אים. זי האָט שוין לאַנג פון אים געהאַלטן, זינט ער האָט זיך קיין לאָדזש איבערגעקליבן און גענומען אַרומפאָרן מיט דער קאַרעטע איבער דער פּיעטראָ־קאָווער גאַס. כאָטש זי איז שוין געווען א אידענע אין די יאָרן, האָט זי זיך נאָך פאַרשטאַנען אויף א שיינעם מאַנסביל און הנאה געהאַט, ווען מען דרייט זיך אַרום איר און מען באַדינט זי, ווי א דאַמע. זי האָט נישט איינמאָל שטילערהייט געקרעכצט איבער איר דינהלען, פאַרוואָס זי האָט איר נישט יאַקובן געגעבן אַנשטאָט שמחה מאירן. וואָס מער זי האָט דעם אייגענעם איידעם פיינט געקריגן, אַלץ מער האָט זי דעם ברודער זײַנעם ליב געהאַט.

זי האָט טאַקע אָפּט געשלעפּט דינהלען צו זײַן הויז, ווען זײַן ווײַב איז געווען אין לאָדזש. איצט איז זי אין זיבעטן הימל גע־ווען, וואָס יאַקוב פאָרט צוזאַמען קיין קאַרלסבאַד. זי איז נישט געוואוינט געווען אַליין צו פאָרן, שטענדיק איז מיט איר חיים מיט־געפאָרן און אָפּגעהיטן זי און באַדינט אין וועג. דאָס ערשטע מאָל איז איר אויסגעקומען פאָרן אַליין, אָן דער באַגלייטונג פון א מאַן, און זי איז זייער אומרואיק געווען סײַ פאַר זיך, סײַ פאַר דער טאָכטער. דערזעענדיק יאַקובן אין צוג, איז איר לײַכטער געוואָרן, איר ווײַבערישער געפאַלנקייט האָט זיך צוריק געהויבן. זי האָט גע־פילט, אַז זי איז א דאַמע.

— יאָקוב, — האָט זי זיך דערפרייט, — ווען כ'זאָל נישט זיין קיין אַלטע אידענע, וואָלט איך דיר אויסגעקושט.

יאָקוב האָט פאַרקאַשערט אַ שוואַרצע הענטשקע צום ערשט ביי דער מוטער און דערנאָך ביי דער טאָכטער און ביידע עטלעכע מאָל געקושט אין די הענט.

— אַזאַ אָנגענעמע איבעררראַשונג, — האָט ער געזאָגט אַ פריילעכער און געשטראַלט פון שמחה.

אַלע, ער אַליין, פּריוואַ אַלטער און אויך דינהלע האָבן גאַנץ גוט געוואוסט, אַז דאָס איז נישט קיין צופאַל, קיין אָנגענעמע איבערראַשונג, נאָר אויסגערעכנט און פאַרגעברייט. פּונקט ווי אַמאָל, ווען ער איז געוועזן אַ אינגל און געוואַרט אויף דינהלען שעהן לאַנג ביים טויער, כדי אָראָפּצונעמען פאַר איר דאָס חסידישע היטעלע. אַזוי האָט ער אויך די גאַנצע צייט געזוכט די שוועגערין זיינע צו טרעפן, צו זיין נאָנט צו איר. אָבער קיינער האָט וועגן דעם נישט גערעדט.

— ווירקלעך, אַן אָנגענעמע איבערראַשונג, — האָט דינהלע געזאָגט אַ שעמעוודיקע, פילנדיק אין אירע באַקן, ווי זיי באַגיסן זיך מיט רויטקייט, — אבי די מאַמע האָט געזאָרגט, וואָס מיר זענען אַליין.

אין דער פרעמדער שטאָט, דער שיינער און רואיקער, איז ער גאָרנישט אָפּגעטרעטן מער פון דינהלען, ווי אַ שאָטן איר נאָכגע־גאַנגען. וואו זי האָט זיך נישט גערירט, איז ער אויסגעוואַקסן אַ ברייטער, אַן עלעגאַנטער, אַ פריילעכער, און געצווינגן פאַר איר נידעריק דעם צילינדער.

דינהלע האָט זיך געהאַלטן ביי דער מוטער, מורא געהאַט צו בלייבן מיט אים. אָבער די מוטער האָט אַלץ געטאָן, כדי זיי אי־בערצולאָזן אַליין. מער נאָך ווי אין גליק פון איר טאָכטער, האָט זי געדענקט אין איר שנאה צום איידעם, וואָס האָט זי אַזוי מיאוס ארויסגעשטויסן פון אייגענעם גליק און וואוילשטאַנד. מיט ווייבער־רישער שנאה האָט זי געזוכט נקמה אין שמחה מאירן.

— דיאַנאַ, — האָט זי איר טאָכטער גערופן, — פאָר זיך דורך מיט יאָקובן, וועסט זיך אויפהייטערן אביסעלע. איך וועל דאָ הערן די מוזיק אין פּאַרק.

אין די גערדיכטע פּאַרקן, ביים שיין פון דער מילכיקער לבנה, וואָס ליגט אויסגעגאָסן אויף די שטילע פעלדער, האָבן זיי זיך ביי די הענט געהאַלטן און געשוויגן.

— ניין, יעקב, — האָט דינהלע געזאָגט יעדער מאָל, ווען איר שוואָגער האָט געוואָלט צולייגן זיינע רויטע פליישיקע ליפּן צו איר מויל, — ניין.

יאַקוב האָט גענומען איר האַנט און אַרום זיין האַלז פאַר־לייגט.

— נו, זייַ אַזוי, ווי אַמאָל, ווען מיר זענען קינדער געווען, — האָט ער געבעטן, — געדענקסט, דינהלע?

— איך געדענק, — האָט זי געזאָגט שטיל און געפילט ווי איר האַרץ צעגייט פון גליק. באַלד האָט זי געטריבן אַהיים. זי האָט מורא געהאַט פאַר גאָט, פאַר די קינדער, און מער פון אַלץ פאַר איר אייגן בלוט, דעם פאַרגליווערטן און איינגעשטילטן, וואָס האָט גענומען רופן און דערוואַכן.

— ניין, יעקב, פיר מיך אָפּ אַהיים, — האָט זי אים געבעטן, אַליין נישט גלויבנדיק אירע ווערטער. — איך בין דיין ברודערס ווייב... אַ מאַמע פון קינדער... גאָט זעט.

זי איז אַ דערשראָקענע געלאָפן אַהיים צו דער מוטער.

קאַפּיטל צוועלף

איבער דער גרויסער רוסישער ערד, פון דער דייטשער גרע־נעץ ביי דער ווייסל אין מערב ביז דער יאַפּאַנישער גרענעץ ביים אַמור אין ווייטן מזרח, זענען די מענער פון איין און צוואַנציק ביז אין די פערציקער יאָרן אַריין אַוועקגענומען געוואָרען פון דער ערד, פאַבריקן און ווערקשטאַטן און געשטעלט געוואָרן אונטערן ביקס. איבער אַלע מויערן און ווענט, דאָרפישע פּלויטן און שטאָטישע צוימען זענען גרויסע באַפעלן געהאַנגען, פּאַפּירן מיט דעם צוויי־קעפּיקן אָדלער, אין וועלכע דער צאַר, דער זעלבסטהערשער פון רוסלאַנד, דער קעניג פון פּוילן און גרויספירשט פון פינלאַנד, ני־קאָלאַי דער צווייטער, האָט מיט גאָטס חסד גערופן די אונטערטאַ־

נער זיינע צו פּאַרטיידיקן מיט לייב און לעבן די הייליקע רוסישע ערד, דעם גלויבן און דעם געזאַלבטן הערשער פאַר די געצנדינער-רישע פיינט פון אַזיאַטישן יאַפּאַן וואָס ווילן פון דער גרויסער אימפּעריע שטיקער אין ווייטן מזרח אָפּרייסן. ווער עס וועט זיך נישט צושטעלן צו דער צייט, האָט דער אַלערהעכסטער באַפעל געשריבן, וועט געשטעלט ווערן אונטער קריגס-געריכט.

נעבן די גרויסע קייזערלעכע באַפעלן זענען אין די פינסטערע נעכט קליינע, שלעכט - געדרוקטע אויפרופן אויסגעהאַנגען געוואָרן, אונטערגעשריבן פון רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען, וואָס האָבן די פּויערים און אַרבעטער גערופן, נישט צו פאָלגן די רופן פון זייערע הערשער, זייערע קלאַסן-פיינט, און נישט צו גיין אין קריג, וואָס איז אַרויסגעקומען צווישן דעם יאַפּאַנישן און רוסישן קאַפּיטאַל.

וואָס מער די פּאָליציי און אַגענטן האָבן די שלעכט-געדרוקטע פּאַפּירן געריסן און זייערע פאַרשפּרייטער געכאַפּט, אַלץ מער זע-נען די אויפרופן פאַרשפּרייט געוואָרן. די מענטשן האָבן זיך גע-זאַמלט אַרום זיי, געלייענט. צווישן די רעקרוטן און אויך אַפילו צווישן די רעזערוויסטן האָבן די שלעכט - געדרוקטע אויפרופן בונטן אַרויסגערופן. זיי זענען אין די פאַרבייפאָרנדיקע שטעט, וואָס פירן צום ווייטן פראָנט, די מאַנאָפאָלן באַפאַלן, דעם בראָנפן צעראַבירט, די באַגלייטער זייערע געשלאָגן און זיך טיילמאָל צע-לאָפן. אין פּוילן און אין ליטע, אין ווייס-רוסלאַנד און אין די באַלטישע געגנטן האָבן די רעוואָלוציאָנערע קרייזלעך די סאָלדאַטן אַגיטירט, רעדנער צו זיי אַרויסגעשיקט. די רוסישע פּאָליציי האָט דעריבער אירע אַגענטן אַנטקעגנגעשטעלט, שלעכטס אָנגערעדט קעגן די אידן, וואָס זענען די שונאים פון גאָט און פאָטערלאַנד, און די באַוואָפנטע פּויערים קעגן די אידישע קרעמער אָנגעהעצט, צו רויבן זיי און שלאָגן. די פּויערים האָבן אַנשטאָט די מאָנאָפּאָלן, די אידישע קראָמען גערויבט, אָנשטאָט די פּאָליציי און זייערע באַ-גלייטערס — אידן מיט זייערע ווייבער און קינדער געשלאָגן און געממיתט. די זעלנערישע פויקן און די גלחישע ברכות האָבן פאַרטויבט די געוויינען פון די פאַרבליבענע סאָלדאַטישע ווייבער, די געשרייען פון די געשלאָגענע אידן. אין די שטעטישע אַרבעטער-

פערטלען האָט געברענט אַ פייער פון צאָרן, האַס און רעוואָלוציע. שטרייקן זענען כסדר אָנגעגאַנגען. אַלע באַנען און שיפן, געפּאַקטע מיט מענטשן, פערד און געווער, האָבן געצויגן אין ווייטן רוס-לאַנד, טיף, אַזש ביזן טייך אַמור.

אויף די וועגן צוריק, פון רוסלאַנד קיין פּוילן, צו דער אויפ-געררודערטער פאַבריק-שטאָט לאָדזש, וואָס איז ביי דעם גאַנצן ריזיקן מהלך פאַרקניפּט און געבונדן מיט דעם ווייטן מזרח, זענען צוויי מענטשן געלאָפן, האָבן געיאָגט, געטריבן, כדי וואָס גיכער אָנצוקומען אין דער פאַררויכערטער שטאָט.

אַליין אין אַ קופּע אין אַ וואַגאָן ערשטער קלאַס עקספּרעס-צוג איז געפאָרן מאַקס אשכנזי, דער פאָרשטייער פון דער אַקציען-געזעלשאַפט הונצע-מאַנופאַקטור אין לאָדזש. אין אַן ענגלישן, ברייט-געקעסטלטן רייזע-קאָסטיום, עס זאָל אים מאַכן ברייטער און אָנזעעוודיקער, ווי עס פּאַסט פאַר זיין שטאַנד, מיט אַ ציגאַר אין מויל, מיט אַ סך לעדערנע רייזע-טאַשן, פּלעדן, מיט אַ סוי-בעלנעם ברייטן פּעלץ און קאַראַקולענעם הויכן הוט, מיט פולע טאַשן געלטער, וועקסלען, פּאַפּירן, אָפּמאַכן, איז ער געזעסן אויף דער ברייטער פּליושענער באַנק און ארויסגעקוקט אויף די טיפע שנייען, פאַרשאָטענע פויערישע הייזלעך, פאַרוויסטע וועלדער, פעל-דער, טעלעגראַפן-סלופּעס און צעבראָכענע פּלויטן, וואָס האָבן זיך געצויגן טאָג-איין, טאָג-אויס, גאָר אָן אַ סוף. די באַן האָט זיך פאַר-שפּעטיקט, געסאָפּעט שווער איבער די פאַרשאָטענע ליניעס, און מאַקס אשכנזי איז געווען אומרואיק.

— ווען וועלן מיר זיין אויפן אָרט? — האָט ער צום וויפלטסטן מאָל געפרעגט ביים קאָנדוקטאָר.

— שווער צו זאָגן, באַרין, — האָט דער קאָנדוקטאָר זיך פאַרענטפערט. — דער שניי פאַרשיט אַלץ מער און מער.

די מלחמה האָט אים געטראָפן אין וועג, מאַקס אשכנזי, אין ווייטן רוסלאַנד. פון לאָדזש האָט ער זייער אומרואיקע טעלעגראַ-מעס יעדן טאָג געקריגן. דער גאַנצער ווייטער מזרח, אין וועלכן לאָדזש האָט אַ פאַרמעגן געהאַט שטעקן אַ וועלט מיט סחורות און קונים, איז צוליב דעם קריג געווען אָפּגעשניטן. די באַנען זענען געווען פאַרנומען בלויז מיט מיליטער. וואָיאַזשאָרן זענען צוריק-

געלאָפן, ווי מייז פון א ברענענדיקער שיף, אָן געלט, אָן באַשטע־לונגען. פאבריקן האָבן זיך אָפּגעשטעלט, פּראָטעסטן זענען גע־פלויגן, באַנקראָטן האָבן געהאַגלט. לאָדזש איז געווען צעטומלט. נישט געוואוסט, וואָס מיט איר טוט זיך. די באַראָנען הונצע זענען, ווי שטענדיק, אינדערהיים נישט געווען; זיי האָבן זיך געוואַרעמט אין קאַלטן יאַנואַר אויף דער ריוויערע און געשיקט טעלעגראַמעס וועגן נייע געלטער, וואָס מען זאָל זיי אַרויסשיקן צו די פריער־דיקע, וואָס זיי האָבן פאַרשפּילט אויף דער רולעטקע, קאָרטן און לויף־פערד. פון דער פאַבריק האָט מען געשטורעמט מאַקס אַשכּנזין, ער זאָל קומען וואָס גיכער אַהיים.

ער איז שוין זינט א צייט געווען דער הויפּט־דירעקטאָר פון דער פאַבריק, מאַקס אַשכּנזי. דער הויפּט־דירעקטאָר אַלבערכט האָט לאַנג נישט אָנגעטריבן. ווי אַשכּנזי האָט עס פאַראויסגעזען. ער האָט אַלץ אָפּטער געקריגן האַרץ־אַטאַקעס, און אין איינעם אָן אָוונט, ווען דער דינער מעלכיאָר האָט אים א נייע יונגע שפּולערקע פון דער פאַבריק געבראַכט, זי זאָל אים די שטובן אויפראַמען, איז ער ביים ערשטן געראַנגל מיט איר פון די פיס געפאַלן, אויף דער ערד אויפן טעפּיך זיך אויסגעצויגן און מער זיך נישט אויפ־געהויבן.

די פאַבריק האָט אים א גרויסע לויה געמאַכט, די פאַסטאָרן האָבן מיט טרערן־אָנגעזאַפּטע שטימען הספדים וועגן זיין שיין און פליכטפול לעבן געזאָגט. מאַקס אַשכּנזי האָט א גרויסן קראַנץ פון ווייסע רויזן אויף זיין קבר געלייגט. באַלד צומאָרגנס האָט ער איבערגענומען זיין אָרט אין גרויסן דירעקטאָרישן קאַבינעט. דער דינער מעלכיאָר, וואָס האָט אים געדענקט נאָך פון די צייטן, ווען ער האָט א לאַנגע קאַפּאָטע געטראָגן, האָט גלייך זיך פאַר אים אויסגעצויגן ווי א סטרונע און פונקט ווי פאַר דעם פריערדיקן דירעקטאָר געדונערט ביי יעדן וואָרט:

— יאַ וואָהל, הער הויפּט־דירעקטאָר!

אויך אַלבערכטס קאַרעטע איז איבערגעגאַנגען צו מאַקס אַשכּנזי.

ביידע, סיי דער דינער מעלכיאָר, סיי דער קוטשער פון דער קאַרעטע, זענען נישט געווען שטאַרק צופרידן פון דעם נייעם באַ־

לעבאָם זייערן. מעלכיאָר האָט אפילו זייער געשיקט פּרובירט אים אריינוואַרפן אַ וואָרט וועגן די פאַבריק־שפּולערקעס, וואָס פלעגן קומען צום גאָטזעליקן הער אַלבערעכט אויפרוימען, און ער האָט געוואָלט וויסן, צי אויך דער הער הויפּט־דירעקטאָר ווינשט, ער זאָל אים אין פאַרשטאָרבענעם דירעקטאָרס וואוינונג ברענגען די שפּולערקעס, זייער נעטע מעדעלס...

מאַקס אשכנזי האָט דעם דינער אָפּגעמאָסטן אַ לאַנגע ווײַלע מיט אַ שאַרפן בליק און אים משלח געווען.

— קיין שפּור, — האָט ער געזאָגט, — די שפּולערקעס דאַרפן זיין אין פאַבריק...

מעלכיאָר האָט ארויסגעדונערט:

— יאָ וואָהל, הערר הויפּט־דירעקטאָר!

אָבער בייז איז ער געווען.

— זאָ איין שוויין־יודע, — האָט ער זיך געקלאָגט פאַרן קוטשער.

— איין זאָו־הונד, — האָט דער קוטשער געענטפערט, — קיין לייטישן טרינק־געלט איז מער פאַר די אויגן נישט צו זען...

אָבער דאָס איז בלויז געווען צווישן זיך. אין די אויגן האָבן זיי אים כבוד אָפּגעגעבן, פּונקט ווי דעם פריערדיקן דירעקטאָר.

פּונקט אזוי האָבן וועגן אים גערעדט מיט צאָרן אַלע איבע־ריקע דייטשן אין פאַבריק, די אַלע בלאָנד־האָריקע, בלוי־אויגיקע און דיק־לייביקע בוכהאַלטערס, אינזשינירן און אָנגעשטעלטע, נאָר אין די אויגן זענען זיי געשטאַנען פאַר אים מיט דער גאַנ־צער אונטערטעניקייט, וואָס נאָר דייטשן האָבן פאַר זייער אויבער־הער.

— יאָ וואָהל, הערר האופּט־דירעקטאָר! — האָבן זיי געדו־נערט פאַר אים אויף יעדן באַפעל, אויסציענדיק זיך ווי די סטרונעס.

ער האָט די פאַבריק גלייך אריינגענומען אין די הענט אריין, מאַקס אשכנזי. אַ פרעמדער, אַ קליינגעוואַקסיקער, אַ באַוועגלעכער און אַ נערוועזער, מיט אַ שלעכטן דייטש און מיט אַ גמרא־ניגון אין טאָן, אַ צעטראָגענער, מיט חסידישע געוואוינהייטן צו צופּן זיך ביים קין, כאָטש ער האָט קיין באָרד נישט געהאַט, צו נעמען

מענטשן ביי אַ קנעפּל אין רעדן, צו טראָגן דעם קראַוואַט שטענדיק פאַררוקט אין אַ זייט און נישט איינצוזיצן אויף אַן אָרט, האָט ער פונדעסטוועגן זייער געשיקט אַריינגענומען אין די הענט אַריין אָט די אַלע הויכגעוויקסיקע פעט-לייביקע, גלייך-פאַרקעמטע, קאַ-רעקטע און פּינקטלעך-גלייכגעזעצטע דייטשן. ער האָט וועגן אַלעם געוואוסט, אַלץ געהאַט אויפן קאָפּ, געקענט יעדער ווינקל אין פאַ-בריק, יעדער מאַשין, געביידע, אַלץ, וואָס ווערט געטאָן, געמאַכט און געבויט. אין דער פריערדיקער געמיטלעכער פאַרשלאָפנקייט, וואָס דער שווערער אַלבערכט האָט אַריינגעפירט, האָט מאַקס אַשכנזי אַריינגעטראָגן אימפּעט, ברען. די מענטשן זענען געווען בייז, אויפגעבראַכט אויף דעם פרעמדנס יאָגן און טרייבן; אָבער קענגנשטעלן זיך האָבן זיי נישט געקאָנט. איין שרייפּל האָט גענו-מען טרייבן דאָס צווייטע. דאָס גאַנצע אומרואיקייט זיינס, דאָס שטענדיקע לויפן, טרייבן, יאָגן, נישט איינרוען אויף קיין אָרט, האָט ווי אַ מאָטאָר געטריבן פון דירעקטאָרישן קאַבינעט אַרויס צו אַלע ווינקעלעך פון דער גרויסער פאַבריק, באַוועגט מיט אַלע מאַשינען, מענטשן, ווי מיט מאַריאָנעטקעס אויף אַן אָנגעדרייטער דראָט.

אין מיטן גאַנצן טומל און גערודער פלעגט ער נאָך געפינען צייט אַריבערצוכאַפּן זיך אויך קיין רוסלאַנד און גרויסע געשעפטן מאַכן. די פאַבריק איז געגאַנגען, ווי ער האָט זי פריער אָנגעדרייט. אין די ווייטסטע ערטער, וואו ער איז געווען, האָט ער געוואוסט וועגן אַלץ, וואָס אין פאַבריק טוט זיך, כּסדר געקריגן טעלעגראַמעס און געשיקט טעלעגראַמעס וואָס צו טאָן. איצט, ווען דער קריג איז אויסגעבראָכן אין ווייטן מזרח, האָט ער אַ סך טעלעגראַמעס גע-קריגן. אין שטאָט איז געווען אַ בהלה. די באַראָנען זענען, ווי שטענדיק, נישט געווען אינדערהיים, און די מענטשן זענען געווען פאַרלוירן און צעמישט. זיי האָבן נישט געוואוסט וואו איין און וואו אויס. און מאַקס אַשכנזי איז געזעסן אומרואיק אין זיין קופּע, די ברייטע פּליושענע באַנק איז אים געווען צו-קליין.

ער האָט געהאַט אַן אידעע אין קאָפּ, אַ גרויסע אידעע. גראָד ווען לאָדזש שטעלט זיך אָפּ איצט, פאַרלירט דעם מאַרק, האָט ער געוואָלט מאַכן געלט, אַ סך געלט. שוין אין וועג האָט ער אָנגע-

שמעקט, אז ביי איבערגיין אויף מיליטערישע סחורות, קאָן מען איצט מאַכן אַ פאַרמעגן. זיי זענען זייער גוטע קונים, די מיליטער־אינטענדאַנטסטוועס, זיי האָבן אַליין ליב צו פאַרדינען און צו געבן צו פאַרדינען. אמת, אַז זיין פאַבריק אַרבעט אַנדערע סחורות; אָבער דאָס איז גאָרנישט, מען קאָן לייכט איבערגיין צו מיליטערישע סחורות. מען דאַרף עס נאָר פאַרכאַפּן צו דער צייט, איידער אַנדערע וועלן פאַלן אויפן שכל. איבערהויפּט האָט ער מורא געהאַט פאַר פלידערבוימען. איינמאָל האָט שוין דער פלידערבוים געוויזן, וואָס ער קען, דעמאָלט מיט דעם גובערנאַטאָר און די פּלעצער. אַ פאַרמעגן האָט ער דעמאָלט געמאַכט. איצט טאָר מען נישט לאָזן זיך נאָכאַמאָל אַזוי אונטערפירן. מען דאַרף פאַרכאַפּן די געשיכטע באַצייטנס. דער עיקר גלייך צוקומען צום פּסוק, אָנכאַפּן דעם הויפּט פון דער אינטענדאַנטסטווע, געבן אים אַפּצולעקן אַ ביין, און אַליין אָפּלעקן אַ ביין.

שיין וועט דאָס זיין — ווען אַלע פאַבריקן וועלן שטיין, וועט מען ביי אים אַרבעטן ביי טאָג און ביינאַכט, עס וועט זיך רירן!

בלויז פון דעם געדאַנק האָט מאַקס אשכנזי גענומען זיך רירן אויף דעם אָרט, אונטערהעצקען זיך, ווי די פאַבריק זיינע, וואָס וועט זיך רירן אין דער אַרומיקער שטילער לאָדזשער פוסטקייט. דאָס פייפן פון לאָקאָמאָטיוו האָט אים דערמאָנט אין פייפן פון זיינע קוימענס.

גלייך פון דער באַן, ווי נאָר די קאַרעטע איז אים געקומען אַפּנעמען, איז ער צו דער פאַבריק פאָרפאָרן. ער האָט זיך נישט פאַרהאַלטן אין שטוב, אפילו קיין באָד נישט גענומען נאָך דער לאַנגער רייזע. ער האָט נישט געהאַט קיין צייט דערצו. יעדע מינוט האָט געברענט. בסוד־סודות, מיט גרויס ברען און בהלה, האָט ער גענומען ציען פעדים, אַרומשמעקן, אויסטאַפּן אַלע וועגן און אונטערוועגן, וואָס פירן צו דעם הויפּט פון דער אינטענדאַנטסטווע. ער האָט איצט נויטיק באַדאַרפט האָבן די באַראָנען זיינע. דעם וועג צו די העכערע פענסטער האָבן געהאַט זיי, די מיוחסים און אַריסטאָקראַטן, נישט ער. ער האָט דאָס געוואוסט. וואָס־וואָס, נאָר צו די הויכע פענסטער גרייכט ער נישט, כאָטש דער שוסטער מאַכט אים אַלץ העכער די קנאַפּלס און אין לאָדזש

זאָגט מען, אַז ער האָט מער אין די הענט די הונצעס, ווי די הונ־צעס אים. אָבער זיי זענען נישט געווען אינדערהיים, די באַראָנען, זיי זענען געזעסן אין אויסלאַנד, ווי תמיד. און ער האָט זיך אַליין גענומען צו דער ארבעט. פאַרקערט, דאָס, וואָס ער וועט אַליין דורכפירן, אָן זייער הילף, האָט אים נאָך מער לוסט צוגעגעבן.

אויך פאַר אים איז עס געווען בעסער. אמת, ער האָט אַליין דעם וועג צום קאָמענדאַנט פון פעסטונג נישט געהאַט, יענער איז געווען דערוויַיל אַ צו־גרויסער העכט פאַר אים; אָבער מאַקס אשכנזי האָט שוין געוואוסט, אַז פונקט ווי ביי אים אין פאַבריק, אַזוי אומעטום, ווערן די עלסטע געפירט פון די נידעריקערע פון זיך; ער האָט געוואוסט, אַז מיט גאָלד קאָן מען ביי די רוסן שטענ־דיק מאַכן, אפילו ביי די העכסטע אַליין.

און ער האָט זיך שטילערהייט אַריינגעכאַפּט קיין וואַרשע און גענומען שפּינען אַ וועג. שוין אין ערשטן טאָג האָט ער געפונען דורך אַ מעקלער אַ וועג צו אַן אָפּערעטע־זינגערין, וואָס איז אַ געליבטע פון אַן אַדיוטאַנט אין דער פעסטונג. מיט אַ ברילּיאַנטל אין אַ שיין אַטלעסן שאַכטעלע און מיט אַ בוקעט בלומען, צו־גרויסע און צו־שרייענדיקע, ווי נאָר אַן עם־הארץ אין אַזעלכע זאַכן צעלאָזט זיך, איז ער אַוועקגעפאָרן צו דער היפּש־בלאָנדער און היפּש־דיקער גויע, וואָס איז געווען אַרומגערינגלט מיט הינט, קעץ, פויגל און פאַרשטויבטע קרענץ פון טעאַטער־פאַרערער. נודיענדיק זיך ביז חלשות סיי פון די אייגענע קאָמפּלימענטן, וואָס ער האָט דער דיקער אַקטריסע געמאַכט פאַר איר זינגען, וואָס ער האָט קיינ־מאָל נישט געהערט, סיי פון די זיסע ראָמאַנטישע באַרימערייען און שאָקאָלאַדע, וואָס די דאַמע האָט אים אָנגעפּאַקט אין איר בינע־ענלעכן בודואַר, איז ער פונדעסטוועגן מיט גרויס עקשנות אויסגעזעסן זיין צייט, אָנגעטאָן דער אַקטריסע דאָס ברילּיאַנטענע רינגל אויף איינעם פון די דיקע פינגער, וואָס האָבן שוין באַלד קיין אָרט מער נישט געהאַט פון אַזויפיל פינגערלעך.

— זאָל דאָס זיין אַן אויסדרוק פאַר מיין פאַרערונג פון אייַ־ער גרויסער קונסט, — האָט ער געזאָגט אין אַ גרייזיקן פּויליש, — עס וועט זיין פאַר מיר דאָס גרעסטע גליק נאָכאַמאָל צו פאַרברענ־גען אין אייער געטלעכער געזעלשאַפט.

— איך בין טיף געריִרט, — האָט די דיקע בלאָנדע אַק־טריסע געזאָגט מיט דעם פּאַרפּירערישסטן שמייכל, וואָס נאָר זי האָט אין טעאַטער באַנוצט. — איך וועל זיין גליקלעך צו זען דעם הער דירעקטאָר אין מיין באַשיידענער וואוינונג אין דער געזעל־שאַפט פון מיינע נאָנטע פריינט.

דורך אָט דער היפּש־בלאָנדער און היפּש־פעטער דאַמע איז ער אריינגעצויגן געוואָרן אין זייער אַ מאָדנער געזעלשאַפט, צווישן אָפיצירן, אַדיוטאַנטן, גרויסע פּאַרערער פון דער אַקטריסעס קונסט. נאָך מער פון קאָרטן, שאַמפּאַניער, פרייליכע רעסטאָראַנען, קאַ־באַרעטן און געלט. אַ ניכטערער, פול מיט עקל צו שכרות און הול־טייסטווע, האָט ער עטלעכע טעג צייט אַרומגעהוליעט מיט די צע־לאָזענע נייע פריינט זיינע, וואָס האָבן אין שכרות געבראָכן שפּיג־לען און געכאַפּט זיך צו די רעוואָלווערן. אָבער זיינס האָט ער דורכ־געשלאָגן: ער איז צוגעקומען צום קאָמענדאַנט אַליין. זיין געלט האָט פאַר אים אַלע טירן געעפנט.

צוריק קיין לאָדזש איז ער געפאָרן מיט אַן עקל אין מויל און אַ רויש אין קאָפּ. די הוליאַנקעס זענען אים אין די ביינער גע־לעגן. אָבער אין קעשענע האָט ער געפירט אַ באַשטעלונג פון מי־ליטערישע סחורות, פון וואָס מען וועט גיין אין גאָלד.

אין גאַנצן גרויסן, פּוסטן לאָדזש, האָט הונצעס פאַבריק גע־אַרבעט אויף דער גאַנצער פּאַרע. ביי טאָג און ביי נאַכט האָט מען געאַרבעט, די קוימענס האָבן אין דער שטילער שטאָט געפייפט מיט גרויס חוצפּה, די ציגל־רויטע פאַבריק־ווענט האָבן געציטערט פון פיבערדיקן יאָגן.

ווידער איז ער געווען אויף די ליפּן פון גאַנץ לאָדזש, ווידער האָט מען אים נאָכגעקוקט אויף די שלעכט־געפלאַסטערטע גאַסן, ווען ער איז געפאָרן אַ פאַרטראַכטער און פאַרטאָגנער אין אַל־ברעכטס קאַרעטע, וואָס ער האָט געירשנט.

— פייער און פלאַם, — האָבן אידן גערעדט. — פון שניי גאָמעלקעס מאַכט עס.

— ער האָט געפּאַקט דאָס אמתע מלחמהלע, — האָט מען גע־רעדט מיט קנאה, — אַ טייער גאָלדן מלחמהלע...

ער האָט די באַראָנען זיינע קיין געלט נישט געקאַרגט איצט.

ער האָט זיי געשיקט מער נאָך וויפל זיי האָבן אליין געוואָלט. ער אליין האָט פאַר זיינע ריזיקע פאַרדינסטן געקויפט אַקציעס פון דער פאַבריק. ער האָט זיי געזאַמלט, די אַקציעס זיינע, טאָג נאָך טאָג. איבערהויפּט אין די טעג, ווען זיי זענען נידעריק געשטאַנען, אין די מלחמה־טעג.

דורך וועגן און אומוועגן, מיט שליטנס און באַנען, צופוס און באַהאַלטן אונטער שטרוי און וואָגנס, איז געלאָפן פון ווייטן סיביר דער אַנדערער לאָדזשער איינוואוינער, דער פאַרשיקטער ניסן אייבעשיץ פון באַלוט, ר׳ נאָסקע מורה־הוראהס זון, פול מיט אומ־געדולד און איילעניש, צו זיין שטאָט אין פוילן.

אויך אים האָט מען גערופן פון לאָדזש. מער ווי אין אַנדערע שטעט, איז אין פאַבריק־שטאָט געווען אומרואיק. די אַרבעטער אין די פאַבריקן האָבן אָפט געשטרייקט. דעמאָנסטראַציעס האָבן זיך געלאָזט אויף די גאַסן. דערצו נאָך איז צוליב דעם קריג אָפּ־געשטעלט געוואָרן די אַרבעט. די אַרבייטער זענען געווען צעררייצט, פאַרביטערט, און עס איז געווען אַ גוטע צייט פאַר אַגיטאַציע און אויפקלערונג. די קליינע רעוואָלוציאָנערע קערנדלעך, וואָס ניסן מיט טוביהן האָבן אין דער רויכערנדיקער שטאָט פאַרשפּרייט, זענען שטאַרק אויסגעוואַקסן, ניין, דער דורכפאַל פון די מאַי־טעג, וואָס האָבן זיך אַזוי מיאוס פאַרענדיקט, האָט נישט אָנגעשראָקן אויף אייביק די לאָדזשער אַרבעטער, ווי מען האָט דעמאָלט גע־מיינט. זיי האָבן איצט אָפטע דעמאָנסטראַציעס געמאַכט, רעוואָ־לוציאָנערע לידער געזונגען, געבונטעוועט זיך קעגן די פאַבריקאַנטן און דער פּאָליציי. און טוביה מיט זיינע חברים האָבן פאַרשטעלטע היימישע בריוו איינעם נאָכן צווייטן געשיקט, פון וועלכע ניסן האָט פאַרשטאַנען, אַז ער דאַרף לויפן. אויך געלט האָט מען אים געשיקט אויף הוצאות.

כאָטש ניסן האָט נאָך געהאַט נישט קיין סך אויצוזיצן ביז דעם טערמין, איז ער געלאָפן פאַר דער צייט.

אים איז מיאוס געוואָרן אויף דער פאַרשיקונג. וואָס צו טאָן איז נישט געווען אין דעם פאַרוואָרפענעם העק. גאַנצע טעג האָט

מען געפּטרט אויף דיסקוסיעס און רייסערייען מיט די אַנדערע פּאַרשיקטע. עס זענען דאָרט געווען פאַרעלטערטע נאַראָדניקעס, פּוילישע פּעפּעסאָווצעס, אַלטע פּוילישע פּאַווסטאַנצעס, סאָציאַל־דעמאָקראַטן, עסערן, בונדיסטן, אַנאַרכיסטן. אַלע האָבן זיי זיך געגריזשעט, געפּרעסן, באַקעמפּט, אויסגעלאַכט. צווישן יעדער פּאַר־טיי באַזונדער האָט מען זיך ווידער געטיילט אויף פראַקציעס, אויף אָפּגעריסענע און אָפּגעשפּאָלטענע. פאַרוואָרפענע, עלנטע, אָפּגעריסענע פון אַלעמען און אַלץ, האָבן זיך די מענטשן דאָ געפרעסן, געקראָכן זיך אין דער לעבער, פּיינט געהאַט זיך, ארומגעריסן זיך, און דאָך געקלעפּט צו זיך. פון יעדער נייער פּאַרטיע פּאַרשיקטע האָט מען זיך דערוואוסט אין ווייטן העק, אין סיביר, פון די נייע פּאַרטייען און פּאַרטייעלעך, פראַקציעס און גרופּעס, וואָס האָבן זיך אין לאַנד געוויזן, פון אַלע זייערע פּראָגראַמען און פּראָגראַ־מעלעך.

גלייך מיט אַלע אַנדערע, האָט ניסן געשאַרפט די צונג, גע־שליפן דעם מוח. א געוועזענער בית-המדרש-בחור, האָט ער גוט זיך אויסגעקענט אין דער דיאַלעקטיק. ער האָט געקענט אַלץ פון דער נייער תורה פון אויסווייניק, ווי זיין פאָטער האָט געקענט די אַלטע תורה פון אויסווייניק. ער האָט שטענדיק געהאַט גרייט אין קאָפּ א ציטאַט פון די טעאָרעטיקער פון סאָציאַליזם, צו צע־שלאָגן א קעגנער, וואָס נויגט אָפּ פון דער גרונט־לערע. מיט אַן אייזערנער לאָגיק, מיט א סך בקיאות און וויסן, האָט ער א תל געמאַכט פון אַלע, וואָס האָבן געוואָלט אָפּקערן פון מאַרקסיזם, אויספּשטלען אייגענע סברות און המצאות.

— גלייך, גלייך, אַן דריידלעך, — האָט ער געזאָגט צו די דרייער און פּשטל־זאָגער, פּונקט ווי זיין פאָטער פלעגט זאָגן צו די חסידישע עלוים, וואָס האָבן אים מיט פּשטלעך געוואָלט פאַר־דרייען, אראָפּגיין פון דער תורה.

א שוואַרץ־אויגיקער, א ברוין־הויטיקער, מיט א קליין שוואַרץ בערדל און געקרייזלטע באַקן־בערד, וואָס האָבן אַנגענומען דעם אויסזען פון פּיאות, מיט אַן אַלטער טבע פון בית־המדרש צו דרייען מיט דעם גראָבן פינגער ביי פירן א דיסקוסיע, איז ער אינ־גאַנצן ענלעך געווען אויף זיין פאָטער ר׳ נאָסקע, ווען ער פלעגט

לערנען אויפן באַלוט מיט די בחורים. אויך קאָמענטאַרן צו זיינע ביכער האָט ער געשריבן. ווי דער פאָטער זיינער צו די ספרים, אויף אַלע ברעגן האָט ער די ביכער פאַרשריבן. זייער געשיקט, מיט אַ טיפער לאָגיק, האָט ער צעשלאָגן די אַלע אָפּנויינגער פון מאַרקסיזם, נישט נאָר די עסערן, נאָר אויך די פּעפּעסאָווצעס און אַלערליי פראַקציעס פון די מאַרקסיסטישע פּאַרטייען, וואָס האָבן מיט פּשטלעך און נאַציאָנאַלע פּראָגראַמען אָפּגענויגט פון דעם אמתן מאַרקסיזם, פאַרטונקלט אים. פּונקט ווי אַ פרומער איד, אַ מתנגד, וואָס דערלאָזט נישט אָנרירן די תורה, וואָס איז אייביק, וואָס לאָזט נישט אַריינטייטשן און איר קיין פּשטלעך פאַרן איי־גענעם נוצן, אַזוי אויך האָט ניסן נישט געקאָנט פאַרטראָגן, ווען מען האָט פאַרטונקלט זיין מאַרקסיזם, וואָס איז אייביק, מיט אַלערליי פרעמדע סברות.

זיי האָבן אים נישט ליב געהאַט, די גויאישע פאַרשיקטע. זיי האָבן נישט פאַרמאָגט סיי זיין שאַרפע לאָגיק, סיי זיין עכט־אידישן אויסזען, סיי זיין שטענדיקן זיצן און לערנען, נישט מען האָט געקאָנט גיין מיט אים אויף יאַגד אין די טיפע וועלדער, נישט מען האָט געקאָנט מיט אים אויסטרינקען. ער האָט אין די אַלע זאַכן קיין הנאה נישט געפילט. בלויז אין די ביכער האָט ער געפילט אַ טעם. ער האָט זיי געשלונגען ביימאָג און ביינאַכט.

דער איינציקער, וואָס האָט זיך געהאַלטן מיט אים נאָנט, איז געווען דער סאָציאַל־דעמאָקראַט שטשינסקי. כאָטש אַ פּאָליאַק, אַ געוועזענער שילער פון אַ גלחישער קאָנסיסטאָריע, האָט ער, פּונקט ווי ניסן, געזוברעוועט טאָג און נאַכט אין די מאַרקסיס־טישע ביכער און פיינט געהאַט אַלע, איבערהויפּט די פּעפּעסאָוו־צעס, וואָס האָבן אין ריינעם מאַרקסיזם געוואָלט אַריינברענגען נאַציאָנאַליסטישע אָפּנויגונגען. אויך ער האָט נישט מיטגעהאַלטן מיט זיינע, נישט געגאַנגען אויף יאַגד, נישט געטרונקען, געלעבט אַ לעבן פון אַ נזיר. אפילו זיין בלאָנד גויאיש בערדל האָט אָנגע־הויבן אויסזען ווי דאָס בערדל פון אַ איד אַ למדן, וואָס איז פאַר־טאָן אין תורה. אים איז גאַרנישט מיאוס געוואָרן צו לערנען מיט ניסנען צוזאַמען די אייגענע מאַרקסיסטישע ביכער. נאָר פון דער גלחישער שול, פון די לערער די יעזואיטן, האָט ער די יעזואיטישע

תורה מיטגעבראכט, אז דער ציל היילינקט דאָס מיטל. פאַר דעם ציל, פאַר דער אויסלייזונג פון פּראָלעטאַריאַט, האָט ער געהאַלטן, זענען אַלע מיטלען כשר. זיין מויל פלעגט זיך אויסקרימען, ווען ער פלעגט רעדן וועגן די שונאים פון פּראָלעטאַריאַט. ער האָט גע־גלויבט אין די אייזערנע געזעצן פון דער קאַפּיטאַליסטישער צע־פאַלונג. אָבער ער האָט נישט געהאַט קיין צייט צו וואַרטן ביז דער בלאָטער וועט פּלאַצן. ער האָט אים געוואָלט באַצייטנס אויפשניידן, אויפרייסן. אָן דעם וויסן פון דער פּאַרטיי האָט ער טאַקע גענומען זיך צו טעראָר אין לאָדזש. נאָך דעם טערמין אין טורמע איז ער געווען פאַרשיקט אין סיביר.

— אָפּרוימען, אָפּרוימען, — האָט ער שטענדיק געריעדט צו ניסנען אויף זיינע שפּאַצירן.

אָט מיט דעם שטשינסקין איז ניסן געלאָפן איצט פון סיביר צו דער פאַבריק־שטאָט לאָדזש.

שוין פון וואָקזאַל, ווי נאָר ער איז אַראָפּ פון דער באַן, האָט ער דערשמעקט די רעוואָלוציע אין שטאָט. זי האָט געהאַלטן זיך אין די מויערן פון די ווענט, אין דער קאַלטער ווינטערדיקער לופט פון די פאַררויכערטע גאַסן. וואָס ווייטער ער איז אין די אָרעמע געסלעך אַריין, אַלץ מער האָבן זיך געוויזן די רעוואָלוציאָנערע אויפשריפטן און די אָנגעקלעפּטע פּראָקלאַמאַציעס אויף די פּלויטן און אויף די ווענט. אויף די ראָגן האָבן טאָפּלטע פּאָליציי־פּאַט־רולן ארומשפּאַצירט, באַגלייטעט פון אַ זעלנער מיט אַ ביקס.

ניסן איז אַוועק זוכן אַ „יאַווקע". ווי אַ געניטער קאָנספּיראַ־טאָר, וואָס האָט זיך אין די טורמעס אויסגעלערנט ביי די רעוואָ־לוציאָנערן די מלאכה, האָט ער זייער פאָרזיכטיק אָנגעשמעקט די געגענט, ביז ער האָט זיך דערשלאָגן צו דער וואוינונג. דער בלומען־טאָפּ, וואָס האָט געדאַרפט שטיין אין פענסטער, אַ סימן, אַז מען קאָן אַריינגיין, איז געשטאַנען אויפן אָרט. ניסן איז אַרויף די טרעפּ צו דער טיר.

רויט־באַקיק און שוואַרץ־אויגיק ווייבל, וואָס ער האָט זי נאָך קיינ־מאָל אין לעבן נישט געזען.

— וואָס מאַכט דער פעטער? — האָט ער געפרעגט ביי אַ

— ער איז געזונט און ער לאָזט אייך גריסן, — האָט דאָס רויטע ווייבל געענטפערט און נאָך רויטער געוואָרן.

דאָס איז געווען דער פּאַראָל. ניסן איז אַריין. דאָס רויט־באַקי־קע ווייבל האָט זיך מיט אים צעקושט.

— ענדלעך, — האָט זי געזאָגט, — מיר האָבן שוין אַזוי־פיל איבערגעקלערט. איר זענט הונגעריק, חבר?

— פּאַר אַלץ וואַסער, חברטע, — האָט ניסן געזאָגט. — שוין עטלעכע וואָכן, ווי איך האָב זיך נישט געוואַשן.

נאָך אין זעלבן אָוונט איז ביי דעם רויט־באַקיקן ווייבל איינגע־אָרדנט געוואָרן זייער פּריילעכע תנאים, מיט בראָנפן, לעקעך, וואורשט, ביר און אַ סך אַנדערע גוטע זאַכן, וואָס זענען דאָ אויף שמחות. אַ יונגער בחור איז געזעסן אין שבתדיקן קאָסטיום נעבן אַ מיידל אין אַ יום־טובדיקן קליידל, ביידע זענען זיי געווען די חתן־כלה, וואָס מ'פּראַוועט זייער שמחה. צווישן די געסט זענען געווען עטלעכע מנינים מענטשן, מענער און פרויען. פון די באַקאַנטע זענען געווען בלויז טוביה און זיין טאָכטער באַשע. דאָס האָט מען געמאַכט אַ ליאַמע פאַר ניסנען דעם צוריקגעקומענעם פון סיביר. נאָר צוליב מורא פאַרן הויז־וועכטער, ער זאָל נישט אָנ־ווייזן אין צירקל אויף די מענטשן, וואָס זענען זיך צוזאַמענגעקו־מען, האָט עס געהייסן, אַז מען מאַכט אַ תנאים. אפילו געדרוקטע תנאים זענען געלעגן גרייט. ניסן האָט דערציילט וועגן זיין וועג. טוביה האָט דערציילט וועגן דער לאַגע אין שטאָט.

— לאָדזש איז אונזער, — האָט ער געזאָגט. — אַז וועסט זיך אָפּרוען עטלעכע וואָכן פון דער נסיעה, וועט מען דיך אַריינ־ציען אין דער אַרבעט. פעלסט דאָ, ניסן.

— איך דאַרף נישט רוען. — האָט ניסן געזאָגט, — איך וועל גלייך זיך איינשפּאַנען. געגנוג יאָרן געגאַנגען ליידיק.

שוין אין עטלעכע טעג אַרום איז ער אַריין אין קאָמיטעט. זיין ערשטער אַרויסטריט איז געווען אין בית־המדרש.

צו מנחה און מעריב האָבן זיך אָנגעזאַמלט מאָדנע אידן און גרויסן בית־המדרש, מערסטנס יונגע און קורץ־געקליידעטע, וואָס זיי דאַוונען זעלטן. דער שמש, וואָס האָט שוין געקענט די נייע מנהגים פון די אחדותניקעס, האָט געוואָלט פאַרמאַכן די פיש

פֿאַר דער נעץ און ווי נאָר דער חזן פֿאַרן עמוד האָט אויסגעלאָזט דעם לעצטן פּסוק פֿון קדיש, האָט ער גלייך געגעבן אַ קלאַפּ אין טיש אויפֿן באַלעמער און אויסגערופֿן, אַז דער מגיד וועט דרשענען. אָבער איידער דער מגיד האָט געפּרוּווט אָנטאָן אויף זיך דעם טלית צו דער דרשה, איז שוין געווען די טיר אָפּגעשלאָסן.

— קיינער זאָל נישט פּרובירן ארויסצוגיין! — האָט אַ ברייט־פּלייציקער בחור אויסגערופֿן. — און רעדן וועט נישט דער מגיד, נאָר אונזער פֿאַרשטייער. חבר, איר האָט דאָס וואָרט!

ניסן האָט זיך ארויפֿגעשטעלט אויף דעם באַלעמער און אַרומגעקוקט זיך איבערן געפּאַקטן עולם. אַ ווײַלע איז אים געווען שווער צו רעדן. ער האָט זיך שוין געהאַט אָפּגעוואוינט פֿון אידישן לשון פֿאַר די יאָרן טורמע און פֿאַרשיקונג. באַלד איז ער צוריק אַריין אין דער שפּראַך. דער גרויסער געפּאַקטער עולם, די זיכערקייט פֿון זיינע מענטשן, וואָס פֿילן מער זיך נישט דערשראָקן, נאָר ווי די באַלעבאַטים, דאָס האָט אים אָנגעפֿילט מיט וואַרעמקייט און גלויבן. ער האָט געזען, אַז זיין אַרבעט איז נישט געגאַנגען פֿאַרלוירן. דער האַלז האָט זיך ביי אים אויפֿגעבונדן און ער האָט גערעדט פֿון באַלעמער אַראָפּ, גערעדט מיט פֿייער, אָנגעצונדן אַלעמען און זיך אַליין.

די ליכט פֿאַרן עמוד האָבן געטריפֿט און געשמאָלצן זיך פֿון דער אָנגעגליטער היץ אין מקום־קדוש.

גאָרנישט צו דערקענען זענען געווען די באַלוטער געסלעך. אַלע ווענט זענען געווען באַהאַנגען מיט פּראָקלאַמאַציעס. די אַרבעטער האָבן זיך אַרומגעדרייט אויף די שמאָלע טראָטואַרן, ביי אַלע ראָגן, פֿראַנק און פֿריי גערעדט, אַגיטירט. די פּאָליציאַנטן האָבן זיך אַפֿילו נישט געוויזן. און אויף די אַרבעטער־בערזעס האָט געקאָכט און גערודערט פֿון לעבן און באַוועגונג. וועבער, שפּולערקעס, זאָקנמאַכערינס, נייטאָרינס, שניידערס, געגריוועטע שוסטערס, אין קורצע קליידער און אין לאַנגע קאַפּאָטעס, אין היטעלעך און אין טיכלעך, אַלע האָבן זיך אַרומגעדרייט דאָ, גערעדט מיט זייערע פֿאַרשטייער, אָפּגעהאַלטן מיטינגען, אָפּגעשטימט שטרייקן, געפֿירט דיסקוסיעס, איינגעטיילט ליטעראַטור, צונויפֿגענומען מיטגלידס־אָפּצאָל, און מיטאַמאָל האָט איינער זיך אַרויפֿ־

געכאַפּט אויף די אַקסלען פון די אַרומיקע און געהאַלטן אַ רעדע.

פראָסטע אידן, ווייבער, דינסט־מיידלעך, אָרעמע הענדלער, אַלע זענען זיי דאָ געקומען אַהער אויסדערציילן זייערע צרות, זוכן גערעכטיקייט. אויף דער בערזע איז געקומען אַ לאָדזשער שאַכער אויסצוגיסן זיין ביטער האַרץ אויף דעם שלעכטן הויז־ווירט, וואָס וויל אים אַרויסוואַרפן פון קעלער־שטוב פאַר נישט צאָלן דירה־געלט; און צו די אחדותניקעס איז געקומען קלאָגן זיך אַן אָרעם דינסט־מיידל, וואָס די באַלעבאָסטע וויל איר נישט באַצאָלן פאַר אַ זמן לוין; ווייבער פון באַלעגאָלעס זענען געקומען זיך קלאָגן אויף זייערע מענער די שיכורים, וואָס פאַרטרינקען דאָס געלט און ברענגען נישט אַהיים קיין גראָשן פאַרדינסט אין שטוב פאַר ווייב און קינדער; זמנניקעס און לערן־אינגלעך זענען געקומען אָנקלאָגן זייערע באַלעבאַטים, וואָס שלאָגן זיי ביי דער אַרבעט אָדער גיבן זיי נישט געגוג צו עסן. אפילו פּאָר־פעלקער, וואָס קאָנען נישט אויסקומען צווישן זיך און די רבנים קאָנען זיי נישט אויסגלייכן, זענען געקומען מיט זייערע טענות אויף די בערזעס, כדי ביי די אחדות־לייט צו קריגן יושר און גערעכטיקייט.

אויף די טראָטואַרן, אונטער שניי און רעגן, אין טומל פון האַנדל און וואַנדל, האָבן די בערזעס געלעבט זייער לעבן, געהאַלטן אויך אויף דער אַרבעט אין די וואַרקשאַפּטן, געפירט אַגיטאַציע, געטיילט ליטעראַטור, אַרומגעריסן זיך מיט די קעגנער, פעסטגע־שטעלט לוינען און אַרבעטס־שעהן, אָנגענומען זיך פאַר באַליי־דיקטע און געדריקטע, באַשטראָפט די, וואָס פאָלגן נישט די באַ־פעלן. דאָ זענען אויסגעקליבן געוואָרן דעלעגאַטן, וואָס זענען גע־גאַנגען איבער די וואַרשטאַטן קאָנטראָלירן די אַרבעט און די לוינען. פון דאַנען זענען געשיקט געוואָרן דרייסטע און שטאַרקע צו ווידערשפּעניקע הויז־ווירטן און שלעכטע באַלעבאָסטעס, כדי צו באַשיצן זייערע געדריקטע לאָקאַטאָרן און באַעולטע טאָג־לוינער. פון דאַנען זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן פאַרשטייער צו געשעפטן און קראָמען, כדי אַוועקצונעמען פון דער אַרבעט די משרתים און פאַרקויפער, וואָס די באַלעבאַטים זייערע ווילן זיי האַלטן ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין. און דאָ זענען אויך צונויפגעשטעלט געוואָרן צעטלען פון די רייכע, וואָס אויף יעדן פון זיי איז אַרויס־

געלייגט געוואָרן אַ שטייער, אויף אויסצוהאַלטן אַרבעטער־קיכן און אויף צו דרוקן רעוואָלוציאָנערע ליטעראַטור און פּראָקלאַמאַ־ציעס.

מען האָט געפאָלגט די באַפעלן פון דער בערזע, אַ סך מער ווי די באַפעלן פון דער פּאָליציי. וואָרום שטרענג זענען געווען די פאָרשטייער, וואָס זענען מיט די באַפעלן געקומען. נישט מען האָט זיך געקאָנט ביי זיי אויסקויפן מיט כאַבאַר, ווי ביי דער פּאָ־ליציי, נישט מען האָט געקאָנט אַרויסשטעלן אַדוואָקאַטן און מליצי־יושר. זיי האָבן זיך אָפּגערעכנט מיט די, וואָס האָבן די באַפעלן פון דער בערזע נישט געפאָלגט.

און דער קעניג פון דער בערזע, דער אַלמעכטיקער און שטרענגער, איז געווען טוביה „נישט הפקר אַ וועלט", אַ פּאַרקאָכ־טער, אַ פאַרהאַוועטער, מיט דעם פּאַפּירענעם קעלנערל אויף זיין קנאָכיקן האַלז, איז ער אומעטום געווען פול, פון אַלץ געוואוסט, מיט אַלץ געפירט, און קיין זאַך נישט אַראָפּגעלאָזט פון אויג. אים צו הילף, שטענדיק ביי דער האַנט, איז געווען זיין טאָכטער באַשקע. אַ דערוואַקסענע שוין, אַ שיינע און אַ געראָטענע, האָט זי שוין לאַנג געקאָנט טאָן אַ שידוך, קינדער ברענגען אויף דער וועלט און אפשר אפילו אַן אייגענעם ווערקשטאַט פירן, אַ באַלעבאָסטע זיין פון עטלעכע וועב־שטולן און געזעלן. אָבער זי איז נישט אָפּ־געטראָטן פון פאָטער, ווי דעמאָלט, ווען זי איז אַ קינד געווען. די מוטער האָט זי געשאָלטן, געזידלט, נביאות איר געזאָגט, אַז צוליב דעם משוגענעם טאַטן וועט זי אין קייטן ענדיקן. אָבער זי האָט די מוטער נישט געהערט און געקלעפּט צום פאָטער, ווי דער פאָטער צו איר.

און פונקט ווי דעמאָלט, ווען זי איז צו ניסנען אין שטוב מיטן קוישל נאָך ליטעראַטור געקומען און געקוקט אויף אים, ווי אין אַ בילד אַריין, אַזוי האָט זי אויך איצט, אַ גרויסע און אַ טאָפּלט על־טערע, געקוקט מיט אויפגעריסענע אויגן אין דעם ברוין-הויטיקן מאַן, וואָס מען האָט אים פון ווייטן סיביר אַראָפּגעבראַכט צו ווייזן די מענטשן דעם וועג פון זייער לעבן. נאָר געזעדט האָט זי גאָר־נישט, קיין וואָרט נישט אַרויסגעבראַכט, און בלויז געררויטלט זיך און געשעמט.

אין איר בליק איז געלעגן דער דרך־ארץ פון אן ארעמער אלט־פרענקישער אידיש־באלמעלאכישער טאכטער, וואס קוקט מיט באַ־האלטענער ליבע און פארערונג צום למדנישן ישיבה-בחור, דעם וואויל-געלערנטן און עלוי, צו וועלכן זי קאן קיינמאל נישט דער־גרייכן.

ניסן האט געפילט איר הייסן בליק אויף זיין ברוינער באק.

טוביה האט ארומגעשפאנט איבער די לאדזשער גאסן מיט זיכערקייט און מיט זארג. ער האט זיך געפילט, ווי דער טאטע פון באלוט.

— זעסט, — האט ער געוויזן ניסנען, פירנדיק אים פון בער־זע צו בערזע, — דאס איז אלץ אונזער. אלץ.

קאפיטל דרייצן

דער פיעטראקאווער גובערנאטאר פאן מילער האט ארויסגע־רופן צו זיך אין קאנצעלאריע דעם לאדזשער רב מיט די קהל־לייט.

די קהל־לייט האבן אנגעטאן שווארצע קליידער און צילינדערס. דער רב האט באצירט זיין זיידענע זשופיצע מיט דעם מעדאל, וואס ער האט געקריגן פון קייזערלעכן הויף, און אוועקגעפארן קיין פיעטראקאוו. אבער דער גובערנאטאר האט זיך נישט איבערגענומען נישט מיט די שווארצע קליידער פון די קהל־לייט און נישט מיט דעם מעדאל פון רב. ער האט זייער שווערע רייד גערעדט צו די ארויסגערופענע אידן.

— אייערע אידן בונטעווען מיר אויף לאדזש! — האט ער געשריגן. — איך פארלאנג פון אייך, איר זאלט איינצוימען אייערע לייט. א נישט וועל איך נישט זיין פאראנטווארטלעך, ווען דאס אויפגערעגטע פאלק וועט זיך אליין מיט זיי אפרעכענען!

די קהל־לייט האבן נידעריק אראפגעבויגן די קעפ.

— מיר האבן פארשידענע צווישן אונז, עקסעלענץ, ווי די פאליאקן און די דייטשן, — האבן זיי זיך פארענטפערט. — וואס קאנען מיר טאן קעגן די בונטאווטשיקעס?

דאס איז אייער זאך, נישט מיינע. איך ווארן אייך! —

האָט דער גובערנאַטאָר געזאָגט און אַ זעץ געטאָן מיט דער פויסט אין טיש.

דער לאָדזשער רב, דער רוסיש־רעדער און דער חשוב ביים מלכות, האָט, ווי אַלעמאָל, געענטפערט איבערגעטראַכט און מיט אַן איינפאַל.

— זאָל אייער עקסעלענץ באַוויליקן נאָכצופרעגן ביי זיינע אונטערגעאָרדנטע, צי האָט מען כאָטש איין מאָל ביי די בונטאָווער־שטשיקעס געטראָפן איינעם, וואָס זאָל טראָגן ציצית?

דער גובערנאַטאָר האָט אים נישט פאַרשטאַנען.

— וואָס מיינט איר צו זאָגן, רב? — האָט ער אים געפרעגט שטרענג.

דער רב האָט אים אין אַ זייער גראַמאַטיקאַלישן רוסיש, וואָרט ביי וואָרט, אויפגעקלערט, וואָס איז אַזוינס ציצית ביי אידן און אַז ווער עס טראָגט אָט די ציצית און האַלט זיך אין דער תורה, דער איז טריי צום מלכות און גייט זיך זיין וועג.

דער גובערנאַטאָר האָט זיך עס פאַרצייכנט. גלייך דערנאָך האָבן די פּאָליציאַנטן אין די גאַסן קאָנטראָלירט ביי די אַרעסטירטע, צי זיי טראָגן ציצית. ביי וועמען מען האָט געטראָפן אַ טלית־קטן, האָט מען באַפרייט. די איבעריקע האָט מען געהאַלטן אין אַרעסט. דעם רבס רייד האָבן זיך אויגנבליקלעך איבער דער שטאָט צעטראָגן. אידן האָבן אים באַוואונדערט. אפילו די חסידים, זיינע קעגנער. די קהל־לייט וואָס דער גובערנאַטאָר האָט אויף זיי אַזוי געקלאַפּט מיט דער פויסט, זענען זיך צונויפגעקומען אויף אַן אסיפה און געגנו־מען עפּעס טאָן קעגן די בונטאָוושטשיקעס. קודם־כל האָבן זיי אין אַלע שולן און בתי־מדרשים געשיקט מגידים, וואָס זאָלן רעדן צווישן מנחה און מעריב פאַר דעם עולם, רעדן וועגן אידישקייט און גלויבן, כדי איינצופלאַנצן שטילקייט און הכנעה ביי די אידן. שבת האָבן זיי געשיקט מלמדים אין די אָרעמע בית־המדרשלעך און שולעכלעך, כדי זיי זאָלן מיט זייער תורה און משלים אָפּציען די יונגע באַלמעלאָכעס און געזעלן פון די בונטאָוושטשיקעס און זייערע רעדעס.

אַז דאָס האָט קיין סך נישט געהאָלפן, האָט מען געשיקט

מענטשן צו די וואוילע־יונגען און אויפגעהעצט זיי קעגן די אחדותניקעס.

זיי האָבן שוין לאַנג געהאַט אַ בייז הארץ, די לאָדזשער וואוי־לע־יונגען, אויף די אחדות־לייט. פריער, איידער די אחדותניקעס האָב זיך פארשפּרייט, האָבן די וואוילע־יונגען פון באַלוט געפירט די מלוכה. זיי האָבן געטשעפּעט זיך צו די אידישע דינסטמיידלעך און גענומען ביי זיי געלט, כדי צו לאָזן זיי שבת שפּאַצירן אין וואַלד. זיי האָבן גענומען פּרעטענזיע־געלט ביי גנזעלן, וואָס זענען ארום־געגאַנגען מיט מיידלעך. צו יעדן גנזעלן, וואָס האָט שפּאַצירט דאָס ערשטע מאָל מיט אַ מיידל, איז אונטערגעקומען אַ וואוילער־יונג מיט אַ טענה, אַז דאָס מיידל איז זיין כלה און דעריבער מוז מען אים אָפּצאָלן דערפאַר. ווער עס האָט נישט געגעבן קיין רובל, האָט מען אים אראָפּגעכאַפּט דאָס היטל פון קאָפּ, דאָס ריידענע טיכל פון האַלז און נאָך אָנגעשלאָגן אויך. אויף פּסח, ווען די גנזעלן האָבן זיך באַוויזן אין די באַנייטע קליידער אויף דעם שפּאַציר, האָבן זיי געמוזט געבן די וואוילע־יונגען ביר־געלט, „באַגיסן" דעם „תתחדש", אַ נישט. האָבן די לאַבוסעס זיי אָפּגעגאָסן מיט טינט אָדער נאָר צעשניטן מיט אַ מעסער די פּלייצע.

זינט די אחדותניקעס האָבן זיך באַוויזן, האָבן די גנזעלן זיך קעגנגעשטעלט. צונויפגענומען זיך און אפילו אָנגעשלאָגן עטלעכע וואוילע־יונגען. זיי האָבן דאָס נישט געקאָנט די גנזעלן מוחל זיין.

אויסער דעם האָבן די אחדותניקעס גענומען זיי קריכן אין די וועגן. האָבן אויפגעקלערט די דינסטמיידלעך נישט צו גיין מיט די וואוילע־יונגען, וואָס ווילן זיי פארפירן, נאָר קומען בעסער אויף פאַרזאַמלונגען. זיי האָבן אָפּגערעדט די ארבעטער פון גיין אין די אויסגעלאַסענע הייזער. די נקבות האָבן קיין געשעפטן נישט גע־מאַכט און נישט געקאָנט צאָלן די „חתנים" קיין טאַשן־געלט. עט־לעכע מיידלעך האָבן זיי אפילו צוגערעדט צו אַנטלויפן פון די הייזלעך און ווערן ארבעטערינס. די בערזעס זענען זיי געגאַנגען אין וועג אריין. פריער פלעגט מען מיט אַלע ביטערע הערצער קו־מען צו די וואוילע־יונגען. פאַר עטלעכע גילדן האָבן זיי געצוואונ־גען אַן אַנטלאָפענעם מאַן אומצוקערן זיך צו זיין פאַרלאָזן ווייב, פאַר אַ שנאַפּס און אַ געגזענעם פּופּיק האָבן זיי אונטערגעשלאָגן

די זייטן ביי א שלעכטן באַלעבאָס, וואָס פּייניקט זיין משרת, אויסגעפּאַטשט אַ זינדיק ווייבל, וואָס נאַרט אָפּ דעם מאַן, אונ־טערגעשלאָגן אַן אויג ביי אַ מיידל, וואָס נעמט צו ביי אַן אַנדערער דעם חתן. איצט זענען אַלע באַעולהטע און געליטענע נישט גע־גאַנגען מער צו די וואוילע־יונגען, נאָר צו די בערזעס. חברה איז אַרומגעגאַנגען לײַדיק, נישט געהאַט פאַר וואָס צו נעמען אַ שנאַפּס, צו פאַרבייסן אַ געגנזל. אַ סך פון די יונגען, די שטאַרקסטע און געשיקטסטע, וואָס האָבן מיט זייער כוח און געוואַגטקייט גע־בראַכט כבוד דער חברה, האָבן זיך גאָר געלאָזט פאַראַגיטירן פון די אחדותניקעס און אַריבער צו זיי, נישט געוואָלט מער זיך מיט די פריערדיקע חברים באַגעגענען. דאָס אַלץ האָט זייער אויפגעבראַכט די לאָדזשער וואוילע־יונגען אויף די אחדות־לייט. כסדר זענען אָנ־געגאַנגען געשלעגן.

די לאָדזשער סוחרים און נגידים, וואָס האָבן געהאַט פון די אחדות־לייט אַ סך אויסצושטיין, וואָס האָבן אויך פון צייט צו צייט געמוזט נאָך צאָלן די אחדות־פאָרשטייער געלט פאַר זייערע אָרגאַניזאַציעס, האָבן זייער גערן געוואָלט בעסער אָפּצאָלן אַביסל געלט די וואוילע־יונגען, אָנרייצן זיי אויף די אחדות־לייט, כדי זיי צוצוברעכן און אָנלערנען. די וואוילע־יונגען האָבן זיך צונויפ־גערעדט, באַוואָפנט און געגרייט זיך צו אַ מלחמה. צו זיי זענען אויך צוגעשטאַנען אַ סך פון די באַלעגאָלעס. אויך זיי האָבן פון די אחדות־לייט קיין מנוחה נישט געהאַט. זיי האָבן אויפגעהעצט די שמייסערס, די געדונגענע פערד־יונגען, און געהייסן זיי פאָדערן בעסערע לוינען פאַר דער אַרבעט. אויסער דעם האָבן זיי געלייקנט אין גאָט, אָפּגעלאַכט פון רבנים, צדיקים, תלמוד־תורהס און אַנדערע אידישע זאַכן. די באַלעגאָלעס האָבן דאָס נישט געקאָנט פאַרטראָגן.

אָבער וואָס ס'האָט אויפגערעגט ביז גאָר, איז געווען די מעשה מיט דער עלעקטריע. אויפן באַלוט איז אַ יונגער געזעלן פון שווינד־זוכט געשטאָרבן. די באַלוטער חברה־קדישא־לייט זענען גלייך גע־קומען, כדי צו טאָן דעם מת זיין רעכט. זיי האָבן אפילו מיטגע־בראַנגט אַ טלית־קטן אַ גרייטן פאַרן מת, ווייל טאַמער האָט ער נישט געטראָגן קיין ציצית ביים לעבן, זאָל ער כאָטש קומען אין טלית־קטן אויף יענער וועלט. אָבער די אחדותניקעס האָבן אַרויס־

געכאַפּט דעם מת, נישט געלאָזט אים מטהר זיין, נישט געלאָזט אים אָנטאָן קיין תכריכים און קיין טלית־קטן, איינגעהילט אים אין אַ רויטער פאָן און אים מיט בענער און ארבעטס־לידער אַוועקגעפירט אויפן בית־עולם. דערבײַ האָט אַן אחדותניצע, אַ ליטוואַטשקע אין אַ רויט קלייד, געזאָגט, אַז ווען אַ מענטש שטאַרבט, גייט נישט פון אים אַרויס די נשמה, נאָר די עלעקטרישע גייט אים אויס.

די קברות־אידן און די חברה־קדישא־לייט האָבן די ווערטער דערהערט, גלייך זיי פאַנאַנדערגעטראָגן איבער דער גאַנצער שטאָט, איבער אַלע מערק, בתי־מדרשים, מקוהס, איבער אַלע גאַסן און געסלעך פון דער פּיעטראָקאָווער גאַס ביזן באַלוט. די שטאָט האָט גערוישט.

— עק וועלט, — האָבן אידן געזיפצט, — אפילו גוים גלויבן אין אַ נשמה.

— זיי וועלן ברענגען אַן אומגליק אויף דער שטאָט, מגפות, אָפּגעהיטן זאָל מען ווערן, און אומגליקן.

— אויסרייסן דאַרף מען זיי, גאָר אָן רחמנות.

— איבערגעבן צו פּאָליציי, זיי זאָלן אין קייטן פאַרפוילט ווערן.

אַלע מגידים, מלמדים, האָבן וועגן דער עלעקטריע גערעדט אין די בתי־מדרשים. אַליין דער רב האָט געדרשנט אין שול און גע־זאָגט, אַז לויטן דין מעג מען די אחדותניקעס אומברענגען, ווייל אַזעלכע, אַז זיי טרינקען זיך, שטייט געשריבן, דאַרף מען זיי נישט גאָר נישט ראַטעווען, נאָר נאָך אַראָפּשטופּן אין וואַסער.

מער פון אַלע האָבן זיך געקאַכט די באַלעגאַלעס אין זייערע שולעכלעך און די וואוילע־יונגען פון פּיפער־געסל. ווי נאָר זיי האָבן געכאַפּט אַן אחדותניק אין אַ ווינקל, האָבן זיי אים אונטער־געהאַקט די זייטן. די אחדות־לייט האָבן אָפּגעצאָלט און געשלאָגן די אונטערוועלט־לייט. די פּאָליציי האָט געהאָלפן די וואוילע־יונ־גען. די בלוטן זענען געוואָרן אויפגעקאָכט. און אין איינער אַ נאַכט איז די מלחמה אויסגעבראָכן.

אויפן פּרעוועטן־געסל האָט דער פעטער זכריה פונץ, דער באַ־לעבאָס פון עטלעכע הייזלעך, חתונה געמאַכט אַ יתומה מיט אַ געגרייוועטן שוסטער. ער אַליין האָט קיין קינדער נישט געהאַט,

דער פעטער זכריה, האָט ער דערפאַר אַ יתומה אויפגעהאָדעוועט ביי זיך און זי חתונה געמאַכט נישט מיט איינעם פון זיינע לייט, נאָר מיט אַ שוסטער, זי זאָל בלייבן אַן אָרנטלעכע אידישע טאָכטער. די חתונה איז געווען אַ גרויסע. עטלעכע קאַפעליעס האָבן געשפּילט. אַ סך געסט זענען זיך צונויפגעקומען פון כלהס און חתנס צד. פון דער כלהס צד זענען געקומען די אַלפאָנסן און גנבים, זכריה פונצס לייט. פון חתנס צד זענען געקומען געגריוועטע שוסטער, אויך עטלעכע גאַרבער און זאָטל־מאַכער, אַלץ בחורים געזונטע און אויסגעאַרבעטע, אחדותניקעס איינס און איינס.

שוין ביי דער חופּה, ווען דאָס רבל פון וואויל־יונגערישן שולעכל האָט מיט אַ פאַנפעוואַט ווייבעריש קולכל פרום אויסגעזונגען די ברכות, האָבן די אחדות־לייט, די אויפגעקלערטע און אפּיקורסים, נישט געקאָנט זיך איינהאַלטן און אַרויסגעלאַכט. ביי זכריה פונץ האָט זיך דער דיקער אָקסישער קאַרק אָנגעגאָסן מיט בלוט.

— אחדות, הער אויף צו לאַכן פון אַ רב, — האָט ער אַ געשריי געטאָן אונטער דער חופּה, — איך וועל נישט לאָזן!

— עלעקטריע, האַלטן ס׳מויל, — האָבן די מחותנים פון זיין צד געוואָרנט.

די שוסטערס, נאָך מער די גאַרבערס און די זאָטל־מאַכער, יונגע אויסגעאַרבעטע און מיט כוחות, האָבן אַרויסגעשטעלט די ברוסטן.

— מיר ווילן זען, ווער ס׳וועט אונז פאַרמאַכן דאָס מויל, — האָבן זיי געזאָגט.

פויסטן פוןביידע זייטן האָבן זיך געגרייט. דאָס רבל האָט אין מיטן זינגען די ברכות אוועקגעשטעלט זיך צווישן ביידע און נישט דערלאָזט צו קיין געשלעג.

— נו אָ, חרפּה ובושה, חתונה, — האָט ער געבעטן זיך ביי זייניקע — שלום.

די יונגען האָבן זיך איינגעשטילט.

ביים דרשה־געשאַנק איז ווידער געקומען צו אַ מחלוקה. די געסט פון דער כלהס צד האָבן זיך זייער ברייט געשטעלט, געגעבן דרייער־רובלס, פינפערלעך און אַפילו צענערלעך. דער לאָמער שמש פון וואויל־יונגערישן שולעכל, אַ געוועזענער גנב, וואָס אויף דער

על־מער האט מען אים געמאכט פאר א כלי־קודש, האט זייער פייער־לעך געוואָרפן די פּאַפּירלעך אויפן טיש. די אחדותניקעס פון חתנס צד האבן געשאָנקען האלבע רובלס, זעלטן א גאַנצן רובל. די וואוי־לע־יונגען האבן פון די ארבעטער חוזק געמאכט.

— אחדות, קראַץ זיך שוין אויס, — האבן זיי גערופן צו די ארבעטער, וואס האבן ארויסגענומען די האלבע רובלס פון די מאָ־נערע בייטעלעך.

— לעקטרע, פּאַק נאָר נישט אריין קיין פאַלש געלט...

די ארבעטער האבן נישט געשוויגן.

— אונז קומט נישט אָן גרינג אונזער געלט, — האבן זיי געזאָגט, — מיר ארבעטן שווער און ביטער פאַר יעדן גראָשן, נישט ווי אנדערע.

— פאַר ערלעכער ארבעט צאַפּט מען אונז דאָס בלוט.

די וואוילע־יונגען האבן דערפילט דעם שטאָך.

— ועמען ווילט עטץ שטאָכעלירן? — האבן זיי געפרעגט מיט כעס.

— דעם, וואס פילט זיך געטראָפן אין פינטל אריין, — האבן די ארבעטער געענטפערט.

אין איין רגע איז א גלאָז ביר געפלויגן פון כלהס צד צו חתנס צד און געטראָפן א גארבער אין פנים. ביר מיט בלוט האט גע־פלאָסן צוזאמען פון דעם בחורס פנים גלייך אויף דעם נייַ־פּאַפּירע־נעם ווייסן הערצל, וואס ער האט זיך געקויפט צו דער חתונה.

זיינע חברים האבן געלאָזט עטלעכע גלעזער צו כלהס צד. אין איין מינוט זענען די טישטוכער פון טיש, צוזאמען מיט די גלעזער, טעלער און דרשה־געשאַנק־געלט, געלעגן אויף דער ערד. די מענער האבן פון זיך אראָפּגעוואָרפן די רעקלעך, געכאַפּט שטולן, לייכטער, מעסערס, וואס נאָר אונטער האנט איז געקומען, און געהאקט איבער קעפּ. די ווייבער האבן געקוויטשעט, געמאכט קולות. די ארבעטער זענען ארום מיט אַן עולה. די וואוילע־יונגען זענען געווען מער און צעשלאָגן זיי.

צומאָרגנס האבן אלע געגריוועטע שוסטער געוואָרפן די ארבעט אין די ווערקשטאַטן, אויך די זאַטל־מאכער, רימער, גארבער און אלע אנדערע ארבעטער פון לעדער־פאַך. צו זיי זענען צוגעשטאַנען

די אָרגאַניזירטע שמייסערס, פּליישׁ־העקער. מיט שטעקנס אין די הענט, מיט מעסערס אין די קעשענעס זענען זיי אַוועק אין פּרע־ וועטן־געסל און גענומען אויסראַמען די הייזלעך. זיי האָבן אַרויס־ געוואָרפן די בעטן און בעטגעוואַנט, צעשניטן די קליידער פון די גאַסן־פּרויען, צעבראָכן די אַלטע פּיאַנינאָס און צעפּליקט די אויס־ געלאָסענע ליטאָגראַפישע בילדער אויף די ווענט.

— אַרבעטן גייטס! — האָבן זיי געשריגן. — אויס הייזלעך און גרינגע פּאַרדינסטן.

די נקבות האָבן געמאַכט קולות, געוואַלטן, געריסן זיך די האָר פון קאָפּ און געיאָמערט.

אין געסל איז געוואָרן אַ געוואַלט. זכריה פּונצס אידענע האָט געריסן דאָס אָנגעקאַרבירטע שוואַרצע חתונה־שייטל פון איר קאָפּ.

— זכריה, ראַטעווע די נקבות, — האָט זי געוואַלטעוועט, — ס׳מאַכט אונז אַ תל פון דער סחורה!...

אָבער זכריה האָט מורא געהאַט צו ראַטעווען. די אַרבעטער זענען געווען אַ סך. ער איז געלאָפן נאָך זיינע. ביז די וואוילע־יונ־ גען זענען געקומען, האָבן די אַרבעטער אַלע הייזלעך פון געסל חרוב געמאַכט. די פּעדערן זענען אַרומגעפלויגן ווי אַ שניי אין דער לופט. גלאָז האָט געקנאַקט אונטער די פיס. די וואוילע־יונגען זענען גע־ קומען מיט מעסערס. די באַלעגאָלעס זענען געגאַנגען נעבן זיי. אָבער די אַרבעטער זענען ווי אַן אייזערנע וואַנט געשטאַנען, זיי האָבן מיט די שוסטערישע מעסערס געשניטן פלינק און געשיקט, ווי אין לעדער, ווען זיי שניידן. די וואוילע־יונגען זענען אַוועק צע־ שלאָגענע און פאַרשעמטע.

דער זיג פון די אחדותניקעס האָט זיך איבער דער גאַנצער שטאָט צעטראָגן. וואוילע־יונגען האָבן געציטערט דורכצוגיין אַ בערזע. אויף די מייסטערס און באַלעבאַטים איז געפאַלן אַ שרעק. אַפילו די פּאָליציי האָט מער מורא געקריגן פאַר די אחדותניקעס, די באַזיגער פון פייפער־געסל. קיינער האָט נישט געוואַגט מער קעגנצושטעלן זיך אין אַ שול, ווען די אחדות־לייט זענען געקומען דרשענען, קיינער האָט קיין וואָרט נישט גערעדט, ווען די פּאָר־ שטייער זענען געקומען אָוועקנעמען די געזעלן פון דער אַרבעט נאָך זיבן אַזייגער. קיינער האָט נישט פּרובירט זיך צו דינגען, ווען

די פאַרשטייער זענען געקומען מיט אַ ליסטע אויף באַשטייערן זיך פּאַר אַרבעטער־קיכן. אַפילו די רעסטאָראַטאָרס האָבן צוגעטראָגן אומזיסט מיטאָגן, ווען אַ פאַרשטייער האָט אים אַרבייטסלאָזע אַריינגעפירט אויף אָפּעסן. פאַבריקאַנטן האָבן מורא געהאַט זיך צו באַווייזן מיט זייערע קאַרעטן. פאַרזיכטיקע זענען זיי אַוועק פון שטאָט קיין אויסלאַנד, איבערלאָזנדיק אַלע געשעפטן ביי זייערע פאַרוואַלטער, ביז דער צאָרן וועט אַריבער.

פון די פראָנטן אויפן ווייטן מזרח זענען אָנגעקומען אַלץ ערגערע ידיעות. די געצנדינערישע אַזיאַטן האָבן געשלאָגן די רעכטגלויביקע רוסן אויף דער יבשה און אויפן ים. די בלינדע בעטלער האָבן אין באַהאַלטענע רייד געזונגען איבער די הויפן וועגן די רוסישע מפּלות. קאָזאַקן זענען געווען פול אויף אַלע ראָגן פון שטאָט.

קאַפּיטל פּערצן

הונצעס פאַבריק האָט זיך אָפּגעשטעלט. די אַרבעטער האָבן געוואָרפן די אַרבעט. דער הויפּט־דירעקטאָר מאַקס אשכנזי איז נישט אַרויס פון פאַבריק, ער האָט מורא געהאַט אויף דער גאַס זיך צו ווייזן. מעלכיאָר דער דינער האָט אים אויסגעבעט אַ געלעגער אין דעם פאַרשטאַרבענעם אַלבערכטס ברייטן בעט און אַ גאַנצע נאַכט אים געהיט פון דער צווייטער זייט מיט אַ געלאָדענעם רעוואָלווער אין דער האַנט.

מאַקס אשכנזי איז זייער שלעכט געשלאָפן אין ברייטן בעט, וואָס דער דירעקטאָר אַלבערכט האָט אַזוי באַקוועם איינגעאָרדנט פאַר זיין ברייטן גוף און פאַר די שפּולערקעס, וואָס פלעגן קומען צו אים אויפרוימען.

די מינוט האָט אשכנזין געברענט. לויטן קאָנטראַקט מיט דער הויפּט־אינטענדאַנטסטווע האָט ער געדאַרפט צושטעלן אַ מאַסע מיליטערישע סחורה. פאַר נישט האַלטן דעם קאָנטראַקט האָט די פאַבריק געדאַרפט צאָלן גרויסע שטראָפן. ער האָט טאַקע פריער קיין רגע די פאַבריק נישט אָפּגעשטעלט. צוויי שיכטן האָבן געאַרבעט, ביי טאָג און ביי נאַכט. אַלץ איז געווען גוט איינגעשטעלט,

אויסגערעכנט. די פֿאַבריק האָט געקלאַפּט ווי אַ זייגער. יעדע סעקונ-
דע האָט זי אויסגעקלאַפּט געלד. אָבער פּלוצלונג האָט זי זיך אָפּ-
געשטעלט.

אין איין זאַך האָט דער דירעקטאָר מאַקס אַשכנזי פֿאַרגעסן —
אין די אַרבעטער. אַלץ האָט ער אויסגערעכנט, יעדע קלייניקייט.
יעדע שרייפֿל פֿון דער גרויסער פֿאַבריק. וועגן די מענטשן האָט ער
נישט געטראַכט. זינט ער האָט געלעבט האָט ער וועגן מענטשן
נישט געטראַכט. ער האָט געוואוסט, אַז הענט זענען אַלע מאָל דאָ
גענוג, מער נאָך וויפֿל מען דאַרף. אויך האָט ער געוואוסט, אַז
הענט דאַרפֿן אַרבעטן, אַרבעטן וויפֿל מען וויל. מיט אַמאָל
האָבן זיך די הענט קעגנגעשטעלט, אין איינעם אַ טאָג, ווען ער איז
געזעסן ביי זיך אין קאַבינעט, פֿאַרוואָרפֿן מיט אַרבעט און גע-
שעפֿטן, איז אים מעלכיאָר דער דינער געקומען מעלדן, אַז אַ דעלע-
גאַציע פֿון די פֿאַבריק-אַרבעטער וויל מיט אים רעדן.

— אַ דעלעגאַציע פֿון די פֿאַבריק-אַרבעטער? — האָט מאַקס
אַשכנזי איבערגעפֿרעגט מיט שטוינונג. — איך האָב איצט קיין
צייט נישט, אַן אַנדערש מאָל.

מעלכיאָר איז אַרויס און איבערגעגעבן דעם הער הויפּט-די-
רעקטאָרס רייד צו די אַרבעטער. געמיינט האָט ער, אַז זיי וועלן
אַרויס, ווי שטענדיק אין אַזאַ פֿאַל. אָבער די אַרבעטער זענען נישט
אַרויסגעגאַנגען.

— זאָג דעם דירעקטאָר, — האָבן זיי געזאָגט, — אַז אויך
מיר האָבן נישט קיין צייט, און אויב ער וועט אונז גלייך נישט
אויפֿנעמען, שטעלט מען אָפּ די פֿאַבריק.

מאַקס אַשכנזי האָט זיך עטלעכע מאָל, איינס נאָכן אַנדערן,
אַ קראַץ געטאָן אין זיין שפּיץ בערדל. דער ווייכער פּאָטעל איז אים
געוואָרן פּלוצלונג האַרט. באַלד האָט ער אויסגעגלייכט דעם קראַוואַט,
וואָס ליגט תמיד ביי אים אין אַ זייט. ער האָט אָפּגעשאָקלט דעם
אַש פֿון די לאַצן, טיפֿער פֿאַררוקט זיך אין פּאָטעל און פֿאַררויכערט
אַ פֿרישן ציגאַר, אַ גרויסן און אַ שמעקעדיקן. ער האָט אָנגענומען
די סאַמע וויכטיקסטע מינע אויף זיין נישט-אָנזעעוודיק פּנים. דער-
נאָך האָט ער אַזוי זיך געשריבן עטלעכע ווערטער אויף אַ שטיקל
פּאַפּיר. ווערטער אָן אַ זין, וואָס זענען אויסגערעכנט בלויז אויף צו

פארציען איבעריקע עטלעכע מינוט, צו ווייזן די ווארטנדיקע, אז נישקשה, ער האָט צייט.

די ארבעטער זענען אריינגעקומען מיט די היטלען אין די הענט, אָבער זיכער און גלייך. טייל האָבן אפילו נישט רעכט די פארבלאָטיקטע שטיוול אָפּגעווישט. מאקס אשכנזי האָט זיי באַגעגנט מיט א קנויל רויך פון זיין ציגאר, א גערדיכטן און א שמע-קעדיקן.

— וואָס איז געשען ? — האָט ער געפרעגט פון רויך ארויס.

— מיר קומען אין א דעלעגאציע פון אַלע ארבעטער פון דער פאבריק, — האָבן די ארבעטער געזאָגט און גענומען לייענען פון א פאפיר ארויס אַלע באַדינגונגען, וואָס זיי שטעלן ארויס.

מאקס אשכנזין האָבן שטארק געביסן די הענט. ארויסצור-כאפּן דאָס פאפיר פון די מענטשנס הענט, צעקנייטשן עס און עס אוועקוואַרפן, ווי ער האָט דעמאָלט געטאָן, ווען ער איז נאָר אריין אין שווערס וועבעריי און אין איינעם א שבת-צונאכטס זענען די וועבער געקומען צו אים מיט זייער פאפירל. אָבער ער האָט זיך איינגעהאַלטן. א מענטש דאַרף וויסן די צייט, — האָט ער גע-דענקט, — וואו און ווען. ניין, נישט מיט זיי קאָן מען אָנגיין, ווי מיט די האנט-וועבער אמאָל. דאָס זענען גויים, רוצחים, — האָט ער גערעדנקט, — ביי זיי איז רעכט געווען דעם פארשטאָרבענעם אַלברעכטן ארויסצופירן אויף א טאטשקע מיט א בעזים אין דער האנט. ביי אזעלכע שפּילט אפילו קיין ראָלע נישט א מעסער ארויס-צוכאפּן. דאָס לעבן ביי אזעלכע האָט גאָר קיין ווערט נישט. נישט א פרעמד לעבן, נישט אפילו דאָס אייגענע. און ער האָט מיט די הענט געצויגן ביידע שפּיצן פון וועסטל, ווי זיי וואָלטן געווען צו קורץ. און ער האָט אויסגעהערט די באַדינגונגען איינעם נאָכן צווייטן.

זייער שווערע באַדינגונגען זענען דאָס מאָל פאר מאקס אשכנזין געווען. נישט אין צוויי שיכטן האָבן די ארבעטער געוואָלט ארבעטן אין פאבריק אין פארלויף פון מעת-לעת, נאָר אין דריי שיכטן, צו אכט שעה א שיכט. מאקס אשכנזי איז אויפגעשפרונגען פון אָרט.

— ווי לאַנג איז, אז מען האָט געארבעט זעכצן שעה א טאָג ?

— האָט ער געפרעגט. — איצט זענען שוין צוועלף שעה אויף צו־פיל?

— מיר קאָנען ארבעטן צו צוועלף שעה, — האָבן די ארבעטער געענטפערט, — אָבער פאַר די איבעריקע פיר שעה זאָל באַזונדערס געצאָלט ווערן.

— אויסגעשלאָסן! — האָט מאַקס אשכנזי געענטפערט.

— פאַר נאַכט־שעהן מיט פופציק פּראָצענט טייערער פון טאָג־ארבעט, — האָבן די דעלעגאַטן געלייענט פון פּאַפּיר ארויס.

— אומזין, — האָט מאַקס אשכנזי אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט.

— און דעם לוין העכערן מיט פינף און צוואַנציק פּראָצענט, — האָבן די מענטשן ווייטער געלייענט זייערס.

— דאָס איז אַלץ? — האָט אשכנזי געפרעגט מיט שפּאָט.

— דערווייל אַלץ, — האָבן די ארבעטער געלאַסן געענטפערט.

מאַקס אשכנזי האָט נישט געקאָנט איינזיצן מער אין פאָטעל. ס'האָט אים פון אָרט געהויבן. באַלד האָט ער זיך געכאַפּט, אז ער טאָר נישט זיין אויפגערעגט, אז ער דאַרף בלייבן רואיק, אבּ־סאָלוט רואיק, און ער האָט זיך טיפער אריינגעזעצט אין פאָטעל. גאַנצע וואָלקנס רויך האָט ער אָנגעפּיפּקעט פון זיין ציגאַר.

— זיצט, — האָט ער די מענטשן איינגעלאַדן.

— מיר קאָנען שטיין, — האָבן די מענטשן געענטפערט.

מאַקס אשכנזי האָט זיך אָנגענומען ביים שפּיץ בערדעלע און עם צעשויבערט.

— איך מיין, אז כאָטש איר זענט ארבעטער, קאָנט איר צו־ביסלעך רעכענען, — האָט ער געזאָגט און געוואַרט אויף אַן ענטפער.

די מענטשן האָבן נישט געוואוסט, צו וואָס ער צילט, און זיי האָבן געשוויגן.

מאַקס אשכנזי האָט גיך אָנגעוואָרפן אויף אַ פּאַפּיר ציפערן.

— ווען איך זאָל נאָכגעבן בלויז אַ העלפט פון אייערע פאָ־דערונגען, — האָט ער געוויזן מיט אַ פינגער אויף די ציפערן, — דאַרף די פאַבריק דערלייגן. און דערלייגן קאָן נישט די פאַבריק.

— מיר האָבן אונזערע רעכענונגען, — האָבן די מענטשן גע־

זאָגט, — די חשבונות פון דער פאַבריק איז נישט אונזער זאַך, נאָר דעם הער דירעקטאָרס.

מאַקס אשכנזי האָט האַסטיק אָפּגעשאָקלט דעם אַש פון ציגאַר, אַז ער האָט דעם גאַנצן ענגלישן קאָסטיום זיך אָפּגעשאָטן.

— ניין, דאָס איז אונזער אַלעמענס זאַך, — האָט ער גע־זאָגט מיט אַ שמייכל, — מיר אַלע דאַרפן זיין פאַראינטערעסירט אין די חשבונות פון דער פאַבריק, אַלע, וואָס מיר אַרבעטן דאָ, ווען נישט, וועט מען מוזן די פאַבריק שליסן.

— דאָס איז דעם הער דירעקטאָרס זאַך, — האָבן די דעלע־גאַטן געענטפערט.

— לייכט איז אַ פאַבריק צו שליסן, אָבער שווער צוריק צו עפענען, — האָט ער געלערנט מיט אַ פינגער. — די צייט איז אַ ביטערע. טויזנטער אַרבעטער פון אַנדערע אָפּגעשטעלטע פאַבריקן וואָלטן זיך געוואונטשן צו האָבן אַרבעט. איך האָב די פאַבריק נישט אָפּגעשטעלט, אויסגעזוכט אַרבעט פאַר אייך. דאָס איז אייער דאַנק?

— דער הער דירעקטאָר האָט נישט פאַר אונז געזאָרגט, נאָר פאַר זיך, — האָבן די אַרבעטער געענטפערט. — אויב די דירעק־ציע וועט נישט איינגיין אויף אונזערע באַדינגונגען, וועלן מיר שטרייקן.

מאַקס אשכנזי האָט אָנגענומען די פּאָליטיק פון די קליינע שוואַכע חיהלעך, וואָס אַז זיי זענען אין אַ געפאַר פאַר אַ שונא, מאַכן זיי זיך געפּגרט.

— איך בין דאָ נישט מער, ווי אַן אָנגעשטעלטער, — האָט ער געזאָגט, — אַזוי גוט ווי איר. די פאַבריק געהער צו די הערן באַראָנען. זיי זענען נישטאָ אין לאַנד. נאָר זיי קאָנען אין אַזעלכע גרויסע פראַגן אַנטשליסן. ווי נאָר זיי וועלן קומען, וועט איר זיי דירעקט שטעלן אייערע פאָדערונגען. איך קאָן גאָרנישט אַנטשליסן אָן די הערן באַראָנען.

ער האָט געוואָלט געווינען צייט. וואָס, וואָס, נאָר אָפּשטעלן די פאַבריק איצט האָט ער נישט געקאָנט. אָבער די אַרבעטער האָבן אים קיין צייט נישט געוואָלט געבן.

— מיר קענען נישט די הערן באַראָנען, נאָר די דירעקציע, —

האָבן זיי געענטפערט. — מיר גיבן צייט דעם הער דירעקטאָר עטלעכע טעג אָנצופרעגן טעלעגראַפיש די הערן באַראָנען. וואַרטן אויף זייער קומען וועלן מיר נישט.

פאַר די עטלעכע טעג צייט האָט אשכנזי געפּרואווט פאַרשידנס צו ראַטעווען די לאַגע. קודם כל האָט ער געפּרואווט גיין מיטן אַלטן וועג, וואָס האָט אים זייער גוט אַמאָל אַרויסגעהאָלפן, ווען ער איז נאָך ביים שוועכר אין דער וועבעריי געווען, — מיט פּאָליציי. ער האָט מער נישט געשיקט נאָך דעם מאַכער ליפּע כאַלפן. ער האָט אַליין דעם אָבערפּאָליצימייסטער איינגעלאַדן אין אַ רעסטאָראַן אויף אַ מיטאָג און אָנגעטאָפּט ביי אים דעם דופק. די פאַבריק אַרבעט נישט מער פּריוואַט איצט. זי מאַכט מיליטערישע סחורות, פאַר די זעלנער אויפן פראָנט. זי טוט פּאַטריאָטישע אַרבעט און דערמיט, וואָס די אַרבעטער ווילן אָפּשטעלן די אַרבעט, שעדיקן זיי דעם פראָנט. די מאַכט דאַרף אַלץ טאָן, נישט צו דערלאָזן דערצו. זעלנער אַריינשיקן, די בונטאָווזשטשיקעס אַנלערנען, און די אַרבע־טער וועלן ווייטער אַרבעטן ווי פריער. דער פּאָליצמייסטער האָט אָפּגעלעקט זיינע וואָנסן פון דעם געשמאַקן ווייַן און געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין.

ער קאָן נישט איצט זיך אַריינמישן אין דער פאַבריק צו די אַרבעטער. מען האָט געגנוג צרות פון זיי אַזוי אויך. די פּאָליציאַנטן זענען אָנגעשראָקן, אַלע טאָג שיסט מען אָן אַנדערן. אויך דער גובערנאַטאָר וועט זיך נישט מישן. נישט די פריערדיקע צייטן. דאָס בעסטע איז אַליין דורכצוקומען מיט זיי.

מאַקס אשכנזי איז געגאַנגען אויף אַנדערע וועגן. ער האָט גע־לאָזט רופן צו זיך עטלעכע פון די דעלעגאַטן, יעדן באַזונדער און בסוד, און געגעבן צו פאַרשטיין, אַז זיי זאָלן אויפהערן צו פאַרזאָרגן קהל, נאָר זיך אַליין, און די דירעקציע וועט זיי דערפאַר לייטיש באַלוינען, גאָר קיין עולה נישט טאָן. אָבער זיי האָבן נישט געלאָזט רעדן צו זיך. טייל האָבן זיך באַליידיקט, אַנדערע האָבן מורא גע־האַט, געהיט זיך די פעל.

מאַקס אשכנזי האָט געהייסן זיינע מענטשן ווערבירן אין גאַס אַרבעטסלאָזע וועבער און שפּולערקעס, כדי אָפּצושרעקן זיינע אַר־בעטער און ברעכן זיי. אָבער קיינער איז נישט געגאַנגען. מען האָט

מורא געהאַט פאַרן לעבן. אַ סך זענען געווען פּאַראַגיטירט דורך די רעוואָלוציאָנערן און מיטגעהאַלטן מיט די שטרייקער.

אַז עס איז מער גאָרנישט געבליבן וואָס צו טאָן, איז אַשכּנזי געגאַנגען אויפן לעצטן — אָפּשטעלן די פאַבריק, געבן די אַרבעטער צו פאַרזוכן דעם טעם פון הונגער און אויסמאַטערן זיי. זאָלן נאָר אַריבערלויפן עטלעכע וואָכן, האָט ער געטראַכט, זאָלן זיי אויפעסן די לעצטע ברויט און קאַרטאָפל, וואָס זיי האָבן אָפּגעשפּאָרט, און זיי וועלן קומען זיך בעטן. אמת, עס טויג נישט פאַר דער פאַבריק זיך אָפּצושטעלן איצט, גראָד אין אַ צייט, ווען מען דאַרף אַרבעטן בייטאָג און ביינאַכט און מען מוז צושטעלן גרויסע קוואַנטומס סחורה. דאָס איז אַן אומגליק פאַר דער פאַבריק. אָבער זאָלן זיי נאָר מיד ווערן, קומען זיך בעטן, און זיי וועלן פאַר אַלע שאָדנס אָפּצאָלן. מיט פּראָצענט וועלן זיי צאָלן.

פאַרשלאָסן די ליידיקע פאַבריק אויף זיבן שלעסער, האָט מאַקס אַשכּנזי זיך דאָרט פאַרבאַריקאַדירט און געוואַרט אויף דעם טאָג פון זיין זיג. ער האָט מורא געהאַט זיך צו ווייזן אויסער די פאַבריק־טויערן אין די אומרואיקע טעג, ווען טויזנטער פון זיינע אַרבעטער האָבן אַרומגעשלענדערט זיך אין די גאַסן און אויף די ווענט, אויפגעהעצטע פון די פּראָקלאַמאַציעס און אַגיטירטע פון די רעוואָלוציאָנערע רעדנער. ער האָט געוואוינט איינער אַליין אין דער בחורשער וואוינונג פון דעם פריערדיקן דירעקטאָר אַלברעכט, גע־שלאָפן אין זיין בעט און געגעסן פון דעם, וואָס מ'האָט אים פון דער היים צוגעשיקט אין פאַבריק אַריין. מען האָט קיינעם נישט אַריינגעלאָזט אין פאַבריק, ווי אין אַ פעסטונג. מעלכיאָר דער דינער איז כסדר געזעסן מיטן געלאָדענעם רעוואָלווער ביי דער טיר. פון גרויס לאַנגווייליקייט האָט אַשכּנזי אַפילו גענומען לייענען די בול־וואַר־ראָמאַנען, וואָס זענען פאַרבליבן נאָך דעם פאַרשטאָרבענעם אַלברעכט. גאַנצע נעכט האָט ער זיי געלייענט. ער האָט נישט גע־קאָנט שלאָפן אין די נעכט, אין די רואיקע און לאַנגע. אָן דעם גע־רויש פון מאַשינען האָט אים קיין שלאָף נישט גענומען. אָבער זיי זענען נישט געקומען, די אַרבעטער, בעטן אים, ווי ער האָט גע־וואַרט.

די רעוואָלוציאָנערן זענען איצט געווען די הערשער אין שטאָט.

זיי האָבן געהאַט די אַרבעטער פון הונצעס פאַבריק אין די הענט. אַלע, די פּוילישע, די דייטשע, און קאָכעדיקער און פאַרביסענער ווי אַלע — די אידישע רעוואָלוציאָנערן, די אחדות־לייט, האָבן טויזנטער פּראָקלאַמאַציעס פאַנאַנדערגעטיילט, פייערדיקע רעדעס געהאַלטן פאַר די אַרבעטער, גערופן נישט אונטערצוגעבן זיך, געהעצט קעגן די הונצעס און קעגן דירעקטאָר אשכנזי.

גאָרנישט גערוט אין די טעג האָט ניסן. ער האָט זיך מיט די דייטשע מייסטערס געטראָפן, געלט געזאַמלט פאַר די שטרייקער, רעדעס געהאַלטן, פּראָקלאַמאַציעס געשריבן. ניין, דאָס איז מער נישט געווען קיין אַמאָליקער קאַמף מיט שמחה מאירן, ווי דעמאָלט אויפן באַלוט. דאָס איז געווען אַ שטרייק פון טויזנטער קאַמף־אַרבעטער, אַ קאַמף פון פּראָלעטאַריער קעגן גרויס־קאַפּיטאַל, קעגן די מאַנופאַקטור־באַראָנען און זייער פירער אשכנזי. דאָ איז ווערט צו קעמפן, צוצולייגן אַ האַנט.

זיי האָבן זיך נישט אַזוי געאײַלט מיט שטרייקן און רעוואָלוציעס, אָט די דייטשע און פּוילישע אַרבעטער, ווי עס האָבן זיך געאײַלט די אידישע אַרבעטער פון די קליינע ווערקשטאַטן. זיי זענען נאָך אַלץ געווען פאַרטאָן אין זייערע ביר־שענקען, אין די שפּאַצירן אויף די פעלדער אין זונטיק און אין אַנדערע גויאישע פאַרגעניגנס, וואָס זיי האָבן געהאַלטן פאַר בעסער, איידער צו הערן רעדעס וועגן פּאָליטישע עקאָנאָמיע אין די קרייזלעך. דערויף זענען געווען מער בעלנים די אידישע געזעלן. ניסן האָט דערפון שטאַרק געליטן. איצט האָט ער זיך דערוואַרט. די גרויסע פאַבריקן האָבן גענומען זיך רירן. אויך אין די שווער־פאַרצוימטע פעסטונגען איז אַריין דער פונק פון דער רעוואָלוציע. און ניסן האָט אַלץ געטאָן דעם פונק פונאַנדערצובלאָזן אין אַ גרויס פייער, אַ העליש און פלאַקערדיקס. אַ ברוין־הויטיקער, אַ שוואַרץ־אויגיקער, מיט דעם שוואַרצן בערדל, וואָס ביי די באַקן נעמט עס אָן דעם אויסזען פון פּיאות, האָט ער זיך געטראָגן איבער דעם צעשטורעמטן לאָדזש, געשריבן פּראָקלאַמאַציעס, גערעדט אויף פאַרזאַמלונגען, אויפגעקלערט, פייער אונטערגעגעבן, גאַנצע נעכט אין ענגע, אָנגעשטאָפּטע, פאַררויכערטע צימערן באַראַטונגען אָפּגעהאַלטן, אויף עטלעכע שעה בלויז אין די קליידער אויף אַ באַנק אַביסל שלאָף אַריינגעכאַפּט. אים צו הילף

זענען געקומען זיינע מענטשן. דעם גאַנצן אידישן ברען און אים-
פּעט האָבן זיי אַריינגעטראָגן אין דעם געלאָסענעם גויאישן שטרייק.

מאַקס אשכנזי איז געוואָרן בלוי פון כעס אין זיין באַהאַל-
טענער פאַבריקס-וואוינונג, ווען זיינע פאַרטרויאונגס-מענטשן האָבן
אים דערציילט וועגן דעם באַלוט, וואָס פירט איצט מלחמה קעגן
זיין פאַבריק. וואָס ווילן זיי? וואָס מישן זיי זיך? נישט זיי אַרבעטן
ביי אים, נישט זיי וועלן אַמאָל אַרבעטן. און וואָס דאַרט זיי דער
קאָפּ פאַר די גויאישע אַרבעטער? תחילת האָט ער געברענט פון
צאָרן אויף אָט דעם מורה-הוראהס זון, וואָס פאַרקאָכט די גאַנצע
קאַשע. אַפּרוימען אזא עוכר-ישראל וואָלט מען געדאַרפט, פאַרשיקן
אים, ווי אַמאָל, ער זאָל נישט וויסן, וואו זיין געביין וועט אוועק-
קומען. ער מיט זיינע לייט האָבן דאָס אויפגעהעצט לאָדזש. ווען
נישט זיי, וואָלט געווען שטיל און שאַ. די גוים ווילן גאָר אַרבעטן,
זיי האָבן כוח דערצו און עס אַרט זיי נישט אַ שעה מער אַרבעט
אָדער אַ שעה ווייניקער אַרבעט. דער עיקר איז ביי זיי אָפּצונעמען
שבת דעם לוין און גיין אין שענק. דאָס זענען אַלץ אידישע מעשיות.
זיי זענען שוואַך, זיי קאָנען אַליין נישט אַרבעטן און פאַרדרייען
די גוים די קעפּ, רעדן זיי איין אַ לונג-און לעבער אויף דער נאָז,
מיט סאָציאַליזם, אחדות. זיי וועלן נאָך ברענגען דערצו, אַז זיי
וועלן אויפרייצן די גוים, צעיושען דאָס טריפהנע בלוט, און אויס-
גיין וועט עס צו אידישע קעפּ, ווי אַלעמאָל. מאַקס אשכנזי האָט
געביסן די ליפּן פאַר צאָרן. וואָלט ער נאָר געקאָנט, וואָלטן די
צייטן נישט געווען אזעלכע אומרואיקע, וואָלט ער זיי, די עוכרי-
ישראלים, אָנגעלערנט. אַ מצוה איז אָנצולערנען אזעלכע, וואָס
גייען קעגן אידן, פאַר גוים.

אָבער אָנלערנען די באַלוט-לייט האָט ער נישט געקאָנט. נישט
נאָר ער, נאָר אפילו די פּאָליציי איז געווען שוואַך קעגן זיי, מורא
געהאַט מיט זיי זיך אָנצוהויבן. זיי זענען טאַקע די באַלעבאַטים
פון שטאָט געוואָרן, אַז אָך און וויי. זיי שיקן אפילו זייערע פאַר-
שטייער געלט זאַמלען און מען מוז זיי געבן. אויך איצט האָבן
זיי זיין פאַבריק אויפגעהעצט, אַ פייער צעבלאָזן. אין אַלע זייערע
פּראָקלאַמאַציעס העצן זיי קעגן אים, זידלען און שנידלען אים,
דערציילן די אַרבעטער, אַז ער איז זייער בלוט-זויגער, עקספּלואַ-

טאַטאָר. די גוים גלויבן זיי, און ווער וויים, צו וואָס מען קאָן דער־פירן! וואָס שפּילט ביי אַזעלכע צעיושעטע גוים אַ ראָלע צו שיקן אים אַ קויל אין קאָפּ אָדער געבן אים אַ מעסער אין רוקן? אמת, ער זיצט אין דער פאַבריק, דערוויל, באַוואַכט. אָבער אייביק זיצן אַזוי קאָן מען נישט. יעדער טאָג, יעדע שעה, יעדע מינוט אַפילו ברענט. פון דער אינטענדאַנטסטווע פאָדערט מען סחורה. געשעפטן זענען דאָ אַ וועלט. מען דאַרף אַרויספאָרן, באַוועגן זיך, טאָן עפּעס. און אין איינער אַ שלאָפלאָזער נאַכט אויף דעם ברייטן בעט פון פאַרשטאָרבענעם דירעקטאָר אַלברעכט, צווישן טויזנטער געדאַנקען און איינפאַלן, האָט זיך אויך מאַקס אשכנזי דערטראַכט, אַז עס איז כדאי מיט אָט די באַלוט־לייט, מיט דעם פירער זייערן, דעם מורה־הוראהס זון, זיך צו זען און דורכרעדן.

זיי זענען טאַקע שקצים, עוכרי־ישראלים, אָבער דורכרעדן זיך מיט זיי איז ווערט. ער האָט שטאַרק געגלויבט אין זיין שכל, מאַקס אשכנזי, אין זיין כוח פון איבעררעדן אַ מענטש. אגב, איז דער ניסן נישט קיין גראָבער יונג. אַ האָ, ער איז אים נאָך ביים פאָטער זיינעם, ר' נאָסקע, געקראָכן אין וועג אַריין ביי דער גמרא. אמת, ער האָט מיט אים אַמאָל עפּעס עסקים געהאַט, דעמאָלט ווען ער איז געקומען צו אים אין איינעם אַ שבת־צו־נאַכטס וועגן די וועבער פון זיין שווערס וועבעריי. דערנאָך האָט מען יענעם טאַקע פאַרשיקט. אָבער, ערשטנס, ווייסט קיינער נישט, אַז ער האָט עפּעס דערביי אַ חלק געהאַט. דער ליטוואַק, דאָס שרייבערל, האָט צוגע־זאָגט, אַז ער וועט וועגן דעם קיין פּיפּס נישט געבן. איבעריקנס, זענען עס שוין אַלטע מעשיות. ער איז שוין דערנאָך געזעסן פאַר אַנ־דערע חטאים, פאַרגעסן זיך גאָר. פאַרקערט, טאָמער טראָגט ער זיך טאַקע אַרום מיט אַ כעס אויף אים, וועט ער אים אויפווייזן, אַז ער איז גאָט די נשמה שולדיק. די פּאָליציי אַליין האָט זיך אַריינגעמישט דעמאָלט. פאַרקערט, ער האָט נאָך געבעטן פאַר זיי, נאָר עס האָט נישט געהאָלפן. אָ, זאָל ער זיך גאָר צונויפרעדן מיט אים, וועט ער אים אינגאַנצן נעמען. ער האָט, דאַנקען גאָט, אַ כוח צו רעדן צו מענטשן, רעדן זיי צום שכל און צום האַרץ.

און ער האָט זיך אַוועקגעזעצט צום טיש און אָנגעשריבן אַ בריוו צו זיין אַמאָליקן חדר־חבר. אין אַ לומדישן לשון־קודש, ווי

מען שרייבט צו א בכבודן מענטש און תלמיד-חכם, פול מיט גלייכ-ווערטלעך און ציטאַטן פון דער גמרא, מיט היפּשע לשון-קודשדיקע שבחים און לויב-לידער צו דעם געערטן מאַן, וואָס פאַרדינט כבוד און לויב פאַר זיינע מעלות, יחוס און איידלקייט. האָט ער געבעטן אים צו באַוויליקן מטריח צו זיין זיך אין זיין פאַבריק, כדי צו רעדן מיט אים ענינים, וואָס שטייען אין שפּיץ פון דער וועלט. דערביי האָט ער אויך צוגעגעבן, אַז נישט, חלילה, צוליב גרויס-האַלטעריי אָדער פּוסטער גאוה בעט ער דעם הויכן גאַסט צו קומען צו זיך, אַנשטאָט גיין צו דער שוועל פון זיין טיר, נאָר פּשוט דער-פאַר, ווייל צוליב טעמים, וואָס זענען פאַרשטענדלעך פאַר מענטשן פון שׂכל, ווי זיין כבוד איז, קאָן ער נישט אַרויס פון דער פאַבריק. עס איז געווען פאַר דעם חכם בלויז א וואונק! עס וועט זיין א גרויסער נחת-רוח צו זען דעם הויכן גאַסט אין די ווענט פון מיין אָרעם געצעלט, האָט אשכנזי פאַרענדיקט און אונטערגעשריבן זיך: פון מיר, דער, וואָס דערוואַרט אייער הויכן וויזיט, שמחה מאיר הלוי אשכנזי.

מיט די שענסטע לומדישע אותיות האָט ער דעם לאַנגן בריוו אָנגעשריבן, איבערגעלייענט אים מיט צופרידנקייט און אים אַוועקגעגעבן א מענטש זיינעם, וואָס זאָל זען דעם אַדרעסאַט פון אונטער דער ערד אויסצוזוכן און איבערגעבן. אויף דער בערזע וועט ער שוין דערגיין.

עטלעכע שעה צייט האָט דער קאָמיטעט דיסקוטירט וועגן דעם בריוו, וואָס איז אָנגעקומען פון דעם פיינטלעכן לאַגער — איגנאָרירן אים? ענטפערן מיט אַן אָפּזאָג? אָדער אָננעמען די איינלאַדונג? טוביה האָט נישט געהייסן גיין. ער האָט מורא געהאַט פאַר פּראָוואָקאַציע. מעגלעך, אַז דאָרט איז גאָר פּאָליציי דאָ און מען וועט ניסנען גלייך אַרעסטירן, אָבער ניסן האָט נישט געגלויבט אין דעם. ניין, ער איז נישט אַזוי נאַריש, אשכנזי, צו גיין איצט אויף אַזאַ זאַך. ער איז א מענטש א פּראַקטישער, א בעל-שׂכל און אויב ער שיקט א בריוו צו רעדן וועגן זאַכן, וואָס שטייען אין דער שפּיץ פון דער וועלט, איז ווערט אים אויסצוהערן. מען דאַרף אַלע מאָל קענען דעם קעגנער. אָבער אַליין גיין האָט ער נישט געוואָלט, ס'זאָל נישט ברענגען צו קיין פאַרדאַכט ביי די אַרבעטער. און אין

אוונט, דורך וועגן און אומוועגן, מיט נאָך צוויי באַגלייטער, איז ניסן אַוועק אין פאַבריק. דאָס טויער האָט זיך, ווי אין אַ טורמע, שווער געעפנט און צוריק פאַרשלאָסן. מאַקס אשכנזי האָט געוואַרט ביי דער אָפענער טיר פון זיין קאַבינעט. אַ ווײַלע, אַז ער האָט דערזען דריי מענטשן, איז ער געוואָרן פאַרכמורעט. ער האָט תמיד ליב געהאַט צו רעדן מיט מענטשן אויג אויף אויג. אָבער באַלד האָט ער אָנגעטאָן אויף זיין פּנים אַ פריינטלעכע מכניס-אורחדיקע מינע און אַלעמען געדריקט די הענט.

— עס פרויט מיך זייער, — האָט ער גערעדט אין זיין דייטש.

— ביטע, מיינע הערן.

אָנגעהויבן האָט מאַקס אשכנזי מיט תורה.

— גלייך דערקענט, — האָט ער געזאָגט צו ניסנען. — פאַרט אַן אויג פון אַ תלמיד־חכם...

ער האָט נישט געוואוסט געגוי, ווי אַזוי צו דעם ניסנען צו רעדן, אויף „דו", ווי צו אַן אַמאָליקן חבר פון איין חדר, אָדער אויף „איר" — און ער האָט געפּלאָנטערט אביסל. אָבער ניסן האָט זיך געהאַלטן רעזערווירט און אשכנזי האָט אים געזאָגט „זי", אויף דייטש.

— אָבוואָהל שוין איינע היפּשע צייט פאַריבער איז, זינד וויר האָבען ביים טאַטען, ביי ר' נאָסקע, שטודירט, געדענק איך נאָך דעם לעצטן שיעור. וואָס מיר האָבן געלערנט, — האָט ער געזאָגט אַ שיינענדיקער, — די שיטה פון כחל... איך קען עס נאָך פון אויסווייניק...

ער האָט אַ בליק געטאָן אויף די זיצנדיקע אַרום און אָנגע־הויבן זאָגן גיך די שיטה, דרייענדיק דערביי מיטן פינגער, פּונקט ווי אַמאָל ביי דער גמרא.

— געדענקען זי עס, ניסן ? — האָט ער געפרעגט.

— איך פאַרנעם זיך מער נישט דערמיט, — האָט ניסן קאַלט געענטפערט.

— אַ שאָד, אַ שאָד, — האָט אשכנזי באַדויערט. — איך, אָבוואָהל זייער באַשעפטיקט בין, האָב איך נאָך ליב אַריינצוקוקן אין אַ ספר, און הלמאַי זאָל איך מיך שעמען, איך האָב נאָך אפילו ליב עפּעס אַליין מחדש צו זיין אויך. אַז איך האָב אַ רגע צייט,

שרייב איך עס אויף. איינס מיטן צווייטן האָט נישט צו טאָן.

ער האָט זיך ארומגעקוקט אויף די זיצנדיקע און געוואָלט זען זייער באוואונדערונג פאַר אים, דעם דירעקטאָר פון דער גרעסטער פאַבריק, וואָס האָט נאָך צייט צו שרייבן חידושים. אָבער די מענטשן האָבן אים קיין איין וואָרט פון באוואונדערונג נישט געזאָגט. ער האָט זיך געפילט געטראָפן.

— מילא, די הערן, — האָט ער אָנגעוויזן אויף ניסנס צוויי פריינט, — קענען זיך מסתמא נישט אויס אין די קליינע אותיות־לעך — ענטשולדיקן זי מיר פאַר מיין אָפנהערציקייט, מיינע הערן...

— איר האָט אונז נישט דערמיט באַליידיגט, — האָבן די מענטשן געזאָגט.

— אָבער זי, ניסן, איין תלמיד־חכם, וועלען אימער איין תלמיד־חכם בלייבען, — האָט ער גערעדט מיט הנאה. — ווער נאָר עס האָט איין מאָל דעם טעם פון אַ שטיקל אביי ורבא פערזוכט, דער וועט שוין אימער איין גמרא־קעפּל בלייבן... ווי זי זאָלן נישט וועלען זיך ארויסדרעהען. דאָס ליגט אין בלוט...

ער האָט גלייך טאַקע דערציילט, ווי די באַראָנען זיינע האָבן אים געפרעגט, אין וועלכער אַקאַדעמיע ער האָט שטודירט, און ער האָט זיי געענטפערט, אַז אין דער אַקאַדעמיע דעם טאַלמודס ביי דען פּראָפעסאָרן אַבאַיע ווערַאַווע...

דאָס האָט אים גרויס הנאה פאַרשאַפט און ער האָט אַ צע־וואַרעמטער אָנגערירט הײמיש ניסנס קני. אָבער ניסן האָט זיך אָפּגערוקט, געוועזן קאַלט, האָט אַשכנזי אין איין רגע פאַרלוירן זיין לומדות און חברישקייט, זיין תורה און דעם אידיש, אין וועלכן ער איז דערווייל פאַרקראָכן, און ער איז צוריק געוואָרן מאַקס אַשכנזי, דער דירעקטאָר פון דער גרעסטער מאַנופאַקטור־פאַבריק, שטאָלץ און זאַכלעך.

— אַלזאָ, צור זאַכע, מיינע הערן, — איז ער צוריק אריין אין דייטש. — ווי איר ווייסט, מיינע הערן, סטרייקן די אַרבעטער פון דער פאַבריק.

— מיר ווייסן, — האָבן די מענטשן געזאָגט.

— די פאָדערונגען, וואָס די מענטשן שטעלן אַרויס, זענען

נישט צו נעמען ערנסט, — האָט אשכנזי גערעדט, — אכט שעה אַרבעט אין טאָג...

— דאָס איז אַבסאָלוט גענוג פאַר אַ מענטשן צו אַרבעטן, — האָט ניסן געענטפערט.

אשכנזי האָט אים באַטראַכט עטלעכע סעקונדן צייט.

— איך בין שוין גרייט אונטערצושרייבן אַן אָפּמאַך פאַר מיר פּערזענלעך, איך זאָל נישט דאַרפן אַרבעטן מער ווי זעכצן שעה אַ טאָג, — האָט ער געזאָגט און געקוקט מיט אָנשטרענגונג אויף די מענטשן. — איך אַרבעט פיל מער, יעדער ווייס עס.

— איר אַרבעט פאַר זיך, הער אשכנזי.

— ניין, איך אַרבעט פאַר דער פאַבריק, פאַר אַלע טויזנטער מענטשן. ווען איך וואָלט אַזויפיל נישט געאַרבעט, נאָר גערעכנט זיך מיט דער שעה, וואָלט די פאַבריק געווען זיך אָפּגעשטעלט צו־גלייך מיט אַ סך אַנדערע פאַבריקן און די מענטשן וואָלטן אַרומגע־בלאָנקעט זיך אין גאַס. נאָר דורך מיין שווערער מי האָב איך גע־פונען אַרבעט פאַר דער פאַבריק, פאַר טויזנטער מענטשן, נישט נאָר פאַר איין שיכט, נאָר פאַר צוויי. אַלע זענען מיר שרייפלעך פון דער גרויסער מאַשין.

— אָבער איר פאַרדינט פאַר אייער אַרבעט אַ טאָג מער, ווי־פיל די אַרבעטער נעמען עס פאַר אַ האַלב יאָר, הער אשכנזי.

— יעדער לויט זיין ווערט, — האָט אשכנזי איבערגעריסן,— לויט דעם, וואָס ער ברענגט אַריין. נישט פאַר מיינע שיינע אויגן זיץ איך דאָ, מיינע הערן, נישט פאַר מיין אידישקייט.

ער האָט זיך צוגעבויגן נאָענט צו די מענטשן און ער האָט גע־רעדט שטיל, אויף לאָדזשער אידיש:

— נישט אומזיסט בין איך, אַ איד, דער דירעקטאָר פון דער גרעסטער פאַבריק געוואָרן. דער עלסטער איבער די טויזנטער גוים דאָ. איר מיינט, אַז מען האָט מיך דאָ ליב? מען ברענגט מיינע טריט, אָבער מען דאַרף מיך. אָן מיר וואָלט אַלץ צעקראָכן געוואָרן. מיינט נישט, אַז מען גיט געלט אומזיסט. יעדער קריגט לויט זיין ווערט. ווער עס קאָן בלויז מאַכן אַן אייל סחורה, קריגט פאַר זיין אייל סחורה. ווער עס קאָן אַריינברענגען מיליאָנען, קריגט פאַר זיינע מיליאָנען...

— קעגן דעם קעמפן מיר, — האָט ניסן געזאָגט.

אשכנזי האָט זיך אָנגענומען ביים שפּיץ בערדל גאָר אידיש־לעך, ווי אַ למדן, און אַרויסגעצויגן דערפון עטלעכע האָר.

— מילא, אַז גוים, גראָבע קעפּ, רעדן נאַרישקייטן, פאַרשטיי איך, — האָט ער געזאָגט מיט אַ גמרא־ניגון. — איך האָב גע־רעדט צו זיי ווי מיט מענטשן. געוויזן זיי דעם חשבון שוואַרץ אויף ווייס, אַז ווען מען זאָל זיי נאָכגעבן בלויז אַ העלפט פון זייערע פאָדערונגען, דאַרף די פאַבריק זיך שליסן. וואָרום יעדע זאַך האָט זיך איר חשבון. אפילו אַ מאַשין האָט איר קראַפט, און ווען מען לייגט אַרויף אויף איר מער, ווי זי קאָן טראָגן, רייסט זי זיך איבער. איר, אידן, קענט דאָך יאָ רעכענען. אייערע מענטשן, ווי מען האָט מיר געזאָגט, לערנען אפילו עקאָנאָמיע. אָט האָט איר אַ חשבון, וואָס איך האָב צונויפגעשטעלט. ער שטימט אויף דער האָר. ווי אַזוי קאָנען מיר אַנטקעגנקומען אַזעלכע נאַרישע פאָדערונגען?

— מיר רעכענען אַנדערש, — האָט ניסן געזאָגט. — מיר רעכענען די דיווידענדן פון די באַלעבאַטים און די ריזיקע לוינען פון די דירעקטאָרן און פירער.

אשכנזי האָט זיך אויפגעהויבן פון שטול.

— הערט אויס, מיינע הערן, — האָט ער געזאָגט. — פאַר עולם־הבא וועלן מיר נישט אַרבעטן. מיר האָבן אונזערע סוחרישע אויסרעכענונגען, און ווען עס לוינט נישט, ליקווידירן מיר די גע־שעפטן. מיר וועלן זיין געצוואונגען צו שליסן די פאַבריק און טויזנ־טער מענטשן וועלן בלייבן אויף דער גאַס.

— דאָס איז אַלץ, וואָס איר האָט אונז געוואָלט זאָגן, הער אשכנזי? — האָט ניסן איבערגעפרעגט. — אָבער דערצו האָט איר אונז נישט גענויטיקט רופן.

מאַקס אשכנזי האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט און זיך איבער־שפּאַצירט איבער דעם קאַבינעט.

— כ'האָב צו אייך נישט געשיקט צו רעדן וועגן דער פאַבריק, — האָט ער געזאָגט אַ צאָרנדיקער. — ווייל, לאָמיר זיך נישט נאַרן, איר האָט אין דער פאַבריק גאָרנישט וואָס צו זאָגן. אייער גאַנצע הערשאַפט איז אויפן באַלוט, צווישן די האַנט־וועבער, און מיר

האָבן דאַמף און גויאישע אַרבעטער. אָבער קאַליע מאַכן קאָן אַ קאַץ אויך, און איר מאַכט קאַליע. איר העצט אויף די גוים.

— מיר ווייסן נישט פון קיין גוים, נאָר פון אַרבעטער און עקספּלואַטאַטאָרן, הער אשכנזי, — האָט ניסן אים איבערגעריסן.

— אָבער די גוים ווייסן פון גוים און אידן! — האָט אשכנזי געענטפערט מיט שפּאָט. — אחדות, אחדות, רעדט איר, אָבער פּרובירט נאָר איין איינציקן איד אין דער פאַבריק דאָ אַריינזעצן, וועלן אים די גוים אויף דריי שפּענדלעך אַרויסטראָגן!

ניסן איז רויט געוואָרן. דאָס איז געווען זיין שוואַכער פּונקט.

— דאָס איז אייער שולד, — האָט ער גענומען שטאַמלען. — איר און אייערס גלייכן האָבן דעם אידישן אַרבעטער אויפן באַלוט פאַרשטופּט.

אשכנזי האָט אים איבערגעריסן.

— מיר רעדן איצט נישט ווי דירעקטאָרן און אַרבעטער, — האָט ער געזאָגט. — דאָס רעד איך מיט די גוים אַזוי. — מיר רעדן איצט ווי אידן. אין שטאָט איז אַ געפּאַר, איר הערט, אַ געפּאַר! אידיש בלוט וועט זיך גיסן!

— מיר האָבן אונזערע זעלבסטשוצן, אויך די סימפּאַטיע פון דעם אַרבעטער־קלאַס. מיט אַזעלכע זאַכן שרעקט מען אונז נישט אָפּ, הער אשכנזי.

— ליגן, שקר! — האָט אשכנזי געקלאַפּט אין טיש. — אויף די פאַרזאַמלונגען, אויף וועלכע איר אַליין טרעט אַרויס, רעדן די גוים רשעות קעגן מיר, נישט קעגן דעם דירעקטאָר פון דער פאַבריק, נאָר קעגן מיר, איד. די גויאישע רעדנער שפּעטן נאָך מיין רעדן, מיין אידישע אויסשפּראַך, און די אַרבעטער הירזשען. אויף די אידישע קרעמערלעך ציטערט די הויט. שוין קומען גוים צו זיי אַריין נאָך שפּייז און רעדן, אַז ווען עס וועט ווערן גאָר שלעכט, וועלן זיי רויבן. אַלעמאָל איז אויסגעגאַנגען צו אידישע קעפּ, ווי דעמאָלט ביים „ראַבונעק". איר, אידן אַליין, צעפּלאַקערט אַ פּייער!

די דריי מענטשן האָבן זיך אויפגעהויבן פון די ערטער מיט אַמאָל.

— הער אשכנזי, מיר האָבן נישט ברעה אויסצוהערן נאַציאָ־

נאָלע דרשות, — האָט ניסן געזאָגט. — דערויף רופט מען נישט קיין מענטשן צו זיך.

— בורזשואזע חוצפה! — האָט איינער פון די צוויי באַגלייטער זיך געכעסט. — איך האָב גלייך נישט געהאַט קיין חשק דאָ אהער צו גיין. קומט, חבר ניסן.

ניסן איז אַרויס מיט זיינע חברים דורך דעם שווערן פאַבריק־טויער און געלאָזט זיך אין אַ דראָזשקע אהיימפאָרן. דאָס וועטער איז געווען פויל, רעגנדיק; די שמוציקע שטאָט האָט זיך געוויקט אין בלאָטע; די געצייילטע לאָדזשער צעוואָרפענע בוימער האָבן אויסגעזען ווי גרויסע אויסגעריבענע בעזימער. דער באַלעגאָלע האָט נישט אויפגעהערט שמייסן זיין פגירהדיק פערדל און זידלען עס, פאַרוואָס עס קריכט קוים איבער די שלעכט־געפלאַסטערטע גרוביקע גאַסן.

— וויאָ, נבלה! העי, פגל קרעציקע, נאָ!...

פונקט אַזוי פויל, רעגנדיק און שווער איז געווען ניסנען אויפן האַרץ. אשכנזים ביטערע רייד האָבן אים געעגבערט אין מח, גע־שניטן.

— מירן מוזן גלייך נעמען אָרגאַניזירן די זעלבסטשוץ, — האָט ער שטיל געזאָגט צו זיינע צוויי באַגלייטער. — מאָרגן נאָך ווערט מען די פראַגע שטעלן אויפן טאָג־אָרדענונג.

גלייך מאָרגן, — האָבן ביידע צוגעברומט און איינגעהילט זיך בעסער אין די מאַנטלען, צו שיצן זיך קעגן דער איינעסנדיקער קעלט פון דער נאַסער שטאָט.

קאַפּיטל פופצן

מאַקס אשכנזי האָט וואָס ווייניקער גענומען אהיימקומען צו ווייב און קינדער און געגעבטיקט אין דירעקטאָר אַלבערכטס בחור־שער וואוינונג, וואָס איז צוזאַמען מיט דער דירעקטאָרשאַפט איבערגעגאַנגען צו אים. צוזאַמען דערמיט האָט ער גענומען קאַרגן אויף דער הוצאה אין שטוב, זייער ווייניק געלט אויסגעצאָלט דער פרוי זיינער.

דינהלע אשכנזי האָט זיך געפילט זייער געקרענקט.

זי איז שוין געווען איצט אַ פרוי נישט אין דער ערשטער יוגנט. זי האָט זיך נאָך יונג געהאַלטן, ווי די מוטער אירע, אָבער אין אירע קאַשטאַן־קופּערנע האָר האָבן זיך אַלץ מער גרויע האָר דורכגעוואָרפן. אויך ביי די אויגן האָט איר הויט אָנגעהויבן לויז ווערן, צעקעסטלט זיך אין אַ נעץ פון אַ סך קליינע דריבנע קנייטשעלעך. פון די טראָגנס און האָבנס האָט זיך אויך איר בויך גע־פּאַלדעוועט און אויף די שלאַנקע פיס אירע זענען ארויסגעטרעטן בלויע אָדערן. ווי ביי מערסטנס ווייבער אין דעם עלטער פון נאָך פערציק, האָבן אויך ביי איר אַלערליי קראַנקהייטן גענומען ארויס־קריכן, איבערהויבט ווייבערישע. מענטשען האָבן איר נאָך אַלץ נאָכ־געקוקט אויף דער גאַס, ווען זי פלעגט זיך באַווייזן. וואָרום זי האָט זייער קונציק געקאָנט אויסבאַהאַלטן דעם געפּאַלדעוועטן בויך אונ־טער דעם גאָרסעט, די קנייטשעלעך ביי די אויגן פאַרגלעטן און פאַרשטעלן, אויך די האָר שיין פאַרקעמען, אַזוי, אַז די גרויע זאָלן גוט פאַרשטעקט ווערן אין די קופּערנע. אָבער אין שטוב, איבער־הויפּט אין די נעכט, ווען זי האָט זיך פון אַלע גאָרסעטן און שניר־לעך אויפגעבונדן, זענען די ערשטע סימנים פון עלטער ארויס, און איר איז געווען זייער אומעטיק אין די שלאָפלאָזע נעכט אַליין אין בעט, קוקנדיק אויף דעם צווייטן בעט פון איר מאַן, וואָס איז אַלץ געבליבן מער ליידיק.

די קינדער זענען נישט געווען אינדערהיים. דער עלטסטער, דער זון איגנאַץ, איז געזעסן אין אויסלאַנד. אַ פאַרשלאָסענער אין זיך, אַ פאַרכמורעטער, איז ער אַלעמאָל געווען אינדערהיים אַ פרעמדער און דער מוטער אַ סך צרות אָנגעטאָן. פונקט ווי דער פאָטער זיינער איז שטענדיק געווען פאַרנומען, פאַרטאָן, אַלץ האָט געקאָכט אין אים, אַזוי איז דער זון געווען אַ פוילער, אַן אָפּגעלאָ־זענער. פון קינדוווייז אָן האָט ער נישט געוואָלט זיך לערנען, ארומ־געריסן זיך מיט די חברים. ווי נאָר ער האָט זיך מיט עמיצן באַ־פריינדעט, אַזוי האָט ער זיך באַלד צעקריגט. וואָרום ווי דער פאָ־טער זיינער, האָט ער געוואָלט הערשן, זיין אומעטום דער פירער. אָבער דערצו האָט ער נישט פאַרמאָגט נישט דעם פאָטערס ווילן, נישט זיין ענערגיע. ער איז געווען אַ געמיש פון די אשכנזים אמ־

ביציעם און פון די אַלטערס פּוילקייט. דאָס איז זייער נישט גוט געגאַנגען אין פּאָר, כסדר געבראַכט צו קאָנפליקטן. און ער איז דער־ריבער שטענדיק געווען פאַרביטערט, בייז און שלעכט. ער האָט אַלץ פיינט געהאַט. מער פון אַלץ האָט ער געהאַסט דעם אייגענעם טאַטן, אַ שונא אים געווען. אין פאָטערס גרויסקייט האָט ער געזען זיין אייגענע קליינקייט. אויך האָט ער געזען דעם פאָטערס פרעמדקייט צו זיך, די פאַראַכטנדיקע בליקן זיינע, ווען ער האָט אים נאָכגעקוקט די העפטן. שטענדיק האָט ער געזאָגט דאָס אייגענע:

— אונבעגרייפליך, ווי דער יונגע האָט ניכטס פאָן מיר גע־ערבט...

דער זון איז אַוועק מיט זיין חרפּה, און דעם פאָטער געהאַסט, געוואָלט זען זיין בלוט.

— אונבעגרייפליך, ווי דער יונגע האָט ניכטס פאָן מיר גע־ערבט, — האָט ער נאָכגעשפּעט דעם פאָטערס אידישלעכן דייטש מיטן גמרא־ניגון.

די מוטער האָט ער ליב געהאַט, אָבער די ליבע צו איר איז געווען אַ פאַרוויקלטע, אַ קרענקלעכע. פון קינדווייז אָן האָט ער הנאה געהאַט צו פּייניקן זי, אָפּצוטאָן איר צו־להכעיס, נישט צו וועלן עסן, נישט צו פאָלגן זי, צו טיראַניזירן זי, ווי יעדעס קינד, וואָס האָדעוועט זיך אָן אַ טאַטן. זי האָט נישט געהאַט גענוג קראַפט צו נעמען אים אין די הענט, צו זיין צו אים האַרט. וואָס, וואָס, נאָר מיט האַרטקייט האָט זי זיך נישט געקאָנט באַרימען. דאָס האָט געהאַט איר מאַן. אָבער ער איז זעלטן געווען אין שטוב און אפילו ווען ער איז יאָ אַהיימגעקומען, האָט זי נישט געוואָלט פאַר אים מסרן אויף דעם אינגל. פון זייביידן, האָט זי ליבער געהאַט דעם זון. איין זאַך האָט זי געקאָנט, ווען דאָס אינגל איז גאָר ביטער געוואָרן און דערגאַנגען איר די יאָרן — אויסוויינען זיך. דעמאָלט פלעגט דער קליינער גלייך ווייך ווערן, צאַרט, אויסקושן זי, צו די פיס פאַלן און בעטן מיט טרערן אין די אויגן:

— מוטער, מוטערל, הער אויף, איך וועל שוין שטענדיק זיין גוט, שטענדיק.

אָבער ווי נאָר זי האָט אויפגעהערט וויינען, איז ער צוריק גע־

ווען דער אייגענער, א שווערער, א פינסטערער און א טיראַן. ער האָט נישט באַזוכט די שול, נישט געזען זיך מיט קיין חברים, אויס־געמיטן מענטשן, נאָר ארומגעגאַנגען גאַנצע טעג א נישט־אָנגע־טאָענער אין שטוב און געלייענט קרימינאַל־ליטעראַטור, געלייענט פון אינדערפרי ביז שפּעט ביינאַכט.

צו בימערע סצענעס פלעגט קומען, ווען דער פאָטער איז גע־קומען פון די רייזעס. מאַקס אשכנזי האָט געוואָלט האָבן א זון אן עילוי, א פייערדיקן קאָפּ, וואָס מענטשן זאָלן אים מקנא זיין. מיט גוטן גיין האָט מאַקס אשכנזי נישט געקאָנט. ער האָט געקאָנט באַ־פעלן, שרייען, אָבער וואָס מער ער האָט זיך אויף דעם אינגל גע־בייזערט, אַלץ מער איז דאָס אינגל געוואָרן פאַרעקשנט, בייז, צו־להכעיסדיק. געענדיקט האָט זיך תמיד דערמיט, וואָס דער פאָטער האָט נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס דער זון זיינער איז גאָרנישט געראָטן אין אים, און דער זון האָט אים שטילערהייט נאָכגעשפּעט זיין אידישלעכן אַקצענט מיטן גמרא־ניגון, מיט וועלכע ער רעדט דייטש. דער גרעסטער פאַרגעניגן איז ביי דעם אינגל געווען אָפּצו־שפּעטן פון פאָטער, צו זען ווי ער מאַכט חסידישע העויות ביים עסן, ווי דער קראַוואַט ליגט אים פאַררוקט אין א זייט, ווי דער אש פון די ציגאַרן שיט זיך אים אויף די לאַצן. איינמאָל האָט ער אפילו אים געלאָזט ארויסגיין אויף דער גאַס מיט נישט־פאַרקנעפּל־טע הויזן, וואָס ער האָט אין צעטראָגנקייט זיינער פאַרזען. ער האָט עס גוט געזען, דאָס אינגל, אָבער ער האָט אים געלאָזט אַזוי ארויס־גיין, קוועלנדיק פון בייזער נקמה.

ווי נאָר ער האָט די גימנאַזיע מיט צרות דורכגעמאַכט און געקריגן א צייגניש פון רייפקייט, האָט ער קיין איין רגע נישט גע־וואָלט מער בלייבן אינדערהיים און איז אוועק קיין אויסלאַנד. געהייסן האָט עס, אַז ער שטודירט, אָבער ער האָט קיינמאָל אין אוניווערסיטעט נישט אריינגעשמעקט. ער האָט זיך אריינגעלאָזט אין קינסטלער־קוואַרטאַל אין פּאַריז, ארומגעשלעפּט זיך מיט פאַר־דעכטיקע פאַרשוינען און יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק געשריבן נייע בריוו צו דער מוטער נאָך נייע געלטער. די מוטער האָט אראָפּ־גענומען פון וואָס זי האָט נאָר געקאָנט, געשפּאָרט, א פינגערל שטילערהייט פאַרזעצט אין לאָמבאַרד דורך דער דינסט, און גע־

שיקט אים געלט אַן פּאַטערס וויסן. דער פּאַטער פּלעגט זיך זעלטן אויף אים פרעגן.

— שרייב אים, דיאַנאַ, ער זאָל פליסיק שטודירן, — האָט ער יעדן חודש אויפסניי צוגעגעבן, ווען ער האָט איר געגעבן אַ מאָגערן באַנק־טשעק אים צו שיקן פאַר אַ חודש געהאַלט.

— שרייב אים צו עטלעכע ווערטער, — האָט די מוטער געזאָגט אַ ברוגזע, — ביזט דאָך אַ טאַטע!

— פורכטבאַר בעשעפטיקט, — האָט ער אַ ברום געטאָן און איז אַרויס.

טאָמער פלעגט די מוטער נישט שיקן דעם זון גענוג געלט, וויפל ער האָט געוואָלט, האָט ער געדראָט מיט זעלבסטמאָרד. זי איז דעריבער תמיד געווען פאַרשולדיקט, פאַרדרייט, און דעם מאַן נישט געקאָנט דערציילן וועגן אירע חובות. אויך פלעגט דער זון גאָרנישט וועלן אהיימקומען צו די עלטערן, נישט אויף די קאַניקולן, נישט אויף יום־טובים. ער האָט דעם פּאַטער פיינט געהאַט און מיט דער מוטער זיך נישט גערעכנט. דינהלע אשכנזי איז געווען זייער פאַרביטערט און איינזאַם דעריבער.

אויך די טאָכטער גערטרוד איז געווען ווייט פון שטוב. גע־ראָטן אין דער מוטער, אַ שיינע, אַ בלוי־אויגיקע, אַ שלאַנקע, האָט זי, ווי דער מוטער אירער, געצווינגן צו אַנדערע וועלטן, צו וועלטן רייכע, פאַנטאַסטישע. אָבער ענערגישער פון דער מוטער, שטאַר־קער, האָט זי נישט יוצא געווען בלויז מיט לייענען ביכלעך, מיט לעבן אַ פּאַפּירן לעבן. זי האָט געזוכט איר לעבן שיין און זיס צו מאַכן אויף אַן אמת. זי האָט געהאַסט לאָדזש, די שטאָט פון רויך און טומל, פיינט געהאַט די אָנגעשטופּטע גאַסן, די לויפנדיקע און טומלדיקע סוחרים, דעם גאַנצן רויש און קאָכעניש. פּונקט אַזוי האָט זי נישט פאַרטראָגן די אייגענע שטוב. וואָרום אומעטיק און איינזאַם איז געווען אין זייער הויז, אין דעם רייכן און אָנגע־שטעלטן. די מעבלען זענען געווען שווער, צונויפגעמישט פון פאַר־שידענע סטילן און נישט מאָדיש. די באַלויכטונג איז געווען קאַרג און מרה־שחורהדיק. זעלטן, אַז עמיצער איז אין שטוב געקומען. דער פּאַטער איז געווען באַשעפטיקט, קיינמאָל אינדערהיים נישט געווען, און אפילו, אַז ער איז יאָ געווען אין שטאָט, איז ער גאָר

אַהיימגעקומען אָפּעסן און ווידער אַנטלאָפן. די מוטער איז געווען פאַרטאָן אין אירע ביכלעך, גאַרנישט פון זיי אַרויסגעקראָכן. די יום־טובים און שבתים זענען דורכגעגאַנגען גרוי, אָן פרייד און צערעמאָניעס. דערצו איז צווישן טאַטע־מאַמע אַנגעגאַנגען אַ שטענדיקער ברוגז, אַ שווייגן, וואָס האָט די גאַנצע שטוב אָנגעשטעקט מיט אומעט.

ווען זי איז אַ קינד געווען, די קליינע גערטרוד, האָט זי אַמליבסטן פאַרבראַכט ביים זיידן חיים אַלטער. ביי אים אין שטוב איז זי געווען גליקלעך. דער זיידע האָט זי אויף דער שוים גענומען, געלאָזט זי רייטן אויף זיין קני, געקיצלט איר די בעקלעך מיט דער באָרד און זיך זייער שיין געשפּילט מיט איר.

— אַ ברכה זאָג, גיטעלע, אַ ברכה, — האָט ער איר אַלעמאָל דערמאָנט, ווען ער האָט איר געפּאַשעט מיט שאָקאָלאַד.

כאָטש ער האָט זי גערופן מיט אַ פרעמדן אידישן נאָמען, האָט זי ליבער געהאַט צו זיצן ביים זיידן איידער אין שטוב. ביים זיידן אין שטוב זענען געווען זייער שיינע זאַכן, לייכטער אַלערליי, חנוכה־לאָמפּן, בשמים־ביקסלעך, זאַכן, וואָס אין שטוב זעט מען זיי נישט. אויך איז שטענדיק געווען ביי אים פריילעך, איבערהויפּט אין די שבתים און יומים־טובים. ר׳ חיים אַלטער האָט נאָך ווי אין די אַמאָליקע גוטע צייטן געמאַכט ברייטע סעודות ביים טיש, געציקלט זיך ביים קידוש, געזונגען זמירות, אַריינגענומען אורחים צום טיש. די קליינע גערטרוד האָט שוין געוואַרט מיט אומגעדולד יעדן יאָר אויף די חנוכה־ליכטלעך, וואָס דער זיידע צינדט און זינגט דערביי; אויף שמחת־תורה, ווען צום זיידן קומען זיך צונויף חסידים און האָפּסען און טאַנצן; אויף ימים נוראים, ווען ר׳ חיים טוט זיך אָן אין קיטל און אין זילבער־אויסגעשטריקטן קאַפּעלע און ער בענטשט איר מיט אויפגעהויבענע הענט איבער איר קאָפּ. אפילו צום סדר האָט די קליינע נישט געוואָלט זיצן אינדערהיים. וואָרום אין שטוב איז דער סדר דורכגעגאַנגען שנעל, גיך. דער פאָטער האָט שנעל אָפּגעברומט, אָפּגעגעסן גיך און גלייך אַוועק פון טיש צו זיך אין קאַבינעט צו זיינע אַרבעטן און פּאַפּירן. ביים זיידן אַלטער האָט זיך די סעודה געצויגן שפּעט, די ליכט האָבן פריילעך געברענט, דאָס פיל זילבער איז געשטאַנען אויפן טיש,

דער זיידע איז געלעגן ברייט פונאַנדערגעלייגט אויפן היסב־בעט אין קיטל. די אַלע צערעמאָניעס, געזאַנגען, שמחה און פרומקייט האָבן די קליינע אַנגעצונדן.

— זיידעשי, — האָט זי אים געקושט, — כ׳האָב דיך אַזוי ליב...

צוליבן זיידן איז זי אפילו פרום געוואָרן, געזאָגט קריאת־שמע, געמאַכט ברכות. וואָס האָט איר פאָטער שטאַרק פאַרדראָסן.

— ער ווירד נאָך פאַן איר איינע רביצין מאַכען, — האָט ער געזאָגט צום ווייב. — וואָצו איז זי אימער ביים זיידן?

אַז זי איז עלטער געוואָרן, האָט זי אויפגעהערט קומען אַזוי אָפט צום זיידן, אָבער אייגזיצן אין שטוב האָט זי נישט געקאָנט. זי האָט געוואָלט רייכקייט, שמחה, בעלער, געסט, סאַלאָנען, שפּילן און טאַנצן, ווי ביי אירע חברטעס אין די הייזער. אָבער אינדער־היים איז געווען שטיל און אומעטיק, זי האָט געהאַסט די היים, פרעמד געווען פון פאָטער, ווי דער פאָטער איז פרעמד געווען פון איר, אויף דער מוטער האָט זי רחמנות געהאַט, געקושט זי, מיט־געפילט זי, זי האָט געזען, אַז די מוטער האָט דעם פאָטער נישט ליב, אַז זי איז פרעמד פון אים, און דאָס איז איר געווען צום האַרץ, אָבער פאַרשטאַנען זי האָט זי נישט. זי האָט נישט געקאָנט באַגרייפן, פאַרוואָס זי האָט מיט אים אָפּגעלעבט אַזויפיל יאָרן, פאַרוואָס זי איז זיך מיט אים נישט פאַנאַנדערגעגאַנגען, און איבערהויפּט, פאַרוואָס זי האָט גלייך מיט אים חתונה געהאַט.

— מאַמע, האָסטו געליבט דעם פאָטער? — האָט זי איר אָפּט געפרעגט.

— גיי מאַך די לעקציעס, גערטרוד, — האָט איר די מוטער דערויף געענטפערט.

— אָ, וואָסערע מאָדנע מענטשן איר זענט געווען אַ מאָל! — האָט די קליינע געערדט מיט האַרץ. — איך וואָלט אָן ליבע קיינעם נישט גענומען, מען זאָל מיך אויף שטיקער צעשניידן...

אַז זי האָט געענדיקט די פּענסיע, האָט די מוטער אָנגעהויבן טראַכטן וועגן אַ תכלית פאַרן מיידל. זי האָט געוואָלט ענדערן די שטוב, אויפפרישן זי, אריינשטעלן ניי מעבל, אָנהויבן פאַרבעטן מענטשן, איינאָרדענען אָוונטן, יונגעלייט און מיידלעך אריינציען,

ווי אין אַלע הייזער, וואו עס איז דאָ אַ מיידל אויסצוגעבן. זי האָט שוין געזען, דינהלע אשכנזי, אַז איר לעבן איז פאַריבער. כאָטש זי איז נאָך געגנוג שיין געווען, מענער האָבן איר נאָך אַלץ נאָכגעקוקט אויף די גאַסן, האָט זי אָבער געפילט, אַז זי הויבט שוין אָן גיין צוריק, אַז איר יוגנט איז פאַרביי אָן לעבן און אָן פרייד. זי האָט געוויטאָקט איבער דעם, אָפטמאָל טרערן פאַרגאָסן אין קישן אין די נעכט. אָבער ווי יעדע טרייע מוטער, האָט זי גענומען איינלעבן זיך מיטן געפיל צו שאַפן אַ לעבן פאַר איר טאָכטער, צו זיין אַ מאַמע צו איר און צו זאָרגן פאַר איר גליק.

איבעריקנס, איז צוזאַמען מיט די יאָרן, האָט זיך אויך געענדערט איר געפיל צום מאַן. ניין, זי איז נאָך אַלץ נישט געווען אין אים פאַרליבט, אָבער באַוואונדערט האָט זי אים שוין, באַוואונדערט זיין קראַפט, ענערגיע און גרויסקייט. ער האָט געשפּאַנט מיט ריזנטריט, אָט דער קליינגעוויקסיקער פאַרשוין. אויך פאַר דער צייט, וואָס זי איז אָפּגעזעסן ביי די קינדער און די ביכלעך, איז ער דערווייל אויסגעוואַקסן אַ מענטש מיט קענטניש, וועלט-דערפאַרונג, פאַרשטאַנד און וויסן. יאָ, ער האָט מער איצט געוואוסט אין וועלטזאַכן פון איר, דער געבילדעטער, וואָס האָט שטענדיק געשטעקט אין די ביכלעך. און דאָס, וואָס ער האָט אפילו נישט געוואוסט, האָט ער געכאַפּט, דערגאַנגען מיט אַ בליק, מיט אַן אָנצוהערעניש. ווי יעדע פרוי אין די פערציקער, האָט אויך דינהלע גענומען צוריקגיין צום מאַן, צום באַשערטן, מיט וועמען מען דאַרף אָפּלעבן אַ לעבן, אַ לעבן נישט פון ליבע, אָבער פון פליכט און טריישאַפט.

— מאַקס, — האָט זי אים גענומען זאָגן, — גערטרוד איז אויסגעוואַקסן, מען דאַרף טראַכטן וועגן איר, פירן אַ שטוב, ווי אומעטום.

זי האָט אים שוין גערופן איצט ביים נייעם נאָמען.

אָבער גראָד איצט האָט מאַקס אשכנזי אָנגעהויבן שטאַרק פאַרנאַכלעסיקן די שטוב. מער ווי אינדערהיים, האָט ער איצט געגעכטיקט אין דער וואוינונג ביי דער פאַבריק, אין בחורישן בעט פון פאַרשטאָרבענעם דירעקטאָר אַלברעכט. און אפילו אין זונטיק, ווען די פאַבריק איז געשטאַנען, האָט ער זיך אינדערהיים נישט געוויזן.

— פורכטבאַר בעשעפטיגט, — האָט ער טעלעפאָנירט.

דינהלע אשכנזי איז געוואָרן אומרואיק. דאָס ערשטע מאָל פאַר איר פארהייראטן לעבן, ווי זי איז געוואָרן אומרואיק פאַר איר מאַן.

— נישט אַנדערש, ווי ער האָט דאָרט אימיצן אין דער בחורי־שער וואוינונג ביי דער פאַבריק, — האָט זי געטראַכט.

אין דער ערשטער מינוט איז איר אויסגעקומען קאָמיש דער געדאַנק. שמחה מאיר מיט אַ ליבע — האָט זיך איר געגלוסט לאַכן. אָבער באַלד איז דער געפיל פון קאָמיזם פארשוואונדן און אַ געפיל פון פארדרוס איז געקומען אויף זיין אָרט. זיכער, אַז ער האָט דאָרט עמיצן, אַ נישט, וואָלט ער דאָרט נישט אזוי פארפאַלן געוואָרן. אָ, ער איז נישט פון די צוויי פאַר אַ גראָשן. שטילינקער־הייט קער עס גאָר ליבעס פירן. מעגלעך, אַז דאָס איז איינע פון די ביורא־מיידלעך, און אפשר גאָר עפּעס אַ טענצערין אָדער אַן אַקטריסע. מאַסן זענען זיי איצט דאָ אין לאָדזש. און אפשר, אפשר גאָר טאַקע אַן עכטע ליבע, נישט קיין געקויפטע, נאָר מיט אַ דאַ־מע אַ יונגער, אָדער גאָר אפשר מיט אַ מיידל. אַלץ איז מעגלעך ביי איצטיקע צייטן, ווען די ווייבער זענען אזוי צעלאָזן געוואָרן.

זי איז האַסטיק צוגעגאַנגען צום שפּיגל און זיך גוט באַטראַכט, אַלע אירע קנייטשלעך ביי די אויגן, די לויזקייט פון דער הויט אירער האָבן אין גרויסן שפּיגל שטאַרק ארויסגעשיילט זיך. די גרויע האָר אין קאָפּ האָבן ווי די שפּיזלען געשטאָכן. דינהלע איז ביי זיך זייער געפאַלן געוואָרן. זי האָט מיט טרויעריקע אויגן גע־קוקט אויף איר אָפּבילד אין שפּיגל. זע, ווי נאַריש זי איז געוועזן ביז איצט און גאָרנישט געטראַכט וועגן דעם, וואָס איז אזוי גלייך און איינפאַך. זי האָט זיך דערמאָנט אין מאַן אירן. ער איז שטאַרק אויסגעוואַקסן פאַר דער צייט. אפילו מענלעכער געוואָרן, ברייטער, אָנזעעוודיקער. און ווי מאָדנע יונג ער האַלט זיך, קיין איין גרויע האָר איז נישט צו געפינען ביי אים, קיין איין קנייטשע־לע. ווען נישט די צעטראָגנקייט זיינע, ווען ער זאָל זיך נאָר האַלטן אביסעל עלעגאַנטער, וואָלט ער גאָרנישט מיאוס אויסגעזען. איבער־הויפּט די אויגן זיינע זענען זייער יונג און פריש, אַ פייער ברענט אין זיי. זי האָט עס נישט איינמאָל געהערט פון ווייבער, אָבער זי האָט געשמייכלט דעריבער. זי האָט עס נישט געזען. איצט האָט

זי עס געזען שאַרף, בולט. געוויס קער ער פירן ליבעס, ווער ווייס ווי לאַנג ער נאַרט זי שוין אַזוי! אָ, זיי זענען נישט שטאַרק איבער־קלייבעריש, די ווייבער, און נאָך דערצו ביי אַזאַ מאַן, אַ באַרימטן און רייכן.

וואָס מער זי האָט זיך אַריינגעטראַכט אין דעם, אַלץ מער האָט זי דערזען, ווי איר חשד איז ריכטיק. דער אייגענער מאַן, וואָס האָט קיינמאָל ביי איר אין קאָפּ קיין געדאַנק נישט פאַרנומען, האָט איצט אָנגעהויבן פאַרכאַפּן אַלע אירע געדאַנקען, דעם גאַנצן קאָפּ. עפּעס האָט ער אויך פּלוצלינג אָנגעהויבן אָננעמען גרויסע געשטאַלטן אין אירע אויגן. וואָס מער זיין גרויסקייט איז גע־וואַקסן, אַלץ נידעריקער איז זי אַליין געוואָרן ביי זיך אין די איי־גענע אויגן.

געוויס, וואָס דאַרף ער זי, אַן אַלטע און פאַרוועלקטע, ווען ער קאָן דאָרט ביי זיך אין דער וואוינונג ביי דער פאַבריק האָבן יונגע, פרישע און פריילעכע? נישט אומזיסט קומט ער נישט אַהיים. ער איז דאָרט מיט ווייבער, מיט ווייַן, פריילעך, צעלאָזן. אפשר לאַכן זיי גאָר פון איר, מאַכן פון איר חוזק?...

זי האָט דערפילט אַ שטעכונג אין דער ברוסט. דאָס ערשטע מאָל ווי זי האָט פאַר די לעצטע יאָרן דורכגעלעבט אַ געפיל פון אייפערזוכט, אַליין געפילט זיך געקרענקט צוליב אַ מאַן, געליטן אַליין, נישט פאַר העלדינס פון די ביכלעך. דער ווייטאָק איז געווען שטאַרק, שאַרף.

דאָס ערשטע מאָל האָט זי גענומען איבערקלערן, פאַרוואָס דער מאַן קומט נישט אַהיים. פון שלעכטע געדאַנקען איז זי איבער־געגאַנגען צו פּלוצלינגדיקער טרייהייט. אפשר איז מיט אים עפּעס געשען? זי האָט אַליין געפילט, אַז זי נאַרט זיך. אַז נישט דאָס איז עס, אָבער זי האָט עס זיך געוואָלט איינרעדן. און אין מיטן דער נאַכט האָט זי פּלוצלינג זיך אָנגעטאָן און גענומען קוקן דורך די פענסטער, צי מען זעט אים נישט, צוהערן זיך צו יעדן שאָרך, צו יעדן קלונג פון טויער, צו יעדן טריט אויפן הויף. נאָר עס איז נישט געווען דער, אויף וועמען זי האָט געוואַרט. זי האָט אין מיטן נאַכט גענומען טעלעפאָנירן אין דער פאַבריק אַריין, כדי אָנצו־פרעגן זיך וועגן הער דירעקטאָר. אָבער קיינער האָט זיך נישט אָפּ־

גערופן. זי האָט לאַנג זיך צוגעהערט צום קלינגען, וואָס האָט זיך אָפּגעשלאָגן אין דער פּוסטער פאַבריק, און אַוועקגעלייגט אין אַנטוישטע דאָס טרייבל.

זי איז אַריין צו דער טאָכטער אין שלאָף־צימער. זי האָט געוואָלט האָבן עמיצן נעבן זיך, זען די טאָכטער אין דער איינזאַמער נאַכט, אָבער די טאָכטער איז נאָך נישט געווען אינדערהיים אין דער שפּעטער שעה. זי האָט זיך געזוכט פּריילעכקייט און יום־טוב אין דער נאַסער פאַררויכערטער שטאָט. דינהלע איז אַריין צוריק אין איר בעט און געלעגן עלנט און וואַך שעהן־לאַנג, ביז די ערשטע קוימענס האָבן גענומען שניידן די פאַרטאָגיקע לופט.

קאַפּיטל זעכצן

יאָ, עס איז געווען אַ פּרוי, וואָס האָט מאַקס אשכנזין דערוויטערט פון דער היים, אָפּגעריסן פון דער שטוב, אָבער נישט קיין אינגערע און שענערע, ווי דינהלע האָט זיך געפּרואווט פאָרשטעלן אין געדאַנק אין אירע נאַכטיקע שעהן, נאָר אַן עלטערע און מיאוסערע, גאָרנישט קיין אַנציענדע.

נאָך דעם וויסטן דורכפאַל, וואָס מאַקס אשכנזי האָט געהאַט אין דער פאַבריק זיינער ביים אויסאַרבעטן מיליטערישע שטאָפן, האָט ער זיך געפילט זייער געקרענקט און פאַרביטערט. אָט די רעוואָלוציאָנערן, אָט די אחדות־לייט, האָבן אים אַלע זיינע פּלענער צעשטערט. ער האָט געקליבן זיך פון דער מלחמה צו מאַכן אַ פאַרמעגן. אַלץ איז ביי אים געווען אויסגערעכנט אויף דער האָר. ער האָט שוין די ריזיקע פאַרדינסטן געפילט, ווי ער וואָלט זיי געהאַט אין קעשענע. זיין פּלאַן איז געווען אַ גרויסער. ער האָט געוואָלט אָפּקויפן אַ סך אַקציעס פון זיין פאַבריק מיטאַמאָל, אַריינקריגן די גרעסערע העלפט און ווערן דער באַלעבאָס פון דער פאַבריק, צו וואָס ער האָט פון קינדווייז אָן געצילט. ער האָט שוין מער נישט געקאָנט וואַרטן. אמת, ער האָט טאַקע די פאַבריק געפירט מיט דער שטאַרקער האַנט, אויך האָט ער אַ סך אַקציעס פון דער פאַבריק געהאַט. אָבער די באַלעבאַטים זענען נאָך אַלץ געווען די הונצעס.

זיי האבן געהאט די גרעסטע צאל אקציעס, און ער איז פארט נישט מער געווען ווי זייערס א מענטש. אמת, א זייער וויכטיקער מענטש, אבער פארט נאר א מענטש, וואס צו יעדער צייט קאנען זיי אים הייסן גיין און אן אנדערן אוועקזעצן אויף זיין ארט. אויך האבן די מענטשן אין פאבריק אינטריגירט קעגן אים, געשריבן שלעכטע בריוו וועגן אים צו די הונצעס אין אויסלאנד. ער האט פאר זיי נישט מורא געהאט. ער האט זיי געהאט טיף אין דער ערד, אט די אלע גלאט - פארקעמטע און פלייִשיקע דייטשוקעס. ער האט זיי געהאלטן פעסט אין די הענט. ווי די הינטלעך זענען זיי געשטאנען פאר אים אין קאבינעט, געדונערט יא-וואהל, הערר האופט-דירעקטאר. זיי האבן אים געחנפהט, אויסדערציילט שטילערהייט איינער אויפן צווייטן וועגן די אינטריגעס, וואס זיי פירן קעגן אים, און געזוכט אים געפעלן צו ווערן, איינצוקויפן זיך ביי אים. אבער ביי דעם אלעם, האט ער פארט זיך נישט געפילט דער אבסאלוטער באלעבאס. די באלעבאטים זענען אלץ נאך געווען זיי, די הונצעס, וואס האבן פארבראכט זייערע יארן אין אויסלאנד.

זיי האבן, אמת, אלץ געטאן, כדי זיי זאלן ארויסלאזן פון די הענט די אקציעס פון זייער גערירשנטער פאבריק, און מאקס אשכנזי זאל זיי ארײַנקריגן אין זיין אייזערנער קאסע. זיי האבן געווארפן מיט געלט, יעדער פאר זיך און אלע צוזאמען. זיי האבן פארשפילט אין קארטן פארמעגנס, אויסגעהאלטן אייגענע געיעג-פערד, אקטריסעס און געליבטע. זיי האבן אויך אין ווילדע געשעפטן זיך פארפלאנטערט, ארײַנגעקראכן אין שותפות אריין מיט פאראָרעמטע און שווינדלערישע אריסטאקראטן, ארײַנגעבראכט געלט אין פוילע געשעפטן, פון וועלכע מען זעט נישט צוריק קיין שילינג. אויך האבן זיי אפגעדונגען טעאטערס פאר זייערע געליבטע, וואס זענען שלעכטע אקטריסעס געווען, באגראבן גרויסע סומעס אין אלערליי שלעכטע אויפפירונגען, אין רעקוויזיטן, טעאטער - דירעקטארן און שלעס. די גרויסע יערלעכע דיווידענדן פון דער פאבריק האבן נישט געקאנט דעקן די אלע ריזיקע הוצאות, און זיי האבן אפט פעקלעך אקציעס, וואס יעדער פון זיי האט געהאט, אוועקגעשיקט צום דירעקטאר אשכנזי און געהייסן זיי לאזן אין גאנג.

ער האט זיך נישט ארײַנגעמישט, מאקס אשכנזי, אין די בא-

ראַנענס געשעפטן. ער האָט זיי באַזאָרגט מיט געלט, וויפל נאָר זיי האָבן אַליין געוואָלט. אָבער די אַקציעס זייערע האָט ער נישט גע-לאָזט אין גאַס, נאָר אַליין זיי געהאַלטן. זיי זענען געוואַקסן ביי אים אין דער אייזערנער קאַסע פון טאָג צו טאָג. ער האָט נישט געהאַלטן, מאַקס אַשכנזי, ווי זיין פאָטער אברהם הערש, וואָס האָט נעגעבן עצות דעם אַלטן הונצע. יעדער לעבט, ווי ער פאַרשטייט: זיי, די באַראָנען, האָבן ליב עולם-הזה, פרעסן, זויפן, זינדיקן און הולטאַיען, זאָל זיי וואויל באַקומען. עס איז נישט זיין טאַטנס עסק צו זיי. ער דאַרף זיך אין זינען האָבן זיינע געשעפטן, צו מאַכן וואָס מער געלט. ער אַרבעט אויס פאַר זיי יעדעס יאָר גענוג דיווי-דענדן, אַזויפיל, וואָס מען קאָן דערפאַר פירן אַ קייזערלעך לעבן. אָבער ווען זיי גענוגנט עס נישט, זאָלן זיי טאָן, וואָס זיי ווילן. אַזוי ווי מען בעט זיך אויס, אַזוי שלאָפט מען. קיין צוויי גליקן מיטאַ-מאָל זענען אויף דער וועלט נישטאָ. עס איז דאָ יושר. ווער עס וויל עולם-הזה, מוז צאָלן דערפאַר. ווער עס וויל זאָרגן פאַר אַ תכלית, מוז שפּאָרן, אַרבעטן און אָפּזאָגן זיך פון פאַרגעניגנס.

יעדן טאָג אויפסניי האָט ער זיי געציילט, די פעקלעך אַקציעס, געלייגט זיי איינס אויפן אַנדערן, ווי טרעפּ, וואָס דאַרפן אים פירן צו די העכסטע קוימן-שפּיצן. ווען די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן, האָט ער פאַרטראַכט אַ גרויסן פּלאַן. ער האָט אַ זייער גוטן אָפּמאַך מיט דער אינטענדאַנטסטווע געשלאָסן, געגרייט זיך מאַכן אַ פאַר-מעגן און מיט איינמאָל דעקן די קאַרט, אויפקויפן אַלע אַקציעס וואָס גייען אַרום אין גאַס, און צום יאָר, אויפן צוזאַמענפאָר פון די אַקציאָנערן, איבערנעמען די פּרעזידענטור. דער פּלאַן איז גע-ווען אַ גוטער, אַ פּינקטלעכער. די אַרבעט איז אַוועק מיט אַ קנאַק, אַ גאַנצן מעת-לעת האָט די פאַבריק געאַרבעט. יעדער קלאַפּ פון אַ שטול האָט אויסגעקלאַפּט אַ מטבע, האָט אויסגעשלאָגן נאָך אַ שריט פאַר מאַקס אשכנזי, צו ווערן דער קעניג פון לאָדזש. ווי אין טאַש איז שוין אַלץ געלעגן. אָבער דאָס רעדל האָט זיך אַ דריי גע-טאָן. די רעוואָלוציע, דער רוח זאָל זי נעמען, האָט זיך אריינגע-מישט און אים אַלע פּלענער צעשטערט.

מאַקס אַשכנזי האָט זיך געקאָכט, אויפגעגעסן זיך אַ לעבע-דיקן. אָבער קיין ברירה איז נישט געווען. ווי אַ האָגל, וואָס פאַלט

אראָפּ אין מיטן זומער און צעקלאַפּט אַלץ, ווי א היישעריק, וואָס פאַלט אָן און פאַרדאַרבט, ווי א מגפה א וויסטע, האָט זי זיך אָנגעטראָגן, אָט דאָס משוגעת, און אים אַלץ איבערגעקערט מיטן קאָפּ אַראָפּ און די פיס אַרויף. וואָכן לאַנג איז די פאַבריק געשטאַנען. אַנשטאָט פאַרדינסט, האָט מען נאָך געהאַט היזקות. די אינטענדאַנטסטווע האָט געפאָדערט שאָדן פאַר די נישט - צוגעשטעלטע סחורות. אַדוואָקאַטן, געריכטן, כאַבאַרן, אַלערליי אַנדערע הוצאות האָבן אויפגעפרעסן די פאַבריק. שונאים האָבן דערלעבט א נקמה. די באַראָנען האָבן אפילו נישט געטראַכט צו קומען פון אויסלאַנד און טאָן עפּעס. בלויז טעלעגראַמעס נאָך געלט האָבן זיי געשיקט.

ווידער האָט מען געדאַרפט אַרבעטן יאָרן, טרייבן, טראַכטן, פון די כוחות זיך אַרויסשלאָגן, ביז מען וועט אויספילן די לעכער. פון דער מלוכה, וואָס איז שוין געלעגן כמעט אין דער האַנט, האָט זיך אויסגעלאָזט א טייך. מאַקס אשכנזי האָט זיך דערצו נישט געקאָנט צוגעוואוינען. די יאָרן שטייען נישט, האָט ער געזען, זיי רוקן זיך גיך און שנעל. און וואָלט ער כאָטש זי נישט געהאַט אין דער האַנט שוין, די פאַבריק, וואָלט אים נישט אַזאַ שאָד געווען. אָבער זי איז שוין געלעגן אין די הענט, נאָר אַרויסגעכאַפּט זיך, ווי א פויגעלע פון דער געעפנטער האַנט אַרויס. ניין, מאַקס אשכנזי האָט נישט געהאַט קיין חשק אָפּצולייגן זיין מלוכה אויף יאָרן. ער האָט זי שוין געוואָלט האָבן אין דער האַנט, פאַרוואָס עס זאָל נישט זיין. אים איז א בושה געווען פאַר לאָדזש, א חרפה געווען פאַר זיין דורכפאַל, איבערהויפּט פאַרן אייגענעם ברודער זיינעם, וואָס האָט אים שוין ווידעראַמאָל מיאוס אונטערגעפירט.

לאָדזש האָט איצט ווידער גערעדט וועגן יאַקוב אשכנזי, נישט וועגן מאַקסן.

ער איז געבוירן געוואָרן אין א הייבל, דער ברודער זיינער. וויפל ער האָט נישט מיט זיין זאָרגלאָזיקייט און אומבאַרעכנטקייט אַרויסגעטריבן דאָס גליק פון די הענט, אוצרות דורך די ברייטע שיטערע פינגער דורכגעוואָרפן, אַלץ מער איז דאָס גליק געלאָפן צו אים אומגעריכט צוריק אין די הענט אריין.

אָנגעהויבן האָט עס זיך מיט א גט. דאָס ווייב זיינס, א קרענקלעכע און ביטערע, האָט ביי קיין פאַל נישט געקאָנט מיט אים צו-

זאמען זיין. אַלעמאָל האָבן די קרובים אירע זיך אויפסנײ ארײנגע־לייגט אין שלום, זי אראָפּגעבראַכט קיין לאָדזש צום מאַן, א שטוב איינגעאָרדנט. אָבער ווי נאָר זי איז אָפּגעזעסן עטלעכע וואָכן, איז זי ווידער אוועק פון לאָדזש קיין וואַרשע און געלעבט באַזונדער. זי איז געווען אײפערזיכטיק אויף אים, אײפערזיכטיק אויף זיינע באַקאַנטע ווייבער, אויף די פריינט, אויף זיין געזונט און פרייד, אויף זיין גוטן אַפּעטיט און שלאָף, אויף זיין גאַנץ לעבן. אויך קיין קינד האָט זי אים נישט געבוירן. און די שולד איז געווען אירע, אַלע דאָקטוירים האָבן עס איר געזאָגט. ער האָט איר נישט קיין פאָרוואורף געמאַכט, נישט אויסגערעדט איר, אָבער ווי נאָר ער האָט געזען א קינד אין גאַס אָדער אין שטוב ביי עמיצן, האָט ער עס גלייך גענומען אויף די הענט, געשפּילט זיך דערמיט, געלאַכט און געשטיפט מיט געוואַלטיקער הנאה און געלעכטער. זיין ווייב האָט עס נישט געקאָנט פאַרטראָגן. זי איז געווען אײפערזיכטיק צו די קינדער.

— יאַקוב, — האָט זי אים גערופן מיט דינע בייזע ליפּן, — וואָס האָסטו זיך אַזוי צעקאָכט?

איבערהויפּט האָט איר פאַרדראָסן, ווען ער האָט ארומגע־שטיפט מיט דער קליינער גערטרוד, דינהלעס טעכטערל. כאָטש די ברידער זענען תמיד געווען ברוגז, האָבן די ווייבער אָנגעהאַלטן פריינטשאַפט צווישן זיך. זיי זענען, איבעריקנס, נאָך געווען קרובים פון פריער, די אַלטערס מיט די אייזנס האָבן זיך אָנגעקערט. פריוועס אַלטער, דינהלע איר טאָכטער, און מער פון אַלע — די קליינע גערטרוד — זענען אָפט געקומען צו יאַקוב אשכנזי, ווען נאָר זיין ווייב איז ווידער געקומען קיין לאָדזש און גענומען אויפסנײ פירן א פאַמיליע־לעבן.

אָט די גערטרוד האָט געקלעפּט צו אָנקל יאַקוב. דאָס, וואָס זי האָט נישט געהאַט ביים פאָטער אין שטוב, האָט זי געהאַט ביים פעטער. ער האָט איר געקויפט די שענסטע פּופּן, מתנות און שפּיל־צייג. ער האָט זי אַרומגעפירט מיט דער קאַרעטע איבער דער שטאָט, צעלאָזט זיך מיט די פערד אין גאַלאָפּ און אפילו איר געגעבן די לייצעס צו האַלטן.

א בלוי־אויגיקע, א שלאַנקע, מיט ברוינע קאַשטאַן־קופּערנע

האָר אין לעקעלעך, רינגעלעך און קרייזעלעך, וואָס הערן נישט אויף צו ציטערן און פלאַטערן ביי יעדער באַוועגונג, מיט פולכנע ווייסע הענטעלעך, וואַרעמע און גלאַטע, איז זי אינגאַנצן געווען ענלעך צו איר מוטער, ווען זי פלעגט זיך שפּילן ביי ר׳ אברהם הערש אשכנזי אין הויז מיט דעם קליינעם יעקב בונם. יאַקוב האָט אין איר געזען דינהלען, די אַמאָליקע דינהלע, וואָס אַלע אין הויף האָבן זי אים געגרעדט פאַר א כלה. פונקט אַזוי האָט זי געלאַכט ווי די מוטער אַמאָל, פונקט אַזוי האָט זי אַרומגענומען אים זיין האַלז מיט די וואַרעמע הענטעלעך, ווען ער האָט זי אַרויפגעזעצט אויף זיין רוקן רייטן און אַרומגעקראָכן מיט איר אויף אַלע פיר איבער דעם גרויסן טעפּיך אין שטוב.

— וויאָ, אָנקל יאַקוב! — האָט זי געגרופן און געקלאַמערט זיך צו זיין שטאַרקן האַלז.

די באָרד זיינע, די שוואַרצע און אויסגעצערטלטע, האָט זי אָנגענומען פאַר לייצן. ביידע ווייבער, דינהלע און פערעלע, האָבן מיט זייער ווייבערישן אינסטינקט דערפילט, אַז סיי ביים מיידל, דער צעפּלאַמטער און פאַרשפּילטער, סיי ביים אָנקל אירן, דעם צע־וואַקסענעם און קוועלנדיקן, איז דאָ מער עפּעס ווי שפּיל צווישן אָנקל און ברודערן־טאָכטער. זי איז שוין געווען א דרייצן־יעריק מיידל, ווען זי האָט מיטן פעטער יאַקוב קינדעריש אַרומגעשטיפט. אויך פלעגט זי אים שטאַרק קושן און רופן ליידנשאַפטלעך:

— אָנקל, איך האָב דיך אַזוי ליב!

ביי יעדער געלעגנהייט האָט זי זיך אים אויך אַרויפגעזעצט אויף די קני און אַרומגענומען אים מיט די הענט. דער אָנקל האָט זי געקושט מיט פעטע רוישיקע קושן.

דינהלע האָט געזען, אַז אין דער טאָכטער קושט יאַקוב זי אַליין, אַז אין זיין ליבע צום מיידל ליבט ער זי, נישט ווי זי איז איצט, נאָר ווי זי איז געווען א מאָל, אין איר טאָכטערס עלטער. דאָס האָט איר פאַרגעניגן פאַרשאַפט, אָבער גלייכצייטיק געשמערצט, וויי געטאָן.

— גערטרוד, מעגסט זיך שעמען, — האָט זי געזאָגט. — איך אין דיינע יאָרן בין שוין א כלה געווען און דו שפּילסט זיך ווי א קינד.

יאקוב, געווען שוין, — האָט זיין ווייב געזאָגט א ביטע-רע. — איך קאָן נישט מער דעם טומל פארטראָגן.

און אז זיי זענען געבליבן אליין, האָט זי ערשט גענומען אים מאכן סצענעס צוליב דער קליינער.

— וואָס דו טוסט אונטער מיינע אויגן, ארט מיך נישט, — האָט זי געזאָגט מיט גאל, — אָבער אין די אויגן פאר זיך, ווי א מאן...

יאָקוב האָט זי נישט פארשטאנען.

— מיט א קינד שפילן זיך טאָר איך שוין נישט. מיט אן איינענער נעפע...

— מיר קענען שוין די נעפעס, — האָט פערעלע געענטפערט מיט צאָרן און אוועקגעוואָרפן זיך אין בעט אריין אין אָנטאָן.

זי האָט נישט געקאָנט זען, ווי ער לאכט, ווי דאָס געזונט שפּראָצט אים פון אלע גלידער.

— ווי אזוי קאָן דאָס א מענטש זיין אזוי אומפארשעמט געזונט? — האָט זי אים געגעסן.

ווי אלעמאָל, האָט זי איינגיכן פארלאָזט דעם מאן און צוריק אוועק קיין ווארשע צו בלייבן אליין מיט איר ווייטאָק און איי-פערזוכט.

נאָך יאָרן אזא לעבן, האָבן זיי זיך געגעט. מאקס האָט דער-לעבט א נקמה. פון דעם גאנצן פארמעגן, וואָס יאקוב האָט גע-דארפט ירשענען נאָך די אייזנס, איז ער ארוים ריין. א טייך האָט זיך דערפון אויסגעלאָזט. מאקס האָט געוואוסט, אז דער ברודער זיינער האָט נישט בלויז איינמאָל א גרעסערן נדן גענומען פון אים, א פילפאך גרעסערן, נאָר אז אלע יאָר האָט ער ביים ווייב פרישע נדנס גענומען. יעדעס מאָל, וואָס די געשעפטן זענען ביי אים שלעכט אוועק, ווען ער האָט א סך געלט צעפּטרט, האָט אים דאָס ווייב זיינס נייע געלטער אריינגעטראָגן, א נייעם נדן. מאקסן האָט עס געקרענקט יעדעס מאָל אויפסניי. איצט, איז ער געווען זיכער, האָט זיך דער קוואל אויסגעלאָזט. די זיבע פעטע יאָרן זענען אוועק און די מאָגערע זענען אָנגעקומען. אוים נדנס. אינ-גיכן וועט ער טאקע בלייבן מיטן בייטשל פון דער קארעטע זיינער. לויט דעם צעלאָזענעם לעבן, וואָס ער פירט.

אָבער ווי אַלעמאָל, איז דאָס גליק צו דעם צעלאָזענעם יונג געלאָפן אַליין אין די הענט אריין און אויסגעשטעלט מאַקסן א פייג.

אַליין מאַקסימיליאַן פלידערבוימס טאָכטער יאַנקע, די גרושה, וואָס האָט זיך שוין מיטן דריטן מאַן געגט, האָט זיך פארליבט אין יאַקובן און אַרומגעפלויגן מיט אים אין אירע קאַרעטעס פראַנק און פריי איבער לאָדזשער גאַסן.

לאָדזש האָט געקאָכט. מען האָט געוואוסט, אַז עס וועט נישט לאַנג אָנהאַלטן די ליבע. מען האָט זי געקענט אין שטאָט, די משוגענע פאַבריקאַנטישע טאָכטער, וואָס אַלעמאָל פארליבט זי זיך אין אַן אַנדער מאַן, פארליבט זיך שטאַרק, שטערבלעך, נאָר ווי גיך זי פאַרקאָכט זיך, אַזוי גיך קילט זי זיך אָפּ. זי האָט שוין טאַקע דריי מענער געהאַט און אָפּגעגט, א חוץ זייטיקע ראָמאַנען, וואָס זי האָט געפירט. דערצו איז דער אויסוואַל אויך געווען אַן אויסטערלישער. כאָטש זי האָט זיך נישט געשמדט נאָך, ווי אירע שוועסטער, איז זי געווען א שטיק גויע, א פאַרריסענע אַריסטאָ-קראַטקע, און איר ליבע מיט יאַקובן, וואָס מען האָט אים נאָך געדענקט, ווי ער פלעגט טראָגן א לאַנגע קאַפּאָטע, האָט זייער מאָדנע אויסגעזען.

— ס׳וועט דויערן פון אסתר-תענית ביז פורים, — האָט לאָדזש געזאָגט. — איינס פון דער משוגענער יאַנקעס פאַנטאַזיעס...

אָבער דערווייל איז זי אַרומגעפאָרן מיט איר נייעם האַרץ-פריינט מיט גרויס קוראַזש איבער דער שטאָט. יאַקוב האָט גע-טריבן די פערד אין גאַלאָפּ און די מיליאָנערישע טאָכטער האָט זיך געטוליעט צו אים מיט גרויס ליבע און אפילו אים געקושט אין גאַס פראַנק און פריי פאַר אַלעמען, ווי נאָר די משוגענע האָט געקאָנט. לאָדזש האָט געקאָכט. מען האָט גערעדט וועגן דעם אין שטובן, אין די קאַפעען, אין די געשעפטן און פאַבריקן, אפילו די נייטאָרינס ביי די מאַשינען האָבן דערפון גערעדט. מען האָט געזאָגט, אַז זיי וועלן חתונה האָבן אין גיכן. און אויך צום די-רעקטאָר מאַקס אשכנזי אין זיין פאַבריק-קאַבינעט האָבן עס סוחרים דערטראָגן.

— ער ברענט א וועלט, הער דירעקטאָר, — האָט מען אים אָפּגעגעבן גרוסן. — ער איז אריין אין די גרויסע פּעדערן, אייער ברודער, הער דירעקטאָר.

מאַקס אַשכנזי האָט עס נישט געקאָנט הערן.

— קיין אינטערעס דאַפיר, מיין הער, — האָט ער אָפּגע-שניטן. — רעדן וויר צור זאַכע.

אָבער ער האָט שוין גאָר געהאַט אינטערעס דערפאַר, מאַקס אַשכנזי. אים איז נישט באַקומען דער ביסן אין מויל, דער שלאָף איז אים אוועק פון די אויגן, דאָס לעבן איז אים נישט איינגעגאַנ-גען. ער האָט נאָך נישט געוואוסט גענוי, צי עס וועט טאַקע קומען צו אַ שידוך צווישן פלידערבוימס טאָכטער און זיין ברודער. ער האָט עס נישט געוואָלט דערלאָזן צום געדאַנק. אָבער דערוויי־ל, ביז וואָס וועט, האָט זי, די געליבטע זיינע, געמאַכט אים פאַר דירעקטאָר פון דער פאַבריק, און ער האָט זיך אפילו אריינגע-קליבן אין פאַלאַץ אריין. דער אַלטער פלידערבוים איז געווען קראַנק, פאַראַליזירט. אָן ארבעטער, וואָס מען האָט אים אָפּגעזאָגט פון דער ארבעט, האָט זיך געוואָרפן אויף אים מיט אַ מעסער און אים אין קאָפּ געשטאָכן. מען האָט אים אָפּגעראַטעוועט, אָבער פון דעמאָלט אָן איז ער געבליבן פאַראַליזירט אויף אַ האַלבע זייט און מער נישט געקאָנט ארבעטן. אַ דינער האָט אים ארומגעפירט אויף אַ שטול מיט רעדלעך איבערן הויף פון פאַלאַץ.

זיין גאַנץ פאַרמעגן איז געבליבן ביי די קינדער, אָבער זיי האָבן נישט געוואוסט וואָס צו טאָן דערמיט. די טעכטער, די משו-מדתטעס, האָבן געלעבט אין ווארשע מיט זייערע מענער די משו-מדים און נישט געוואָלט קומען קיין לאָדזש, אין דער שטאָט פון מסחר און אידישקייט, פון וועלכער זיי זענען אַנטלאָפן. עס איז זיי נישט אָנגעשטאַנען. די זין זענען געווען צעדרייטע און אָריגי-נאַלן. זיי האָבן געהאַט צו טאָן מיט פאַנטאַזיעס, אַבערגלויבנס, פאַרנומען זיך מיט ארויסרופן גייסטער, און געדרייט זיך ארום גלחים און קלויסטערס. אפילו אין קירכע פלעגן זיי גיין, כאָטש זיי זענען נישט געווען נאָך געשמדט. די איינציקע, וואָס האָט געהאַט אַ קאָפּ אויף זיך, דעם פאָטערס ליבלינג געווען, איז געווען יאַנקאַ די גרושה. אָבער זי איז געווען תמיד פאַרקאָכט אין אירע

ליבעס, און וועלכע זי האָט זיך אריינגעוואָרפן אַלעמאָל אויפסניי מיט גרויס ברען. זי האָט קיין צייט נישט געהאַט צו געשעפטן. אויך איז נישט געווען אין שטייגער, אַז פרויען זאָלן פירן מסחרים. און זי האָט די גאַנצע פאַבריק איבערגעגעבן צו יאַקוב אשכנזי, וואָס זי האָט זיך פאַרקאָכט אין אים, צו להכעיס אַלע אירע ברידער און באַקאַנטע, וואָס האָבן אין אים צופיל איד געזען. זי האָט זיך געהאַט איר פאַנטאַזיע, יאַנקאַ, זי האָט אַלעמאָל ליב געהאַט טאָן משוגענע זאַכן, פון וועלכע מען זאָל רעדן, בייזערן זיך און ברוגזן. איבעריקנס, האָט זי אים געוואָלט האָבן נאָנט נעבן זיך, אין דער דירעקטאָרישער וואוינונג ביים פּאַלאַץ, וואָס איז ביי דער פאַבריק. די גענעראַל-פאַרטרעטונג איז איצט געפירט געוואָרן דורך די אָנ-געשטעלטע, און יאַקוב אַליין איז געזעסן ברייט אין דירעקטאָרישן קאַבינעט פון פלידערבוימס פאַבריק און אינזשעניערן, דירעקטאָרן, כעמיקער, בוכהאַלטערס און דינער זענען געשטאַנען פאַר אים אויף די שפּיץ פינגער.

מאַקס אשכנזין איז דאָס בלוט אין די אָדערן געראַנען געוואָרן.

שוין דאָס וויפלטע מאָל ווי דער טויגעניכטס, דער פּוילאַק, דער גראָבער קאָפּ, דער הולטאַי שבהולטאַיעס, דער אינגערער ברודער זיינער, האָט אים אַזוי מיאוס אָנגעפּיפּן. און פאַרוואָס קומט דאָס אים? פאַר וועלכע מעשים-טובים? אַז אַ קאָפּ האָט ער געהאַט אַלעמאָל אַ פּויערישן, נישט צו תורה, נישט צו סחורה. שוין-זשע בלויז דערפאַר, וואָס ער איז אַ גרויסער, אַ געזונטער, אַ שטיק פלייש, אַן עולם-הזהניק? מאַקס האָט עס נישט געקאָנט באַנעמען מיטן שכל. עפּעס אַ כשוף איז געשען. ער, מאַקס, טוט, אַרבעט, לייגט צו קאָפּ, יאָגט, ווערט אויסגעריסן, ווייסט נישט פון קיין לעבן אויף דער וועלט. און יענער, דער גאָרנישט, דער פּוסט-און-פּאַסטניק, קומט אַלעמאָל צום גרייטן, אַזוי בחור-ווייז, ווען ער איז אריין אין שמאַלץ-גרוב, אַזוי שפּעטער, און אַזוי איצט. אַ קלייניקייט, מיט אַמאָל אין פלידערבוימס פּאַלאַץ אריין! די-רעקטאָר פון דער פאַבריק, געליבטער פון דער שיינער יונגער יאַנקאַ. אויף דער גאַס, זאָגט מען, קושט זי אים, פליען אין קאַ-רעטן אַרום, מאַכן בעלער, הוליאַנקעס. מען רעדט, אַז זיי וועלן

חתונה האָבן, אז אַלץ וועט אַריבערגיין אין זיינע הענט. גאַנץ לאָדזש רעדט וועגן אים איצט, ביי אַלעמען איז ער אויף די ליפּן. ווער ווייסט, וואָס דער יונג וועט נאָך אָפּטאָן! ער איז דער פירער פון דער פאַבריק, דער איינציקער אין פּאַלאַץ צווישען אַלע משו־געים, וואָס ווייסט אין מסחר. ער וועט נאָך ווערן דער קעניג פון לאָדזש.

מאַקסן איז אַ שרעק באַפאַלן. ביי זיין גאַנצער דייטשישקייט, האָט ער געגלויבט איצט אין גורל, וואָס מען קאָן נישט אויסמיידן, איז ער געשטאַנען אומבאַהאָלפן ווי פאַר אַ מזל, וואָס איז ערגעץ אָנגעשריבן מיט אַ גרויסער אומזעבאַרער האַנט, און גאָרנישט איז צו טאָן קעגן דעם, ווייל וואָס באַשערט, איז אָנגעצייכנט, אָנגע־חתמעט אויף אייביק.

ער האָט דערפילט די אומגערעכטיקייט פון גורל, די שרעק־לעכע אומגערעכטיקייט אויף דער וועלט. ווען דאָס אַלץ פאַלט אַזוי אריין צו אים איצט אין די הענט. אָ, ער וואָלט שוין דאָרט גע־מאַכט אָן אָרדענונג אין דער פאַבריק ביי די פּלידערבוימס! ווי אַ פיש אין וואַסער, וואָלט ער דאָרט געשוואומען, די הענט פונאַנ־דערגענומען און געוויזן, וואָס ער קען. איינס און צוויי וואָלטן זיי ביי אים אַרויסגעפלויגן, אָט די אַלע טויגעניכטסן און משוגעים, וואָס זענען געבליבן אין פּאַלאַץ. ער וואָלט זיי פונאַנדערגעשיקט קיין אויסלאַנד, צו אַלדי־רוחות, און זאָלן זיי דאָרט זיצן און פאַרנעמען זיך מיט זייערע נאַרישקייטן, מיט זייערע גייסטער און אידיאָטיז־מען. ווי אַ מטבע וואָלט ער אַלץ אין די הענט אַריינגענומען.

אָבער וואָס קומט דערוויס, אַז אַריין אין דעם פּאַלאַץ איז גאָר ער, דער טויגעניכטס, דער שלאָק. און ער, מאַקס, מוז זיצן ביי די הונצעס און זיין אָנגעוויזן אויפן חסד פון די באַראָנען, די הולטאַיעס, אויסשטיין די בייזע בליקן און רכילותן פון די דיי־טשוקעס, אָט די אַלע גלאַטע און צוגעקעמטע אינזשעניערן, וויצע־דירעקטאָרן, שלעק און אומגליקן, וואָס די פאַבריק איז מיט זיי פול און וואָס זיי ברענגען אים די טריט זיינע, ווילן אים אין אַ לעפל וואַסער דערטרינקען.

ניין, דאָס איז שוין געווען צופיל. אַזוי לאַנג טראָגט מען דאָס קריגל, ביז דאָס אויער רייסט זיך אָפּ. ער קאָן נישט וואַרטן מער.

ער וועט נאָך לאָדזש ווייזן, ווער עלטער איז. ער וועט נאָך אים ווייזן, דעם יאַקובן, דעם גאַרנישט, דעם גראָבן קאָפּ, ווער עס איז מאַקס. אמת, דערווייל האָט זיך אים זיין גרויסער פּלאַן אַרויס־געגליטשט פון די הענט. די רעוואָלוציע, דער רוח זאָל זי נעמען, האָט אים אַלץ איבערגעקערט. אָבער נישקשה, מאַקס אשכנזי איז נאָך נישט געפּגרט. ער וועט קריגן וואָס גיכער א גרויסע סומע, גאָר א גרויסע, און אויפקויפן א גרויסע צאָל אַקציעס פון די הונצעס, אַזוי, אַז ער זאָל ווערן דער באַלעבאָס.

קריגן די געלטער וועט ער נישט דורך שותפים. ניין, ער האָט נישט בדעה אַריינצוציען שותפים צו זיך. קריגן דאָס געלט וועט ער אַליין, ווי זיין ברודער האָט עס דערגרייכט.

זאָל ער נישט מיינען, דער יאַקוב, אַז נאָר ער איז ווערט געלט. נישקשה, מאַקס איז נאָך נישט קיין פאַרפוילטע עפּעלע. אמת, ער האָט זיך איינמאָל אָפּגענאַרט, שוין דעמאָלט, ווען ער איז געוואָרן חיים אַלטערס איידעם און גענומען עטלעכע פאַרדריי־פּעטע טויזנט רובל נדן, אין דער צייט ווען יעקב בונם האָט גע־נומען א פאַרמעגן. דאָס האָט אים טאַקע א גאַנץ לעבן געשטערט, מיט די עטלעכע טויזנט רובל האָט ער געמוזט גיין זיין שווערן וועג און דערפירן זיי מיט מי און אַרבעט צו דעם איצטיקן פאַר־מעגן זיינעם. אָבער איצט וועט ער זיך נישט לאָזן נאַרען מער. ער וועט אָפּשאַצן זיין ווערט, דעם ווערט פון דירעקטאָר מאַקס אשכנזי, וואָס האָט ליגן נאָך דערצו א היפּש ביסל פּעקלעך אַקציעס אין זיין אייזערנער קאַסע. און א בעלן איז אויך דאָ.

נישט איינמאָל אין וועג, ווען ער איז געפאָרן, איז אים אויס־געקומען צו פירן מסחרים מיט איינער א פרוי, נישט קיין איבעריק יונגע שוין, אָבער א רייכע, א מיליאָנערין, און נאָך אַן אַלמנה אָן קינדער דערצו. אין כאַרקאָוו וואוינט זי, די אַלמנה נאָבן צוקער־פאַבריקאַנט מרגליות, איינע אַליין אין א הויז, און אָנגעשטאָפּט מיט געלט איז זי, א מיליאָנערין אַן אמתע. כאָטש א גרויסע, א צעוואַקסענע, מיט א געזעצטן שכל און זייער א האַרטע, אַן אמתער מאַנסביל, וואָס אַלע אירע מענטשן אין אירע צוקער־פאַבריקן ציטערן פאַר איר, ווייזט זי אים תמיד אַרויס ליבשאַפט, ווען נאָר ער קומט צו איר אין שטוב צוליב מסחר, און זי גיט אים אָנצוהערע־

נישן, אז מיט אזא מאַן ווי ער וואָלט זי נאָך חתונה געהאַט און אים דאָס גאַנצע פאַרמעגן אָפּגעגעבן.

ער האָט עס קיינמאָל ערנסט נישט גענומען און בלויז גע-שמייכלט אויף דער פרוים אָנצוהערעניש. אָבער איצט זענען אים אירע רייד טיף אין קאָפּ אַריינגעקראָכן. מיט איר פאַרמעגן וואָלט ער גלייך געקאָנט דערגרייכן צום ציל, איינמאָל פאַר אַלעמאָל ווערן דער באַלעבאָס פון דער הונצע-פאַבריק, דער קעניג פון דער מאַ-נופאַקטור.

אין דער ערשטער רגע, אַז דער געדאַנק איז אים געקומען אין קאָפּ אַריין, האָט ער אים אויסגעזען ווילד, אוממעגלעך. אָבער וואָס מער ער האָט זיך אין דעם אַריינגעטראַכט, אַלץ מער איז ער געוואָרן היימיש און אייגן. סיי-ווי-סיי האָט ער אַ גאַנץ לעבן אָפּגעלעבט נישט גליקלעך. קיינמאָל ביי דער דינהלע קיין גוט וואָרט נישט געהערט, קיין ברעקעלע אָנערקענונג און דרך-ארץ נישט גע-זען. אַלע האָבן אים באַוואונדערט, נאָר נישט זי. אַז אָך און וויי איז צו אַזאַ לעבן, ווי ער האָט דורכגעלעבט. און די קינדער זענען אויך נישט קיין קינדער. דאָס האָט זי, דאָס ווייב זיינס, אַזוי זיי דערצויגן, איינגעפלאַנצט פרעמדשאַפט און שנאה צו אים. דער זון איז אַ גאַרנישט, אַ פּוילאַק, אַ ליידיקגייער, אַ פאַרשטאָפּ-טער קאָפּ. גאַרנישט צו אים אַליין ענלעך, אינגאַנצן חיים אַלטערס קאָפּ, אַ ליימערנער מוח. די טאָכטער אין אַן ארומלויף, וויל קיין רגע אינדערהיים נישט איינזיצן, עס טראָגט זי. וואָס האָט ער אין זיין לעבן?

אמת, אַז עס איז שוין היפּש אין די יאָרן, מענטשן וועלן קוקן קרום דערויף. אָבער וואָס אינטערעסירן אים די מענטשן, צו אַלדי רוחות? יעדער דאַרף זיך טאָן ווי פאַר זיך עס איז גוט, און די מענטשן הערן ווי דעם מיסט אויף דער גאַס. זאָל ער נאָר ווערן דער באַלעבאָס פון דער פאַבריק, דער קעניג פון לאָדזש, וועלן אַלע פאַר אים אויף די פיס פאַלן, ווי די הינטלעך אויף די לאַפּעס שטיין. און זי, דינהלע, ער וועט זי באַזאָרגן, אַ סך מער איר אַרויסגעבן, וויפל זי האָט אים נדן אַריינגעבראַכט. ער וועט איר אויסצאָלן אַן איינמאָליקע סומע אָדער אַ געהאַלט, אויך די

קינדער וועט ער באַזאָרגן. דעם בחור צאָלן אַזוי לאַנג ווי ער וועט שטודירן, און די טאָכטער וועט ער חתונה מאַכן און אַראָפּ פון קאָפּ. זיי זענען נישט מער קיין קליינע קינדער. זיי דאַרפן זיך זייער שטעטל אַליין באַשטיין. אויך אים האָט מען אין זייערע יאָרן נישט געפּיעשטשעט. אַליין האָט ער שוין זיין לעבן געפירט.

ניין, נישט לייכט איז עס אים אָנגעקומען אָפּצומאַכן ביי זיך וועגן דעם ווייב זיינעם. ער האָט נישט געוואָגט, נישט געוואוסט ווי אַזוי אָנצוהויבן, ווי אַזוי דערפירן צו אַ גט. וואָלט זי כאָטש עפּעס שלעכטס געטאָן, וואָל דאָס אים לייכטער געווען. אָבער זי איז שטיל און שטוביק ווי תמיד. פאַרקערט, זי ווייזט אים גאָר לעצטנס אַרויס ליבשאַפט, וואָס קיינמאָל ביז איצט האָט זי עס נישט אַרויס-געוויזן. און הלמאי זאָל מען זאָגן, אינגאַנצן אָן ליבשאַפט צו איר איז ער נאָך אויך איצט נישט.

באַלד אָבער האָט ער אָפּגעוואָרפן פון זיך יעדע שוואַכקייט. ער האָט איבערגעקוקט זיין לעבן, דורכגעוואָרפן עס פאַר די אויגן פון ערשטן טאָג אָן, וואָס ער איז אין חיים אַלטערס הויז אַריין ביז איצט, גיך איבערגערעכנט, אַ באַלאַנס געמאַכט, אַז דאָס איז געווען אַ פויל געשעפט. ער האָט קיינמאָל קיין גליק נישט געהאַט אין זיין פאַמיליע-לעבן. ווי אַ פרעמדער איז ער געווען אין שטוב. ווי אַ בעטלער האָט ער אויסגעבעטלט זיין גליק ביי איר, אָדער מיט געוואַלט גענומען. איצט, ווען ער איז שוין עלטער, אין די יאָרן, ווערט זי צו אים גוט, ווייך, רופט אים ביים נייעם נאָמען, לאַש-טשעט זיך צו אים און רעדט וועגן תכלית-זאַכן, וועגן נעמען פירן אַ שטוב מיט מענטשן גלייך, איינלאַדן געסט. אָבער איצט, איז ער עס איר מוחל. איצט איז ער אויפן פערדל. ביים גלייכן עלטער, איז ער דער מאַן, וואָס ביי די פּערציקער איז ער ערשט אין די בעסטע יאָרן, ווען זי, אַ פרוי, הויבט שוין אָן גיין אַראָפּ. ניין, זי האָט עס נישט פאַרדינט ביי אים, ער זאָל מיט איר אָפּפּטרן איצט אַ לעבן. ער וואָלט עס נאָך פאַרשטאַנען, ווען זי וואָלט ביז איצט אים געגעבן גליק. דעמאָלט איז אַ פליכט. ווי אין יעדער אַנדער געשעפט, מוז אויך אין פאַמיליע - לעבן זיין רעיעלע באַהאַנדלונג פון ביידע זייטן. אָבער אָפּנאַרעריי, איינהאַנדלען אים פאַרלעגענע סחורה פאַר יאָרן פון דערנידערונג, — אָ, ניין, נישט

ביי מאַקס אַשכּנזי! ער איז נישט פון די, וואָס מען נאַרט אים אָפּ. ער קען זיך אויף זאַכן.

ער האָט אַליין אויף זיך רחמנות געקראָגן, מיטגעפיל פאַר דעם באַעולהטן און געקריוודעטן. געגנוג געלאָזט זיך פירן ביי דער נאָז. אויב איר איז נישט אָנגעשטאַנען די גאַנצע צייט איר מאַן, דער אמאָליקער ישיבה-בחור, שטייט אים איצט נישט אָן די אי־דענע דינהלע אַלטער. די שענסטע פרויען קאָן ער האָבן, די רייכסטע, לאָדזש ליגט ביי אים אין די הענט. ער וועט זיך אין קיין הול־טייסטווע נישט אַריינלאָזן. ער וועט נישט גיין אויף דעם ברודערס וועגן, יאָגן זיך נאָך פרויען און אויסגעלאַסנקייט. דאָס איז אַן עסק פאַר פּוסטע קעפּ, פאַר טויגעניכטסן, וואָס ענדיקן אַלעמאָל שלעכט, וואָס צאָלן שפּעטער אָפּ טייער פאַר זייערע תאוות. ער וועט גיין אויף אַ וועג אַ סאָלידן, אַ גלייכן. ער וועט נעמען אַ פרוי, וואָס וועט אים שעצן, אַ פרוי אַ געזעצטן מענטש, וואָס האָט נישט שטעקן דעם קאָפּ אין נאַרישע ביכלעך, נאָר וואָס פאַרשטייט געשעפט און איז רייך, אַ מיליאָנערין. ער וועט דער קעניג פון לאָדזש ווערן, דערגרייכן דערצו, צו וואָס ער שטרעבט פון אינגל־ווייז אָן.

און ווי תמיד, ווען ער האָט עפּעס פאַרטראַכט, האָט ער נישט גערוט מער קיין ווילע און געטאָן אַלץ, דורכצופירן זיינס. קודם־כל האָט ער גענומען נישט אַהיימקומען, נאָר נעכטיקן אין דער בחורישער וואוינונג ביי דער פאַבריק. דאָס, האָט ער געוואוסט, איז אַ גוטער אָנהויב. עס איז גלייכער דאָס ווייב נישט צו זען, נישט צונויפקומען זיך מיט איר. ווייל אַ מענטש ווערט שוואַך נעבן אַ פרוי, נאַריש, און טוט אָפּ אָנשכלדיקע זאַכן. ווען מען איז פון דערווייטנס, אַרבעט דער קאָפּ בעסער, קלאָרער.

— פּורכטבאַר בעשעפטיקט! — האָט ער געענטפערט דורכן טעלעפאָן, ווען דינהלע האָט גענומען איצט צו אים קלינגען אין פאַבריק אַריין.

איר קלינגען און זיין אָפּזאָגן האָט אים אַ געוואַלטיקע הנאה פאַרשאַפט. ער האָט זיך נוקם געווען פאַר דער גאַנצער צייט. זיס איז נקמה, גוט, אומגעהויער גוט.

באלד דערנאָך האָט ער גענומען מאַכן איצט אָפטע רייזעס קיין כאַרקאָוו און געגרייט דעם באָדן ביי דער רייכער אלמנה.

ער האָט שוין געוואָלט באַצייטנס קריגן ביי איר אירע מיל־יאָנען, כדי גלייך אויסקויפן די אַקציעס פון דער הונצע־מאַנופאַק־טור און גרייטן דאָס שותפותדיקע גליק פאַר זיך און פאַר איר, דער נייער לעבנס־שותפטע. אָבער די כאַרקאָווער מיליאָנערין האָט זיך נישט געאיילט צו עפענען איר שווערע אייזערנע קאַסע.

הארט, סוחריש, ווי א מאַנסביל א תקיף, האָט די אלמנה מיט אים גערעדט, אַנגערופן אָפן די זאַך ביים נאָמען, צוגעגאַנגען גע־שעפטלעך צום עסק. זי שעצט אים זייער, מאַקס אשכנזי, זי ווייסט זיין ווערט, זיינע גרויסע פעאיקייטן. עס וועט זיין פאַר איר א גליק און א כבוד צו זיין זיין ווייב, זיין לעבנס־באַגלייטערין. וואָרום כאָטש זי איז א סוחרטע, כאָטש זי פירט אליין אירע צוקער־פאַב־ריקן, האַנדלט גרויס מיט פּריצים און האַלט די מענטשן אירע אין דער צוים, לאָזט זיך פון זיי נישט אָפּנאַרן, איז זי פונדעסט־וועגן מיד פון איינזאַמען אלמנהשן לעבן. זי וויל האָבן א שטוב, א הויז, ווי אלע מענטשן. מיט איר פאַרמעגן וואָלט זי געקאָנט קריגן מענער. שדכנים רייסן איר די טירן אָפּ. אָבער זי זוכט א מאַן א סאָלידן, א גרויסן סוחר, א בכבודיקן מענטש, וועמען זי זאָל קאָנען אָנטרויען איר פאַרמעגן און לעבן. ער, אשכנזי, גע־פעלט איר. זי גלויבט אין אים, אין זיין קאָפּ, אין זיין שכל. ביידע צוזאַמען וועלן זיי נאָך קאָנען גרויסע זאַכן אויפטאָן. אויך גע־פעלט איר זיין געדאַנק וועגן אויסקויפן די אַקציעס פון דער פאַב־ריק און ווערן אליין די באַלעבאַטים. זי איז גרייט אלע אירע געשעפטן צו ליקווידירן, מאַכן אלץ צו געלט, א סך געלט, און לאָזן עס אויף די אַקציעס. אָבער זאָל ער זיך פריער גטן מיט זיין פרוי, זיין פריי, און זי וועט מיט אים גלייך חתונה האָבן, אריינטראָגן איר פאַרמעגן און אריבער מיט אים קיין לאָדזש.

— קיין איין גראָשן פריער וועל איך נישט אריינלייגן, ווי לאַנג איר וועט נישט זיין פריי, ווי איך בין, מיין ליבער אשכנזי! — האָט זי אים געזאָגט פעסט.

מאַקס אשכנזי האָט עס נישט געקאָנט הערן.

— איר האָט צו מיר נישט קיין צוטרוי, מיין ליבע פרוי

מרגליות? — האָט ער זיך באַליידיקט און אויסגעטרונקען האַסטיק דאָס לעצטע ביסל טיי פון גלאָז.

די גרויסע, פעסט-געבויטע דאַמע, וואָס רעדט האַרט, אָפּגע-האַקט און מיט אַ מאַנסבילשער שטים, האָט אָנגעגאָסן פאַר אַשכּנזין אַ פרישע גלאָז טיי פון זילבערנעם סאַמאָוואַר, זי האָט אים אַוועקגעשטעלט אַ פולע טעלערל איינגעמאַכטס און מיט דער גרעס-טער זיסקייט, וואָס נאָר זי האָט געקאָנט אַרויסקריגן אויף איר האַרט מענלעך סוחריש פּנים, האָט זי אים באַרואיקט זיין אויפ-רעגונג.

— איך אַכטע אייך זייער, מיין ליבער אַשכּנזי. איר האָט עס געזען, אָבער איר ווייסט דאָך, אַז אַ זאַך מוז דורכגעפירט ווערן סוחריש, באַטראַכט און באַוואָרנט. סוחרישאַפט איז קיין ברוי-דערשאַפט. — מיר זענען ביידע קיין קינדער נישט, מען קאָן וואַרטן. פירט דורך צוערשט דעם גט!

— איך וועל עס דורכפירן, — האָט אַשכּנזי געזאָגט און אויפגעהויבן זיך אויף די שפּיץ פינגער, ווי שטענדיק, ווען ער דאַרף באַשליסן אַ גרויסע זאַך און ער דאַרף זיך צוגעבן וואָג, וויכטיקייט.

אַהיימקומענדיק, איז ער מער נישט פאַרפאָרן אין הויז, נאָר גלייך צו דער פאַבריק אין זיין בחורישער וואוינונג. אין זעלבן אָוונט, ווען ער האָט שוין אַלע געשעפטן געהאַט באַזאָרגט, האָט ער אַרויס-גערופן צו זיך דעם פאַבריק-אַדוואָקאַט און דורכגערעדט זיך מיט אים וועגן אַ פאַמיליע-זאַך, וועגן אַרויסקריגן אַ גט ביי זיין ווייב דינה, פון הויז אַלטער.

— האָט דער פאָטער אירער געמאַכט אַן אַקט-אינטערציזי, — האָט דער אַדוואָקאַט געפרעגט.

— צום גליק נישט, — האָט אַשכּנזי געענטפערט.

— דאָס איז גוט, — האָט דער אַדוואָקאַט געזאָגט און דורכ-גערעדט מיט אַשכּנזין די זאַך פון אַלע זייטן.

באַלד דערנאָך האָט מאַקס אַשכּנזי אָנגעשריבן אַ בריוו צו זיין ווייב, אַ בריוו אַ געשעפטלעכן און אַ טרוקענעם, אין לאַנגע דייטשע זאַצן, אַז צוליב דעם, וואָס די עטלעכע און צוואַנציק יאָר צוזאַמענלעבן איז געווען נישט קיין געראָטנס, און אַז סיי זי, סיי

ער קאָנען זיך פאַנאַנדערגיין ווי פריינט. דעריבער בעט ער, אין גיכסטן טערמין, אים צו לאָזן וויסן, ווי אַזוי די זאַך קאָן צו־שטאַנד קומען, באַטראַכט און געשעפטלעך, אַזוי וועגן איר איי־גענער פאַרזיכערונג, אַזוי אויך וועגן די קינדערס. ווי אַ סאָלידער געשעפטסמאַן האָט ער צוגעגעבן, אַז ער גלויבט אין דער פאַר־נונפטיקייט און גוטן ווילן פון דעם צד, וואָס וועט די פיינלעכע אָבער נויטיקע שיידונג דורכפירן סאָליד און מענטשלעך, אויף וואָס ער וואַרט ווי אַמגיכסטן, מיט דער גרעסטער אַכטונג און שעצונג, מאַקס אשכנזי.

ער האָט עטלעכע מאָל איבערגעלייענט דעם טעקסט, געבליבן פון אים צופרידן און אים איבערגעגעבן דעם דינער מעלכיאָר צו באַזאָרגן.

ער האָט זיך געלייגט אין בעט אַ צופרידענער און פול מיט האָפענונג. אין חלום האָט ער זיך געזען אַלס באַלעבאָס פון דער הונצע־מאַנופאַקטור־אַקציען־געזעלשאַפט, דער קעניג פון לאָדזש. די געדרייטע רויכן האָבן ווי אַ קרוין באַצירט זיין קאָפּ.

קאַפּיטל זיבעצן

אַ פייער פון צאָרן, באַליידיקונג און צעטרעטענעם ווייבערישן שטאָלץ האָט אָנגעצונדן די בלוטן פון דינהלע אשכנזי, ווען זי האָט איבערגעלייענט דעם דייטשן בריוו פון איר מאַן, דעם גע־שעפטלעכן בריוו מיט די אַכטונגספולע סוחרישן רייד.

— גערטרוד, טאָכטער! — האָט זי געגומען רופן די טאָכטער, וואָס איז נאָך געלעגן אין בעט נאָך אַ שפּעטיקן נאַכטיקן באַל. — גערטרוד, שטיי אויף, קום אַריין! גיכער!

גערטרוד איז אַריין אַ פאַרשלאָפענע אין לאַנגן נאַכט־העמד איבער די טריט. זי האָט געטראָפן די מוטער האַלב־פאַרחלשט. ביי אירע פיס האָט זיך געוואַלגערט דער בריוו.

— געבן דיר וואַסער, מאַמע? — האָט זי געפרעגט דער־שראָקן. — וואָס איז געשען?

— לייען, — האָט די מוטער געזאָגט און זיך מיטביידע

הענט געדריקט די שלייפן, וואָס בלויע אָדערלעך האָבן גלייך שאַרף אַרויסגעטרעטן אויף זיי דורך דער זייער ווייסער הויט.

גערטרוד האָט גיך איבערגעלייענט דעם בריוו און זיך פאַנאַנ־דערגעלאַכט.

— כאַ, כאַ, כאַ, ווי קאָמיש! ווי אומגעהייער קאָמיש.

די מוטער האָט אויף איר געקוקט מיט גרויסע אויגן.

— דו לאַכסט? — האָט זי געפרעגט מיט שרעק.

— וואָס דען וויינען זאָל איך? — האָט ס׳מיידל געענטפערט.

— שוין לאַנג צייט געווען דאָס צו טאָן. בעסער שפּעטער ווי קיינ־מאָל נישט.

— גיי אוועק! — האָט די מוטער זי געטריבן. — גיי! גיי!

זי האָט נאָך אַמאָל איבערגעלייענט דעם בריוו. ביי יעדער זאַץ האָט אַלץ מער בלוט צוגעשלאָגן צו איר קאָפּ. דאָס שטאָלצע אַל־טרישע בלוט האָט געזאָטן.

ער, אָט דער כניאָק, אָט דער שמחה מאיר, וואָס זי האָט אים נישט געוואָלט אָנקוקן, וואָס זי האָט זיך געמיאוסט פון אים, נישט געקאָנט פאַרטראָגן יעדן ריר זיינעם, אָט דער לאַפּסעדראַק, דער פלוט, דער ווילדער חסיד, וואָס האָט ווי א הונט געזוכט איר בליק, איין גוט וואָרט, וואָס איז צו אירע פיס געפאַלן — ער וואַרפט זיך איצט מיט איר, מיט ר׳ חיים אַלטערס איינציקער טאָכטער!

צוערשט איז די באַליידיקונג געווען אַזוי גרויס, אַז זי האָט נאָר געהאַט איין וואונטש, איין שטאַרקן ווילן, אָנצושפּייען אים אין פּנים אריין און שוין, גלייך מיט אים אריינצוגיין צום רב און נעמען א גט. קיין איינציקע מינוט וויל זי נישט טראָגן מער אָט דעם פאַרשאָלטענעם פאַסקודנעם נאָמען פון דעם כניאָק. זי פאַר־לאַנגט אפילו פון אים גאָרנישט. זאָל ער איר בלויז אויסצאָלן די טויזנטער רובל נדן, וואָס דער פאָטער אירער האָט אים נאָך צו־געצאָלט צו דער חתונה, און זאָל ער גיין, זאָל ער מער זיך פאַר איר נישט ווייזן מיט זיין פאַסקודנעם כניאָקישן פּנים. אויך די קינדער זאָלן בלייבן מיט איר. ער זאָל זיך נישט דערוועגן קומען אַמאָל צו זיי און זי וועט נישט לאָזן, אַז זיי זאָלן גיין צו אים. זיי נעהערן זיך גאָרנישט מער אָן. זי וועט אוועק פון דאַנען, פון דער שטוב, פון די זאַכן. זי וויל גאָרנישט מער האָבן קיין אָנגע־

הערקייט מיט עפּעס פון דער שטוב, פון דעם קבר, וואו זי האָט אירע יונגע יאָרן באַגראָבן. זי וועט צוריקגיין צו די עלטערן, ווי אַמאָל.

באַלד איז דער אייגענער שטאָלץ אָפּגעטרעטן און די בלויזע באַליידיקונג איז געבליבן, די דערנידערונג און שפלות.

ער איז גערעכט, א מצוה אויף איר. אויב זי האָט געקאָנט מיט אים, מיט דעם כניאָק, אָפּלעבן א לעבן און נישט פאַנאַנדערגיין זיך מיט אים באַצייטונס, ווען זי איז נאָך יונג געווען, מעג ער איר איצט אָפּצאָלן, מעג ער זיך איצט וואַרפן מיט איר, ווי מיט א שמאַטע, ווי מיט אַן אַלטן בעזעם. ער וועט נאָר צופרידן זיין, ווען זי וועט אים גיך געבן א גט. עס וואַרטן שוין אויף אים אַנדערע פרויען, יונגע, שיינע, בליענדיקע. פאַר געלט קאָן מען אַלץ קריגן. ער וועט חתונה האָבן, נעמען פירן א רייך הויז, אַרומפאָרן מיט זיין נייער אויסדערוויילטער אין דער קאַרעטע איבער דער פּיעטראָקאָווער גאַס פאַר אַלעמען, און זי וועט זיצן ביי טאַטע-מאַמע, אַן איינזאַמע, אַן עלנטע און פאַרשעמטע גרושה. ער האָט זי אויסגענוצט, גענו-מען זי, ווען זי איז געווען בליענדיק, שיין, ווען אַלע האָבן איר אויף די גאַסן נאָכגעקוקט. א לעבן האָט זי ביי אים אָפּגעפּטרט א פינס-סטערס, א לעבן אָן ליבע, אָן גליק, א לעבן אָן אינטערעס. איצט, אַז זי איז שוין עלטער, אַז די הויט קנייטשט זיך איר שוין, אַז די האָר ווערן שוין גרוי, אַז זי קאָן שוין באַלד אַ באָבע זיין — איצט וואַרפט ער זי אַוועק, בייט זי אויס אויף אַן אַנדערע. איצט האָט ער זיך אַרומגעזען, אַז די יאָרן פון לאַנגן צוזאַמענלעבן זענען גע-ווען נישט געראָטן און אַז עס איז בעסער זיך פאַנאַנדערצוגיין.

געווייס איז עס בעסער. אָבער פאַר וועמען? פאַר אים, נישט פאַר איר. זי האָט עס געדאַרפט טאָן באַלד, גלייך נאָך דער חתונה, אַפילו נאָכן ערשטן קינד, אַפילו נאָכן צווייטן קינד, ווען זי איז נאָך געווען יונג און פריש. אָבער זי איז שטענדיק געווען א קנעכט, צום ערשט פון טאַטע-מאַמע, דערנאָך פון די קינדער. צוליב זיי האָט זי זיך געבראַכט פאַר א קרבן, נישט געהאַט דעם מוט קעגנ-צושטעלן זיך, צו בויען אַליין איר גליק פאַר זיך, נאָר פאַר זיך. איצט, ווען זי איז שוין אַריבער די ערשטע ווייבערישע יאָרן, ווען זי האַלט ביים סוף, ביי דער פאַרוועלקונג, ווען זי איז מיד און

קרענקלעך, ווי אַלע ווייבער אין אַט די יאָרן — איצט האָט איר פאַנאַנדערגיין זיך נישט קיין זין. א באַליידיקונג איז עס בלויז פאַר איר, א חרפּה פאַר מענטשן. ווי אַן ארויסגעוואָרפענע וועט זי אויסזען, ווי אַן אַלטע שמאַטע. ניין, זי וועט אים דעם פאַרגעניגן נישט אָנטאָן, דעם מאַן אירן. זי האָט אים טאַקע פיינט, זי האַסט אים, אָבער ארויסלאָזן וועט זי אים נישט. זאָל אים נישט אָנקומען אַזוי גרינג דאָס לעבן.

באַלד נאָכדעם איז אָנגעקומען א געפיל פון הילפלאָזיקייט, פון חרטה, פון אייגענעם געוויסן-פיין.

זי איז זיך אַליין שולדיק. זי איז צו פאַררימן געווען ביי זיך. זי האָט דעם אייגענעם מאַן פון זיך געטריבן, נישט אָפּגעשאַצט אים, געפירט זיך מיט אים נישט ווי א ווייב דאַרף. ער האָט קיינמאָל פון איר קיין גוט וואָרט נישט געהערט, קיין גלייכע מינע געזען. זי איז, אמת, אין אים נישט געווען פאַרליבט. קענען איר ווילן האָט מען אים איר געגעבן. אָבער זי האָט געדאַרפט שלום מאַכן מיטן פאַקט. אַזוי לעבן מערנסטנס ווייבער. זי האָט איר לעבן געפּטרט ביי ביכלעך. ביי די ביכלעך האָט זי קינדער געבוירן און דערצויגן, ביי די ביכלעך האָט זי איר יוגנט פאַרשפּילט. זי האָט קיין שטוב זיך נישט געמאַכט, קיין מענטשן נשט דערנענטערט צו זיך, דעם אייגענעם מאַן פאַרפרעמדט. איצט צאָלט זי איר שטראָף, איר פאַר-דינטע שטראָף. אַזוי ווי מען בעט זיך, אַזוי שלאָפט מען. אויב זי האָט זיך נישט געגרייט קיין נעסט אין דער יוגנט, דאַרף זי איצט אויף דער עלטער בלייבן אַליין, א פאַרבלאָנדזשעטע שוואַלב. צוליב איר זענען די קינדער אויך אויסגעוואַקסן פרעמד, ווייט פון דער שטוב. איינגאַנץ איז אין דער פרעמד, האָט פיינט דעם פאָטער און צו איר האָט ער בלויז פאַראַכטונג. די טאָכטער הוליעט ארום, וויל אין שטוב נישט איינזיצן. און פאַרוואָס זאָל זי איינזיצן, ווען אין שטוב איז תמיד איינזאַם, פרעמד, אָן שלום צווישן טאַטע-מאַמע? זי, די מוטער, האָט געדאַרפט בויען די שטוב, מאַכן זי היימיש, וואַרעם, זאָרגן פאַר א מיידל, זי זאָל צו א תכלית קומען. זי האָט עס נישט געטאָן, און די טאָכטער איז פאַרפרעמדט געוואָרן. זי זוכט איר גליק אין די פרעמדע שטובן, ביי חברטעס, חברים, און מער פון אַלץ פאַרברענגט זי ביים אייגענעם פעטער, ביי

יאקובן, אין פלידערבוימס פּאַלאַץ, וואו עס איז לוסטיק און פריילעך.

אַ שטאָך האָט איר געגעבן אין דער ברוסט. זי האָט געוואוסט, אַז מער ווי צוליב דער לוסטיקייט, מער ווי צוליב די פריילעכע געסט אין פּאַלאַץ, גייט זי, גערטרוד, דאָרט צוליב דעם אייגענעם אָנקל, צו וועלכן זי קלעפּט אינגאַנצן. נישט ווי צו אַן אָנקל קלעפּט זי צו אים אַזוי, נאָר ווי צו אַ מאַן, ווי צו אַ געליבטן. נאָך קליי־נערהייט האָט זי אים מיט קושן באַדעקט. אויך ער, יאַקוב, לייגט מער אַריין אין זיינע צערטלעכקייטן צום מיידל, ווי ריין משפּחהשע טריישאַפט. אָ, זי ווייסט עס. אַ פרוי קאָן מען נישט אָפּנאַרן אין אַזעלכע זאַכן, אַ מאַמען אודאי נישט. אָט דאָס, וואָס זי האָט אין לעבן פאַרשפּילט, האָט איצט געוואונען איר טאָכטער, צו דעם, צו וועמען זי האָט געצויגן, גייט איצט איר אייגן בלוט און פליישׂ. ווי גרויזאַם דאָס לעבן איז! זי, וואָס איז מיט יאַקובן אין די אייגענע יאָרן, איז אַלט און פאַרוועלקט. און ער איז יונג און פריש און גליקלעך. און איר טאָכטער קוקט אין אים, ווי אין אַ בילד אַריין. וועד ווייסט, צו וואָס דאָס קאָן דערפירן. דאָס אַלץ איז איר שולד, נאָר אירס. זי האָט געלעבט אַ נאַריש לעבן, אַן אומזיניקס, אַן אומגעלומפּערטס. זי האָט געמיינט, אַז דאָס לעבן איז ביכלעך, פרעמדע אויסגעטראַכטע גליקן און טראַגעדיעס. איצט האָט זי אַן אייגן אומגליק, נישט קיין פּאַפּירנס, נישט קיין אויסגעטראַכטס, נאָר אין אייגענעם לעבן, אין אייגענעם בלוט. ווי אַנדערש איז דאָס פון דעם פּוסטן פּאַפּירענעם גליק און אומ־גליק, אין וועלכן זי האָט די יאָרן פאַרבראַכט. ווי דאָס ווײ־טאָקט, שטעכט און ברית!

זי האָט געשיקט די דינסט נאָך דער מוטער. שוין זאָל זי קומען די מוטער, די רגע.

פריוועו איז געקומען אַ גרויסע, אַן אַלטע, אַ צעוואַקסענע, פול מיט קעניגליכער ווירדע און בכבודיקער אַלטקייט. איר שייטל איז נאָך אַלץ געווען בלאָנד און אָנגעקאַרבירט, ווי זי פלעגט עס טראָגן אין דער יוגנט. נאָך איר איז נאָכגעגאַנגען איר מאַן ר׳ חיים, אַ ווייסער, אַן אַלטער, נאָר מיט פרישע, גלאַנצנדיקע אויגן. פריוועו האָט געברענט פון צאָרן אויף די מענער.

— זיין גליק איז, וואָס איך האָב אים דאָ נישט געפּאַקט, דעם גן-עדן מיינעם, — האָט זי געשריגן. — מיט אָט דעם פּאַראַסאָל וואָלט איך אים געשלאָגן. מיט מיין טאָכטער וואַרפט ער זיך! שוין פאָר איך צו אים אין דער פאַבריק. פאַר אַלעמען אין די אויגן וועל איך אים פּאַטשן.

קוים מען האָט זי אָפּגעהאַלטן.

— פריוועשי, פּריווע-לעב — האָט ר׳ חיים זי באַרואיקט, — רעג דיך נישט אויף ס׳האַרץ! לאָז עס פאַר מיר, פאַר אַ מאַנסביל.

—אַ מאַנסביל? — איז פּריווע געוואָרן אויפגעקאָכט. — אַ שמאַטע ביסטו, נישט קיין מאַנסביל!

זי האָט שוין געוואוסט, אַז דער מאַן אירער האָט ביי חתונה מאַכן דינהלען נישט באַוואָרנט זי, ווי אַנדערע טאַטעס טוען, נישט אונטערגעשריבן קיין „אַקט-אינטערציזי״, וואָס זאָל באַוואָרענען דאָס ווייב, אַז אַלץ, וואָס איר מאַן פאַרמאָגט און וועט פאַרמאָגן, וועט געהערן צו איר אַ גלייכער העלפט. וואָלט אַזאַ באַוואָרעניש געווען, וואָלט זי אים געלערנט דרך-ארץ, אַ העלפט וואָלט ער אָפּגעצאָלט פון פאַרמעגן און מען וואָלט אים אַרויסגעלאָזט, דעם טייערן פאַרשוין. אָבער חיים אַלטער האָט אין אַזעלכע זאַכן נישט געדענקט. און פּריווע האָט אים פאַרניכטעט מיט אירע קאַלטע בלויע אויגן.

— שלימזל, — האָט זי אים געזידלט, — אידענע, שמאַטע. צום ערשט זיך אַליין געלאָזט אָפּנאַרן פון שמחה-מאירלען, איצטער — די אייגענע טאָכטער...

ר׳ חיים איז געשטאַנען אַ בלאַסער, אַ פאַרלוירענער.

— נו, גענוג, פּריוועשי, גענוג, — האָט ער זיך ביי איר געבעטן, — ס׳איז נאָך דאָ דין ומשפט אויף דער וועלט. איך וועל נישט שווייגן, איך וועל גיין צו רבנים, צו מענטשן.

— שכנא, לויף! — האָט פּריווע אים אויסגעלאַכט, און זי איז האַסטיק צו צום טעלעפאָן. זי האָט אָנגעקלונגען אין פאַבריק צו די פּלידערבוים און מיטן שענסטן פּויליש, וואָס נאָר זי האָט פאַרמאָגט, מיט אַלע ווייבערישע צערטלעכקייטן און פּריצישע העפלעכקייטן, וואָס זי האָט נאָך געדענקט פון מיידלוויַיז, ווען זי איז

אין פענסיאָן געגאַנגען, האָט זי געבעטן גלייך צו פאַרבינדן זי מיט דעם הער יאַקוב אַשכנזי.

— יאַקוב, טייערער, זון גאָלדענער, — האָט זי אים געזאָגט אין פּויליש, כאָטש זי האָט אים געקענט נאָך, ווען ער פלעגט קומען מיט דעם שבתדיקן אַטלאַסענעם קאַפּאָטקעלע צו איר אין שטוב אַריין נאָך שבת-אויבסט, — קום שוין צו פאָרן צו דינהלען, שמחה-מאיר איז נישטאָ, מענסט קומען, און שוין, גילדענער! אײַל צו דעם קוטשער, האַרציקער.

זי האָט געהאַט אַ כוח, די פּריווע, ר׳ חיים אַליין האָט עס געוזען.

יאַקוב אַשכנזי איז אַריינגעפאַלן ווי אַ וויכער.

— וואָס איז געשען? — האָט ער געפרעגט אַ דערשראָקענער.

— נאַ, לייען! — האָט אים פּריווע צוגעטראָגן דעם ברודערס בריוו.

יאַקוב האָט גיך געלייענט.

— אויסוואורף, פּאַדלעץ, טכויער, — האָט ער ביי יעדן נייעם זאַץ צוגעגעבן אַ זידל-וואָרט. אַז ער האָט דעם בריוו געענדיקט, האָט ער אים אַ שמיץ געגעבן אין דער ערד און זיך אַריינגעוואָרפן אין אַ פאָטעל.

— דינהלע, — האָט ער געזאָגט, — איך וועל זיין אויף דיין זייט. אַ פאַרמעגן זאָל מיך קאָסטן. באַלד גיב איך עס איבער מיין אַדוואָקאַט, און געלט, וויפל נאָר דו וועסט דאַרפן. לאָז עס איבער צו מיר.

פּריווע האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט און יאַקובן צוויי מאָל אויסגעקושט די באַקן, איינע נאָך דער אַנדערער.

— כ׳האָב עס געוואוסט, — האָט זי געזאָגט.

זי האָט עטלעכע מאָל געשאָקלט מיט קעניגלעכן קאָפּ און גע-זאָגט שאַרף:

— ווי וואָלט איך זיך אַליין אויסגעפּאַטשט, וואָס איך האָב דיך נישט פאַרשטאַנען, טאַכטער, געדענקסט, ווי דו האָסט מיך געבעטן, מען זאָל דיר בעסער געבן יאַקובן.

דינהלע איז רויט געוואָרן, באַגאָסן זיך מיט בלוט.

ר׳ חיים האָט עס נישט געקאָנט הערן.

— פריוועּ, — האָט ער געברומט בייז, — אַ גאָט־זאַך געווען, אַ זיווג אַ באַשערטער.

דער קריג אין דער משפּחה אשכנזי איז אויסגעבראָכן מיט עקשנות, מיט פייער.

פון איין זייט איז געשטאַנען מאַקס, אַ ווילדער עקשן, אַן איינעסנדיקער, אַן ענערגישער, אַ נוטר־ונוקם, פול מיט צאָרן, וואָס מען שטערט אים אין זיין גרויסן פּלאַן; פון דער צווייטער זייט— דער ברודער זיינער, אַ ריזיקאַנט, אַ ברייטער פּאַרשוין, וואָס געלט איז ביי אים אַ ממזר, וואָס צוליב מענטשן און קאַפּריזן איז ער גרייט דאָס העמד פון לייב אַראָפּצונעמען. צווישן זיי ביידע איז געשטאַנען דאָס הויז, דינהלע מיט די קינדער און אירע טאַטע־מאַמע. זיי האָבן זיך גלייך אַריבערגעקליבן אין הויז אַריין צו דער טאָכטער, ר׳ חיים אַלטער און זיין ווייב. זיי האָבן זי נישט געקאָנט איבערלאָזן אַליין אין אַזאַ צייט. מאַקס איז געוואָרן גרין און געל, אַז דער הויז־פּאַרוואַלטער זיינער, שלמהלע קנאַסטער, האָט אים די נייעס געבראַכט אין פאַבריק אַריין, צוזאַמען מיט דעם דירה־געלט, וואָס ער האָט איינגעמאָנט ביי די לאָקאַטאָרן אין הויף.

— אידיאָט, וואָרום האָסטו זיי אַריינגעלאָזט? — האָט ער געזידלט דעם פּאַרוואַלטער.

— וואָס האָב איך געקאָנט טאָן? — האָט שלמהלע געענטפערט, ווערנדיק נאָך קלענער, ווי ער איז אַלע מאָל געווען, ער האָט דאָס קעפּל איינגעצן פאַרלוירן אין נידעריקן האַלז זיינעם, ווי אַ הון, וואָס דערשרעקט זיך פאַר אַ בייזן קריגערישן האָן.

נאָך צאָרניקער איז מאַקס געוואָרן, ווען דער פּאַרוואַלטער האָט אים דערציילט וועגן ברודערס קאַרעטע, וואָס פאַרפאָרט דאָרט אָפט צו זיין וואוינונג.

— זאָ איין הונט! — האָט ער געזידלט.

ער האָט געטאָן אַלץ, כדי צו צווינגען די פרוי צו נעמען אַ גט. ער האָט איר אויפגעהערט צאָלן וואַכן־געלט, נישט נאָר פאַר איר אַליין, נאָר אויך פאַר דעם זון אין אויסלאַנד, איר ליבלינג. אָבער אין שטוב האָט קיין זאַך נישט געפעלט.

— ס׳איז דאָרט דאָ פון בעסטן און שענסטן, — האָט שלמה קנאַסטער געזאָגט. — איך קוק מיך צו און איך זע.

מאקס אשכנזיס פּאָליטיק, וואָס נוצט אים אַזוי שטענדיק ביי זיינע קריגערייען מיט שוואַכערע — אויסצוהונגערן דעם קעגנער, — האָט דאָ קיין פּעולה נישט געהאַט. דער ברודער זיינער האָט געוואָרפן מיט געלט. אויך די אַדוואָקאַטן זיינע האָבן גאָרנישט גע־קאָנט מאַכן. יאַקובס אַדוואָקאַטן האָבן אַלע זייערע שפּיצלעך פאַר־אויסגעזען און אָפּגעשלאָגן.

מאַקס האָט גענומען גיין מיט רבנים. פון אַלע צייטן האָט ער די רבנים געהאַלטן אויף אַ שלעכטן פאַל, ווען מ׳קאָן אין געריכט גאָרנישט מער אויספירן. אַ גרויסער בריה איז ער געווען ביי די דין־תורהס, ער איז קלאָר געווען אין אַלע שפּיצלעך און דריידלעך. געקאָנט פאַרטומלען און פאַרשרייען, אָבער יאַקוב האָט צו קיין דין־תורה נישט געלאָזט גיין דינהלען.

— איך וויל אייך דאָ מער נישט זען, ר׳ איד, — האָט ער גע־זאָגט צום שמש, וואָס איז אים געקומען רופן צום רב אויף אַ דין־תורה.

מאַקס האָט גענומען שיקן דעם שמש צום שווער. ער, איז מאַקס געווען זיכער, וועט אַ דין־תורה מוזן אָננעמען. ר׳ חיים איז טאַקע געגאַנגען. אָבער צווינגען די טאָכטער צו קומען האָט ער נישט געקאָנט.

מאַקס אשכנזי האָט אָנגעהויבן אָפּטאָן רשעות זיין ווייב. קליינע צרהלעך. ער האָט דורך זיין פאַרוואַלטער שלמהלע געלאָזט אָנקלאָגן זיין ווייב אין געריכט אויף אַרויסצוואַרפן זי פון דער וואוינונג. דינהלע איז געבליבן זיצן אַ געליימטע, ווען דער געריכט־דינער האָט איר געבראַכט אַן אָנקלאַגע צו שטעלן זיך אין געריכט, אָנגעקלאָגט פון סימכע מאיר אשקענאַזי. אָבער יאַקוב האָט איר נישט געלאָזט גיין, נאָר געשיקט זיין אַדוואָקאַט. דער אַדוואָ־קאַט האָט אָפּגעשלאָגן די אָנקלאַגע. אַז מאַקס האָט געזען, אַז מיטן געריכטלעכן וועג איז אַ לאַנגע מעשה, אַ פאַרשלעפּעניש, האָט ער געהייסן זיין פאַרוואַלטער אַנדערע זאַכן אָפּטאָן. דאָ האָט דער הויז־וועכטער פאַרמאַכט דאָס וואַסער אין קעלער, דאָ איז קאַליע געוואָרן די גאַז־באַלייכטונג. יאַקוב אשכנזי האָט דעם קליינעם הויז־פאַרוואַלטער שלמה קנאַסטער אַרויפגערופן צו זיך און אים גוט ביי די לאַצן אויסגעטרייסלט.

— זאָלסט זיך מיר נישט דערוועגן מאַכן קיין קונצן אין הויז, — האָט ער אים אָנגעזאָגט. — אָט מיט דעם שפּיצרוט וועל איך דיר אויסשמייסן!

פון שלמהלעס דערשראָקן קעפּל איז שוין גאָרנישט נישט געבליבן.

— וואָס בין איך שולדיק? — האָט ער געוויינט ווי אַ אינגל.

— איך טו. וואָס מען הייסט מיר, איך האָב אַ ווייב מיט קינדער...

און טאַקע נאָר ווי ער האָט צו דער נייער וואָך אָפּגעטראָגן זיין באַלעבאָס אין פאַבריק אריין דאָס דירה־געלט פון הויז, האָט ער דערציילט אים וועגן יאַקובס ווערטער, צוזאַמען מיט אַ סך אַנדערע זאַכן, וואָס טוט זיך אין שטוב, יעדע קליייניקייט. מאַקס אשכנזי האָט זיך זייער גיך געקראַצט אין שפּיץ בערדעלע.

— זאָג נאָר, שלמהלע, — האָט ער געפרעגט, — ווי אַזוי זענען די פּאָדלאָגעס אויפן צווייטן שטאָק, איבער מיין וואוינונג?

— זייער גוטע פּאָדלאָגעס, — האָט שלמהלע געזאָגט.

— ביסט אַן אידיאָט, — האָט זיין באַלעבאָס אויף אים אָנגעשריגן. — די פּאָדלאָגעס זענען שלעכט. קוים וואָס זיי האַלטן זיך.

— זיי זענען שלעכט, קוים וואָס זיי האַלטן זיך, — האָט שלמהלע גלייך נאָכגעזאָגט דעם באַלעבאָס.

— מען דאַרף סופיטן דורכהאַקן אין מיין וואוינונג, אַ נישט קאָנען זיי איינפאַלן.

— אודאי קאָנען זיי איינפאַלן, — האָט שלמהלע נאָכגעזאָגט.

— שוין מאָרגן זאָלסטו רופן מוליאַרעס, זיי זאָלן נעמען האַקן די סופיטן.

— שוין גיי איך, — האָט שלמהלע געזאָגט.

— אַז זיי וועלן האָבן דורכגעהאַקט, זאָלסטו נישט איילן זיך צו פאַרקלעפּן זיי צוריק, וועסט אויסגעפינען פאַר די באַלמעלאָכעס אַנדערע אַרבעט דערווייל.

— כ'וועל אויסזוכן אַנדערע אַרבעט, — האָט שלמהלע נאָכגעזאָגט ווי אַ ווידער־קול.

— און די צונג זאָלסטו האַלטן צווישן די ציין, הערסט?

אפילו דיין אייגענער אידענע זאָלסטו קיין וואָרט נישט זאָגן, וואָס איך רעד צו דיר.

— קיין איין וואָרט נישט, — האָט שלמהלע נאָכגעזאָגט און געאײַלט זיך אהיים, צום ווייב, כדי איר גלייך צו דערציילן בסוד אַלץ, וואָס דער באַלעבאָס האָט אים נאָר געזאָגט.

גלייך צומאָרגנס האָבן מוליארעס גענומען האַקן די פּאָד־לאָגעס אויפן צווייטן שטאָק, דורכלעכערנדיק די סופיטן ביי דינהלען אין דער דירה. אין שטוב איז געוואָרן אַ טומל, אַ בהלה, עס איז נישט געווען אײַנצוזיצן.

פריווע האָט גערופן אַרויף צו זיך דעם הויז-פּאַרוואַלטער און אים געגעבן אין באַק.

— נאַ דיר פאַר דיינע קונצן, — —האָט זי אים געזאָגט.

דאָס קליינע אידעלע האָט אָפּגעווישט די באַק און פאַנאַנ־דערגעוויינט זיך.

— וואָס בין איך שולדיק ? — האָט ער געיאָמערט ווי אַ אינגל. — איך טו, וואָס מען הייסט מיך. איך האָב אַ ווייב מיט קינדער...

שפּעטער מיט עטלעכע טעג זענען געקומען מוליארעס מיט עמערס און אייזנס און געוואָלט פאַנאַנדערנעמען די אויוונס, וואָס זענען קאַליע, די ווענט איבערשטעלן, ווייל דער טינק איז ווייך גע־וואָרן. פריווע האָט זיי נישט אַריינגעלאָזט, אָבער די מוליארעס זע־נען נישט אָפּגעטרעטן, געקלאַפּט אין טיר און געזאָגט, אַז מען האָט זיי געשיקט. באַלד דערויף האָט שלמהלע אויך פאַרדונגען אַ וואוי־נונג קעגנאיבער זיין באַלעבאָסטע פאַר אַ טאָקערייַ, וואו מען האָט נישט אויפגעהערט שלייפן, רוישן און זשומען, אַז די אויערן האָבן וויי געטאָן פון גערויש. דינהלע האָט נישט געקאָנט אײַנזיצן ביי אירע ביכלעך. פריווע האָט זיך אַרומגעבונדן דעם קאָפּ מיט אַ טיכל און געשריגן, אַז זי וועט צו דעם שמחה מאַירן אַריבער אין פאַבריק און פאַטשן אים, די אויגן אויסדראַפּן צווישן אַלע מענטשן.

עס האָבן אים נישט אויסגעפעלט קיין איינפאַלן, מאַקס אשכנזי, ער האָט זיי געהאַט אַלע מאָל נייע, ווען נאָר שלמהלע קנאַסטער איז געקומען צו אים אין פאַבריק אַריין אָפּצאָלן אים דאָס צונויפגענומענע דירה־געלט. ער האָט דעם הויף איבערגע־

דרייט, געגעבן זיי צו פילן אַ טעם ביי זיך. אין דעם, וואָס ער וועט זיי אַרויסקריגן פון דער וואוינונג, האָט ער געזען אַן אָנהויב פון אַרויסקריגן זיי אינגאַנצן, און ער האָט אַלץ געטאָן, אַרויסצובייסן זיי פון זיין הויז. יאַקוב האָט ביי קיין פאַל נישט געלאָזט דינהלען אַוועק פון דער וואוינונג.

— איך וועל דיר צעטרייבערן! — האָט ער געדונערט אויף שלמהלען.

מער נאָך ווי ער אַליין, מאַקס אַשכנזי, האָבן זיינע אַדוואָקאַטן געטראַכט וועגן צווינגען די איינגעשפּאַרטע פרוי צו נעמען גט פון איר מאַן, פּונקט אַזוי האָבן יאַקובס אַדוואָקאַטן געטראַכט, ווי אַזוי קעגנשטעלן זיך מאַקס אַשכנזי.

די מלחמה צווישן די ברידער האָט געפלאַקערט. דינהלע איז געלעגן אין די נעכט אַן שלאָף און געוויינט אין די קישנס אויף איר פינסטער מזל. זי איז אַנטשלאָפן געוואָרן ערשט מיטן פייף פון די ערשטע פאַבריק־סירענעס.

קאַפּיטל אכצן

אויף די ווענט פון די לאָדזשער טויערן, צווישן די געדיכטע פאַבריקע שילדלעך פון געשעפטן און קראָמען, פון אויסגעמאָלטע שטיקלעך סחורה, געלע לייבן, וואָס זענען ענלעך צו קאָטערס, שטייפע אויסגעפּרעסטע עלעגאַנטן מיט רויטע און געלע פּנימער און מיט שמאָלע שטעקלעך אין די הענט, צווישן דיקע כלהס אין ווייסן מיט בוקעטן אין די געשוואָלענע רויטע הענט, צוזאַמען מיט אַלערליי אידישע, פּוילישע, רוסישע און דייטשע נעמען פון אַלער־ליי סוחרים, קאָמיסיאָנערן, מעקלערס, פאַבריקאַנטלעך, אין דעם גאַנצן געדיכטעניש פון נעמען, אַרטיקלען, מסחרים, אַלץ אין געלע פאַרבן, באַצירט מיט שילדן־מאָלערישע בילדלעך און פאַרפּוצט מיט געדרייטע עקן — זענען גרויסע מעלדונגען געהאַנגען: מעל־דונגען וועגן באַלאַגערונגס־צושטאַנד, וואָס איז אין שטאָט גע־וואָרן איינגעפירט. די מעלדונגען, אונטערגעשריבן פון בריגאַדע־גענעראַל קאָניצין, האָבן מיט קורצע ווערטער גערופן די שטאָטישע

איינוואוינער נישט צו זאמלען זיך אויף די גאסן, נישט צונויפצוקומען זיך אין די שטובן, נישט צו פארשפרייטן שלעכטע קלאנגען, נישט קעגנצושטעלן זיך די באפעלן פון דער פאליציי און סאלדאטן אין די גאסן. ווער עס וועט עובר זיין אויף די באפעלן, וועט געשטעלט ווערן אונטער קריגס־געריכט און געמשפט ווערן לויט די קריגס־געזעצן פון מיליטערישן פעלד־געריכט, ביז טויט.

נעבן אט די מעלדונגען, אפטמאל אויף זיי ארויפגעקלעפט, זענען געהאנגען פראקלאמאציעס, וואס האבן גערופן די איינוואוינער צו זאמלען זיך אויף די גאסן, צו דעמאנסטראציעס, צו שטרייקן און צו פראטעסטן. די באוואפנטע סאלדאטן, געפירט פון פריסטאוועס און זייערע געהילפן, זענען ארומגעגאנגען איבער די גאסן, געשטאנען אין אלע ראגעס און געטריבן, געשלאגן, געיאגט און ארעסטירט יעדן, ווער נאר עס איז זיי נישט געפעלן געווארן אין זייערע אויגן. אין די פאליציי־צירקלען זענען געשטאנען אויסגעשטעלטע קאזאקן מיט נאהייקעס אין די הענט. יעדע פארטיע ארעסטירטע, וואס מען האט געבראכט פון גאס, האט געמוזט דורכגיין דעם בראנד־מארש פון די קאזאקן. די נאהייקעס האבן געהאגלט איבער זייערע קערפערס, איינגעשניטן זיך אין די לייבער, צעפאסעט די הויט. דער ביטערסטער פון אלע פריסטאווס איז געווען דער געהילפס־פריסטאוו יורגאוו, א דארער שפיציקער פארשוין, וואס איז געגאנגען תמיד פארוקט דאס היטל איבער די אויגן, ארומגערינגלט מיט זעלנער און אגענטן.

פון אונטער דעם פארוקטן דאשעק האט ער דערטאפט די רעוואלוציאנערן, דערשמעקט זיי, ווי א שפיר־הונט. מען האט די ארעסטירטע מער נישט געהאלטן אין דער טורמע אויף דלוגע גאס. צו ענג איז דארט געווען. האט מען זיי איבערגעפירט אין מאניעזש, אין דער מיליטערישער קירכע, וואס איז געמאכט געווארן פאר א טורמע. אבער ביז דער געהילפס־פריסטאוו יורגאוו האט זיי געבראכט צום ארט, האט ער זיי אויפן וועג געממיתט, געשלאגן, די זייטן אונטערגעהאקט, די ציין אויסגעשלאגן. מען האט געציטערט די גאס דורכצוגיין, וואו יורגאוו מיט זיינע קאזאקן זענען ארומגעגאנגען. דער אחדותניק שמשון דער מאלער, וואס מען האט אים גערופן שמשון פרינץ, ווייל ער האט ליב געהאקט צו טראגן

שיינע קליידער און קרויזן די שווארצע וואנסן, האט געלאזט וויסן זיין פארשטייער, אז ער וויל יורגאוון אפרוימען און ער בעט דעם קאמיטעט צו קריגן פאר אים א באמבע. דער פארשטייער האט זיך געזען מיט א מענטש פון קאמיטעט, אבער דער קאמיטעט האט זיך נישט געאיילט קיין באשלוס וועגן דעם אנצונעמען. איז דעם אחדותניק שמשון פרינץ מיאוס געווארן צו ווארטן און ער האט די זאך גענומען דורכפירן אליין, אן קאמיטעט. ביי א באקאנטן סטודענט, א כעמיקער, האט ער א באמבע געקריגן. ער האט זיך אויסגעפוצט אין די שיינע קליידער זיינע, איגנאנצן ווי א לאדזשער פאבריקאנטישער זון, ער האט זיינע שווארצע וואנסן גוט אויסגעקרייזלט, די באמבע אין א שיין פעקל פארפאקט, ווי שאקאלאד, מיט א רויט זיידן בענדעלע פארבונדן. ער האט דאס פעקעלע, צוזאמען מיט א בוקעט רויזן, גענומען אין האנט, ווי ער וואלט צו א געליבטער אויף א וויזיט געגאנגען, און מיט א שטאלצער מינע און פארריסענעם קאפ געגאנגען איבער די גאסן. ווייבער האבן אים נאכגעקוקט מיט קנאה צו דער, צו וועמען ער גייט. פאליציאנטן און סאלדאטן האבן אים פריי געלאזט גיין זיין וועג.

ווען ער איז ארויסגעקומען צו אן עק גאס, וואו דער פריסטאוו יורגאוו איז געשטאנען מיט זיינע בעוואפנטע לייט, האט ער זיך אפגערוקט אויף א היפשן שטח. ער האט מיט די שווארצע ברענענדיקע אויגן אויסגעמאסטן א שטיקל גאס, אויף אזויפיל, אויף וויפל זיין האנט וועט קאנען שליידערן, און ער האט געווארפן דאס פארפאקטע פעקעלע צום פריסטאווס פיס.

ער איז צעריסן געווארן, דער פריסטאוו יורגאוו. אויף די דעכער פון די הייזער האט מען געפונען זיינע אפגעריסענע פיס, וואס זענען געפלויגן שטאקן-הויך צוזאמען מיט די ליאקירענע שטיוול און שפארן. די אנגעלאפענע זעלנער האבן באשאסן די גאס, געשאסן לאנג און גלייך, ווי אויף א שלאכט-פעלד. ווען די גאסן זענען פוסט געווארן, האבן זיי אויפגעהויבן די ביקסן צו די פענסטער פון די הייזער און באשאטן זיי מיט קוילן. די שפיטעלער זענען געווען פול מיט פארוואונדעטע. מען האט זיי געמוזט לייגן אויף דער ערד, אין די קארידארן, עס האבן אויסגעפעלט בעטן. אין פראסעקטאריום זענען די טויטע געלעגן אויסגעלייגט אין א ריי איינער

נאָכן אנדערן. פּאָליציי האָט קיינעם נישט אריינגעלאָזט צו דער־קענען זיי און צו טאָן מיט זיי זייער רעכט. מען האָט זיי געוואָלט באַגראָבן אין מיטן דער נאַכט שטילערהייט. אין די קאַזאַרמעס האָבן די סאָלדאַטן גערייניקט די ביקסן און געפּוצט די שטיוול, כדי שיין אויסצוזען אויף דער גרויסער לויה פון פּריסטאַוו יורגאָוו. די מיליטערישע קאַפּעליע האָט געפּוצט די טראָמייטן און איינשטו־דירט טרויער־מאַרשן. אין אָוונט האָט מען שוין די מענטשן אויף די גאַסן געטריבן אהיים, שלאָפן גיין.

אָבער לאָדזש איז נישט געשלאָפן.

אין די אָרעמע גאַסן ארום די פאַבריקן, אויפן באַלוט, זענען די ארבעטער געוועזן וואַך. די ווייבער און די קינדער האָבן ארויס־געשלעפּט אויף די הויפן די מאָגערע און צעשאָטענע שטרוי־זעק, אנטלאָפן פון די וואַנצן, פּרייסן, פליגן און זשוקעס, וואָס האָבן געראַיעט איז די אָפּגעשיילטע ווענט פון די שטובן, און אויסגע־לייגט זיך אויף די הויפלעך, אויף אַלע באַלעגאָלישע וועגענער און פלאַטפאָרמעס, אויף דער ערד, אויף די טרעפּ, אין יעדער ווינקל. די מענער זענען געווען אויף. די רעוואָלוציאָנערן האָבן זייער גיך פּראָקלאַמאַציעס ארויסגעלאָזט, גערופן צום פּראָטעקטאָריום, ארויסצוקריגן די געפאַלענע, כדי זיי באַערדיקן מיט כבוד און פּאַ־ראַד. אומעטום זענען ארומגעגאַנגען אַגיטאַטאָרן, רעדנער, און גערופן נישט צו גיין צו דער ארבעט, נאָר צו שטעלן זיך אין די רייען. אומזיסט האָבן פאַרטאָג די סירענעס פון די פאַבריקן גע־ריסן זיך מיט באַנומענע קולות. קיינער האָט זייער רוף נישט גע־הערט. צענדליקע טויזנטער מענער, פרויען, קינדער אפילו האָבן געשטראָמט אין די גאַסן, געזאַמלט זיך, געגאַנגען, מאַרשירט. אַלע געשעפטן האָבן זיי געשלאָסן, אַלע ווערקשטאַטן אָפּגעשטעלט, די באַוועגונג אין די גאַסן פאַרהאַלטן. ריי נאָך ריי, טריט נאָך טריט, שורה נאָך שורה זענען זיי געגאַנגען, אָנגעפילט גאַסן און געסלעך, מערק און פּלעצער. ווי אַ טייך צו פרילינג, וואָס ווערט איבערגעגאָסן איבער די ברעגעס און פאַרפלייצט אַלץ ארום זיך, רייסט איבער אַלע פאַרצוימונגען און וואַלן, שווענקט אָפּ אַלץ ארום זיך, שפּרייט זיך אויס אויף מיילן ווייט, אַזוי, אַז עס איז גאָרנישט צו באַגרייפן, פון וואַנען עס נעמט זיך נאָר צו אים אַזאַ

קראַפּט, אַזוי האָט די אָרעמע באַפעלקערונג געשטראָמט אין שטאָט, אַרויסגעקראָכן פון קעלערס און בוידעם-שטיבלעך, פון געסלעך און ווינקלען, פון לעכער און נעסטן.

לאַנגזאַם זענען די מענטשן געגאַנגען, פּאַמעלעך, אָבער זיכער, מיט פאַררִיסענע קעפּ, מיט געזאַנג אין די מײַלער.

דאָס בלוט פון פאָלק פאַרגיסן הענקער,
דאָס פאָלק לעבט איבער שווערע פּיין —
האָבן געזונגען די ווײַבער מיט די רויטע פענער.
נאָר די באַלוינונג ווערט נאָך קומען,
די ריכטער וועלן מיר דאַן זײַן.

האָבן די מענער מיט פעסטע ברוסט-שטימען איבערגעריסן די ווײַבערישע געזאַנגען.

פענער אידישע, פּוילישע, דײַטשע, אַלע רויטע, פלאַטערנדיקע, האָבן געשוועבט איבער די אָפּגעדעקטע קעפּ, איבער שוואַרץ-גע-קרויזלטע אידישע, איבער גלאַט-פלאַקסענע גוייִשע. דאָס רעגל-מעסיקע קלאַפּן פון די טריט, דאָס געזאַנג פון די מײַלער, דאָס ווייען פון די פענער האָט אָנגעצונדען, געררופן. פון אַלע טויערן, פון אַלע ווינקלען האָבן אַלץ נײַע שטראָמען אַרויסגעפּלייצט, אַרײַנ-געגאָסן זיך אין דער גרויסער כוואַליע. די מענטשן האָבן גע-שטראָמט אַלץ ווײַטער און ווײַטער ביז צו דער רײַכער פּיעטראָקאָ-ווער גאַס, צו דער גאַס פון געלט, הערשאַפט און גליק.

— שליסן די געשעפטן! אַראָפּנעמען די היטלען! — האָבן די מאַרשירנדיקע געררופן. די מענטשן האָבן געפאָלגט.

ביים ערשטן ראָג האָט זיך אָוועקגעשטעלט אַן אָפיציר אויף אַ פערד מיט אַ הוילער שווערד אין דער האַנט. הינטער אים איז געשטאַנען אַ מויער מיט סאָלדאַטן. זייערע באַיאָנעטן האָבן גע-גלאַנצט אין דער הייסער זון, געשפּילט זיך מיט דער ליכט.

— צוריקגיין! — האָט דער אָפיציר באַפוילן.
קיינער האָט זיך נישט גערירט.
— איך וועל שיסן! — האָט דער אָפיציר אַ געשריי געטאָן.
קיינער האָט זיך נישט גערירט.
— פייער! — האָט דער אָפיציר באַפוילן.
אַ זאַלפּ האָט דורכגעשניטן די הייסע שטויביקע לופט.

א ווײַלע האָט זיך די מאַסע א בויג געטאָן, ווי א קאָרן-פעלד אונטער דעם פויערישן שנייד-מעסער. באַלד האָט זי א כוואַליע געטאָן און גערוקט זיך פאָראויס אויף די באַיאָנעטן. שטיינער און קוילן האָבן גענומען האָגלען אויף די סאָלדאַטן.

דער אָפיציר האָט זיך פאַרמאָסטן מיט דער שווערד, אָבער ער האָט געכאַפּט א שטיין אין קאָפּ און אַראָפּגעקייקלט זיך פון פערד. די סאָלדאַטן האָבן זיך גערוקט הינטער זיך. די כוואַליע האָט זיך גערוקט פאָרויס.

— באַריקאַדן בויען! באַריקאַדן! — האָבן קולות גערופן.

— באַריקאַדן! באַריקאַדן! — האָבן טויזנטער קולות נאָכגעשריגן.

די שטראָמענדיקע כוואַליע האָט אויסגעריסן גאַז-לאָמפּן, שטיינער פון דער ערד, אַראָפּגעצויגן שילדן פון די געשעפטן, געהאַקט טירן, און באַריקאַדן געבויט. מען האָט אָפּגעשטעלט פורן, קאַרעטעס, אויסגעשפּאַנט די פערד, די וועגענער איבערגעקערט און אין די באַריקאַדן אײַנגעמויערט. באַלעגאָלעס מיט די בלויזע פערד און בײַטשן האָבן געוויינט, נאָר מען האָט זיי נישט געהערט. פון הויפן האָט מען אַרויסגעשלעפּט ברעטער, אײַזנס, טישן, בענקלעך. א וואָגן מיט מעל איז דורכגעפאָרן. מען האָט די זעק מעל אַראָפּגעוואָרפן און מיט זיי פאַרשטעלט די שפּאַלטן אין דער באַריקאַדע. אַזוי ווי די מוראַשקעס אַרום זייער נעסט, זענען די מענטשן אַרומגעלאָפן, געשלעפּט שטיקער, געמויערט, באַפעסטיקט. מען האָט לייכט איבערגעקערט שווערע טראַמוויַיען, אויסגעשרויפט רעלסן. דאָס פאָלן פון שווערע אײַזנס און לאַמטערנעס האָט פאַרהילכט די קרעכצן פון די פאַרוואונדעטע, וואָס מען האָט אַרײַנגעטראָגן אין די טויערן, די געוויינען פון די לעבעדיקע, וואָס האָבן געיאָמערט איבער די געפאַלענע.

די שטאָט איז פאַרגליווערט געוואָרן. אַלע טירן און טויערן האָבן זיך געשלאָסן. מענטשן האָבן זיך באַהאַלטן. בלויז די אָרעמע און אַרבעטנדיקע האָבן געהערשט אין שטאָט. זיי האָבן זיך פאַרבאַריקאַדירט, באַשיצט. קינדער האָבן געבראַכט צו טאַטעס טעפּלעך עסן פון דער היים, שטיקער ברויט. אינגלעך האָבן געברענגט צו שלעפּן שטיינער, ברעטער. אין שטאָט איז געווען שטיל. זעלטן,

אַז אַ קנאַל פון אַ שאָס האָט דורכגעלעכערט די שטילקייט. די נאַכט איז געווען טויב און פינסטער. קיינער האָט קיין פייער נישט אָנגעצונדען. הינטער אַ וואַנט פון אייזנס, ברעטער, זעק און פּע־סער זענען געזעסן ניסן, טוביה און זיין טאָכטער באַשקע און גע־וואַכט צוזאַמען מיט טויזנטער אַנדערע. די יוני־נאַכט האָט, ווי אַ דאַרפישע, אויסגעשפּרייט זיך איבער דער רויכערדיקער, באַלויכ־טענער און טומלדיקער שטאָט אין איר גאַנצער האַלב־חודשדיקער פּראַכט, נישט פאַרשטעלט פון רויך, נישט פאַרגעלט פון פייערן, נישט פאַרטומלט פון גערויש. די לבנה, אַ העלע און פולע, האָט אַ מילכיקע ליכט געגאָסן, די שטערן האָבן געפינקלט, געוואונקען, געשפּילט זיך אין באַהעלטעניש, אין יאָגעלעך. אַלעמאָל איז אַן אַנ־דערער אַראָפּגעפאַלן. אַ לייכט נאַכטיק ווינטל האָט זיך געבראַכט צו טראָגן פון הינטער דער שטאָט און מיטגעבראַכט מיט זיך ריחות פון געשניטן גראָז, פון פעלד־בלימעלעך, פון בליענדיקער אַקאַציע און פון סאָסנע־זאַפּט. דאָס ווינטל האָט אַ שפּיל געטאָן מיט האָר פון קעפּ, מיט צעשפּילטע מענערישע העמדער, מיט ווייַ־בערישע פאַלדן פון קליידלעך.

באַשקע האָט פאַרריסן די אויגן צום הימל, וואָס זי האָט אים זעלטן געזען אין דער רויכערנדיקער שטאָט אַזאַ ריינעם און לויכטנדיקן, זי האָט אַריינגעצויגן אין זיך די אָנגעטראָגענע ריחות, וואָס דער ווינט האָט מיטגעשלעפּט מיט זיך, און איר מיידלשע ברוסט האָט זיך געהויבן פון גליק און געהויבנקייט. די נאַכטיקע שטילקייט, די מילכיקע ליכט פון דער לבנה, דאָס שטערן־שפּיל, די פרעמדע ריחות, די סודותדיקע נאַכט אונטער באַריקאַדן, דאָס דערוואַרטן יעדע ווײַלע עפּעס אַ געשעעניש, אַ גרויס, אַ מוראדיקס און צוציענדיקס, האָט אויפגעקאָכט איר יונג בלוט. פאַרשיכורט עס.

— אַזוי צו שטאַרבן, — האָט זי געזאָגט שטיל צו ניסנען, און זי האָט פאַרמאַכט די אויגן.

— פאַרוואָס? מיר דאַרפן לעבן, — האָט ניסן געענטפערט און איר אָנגענומען ביי דער האַנט.

זי האָט זיך אין דער וואַרעמער האַנט איינגעקלאַמערט. זי האָט געפילט, ווי שטראָמען פייער גייען אַריבער פון דער מענערישער

האַנט אין אירער און צעגיסן זיך איר איבער אַלע גלידער, פון די שפּיץ נעגל אין די פיס ביז די וואָרצלען פון די האָר אין קאָפּ.

— חבר ניסן, — האָט זי געמורמלט, — פאַרוואָס אַנטלויפן מיר אַזוי פון גליק? איז עס דען נישט אויך פאַר אונז, קעמפער?

— יאָ, באַשקע, — האָט ניסן געזאָגט, — אָבער מיר וועלן ערשט קאָנען געניסן דערפון נאָך אונזער קאַמף. ווען מיר וועלן האָבן אויסגעקעמפט פרייהייט.

— און מיר וועלן עס נאָך דערלעבן?

מיר דאַרפן גלויבן, באַשקע, — האָט ניסן געזאָגט מיט בטחון.

מיטן מאָרגנשטערן צוגלייך האָבן זיך קאָזאַקן דערנעענטערט צו די באַריקאַדן.

— מיט די באַיאָנעטן, פאָרויס! — האָט דער אָפיציר באַפוילן.

די סאָלדאַטן זענען געגאַנגען מיט די בליצנדיקע באַיאָנעטן אויסגעשטרעקטע צו דער אַטאַקע.

— חברים, מיט שטיינער זיי באַגעגענען! — האָבן די מענטשן פון דער אַנדערער זייט באַריקאַדע געוואָרפן.

אַ האָגל שטיינער האָט זיך אַ שאָט געטאָן אויף די אַטאַקירנדיקע סאָלדאַטן. זיי האָבען זיך צוריקגערוקט.

— פייער! — האָט דער אָפיציר באַפוילן.

די סאָלדאַטן האָבן באַשאָסן די באַריקאַדע.

אַ גאַנצען טאָג צייט איז אָנגעגאַנגען די מלחמה צווישן די פאַר־באַריקאַדירטע מענטשן און די באַוואָפנטע סאָלדאַטן. די באַריקאַדע איז געווען פעסט, די קוילן זענען צוריקגעשפּרונגען פון איר. נאָכמיטאָג זענען די סאָלדאַטן אַרויפגעקראָכן אויף די דעכער פון די הייזער, אויף די באַלקאָנען, און אַראָפּגעשאָסן גלייך צו די מענטשן פון דער הויף. צווישן די מענטשן איז געוואָרן אַ בהלה, קרעכצן פון פאַרוואונדעטע האָבן געריסן די לופט. אַ סך האָבן גענומען לויפן, צוריקציען זיך.

— חברים, האַלטן זיך, נישט לויפן! — האָבן די פירער געריפן.

די מענטשן האָבן זיך אָפּגעשטעלט. אָבער די קוילן פון דער הויך האָבן ווידער געהאָגלט און די מאַסע האָט זיך געבראָכן.

זעענדיק, אַז באַלד וועלן אַלע זיך צעלויפן, האָט באַשקע אַרויפ־געכאַפּט זיך אויף אַ פאַס.

זינגט־זשע הויך, זינגט־זשע הויך אונזער ליד,
די פאָן, זי פלאַטערט איבער טראָגנען!

האָט זי געזונגען און געפאָכעט מיט דער פאָן אין דער הויך.

די מענער האָבן זיך פאַרשעמט פאַר זייער שוואַכקייט נעבן דער זינגענדיקער פרוי, געקריגן מוט, און מיט פעסטע שטימען אונטערגעהאַלטן דאָס געזאַנג.

צוויי סאָלדאַטן, אַ הויכער און אַ קליינער, זענען געשטאַנען אויף אַ דאַך און צוגעקוקט צום מיידל, געהילט אין דער רויטער פאָן.

— וועסט זי נעמען אויפן ציל? — האָט דער הויכער גע־פרעגט ביים קליינעם.

— איך וועל זי נעמען, — האָט דער קליינער געענטפערט.

— וועסט זי נישט נעמען.

— וועטען מיר זיך, אַז יאָ.

— אין אַ פּאַפּיראָס?

— אין אַ פּאַפּיראָס!

דער קליינער סאָלדאַט האָט אָנגעשטעלט די ביקס, פאַרמאַכט דאָס לינקע אויג, גוט איינגעקוקט זיך אין רויטקייט און אַ צי געטאָן ביים צינגל.

דאָס מיידל איז אַראָפּגעפאַלן פון פאַס צוזאַמען מיט דער פאָן.

— געוואונען, — האָט דער קליינער סאָלדאַט געזאָגט אַ צו־פרידענער.

— ריכטיק, געוואונען, — האָט דער הויכער נאָכגעזאָגט, אַרויסגעצויגן אַ פּאַפּיראָס פון היטל און דערלאַנגט דעם גוטן צילער.

די מענטשן זענען געלאָפן פון דער באַריקאַדע.

צוזאַמען מיט אַנדערע האָבן געאיילט ניסן און טוביה און געטראָגן אויף די אַקסלען די פאַרוואונדעטע באַשקע. איר בלוט איז געגרונען אויף דער רויטקייט פון דער פאָן.

קאַפּיטל ניינצן

פאַר די טויערן פון פּלידערבוימס שפּיטאָל האָט זיך אַרומגעדרייט אַ פינסטערער און געבויגענער טוביה וועבער און געצווינגן זיין דאַרן קנאָכיקן האַלז פון שווייסיקן פּאַפּירענעם קעלנערל. די אויגן זיינע, רויטע און פיבערדיקע, האָבן געריסן זיך פון די געדיכטע ברעמען אַרויס און געבלאָנדזשעט פאַרלוירענע איבער דעם שווער - פאַרמאַכטן אייזערנעם שפּיטאָל - טויער, געקלעפּט צו די פאַרהאַנגענע שפּיטאָל - פענסטער אין דער הויך.

מען האָט אים נישט אַריינגעלאָזט אין שפּיטאָל צו זיין באַשקען. צוויי סאַניטאַרן אין ווייסע פאַרטוכער האָבן זי אַריינגעטראָגן און פאַרהאַקט פאַר אים דאָס טויער פאַר דער נאָז.

— שבת קומט, — האָבן זיי געזאָגט. — אין מיטען דער וואָך קאָן מען נישט אַריינגיין!

טוביה איז געבליבן שטיין פאַר דער פאַרקלאַפּטער טיר און געגראַבלט אין קאַלטן אייזן מיט קראַמפּיקע פינגער, ווי אַ הונט, וואָס קראַצט מיט די נעגל אין דער טיר פון אַ שטוב, פון וועלכער מען האָט אים אין אַ קאַלטער ווינטער-נאַכט פאַרטריבן.

— לאָזט מיך אַריין! — האָט ער גערופן, ווי אַ קינד, וואָס פאַרשטייט נישט דעם זין פון זאַכן. — צו מיין טאָכטער!

מען האָט אים נישט אַריינגעלאָזט.

ער איז אַרומגעלאָפן לענגאויס דעם שפּיטאָל, געריסן די אויגן צו אַלע טירלעך און פענסטער, ווי ער וואָלט געזוכט אַן עפענונג. אָבער אַלע זענען זיי געווען געשלאָסן. ער איז נישט אַהיימגעגאַנגען. ער האָט זיך אַרומגעדרייט אַרום דעם טויער. יעדער מאָל, וואָס דער שפּיטאָל-טויער האָט זיך געעפנט, האָט ער אויפסניי געגעבן זיך אַ ריס צום הויף און יעדער מאָל אויפסניי האָט אים דער רויט-פּנימדיקער און גרויס-וואָנסיקער גוי, דער דינער אין דעם אוניפאָרם, אַרויסגעשטופּט פון אָפענעם טויער אַרויס.

— טראָגט זיך! — האָט ער גערופן בייז. — געגאַנגען!

טוביה האָט אים אַריינגעשטעקט אַ מטבע אין דער האַנט.

— לאָזט מיך אריין, ליבער מענטש, — האָט ער זיך געבעטן, גאָרנישט ווי זיין שטייגער איז געווען, — צו מיין טאָכטער.

דער גוי האָט די מטבע צוגענומען, אָבער דעם איד נישט אריינגעלאָזט.

— צופיל ברענגט מען זיי היינט אין שפּיטאָל, — האָט ער געזאָגט, — צופיל, דער אינטענדענט האָט שטרענג פאַרבאָטן נישט אריינצולאָזן. פאַרפאַלן.

דער שפּיטאָל-טויער האָט זיך אָפּט געעפנט. די קאַרעטקע פון דער גיכער הילף האָט מיט א קלאַפּן פון פערדישע פּאָדקאָוועס און מיט א הילכיקן טרומייטערן געלאָזט זיך אַלעמאָל אויפסניי הערן ביים פאַבריק-טויער. סאַניטאַרן אין פאַרבלוטיקטע פאַר-טוכער האָבן אריינגעטראָגן פאַרוואונדעטע. די שוואַרץ-געקליי-דעטע עגלה-אידן האָבן ביים גלאָק געריסן, מיט די שוואַרץ-באַ-דעקטע פערד לאַנגזאַם אין שפּיטאָל-הויף אריינגעפאָרן און ארויס-געפירט מתים. קופקעס מענטשן זענען באַפאַלן די עגלות מיט געוויין און יללות. די עגלה-אידן האָבן געיאָגט, געטריבן די פערד, נישט געוואָלט וואַרטן אויף די באַגלייטער. מערסטנס זענען דאָס געווען אָרעמע לויות, פון וועלכע מען קריגט נישט קיין געהעריקן טרינק-געלט און די עגלה-אידן האָבן געיאָגט און געברומט בייז:

— א סוף, א סוף, נישטאָ קיין צייט!

ווייבער, קלאָגנדיקע, מיט צעשויבערטע שייטלעך, מיט געשוואָ-לענע אויגן, זענען נאָכגעלאָפן דעם האָצקעדיקן וואָגן איבער די שפּיציקע שטיינער און געשלאָגן זיך מיט די פויסטן אין די הער-צער, פאַרגאַנגען זיך אין געוויין. אין דראָזשקעס, צופוס, אויף די פּלייצעס, האָט מען פאַרוואונדעטע געפירט אין שפּיטאָל, געל-פּנימ-דיקע מענטשן מיט פאַרבאַנדאַזשירטע קעפּ. אָפּטמאָל האָבן פּאָלי-ציאַנטן געבראַכט א שווער פאַרוואונדעטן, וועלכן זיי האָבן, באַ-וואָפנטע, געהיט ביים קראַנקן בעט ביז צו דער לעצטער רגע. ווײַ-בער מיט קוישלעך אין די הענט, אידן מיט אָרעמע פאַרשטויבטע בערד, צעשויבערטע מיידלעך, האָבן זיך ארומגעדרייט ביי די מוי-ערן. זיי האָבן געקרעכצט, געבראָכן די הענט, געריסן זיך צום טויער, אָפּגעשטויסן געוואָרען, ווידער זיך געריסן. צווישן אַלע האָט ארומגעבלאָנדזשעט טוביה וועבער. ער איז נישט געגאַנגען

צו דער ארבעט, נישט אהיימגעגאנגען עסן, נישט אָפּגעטרעטן פון שפּיטאָל אפילו ביינאכט. ווען דער הונגער האָט אים שוין צופיל געפּייניקט, האָט ער געגעסן אַ שטיקל טרוקן ברויט. ווען דער שלאָף האָט אים פון די פיס געוואָרפן, האָט ער זיך אָנגעשפּאַרט אויף אַ שטיינערנער שוועל און געדרימלט. דאָס ווייב זיינס, קיילע, האָט אים מיט קללות און געשרייען געטריבן אַ היים, נאָר ער האָט נישט געוואָלט אָפּטרעטן.

ער האָט געשטופּט די שפּיטאָל-דינער געלט אין די הענט, זיי זאָלן אריינגיין זיך דערוויסן אין דער פּאַלאַטע, וואָס איז מיט זיין באַשקען. ער איז, ווי אַ אידענע, נאָכגעלאָפן די דאָקטוירים, וואָס זענען ארויס פון שפּיטאָל, און געבעטן ביי זיי רחמים, אויס-געפרעגט זיי וועגן זיין טאָכטער. מען האָט אים געטריבן, געיאָגט, געזידלט, אָבער ער איז נישט אָפּגעטרעטן. דער שטענדיקער שטאָל-צער, רעוואָלוציאָנערער, צאָרנדיקער טוביה, האָט פאַרגעסן אין זיין ווירדע, רעוואָלוציאָנערישקייט, קלאַסן-האַס און, גלייך מיט אַלע דערשלאָגענע ווייבער, נאָכגעלאָפן די דאָקטוירים, די אויסגעפּוצטע און זאַטע, כדי צו דערגיין עפּעס וועגן זיין באַשקען.

— שלעכט, — האָבן זיי אים געזאָגט, — זייער שלעכט. די קויל איז דורך די לונג.

טוביה האָט דערפילט, ווי זיין האַרץ שטעלט זיך אָפּ. ער האָט נישט געקאָנט איינזיצן. ער האָט זיך געריסן אין טויער אריין. ער האָט אַלע שפּיטאָל-דינער פאַרמאַטערט. ער איז די וועכטער נאָכ-געלאָפן. ער איז צו די דאָקטוירים געגאַנגען, געבעטן, גערעדט, געוויינט. זיי האָבן נישט געקאָנט פון אים פּטור ווערן און, קעגן דעם רעגולאַמין, אים אין די נעכט אריינגעלאָזט אין דער פּאַלאַטע.

אין דער גרויסער שפּיטאָל-פּאַלאַטע, שוואַך-באַלויכטן, איינ-געהילט אין נאַכטיקן שאָטן, זענען בעטן אין געדיכטע רייען גע-שטאַנען אויסגעשטעלט. פון יעדן פון זיי האָט זיך געטראָגן ווייַ-טאָג און צער. די וועכטערינס אין די ווייסע פאַרטוכער זענען כסדר פאַרפאַלן געוואָרן. די קראַנקע האָבן נישט אויפגעהערט רופן, וויינען, קרעכצן און בעטן הילף.

— שטילער! שטילער! — האָבן זיך די וועכטערינס געבייַ-זערט. — איר זענט נישט די איין-און-איינציקע דאָ.

עלטערע ווייבער האבן געזיפצט, געברומט.

— זיי האבן דען דעם קאפ צו די קראנקע? — האבן זיי גע־מורמלט. — זיי ליגן אפ ביי די פעלדשערס און די וועכטערס. אוי, ווי ביטער עס איז דער מזל פון אן ארעמאן!

צווישן אלע בעטלעך איז געשטאנען באשקעס בעטל מיט א טאפל צוקאפנס, באצייכנט מיט דעם נאמען, קראנקהייט און טעמ־פעראטור. זי האט געסאפעט שווער, די קראנקע, ווי אן אלטע מא־שין, וואס הערט אויף ארבעטן. זי האט נישט געקאנט אטעמען.

— לופט! — האט זי געראפן. — אביסעלע לופט, א טרא־פעלע!

טוביה האט זי גענומען ביי דער האנט.

— באשקע, קינד מיינס, — האט ער געראפן, — נו, וואס זאל איך טאן פאר דיר?

— לופט, — האט באשקע געבעטן. — כ'קאן נישט מער.

טוביה איז געלאפן צו די פעלדשערס, צו די וועכטערינס.

— טוט עפעס, מענטשן טייערע, — האט ער געבעטן און געבראכן די הענט.

זיי האבן אים נישט געהערט.

— דער דאקטאר וועט קומען, וועט ער זען, — האבן זיי גע־ענטפערט.

טוביה איז געלאפן צום דאקטארס קאבינעט. אבער מען האט אים נישט אריינגעלאזט. און אז ער האט אים שוין אפילו גע־קריגן, דעם דאקטאר, האט יענער אויך גארנישט געטאן. ער איז צו א בייזער צום בעט, א טאפ געטאן די קראנקע ביים פולס, פאר־קרימט זיך און אוועקגעגאנגען מיט דעם אייגענעם, וואס ער איז געקומען.

— עפענען אביסל דאס פענסטער, — האט ער א ברום געטאן, — און איר דרייט זיך דא נישט. דא איז א שפיטאל. מיר ווייסן אליין, וואס מיר האבן צו טאן!

טוביה האט זיך געווארפן אויף דער ערד פאר דעם בעטל. ווי וואלט ער אוועקגעגעבן זיין באשקען די גאנצע לופט, וואס ער האט, די אייגענע לונגען, דאס גאנצע לייב און לעבן! אבער ער האט איר קיין איין טראפן לופט נישט געקאנט געבן.

— טאָכטער! — האָט ער געהופן. — באַשקע, נו, וואָס זאָל איך טאָן פאַר דיר, וואָס?

זי האָט אים אין דעם וויטאָק אַ ליבן בליק געשיקט, מיט דער שוואַכער האַנט אים געגלעט די הענט.

— טאַטע! — האָט זי גערופן. — טאַטעשי.

אָבער באַלד האָט איר ווידער גענומען שטיקן. ווי אַ פיש האָט זי געעפנט דאָס מויל, געריסן זיך פון אָרט.

— איך ווער דערשטיקט, ראַטעווע מיך!

זי האָט פּלוצלינג גענומען רייסן פון זיך דאָס בעטגעוואַנט, דאָס העמד פון לייב, פליקן די האָר פון קאָפּ.

טוביה האָט אַזוי גענומען שרייען אין דער נאַכט, אַז אַלע קראַנקע האָבן זיך אויפגעכאַפּט און די וועכטער זענען זיך אָנגע-לאָפן. מען האָט דער קראַנקער אַן איינשפּריצונג געמאַכט און טוביהן אַרויסגעוואָרפן.

אַ גאַנצע נאַכט איז ער נישט אָפּגעטרעטן פון שפּיטאָל. ווי אַ חיה אין אַ שטייג איז ער אַרומגעלאָפן אַרום דעם מויער. ער האָט אַלץ געהערט זיין באַשקען רופן:

— איך ווער דערשטיקט, ראַטעווע מיך!

פאַרטאָג איז דער וועכטער אים געקומען רופן. ער האָט פאַר-שטאַנען, אַז עס איז דער סוף. אין בעט איז געלעגן באַשקע, באַ-גאָסן מיט שוויים. ער האָט אָנגערירט איר האַנט. זי איז געווען קאַלט און מאַכטלאָז. דער פעלדשער האָט גענומען איר דופק, גע-טאַפּט אַ ווײַלע און אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט. זי האָט מער נישט געשריגן, בלויז שווער געאָטעמט. באַלד האָט זי גענומען האַקן מיט די ציין. די אויגן האָבן זיך פאַרגלאָצט, איבערגעקערט זיך. אַ ווײַלע האָבן זיי זיך געעפנט, אַ קוק געטאָן אויפן פאָטער און זיך פאַרמאַכט. טוביה האָט גענומען רופן:

— מענטשן, גיכער!

דער פעלדשער איז צוגעקומען און אים אָנגענומען ביי דער האַנט.

— שוין! — האָט ער געזאָגט.

טוביה איז געפאַלן אויפן בעט און נישט געלאָזט רירן זיין טאָכטער.

מיט כוח האָט מען אים אָפּגעריסן פון בעטל. איידער ער האָט זיך אומגעקוקט, איז דאָס בעטל געווען ליידיק. בלויז אין בעטגעוואַנט איז געווען נאָך דער פרישער סימן פון מענטש, וואָס איז געלעגן דאָרט. אַ געבוירגענער ביז דער ערד, האָט ער זיך גע־שלעפּט איבער די שווערע טרעפּ, געזוכט דאָס קיל־שטיבל. צוויי וועכטער האָבן אים געוואָלט אַרויספירן פון שפּיטאָל־הויף, אָבער זיי זענען אים נישט בייגעקומען. איינער אַליין איז ער געזעסן אין קיל־שטיבל צווישן די מתים און געוואַכט נעבן זיין טאַכטער.

אינדערפרי זענען מענטשן געקומען צו אים, חברים, פריינט. ניסן איז געקומען. ער האָט נישט געהערט, וואָס מען האָט גע־רעדט צו אים. די מענטשנס רייד זענען אים פרעמד געווען.

די לויה איז געווען אַ גרויסע. פאַבריקן האָבן זיך געשלאָסן. טויזנטער אַרבעטער האָבן מאַרשירט. אויך האָט מען די טויטע אין דער רויטער פאָן איינגעהילט. אַרבעטער האָבן קרענץ גע־טראָגן. וואו די לויה איז דורכגעגאַנגען האָט מען די געשעפטן צו־געמאַכט. די באַגלייטער האָבן די קעפּ אָפּגעדעקט. אויף אַלע טראָטוארן און באַלקאָנען זענען טויזנטער מענטשן געשטאַנען. טוביה איז געגאַנגען פאַרשטיינערט, אַלץ איז אים געווען פרעמד, דערווידער. ער האָט קיין זאַך נישט געזען אַ חוץ זיין אייגענער בראָך. די פאַרגלאָצטע אויגן פון זיין באַשקען, וואָס האָבן זיך אין גסיסה געעפנט, כדי אויף אים דעם לעצטן קוק צו געבן, זענען אים פאַר די אויגן געשטאַנען, דאָס בלוט פערגליווערט.

אויפן בית־עולם האָט מען רעדעס געהאַלטן, רעוואָלוציאָנערע לידער געזונגען. טוביה האָט עס נישט געקאָנט הערן. ער האָט נישט געקאָנט זען, ווי דער כאָר שטעלט זיך אויס אין אַ ריי, ווי אויף אַ פּאַראַד, ווי די בחורים נעמען די פעסטע טענער, ווי די מיידלעך ציען די סאָפּראַנען. וואָס האָט דאָס אַלץ אָנגעהערט זיך מיט זיין טאָכטער, מיט זיין באַשקען? אים האָבן געבריט די האָפּערדיקע רייד פון די רעדנער, וואָס האָבן גערופן צום קאַמף פאַר לעבן און פרייהייט. צו וואָס לעבן און פרייהייט, ווען זי, באַשקע, איז נישט מער? ווי נאַדלען האָבן אים געשטאָכן די רייד פון פרעמדן קאָמיטעט־מענטש, וואָס האָט זיין רעדע אויפן פאַר־שאָטענעם קבר געהאַלטן.

א שיינער, א שווארץ-אויגיקער, מיט גרעסערע לאָקן און מיט א בערדל, איז ער געשטאַנען, דער קאָמיטעט-מאַן, און געצויבערט מיט זיין רעדנער-קראַפט, אויפגעהויבן די שטים, אראָפּגעלאָזט, געגלעט מיט איר ווי סאַמעט, באַלד געצונדן, געדונערט, און ווידער אריינגעפאַלן אין טרויער, אומעט. ער האָט געקאָנט רעדן, א מייסטער געווען דערין, ער האָט געוואוסט, וואו צו ווערן נביאיש שטארק און וואו סענטימענטאַל ווייך, ווען צו שיטן קוילן און ווען צו גלעטן, אָנזאַפּן די שטים מיט טרערן. ער האָט געשפּילט, געקוקט מיט די גרויסע שווארצע אויגן אַרום זיך, געזען דעם איינדרוק, וואָס ער מאַכט, און נאָך מער אריין אין דער ראָלע. טוביהן האָבן זיינע ווערטער געשטאָכן, געשפּיזט. אויף דעם קבר פון ז י י ן באַשקען איז יענער געשטאַנען, אויף דער פרישער ערד פון זיין געליבטער טאָכטער, געהנדלט זיך און געשפּילט. די ווערטער זענען ווי שטיינער אים געפאַלן אין קאָפּ.

און אַז דער רעדנער האָט דערנאָך ארויסגענומען דאָס העמד, דאָס לעצטע העמד פון דער טויטער, וואָס איז געווען אויסגעווייקט אין בלוט פון דער וואונד, און עס אויפגעהויבן אין דער הויך מיט א רוף:

—ביים בלוט פון דער אומגעקומענער שווערן מיר נקמה!

האָט עס טוביה ניט געקאָנט זען. ער האָט דאָס העמד ארויסגעריסן און באַהאַלטן אונטערן רעקל, צום האַרץ צוגעדריקט.

— לאָזט מיך! — האָט ער זיך געריסן פון די מענטשן, וואָס האָבן אים געהאַלטן ביי די הענט.

דער עולם איז געווען אַנטוישט. די גאַנצע שטימונג איז געווען געפּטרט.

טוביה האָט זיך אוועקגעזעצט אויף דער פריש-באַשאָטענער ערד און געקוקט מיט וואַנזיניקע אויגן אַרום זיך. נעבן אים איז געשטאַנען א שווייגנדיקער און פינסטערער, ניסן.

אויף די בית-עולם-בוימער האָבן פויגעלעך געצוויטשערט, געשטיפט און געזונגען. פון ווייט האָט א סירענע געפייפט.

קאַפּיטל צוואַנציק

דער געוועזענער פּראָלעטאַריאַטשיק און איצטיקער פּעפּעסאָ־וויעץ מאַרטשין קוטשינסקי איז געווען אַרומגערינגלט מיט פּאָליציי און אַגענטן, ווי אַ האָז פון יאַגד־הינט. אויף אַלע וועגן, וואָקזאַלן האָבן שפּיאָנען געהיט זיינע טריט. עס איז געווען אוממעגלעך פאַר אים אַרויסצוקריגן זיך פון דער שטאָט.

שוין אַכט טאָג צייט, ווי ער מיט זיין טעראָריסטישער גרופּע האָבן געמאַכט אַן אָנפאַל אויף דער באַן־סטאַציע ראָגאָוו, ביי לאָדזש. אין מיטן העלן טאָג איז דער נישט־פאַרענדיקטער סטודענט פון וועטערינאַרן־אינסטיטוט מאַרטשין קוטשינסקי באַפאַלן מיט זיינע לייט די סטאַנציע, דערשאָסן די סאָלדאַטן, וואָס האָבן געהיטן דעם פּאָסט־וואַגאָן, אַרויסגעכאַפּט עטלעכע פּעקלעך פּאַפּיר־געלט און אַנטלאָפן דורך זייטיקע וועגן קיין לאָדזש.

מאַרטשין קוטשינסקי איז געווען זייער צופרידן פון זיין פאַנג. פון די צייטונגען, וואָס ער האָט גלייך צומאָרגנס פאַרטאָג אָנגע־קויפט, האָט ער זיך דערוואוסט, אַז פון פּאָסט־וואַגאָן זענען צוגע־נומען געוואָרן דריי זעקלעך מיט גאַנצע צוויי הונדערט טויזנט רובל. מיט אַזאַ סומע האָט שוין די פּאַרטיי געקאָנט זיך אַ ריר געבן, פאַנאַנדערנעמען די הענט. אָבער די מענטשן פון זיין גרופּע האָבן אים בלויז אַ העלפט דערפון געבראַכט. מען האָט נישט געקאָנט צייל דאָס געלט אויף דעם אָרט. מען האָט געמוזט וואָס פריער אַנטלויפן. אויך האָבן נישט אַלע טעראָריסטן געקאָנט צוזאַמען אַנטלויפן. יעדער איז געלאָפן מיט אַן אַנדער וועג. ערשט אויפן דריטן טאָג האָט מען געקאָנט זיך טרעפן אין לאָדזש אויף דער קאָנספּיראַטיווער וואוינונג. אָבער אַנשטאָט דריי זעקלעך, האָבן די מענטשן געבראַכט בלויז צוויי זעקלעך, אַנשטאָט צוויי הונדערט טויזנט רובל ווי עס איז געווען אין די צייטונגען, האָבן זיי גע־בראַכט בלויז אַ העלפט דערפון.

מאַרטשין קוטשינסקי איז געווען אויסער זיך פאַר צאָרן.

— וואו איז דאָס איבעריקע געלט? — האָט ער געפרעגט ביי זיינע מענטשן.

— אזויפיל האָבן מיר גענומען. מער איז נישט געווען.

— אין די צייטונגען איז אָפּגעדרוקט, אז עס איז געווען טאָפּלט!

— אזוי פיל וויפל מיר האָבן גענומען, אזויפיל האָבן מיר געבראַכט, — האָבן די מענטשן געזאָגט.

קוטשינסקי איז געוואָרן אָן אויפגעקאָכטער.

— איך וועל נישט דערלאָזן קיין באַנדיטיזם אין דער טעראָ-ריסטישער אָרגאַניזאַציע — האָט ער געקלאַפּט אין טיש. — מיטן לעבן וועט באַצאָלן יעדער, וואָס וועט איין גראָשן אַראָפּנעמען פאַר זיך.

— דאָס איז אונזער לוין פאַר אונזער אַרבעט, פאַר איינשטעלן דאָס לעבן? — האָבן די טעראָריסטן געזאָגט באַליידיקטע. — גוט, מיר וועלן זיך שטעלן צו אַ פּאַרטיי-געריכט. נאָר אז ס'וועט זיך אַרויסווייזן, אז די באַשולדיקונג איז געווען אַ פאַלשע, וועלן מיר זוכן גערעכטיקייט פאַר דער באַליידיקונג, אונזער אייגענע גערעכ-טיקייט...

זיי זענען האַסטיק אַוועק פון הויז.

קוטשינסקי האָט געזוכט הילף ביים צעקאַ. אָבער דער צעקאַ האָט זיך נישט געוואָלט אַריינמישן אין דער זאַך.

— מיר ווילן מער נישט האָבן דערמיט צו טאָן, — האָבן די צעקאַ-לייט געענטפערט. — מיר ווייסן נישט מער, וואו עס הויבט זיך אָן דער טעראָר און וואו עס ענדיקט זיך דער באַנדיטיזם, חבר קוטשינסקי.

קוטשינסקי האָט זיי מיט פאַראַכטונג געוואָרפן דאָס זעקל געלט אין פנים און איז אַוועק.

— אליין וועל איך מיר מיין שטעטל באַשטיין, — האָט ער געזאָגט און איז אַ צאָרניקער אַרויס.

שווערע טעג האָבן זיך אָנגעהויבן פאַר קוטשינסקין. צעריסן מיט זיין טעראָריסטישער גרופּע, צעקריגט מיט דער פּאַרטיי, גע-היט פון אַגענטן און שפּיאָנען, האָט ער קיין ווינקל זיך נישט גע-פונען אין דער גרויסער שטאָט. ר'האָט נישט געוואָלט קיינעם פון זיינע נאָענטע און פריינט אַריינציען אין קיין צרה. ער האָט געוואוסט, אז יעדער, וואָס וועט אים אויסבאַהאַלטן, וועט באַצאָלן מיטן לעבן.

שוין צו שטאַרק האָט מען איצט געזוכט זיין קאָפּ נאָך דער גרויסער עקספּראָפּריאַציע. ארויסקריגן זיך פון שטאָט איז געווען אוממעג-לעך.

קוטשינסקי האָט גענומען לעבן א וואָגלער-לעבן, הפקר, גרייט אויף אַלץ, ווי שטענדיק, ווען מען האָט שוין נישט מער וואָס צו פאַרלירן.

מיט עטלעכע רעוואָלווערן אין די טאַשן, מיט אַ סך קוילן אין רעזערוו, האָט ער ארומגעבלאָנקעט איבער דער באַלאַגערטער שטאָט און געוואַרט יעדער מינוט, מען זאָל אים כאַפּן. אונטערגעבן זיך אָן קאַמף האָט ער נישט געטראַכט. ער האָט געוואוסט, אַז זיין גורל איז געחתמעט אין דער שטאָט, אַז מיט יעדן טאָג מער דערנענטערט זיך זיין סוף. מיט זיין געניט אויג פון אַ רעוואָלוציאָנער, האָט ער געזען, אַז די פּאָליציי פאַרשפּאַרט אים וואָס מער די שטאָט, וויל אים פאַקן ביי א ווינקל, ביי א טויבער וואַנט, און נעמען אים. ער האָט דערוואַרט זיין סוף יעדער מינוט. אָבער געוואוסט האָט ער אויך, אַז נעמען אים אָן קאַמף וועלן זיי נישט. ער וועט פריער עט-לעכע פון זיי ארייניאָגן קוילן אין די קעפּ אריין, וויפל נאָר ער וועט האָבן. די לעצטע קויל וועט ער זיך אַליין געבן. דער געדאַנק האָט אים גרינגער געמאַכט, אַ טרייסט אים געווען אין די וואָגלענדיקע טעג.

ער האָט זיך געשפּילט מיט דער פּאָליציי. דוקא, ווייל זיי האָבן אים געהיט ביי די וואָקזאַלן, ביי די וועגן, ארומגעיאָגט זיך נאָך אים איבער אַלע פאַרדעכטיקע קאָנספּיראַטיווע פלעצער, איז ער גאָר ארומגעקראָכן איבער די גאַסן, וואו ער האָט אמווייניקסטנס גע-דאַרפט זיין. ער איז אריין אין קירכן, אויסגעמישט זיך מיט די בעטנדיקע און שעהן-לאַנג אָפּגעזעסן דאָרטן, ביז צום לעצטן. ער האָט אריינגעכאַפּט זיך אין ביבליאָטעקן, געקוקט אין ביכער, וואָס זענען אים גאַנץ פרעמד געווען, אבי אוועקצוהרגענען צייט. ער האָט זיך ארומגעשלעפּט איבער מערק, פּלעצער, איבער אַלע געגנטן און לעכער, וואו עס זאַמלען זיך אַ סך מענטשן, און ער האָט געהאַלטן אויג אַרום זיך, געשמעקט מיט די נאָזלעכער געפאַר, ווי אַ חיה אין וואַלד. מיט הנאה האָט ער געלייענט אין די צייטונגען וועגן די יאָגענישן פון דער פּאָליציי נאָך אים.

בייטאָג איז נאָך געווען ווי נישט איז. שלעכט איז געווען אין די נעכט. אין קיין האָטעל קומען האָט מען נישט געקאָנט, אפילו נישט מיט קיין פאַלשער פּאַס. אַלע דינער האָבן געהאַט זיין פאָטאָ-גראַפיע פון דער פּאָליציי. אין קיין פריילעך-הייזל האָט מען נישט געטאָרט אריינשמעקן. די מיידן זענען מערסטנס געווען אגענטקעס. קיין גערטנער, פּארקן זענען אין דער שטאָט נישט געווען. קוטשינסקי האָט זייער שלעכטע נעכט פארבראַכט. אין די אָוונטן האָט ער זיך נאָך אן עצה געגעבן. ער האָט זיך אריינגעכאַפּט אין א רעסטאָראַנדל, אַמאָל אפילו אין אַ אידיש בית-המדרש, וואו ער האָט זיך פארשפּאַרט אין א ווינקל און געשאָקלט זיך, גלייך ווי אַלע אידן האָבן עס געטאָן. ער האָט אפילו נאָכגעברומט, ווען די קדישים האָבן געזאָגט קדיש אַלע צוזאַמען. קיינער האָט זיך אויף אים אין גערדיכטעניש נישט אומגעקוקט. אַמאָל פלעגט ער אויך זיך אריינכאַפּן צו א בעקער אין א קעלער און כאַפּן א קערטל מיט די געזעלן, וואָס זענען אַלע-מאָל בעלנים דערויף, אַלצאַיינס ווען און מיט וועמען. שלעכט איז געוואָרן, ווען מען האָט די טירן פארמאַכט. ווי א הפקרדיקער הונט פלעגט קוטשינסקי ארומקריכן אין די נעכט. ער האָט מקנא געווען די קעץ, וואָס קריכן אזוי לייכט אריין אין די קעלערס דורך די פארקראַטעטע קעלער-לעכער.

נאָך דער דריטער נאַכט ארומקריכן אָן שלאָף, האָט ער מער שוין נישט געקאָנט אויף די פיס שטיין און ער האָט זיך געלאָזט גיין מיט דער ערשטער בעסטער גאַסן-מויד, וואָס האָט אים גערופן. זי האָט אים אריינגעפירט אין א קליין בוידעם-שטיבל.

— פארוואָס טוט איר זיך נישט אויס? — האָט זי אים גע-פרעגט.

— איך וועל אזוי איבערליגן די נאַכט, — האָט ער געזאָגט.

— איך געפעל אייך נישט? — האָט זיך די מויד באַליידיקט.

— ביזט שיין, זייער שיין, — האָט איר קוטשינסקי געמאַכט א קאָמפּלימענט, — נאָר איך בין מיד, שרעקלעך מיד. לאָז מיך שלאָפן.

ער האָט ארויסגענומען די רעוואָלווערן און זיי געלייגט צו-קאָפּנס.

— זאָלסט נישט אראָפּגיין אויף קיין מינוט, — האָט ער איר

אַנגעזאָגט שטרענג, — טאָמער וועט מען קלינגען אין טויער, זאָלסטו מיך אויפוועקן! באַצאָלן וועל איך דיר פריערדיקע. בעסער אַזוי.

— גוט, איך וועל אויפוועקן, — האָט די מויד געזאָגט, קוקנדיק מיט מורא אויף די רעוואָלווערן.

— זיי זענען געלאָדן? — האָט זי געוואָלט וויסן.

— געוויס.

— שלאָף רואיק, — האָט די מויד געזאָגט, אַראָפּציענדיק פון זיך די קליידער, — אויף יעדן פאַל קאָן מען דאָ אַרומעט אַרויסקריכן צום בוידעם, דורכן פענסטער.

פאַרטאָג האָט אים די מויד אויפגעוועקט.

— פּאַניע, מען קלינגט!

איינס און צוויי איז קאָטשינסקי געשטאַנען אויף די פיס. ער האָט געכאַפּט די רעוואָלווערן און דורכן דאַך-פענסטער אַרויס צום בוידעם. דורכן רונדן בוידעם-לאָך האָט ער דערזען אַ גאַנצע חברה פּאָליציאַנטן מיט אַ פּריסטאַוו. אַלע האָבן זיי געהאַט ביקסן אויף די פּלייצעס. דער פּריסטאַוו האָט זיך פאַרשטעקט הינטער די פּאָליציאַנטן.

— קאָטשינסקי, גיט זיך אונטער! — האָט דער פּריסטאַוו אַרויפגעשריגן.

קאָטשינסקי האָט אָנשטאָט אַן ענטפער אַראָפּגעשיקט אַ קויל דורכן לאָך, גלייך אין די מענטשן אַריין. דער קאָמיסאַר האָט אַראָפּגעזעצט זיך אויף דער ערד און געהייסן באַשיסן דאָס הויז. עטלעכע שעה צייט האָט קאָטשינסקי געפירט מלחמה פון בוידעם מיט דער אַרמיי פּאָליציאַנטן אַרום הויז. אויף יעדער זאַלפּ פון אונטן האָט ער געענטפערט מיט שאָסן דורך דעם בוידעם-לאָך. אַז אים איז פאַרבליבן נישט מער ווי די לעצטע דריי קוילן, האָט ער זיך אָוועקגעזעצט וואַרטן. ער האָט זיי געהאַלטן גרייט פאַר זיך, די לעצטע קוילן. אָבער ער האָט נאָך געוואַרט. ער האָט זיי געוואָלט אויסנוצן אין דער לעצטער רגע, ווען די פּאָליציי וועט אַרויפקריכן אים נעמען.

מיט אַ שאַרף אויג האָט ער נאָכגעקוקט יעדער באַוועגונג פון דער פּאָליציי. אַ צייט לאַנג זענען די פּאָליציאַנטן געשטאַנען דערשראָקענע, געמאַכט מיט די הענט און זיך נישט צוגערירט צום

הויז. זיי האָבן עטלעכע מאָל אויסגעשאָסן פון א ביקס. קוטשינסקי האָט זיי נישט געענטפערט.

— ער מוז זיין טויט, — האָט דער פּריסטאַוו געזאָגט, — ווער וועט ארויפקריכן כאַפּן א קוק?

— איך, וואַשע בלאַגאָראַדיע, — האָט זיך א פּאָליציאַנט אָפּגערופן, און גענומען קריכן ארויף צום בוידעם. קוטשינסקי האָט זיך פאַרשטעקט הינטער דער העננגדיקער וועש מיטן רעוואָלווער אין דער האַנט. ער האָט געהערט, ווי מען גראַבלט ביי דער טיר, ווי מען שאַרט מיט די פיס, ווי מען רופט אים. ער האָט זיך נישט אָפּגע-רופן. דער פּאָליציאַנט האָט אריינגעשטעקט דעם קאָפּ, ארומגע-קוקט זיך פון אלע זייטן. אין דער מינוט האָט קוטשינסקי אים דערלאַנגט מיטן הענטל פון רעוואָלווער אין קאָפּ מיט אזא קראַפט, אז דער פּאָליציאַנט האָט זיך גלייך אויסגעצויגן, אָן א קרעכץ אפילו. קוטשינסקי האָט גיך אראָפּגעצויגן פון אים דעם מונדיר, די שטיוול און דאָס היטל און זיך אָנגעטאָן אין דעם. דערנאָך האָט ער גענו-מען די ביקס אויף די פּלייצעס, דעם פּאָליציאַנט פאַררוקט אין א ווינקל און צוגעקראָכן צום לאָך.

— העי, וואָס איז מיט דיר, ראָמאַנענקאָ? — האָט דער פּריס-טאַוו געזערופן פון גאַס.

— שיקט ארויף מענטשן, וואַשע וויסאָקאָראָדיע, — האָט קוטשינסקי געענטפערט מיט א רוי פּאָליצייאיש קול.

מיט גרויס העלדישקייט האָט דער פּריסטאַוו, צוזאַמען מיט צענדליקער פּאָליציאַנטן, א לאָז געטאָן זיך צום בוידעם.

— איבער אלע ווינקעלעך זוכן! — האָט דער פּריסטאַוו באַ-פוילן. — לעבעדיק.

אין טומל און אין דער פינסטערניש איז קוטשינסקי אין מונדיר אראָפּ מיט די טרעפּ צו דער גאַס. קיינער האָט אים, דעם פּאָליציאַנט, נישט נאָכגעקוקט.

ווען די פּאָליציאַנטן האָבן ענדלעך געפונען דעם הרוג און אים באַלויכטן מיט אן עלעקטריש לעמפּעלע, האָבן אלע מיט אמאָל אויסגעגלאָצט די אויגן און גענומען זיך צלמען אין שרעק.

— באַטיושקאָ, — האָבן זיי געדופן, — דאָס איז דאָך אונזער ראָמאַנענקאָ!

דער פריסטאוו האָט זיך געריסן די האָר פון קאָפּ.

— אין דער מאַמען אייך, הינטישע זין, — האָט ער געוואַלטעוועט, — אין דער מאַמעס מאַמעס מאַמען ביז אַלע דורות!

קאַפּיטל איין און צוואַנציק

דער זשאַנדאַרמען-פּאָלקאָווניק קאָניצקי, אַ פּאָליאַק, וואָס איז איבערגעגאַנגען אויף פּראַוואָסלאַוויע, דער שעף פון דער פּאָליטישער פּאָליציי אין דער רעוואָלוציאָנערער שטאָט לאָדזש, האָט געריבן די קלאָרע ווייכע הענט פון נחת, האָט געדרייט די בלאָנדע וואָנסן זיגעריש אַרויף, אַלץ העכער און העכער.

— בראַוואָ, בראַוואָ! — האָט ער געמאַכט קאָמפּלימענטן זיינע אַגענטן. — איך וועל עס אייך קיינמאָל נישט פאַרגעסן.

ער האָט געהאַט פאַרוואָס פריילעך צו זיין, דער זשאַנדאַרמען-פּאָלקאָווניק קאָניצקי. נאָך לאַנגע און שווערע נעצן, וואָס ער האָט פאַרשפּרייט אויף די אחדותניקעס אין לאָדזש, נאָך אַ סך אַרבעט, מי, קאָפּ-ברעכעניש און המצאות, האָט ער ענדלעך אַריינגעקריגן אין זיינע הענט דעם לאָדזשער קאָמיטעט מיט דער געהיימער דרוקעריי, מיט אַלע פּראָקלאַמאַציעס, אַרטיקלען און טעזיסן, וואָס עס זענען דאָרט געווען. אַלע, די גאַנצע סמעטענע, זענען געווען איצט אין אַרעסט, געהיט פון אַ סך זשאַנדאַרמען און אַגענטן.

דער זשאַנדאַרמען-פּאָלקאָווניק קאָניצקי איז מער צופרידן געווען פון דעם געראָטענעם געפאַנג זיינעם, ווי פון דעם גאַנצן זיג פון די סאָלדאַטן איבער דער באַריקאַדע אויף די גאַסן. וואָרום כאָטש אַליין אַ מיליטער-מענטש, האָט פּאָלקאָווניק קאָניצקי נישט שטאַרק געגלויבט אין זעלנערישע נצחונות אין דער רעוואָלוציע. פּאָלקאָווניק קאָניצקי האָט מער געהאַלטן פון קאָפּ, ווי פון אַ ביקס. נישט אומזיסט האָט ער אין די יונגע יאָרן שטודירט פּסיכאָלאָגיע און פילאָזאָפיע אין פּעטערבורגער אוניווערסיטעט. אויך איז ער אַליין אַמאָל געווען אַ רעוואָלוציאָנער, געריבן זיך די צונג אין געהיימע קרייזלעך ביי דיסקוסיעס. כאָטש ער האָט שפּעטער אַוועקגעוואָרפן די אינגלערישע נאַרישקייטן, אַרויסגעגעבן די אייגענע חברים, אַריין אין

דינסט און דערשלאָגן זיך ביזן ראַנג פון אַ זשאַנדאַרמען-פּאָלקאָווניק, האָט ער פונדעסטוועגן נישט פאַרלוירן דעם גלויבן אין וואָרט, האָט ער נאָך אַלץ געגלויבט, אַז דער קאָפּ האָט מער ווערט ווי די ביקס, אַז דאָס וואָרט איז שאַרפער פון דער שווערד, ער האָט געהאַלטן, אַז אין קאַמף קעגן די רעוואָלוציאָנערן דאַרף מען אָנווענדן זייער אייגן כלי-זיין, אַרויסשטעלן קאָפּ קעגן קאָפּ, וואָרט קעגן וואָרט. שכל קעגן שכל. מער ווי אין די סטודענטישע יאָרן, האָט פּאָלקאָווניק קאָניצקי שטודירט די סאָציאַליסטישע און רעוואָלוציאָנערע ליטע-ראַטור. ער האָט געוואוסט אַלע ווערק איבער סאָציאָלאָגיע און עקאָ-נאָמיק, האָט געקענט אַלע ריכטונגען אין מאַרקסיזם, געווען אויס-געבונדן אין אַלע פּראָגראַמען פון די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען. אויך פילאָזאָפיע און פּסיכאָלאָגיע האָט ער ליב געהאַט. אין זיין שופלאָד פון שרייב-טיש אין קאַנצעלאַריע האָט זיך צוזאַמען מיט אַ רעוואָלווער און קוילן שטענדיק פאַרוואַלגערט דאָס סאַמע נייעסטע בוך איבער הויכע ענינים. ער האָט שטענדיק, פון טאָג אַן ווי ער איז אַריין אין דעם פּאָליטישן דעפּאַרטאַמענט אויף אַרבעט, גע-האַלטן זיך אין זיין מיינונג, אַז נישט מיט שווערד און ביקס וועט מען די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד פאַרניכטן, נאָר מיט קאָפּ, שכל און וואָרט. דער בעסטער וועג צו באַקעמפן אַ שעדלעכן באַציל, האָט ער געוואוסט, איז איינצושפּריצן אין קערפּער דעם זעלבן באַציל; דאָס בעסטע מיטל אויפצוריסן אַ פיינטלעכע פעסטונג, איז אויפצו-רייסן זי נישט פון דרויסן, נאָר פון אינעווייניק, אַריינצוקריגן זיך אין שונאס לאַגער אַליין. די סאָלדאַטסקע עלטסטע אין פּעטערבורג, די אָנהענגער פון ביקס און שווערד, זענען געווען קעגן אים. זיי האָבן געהאַלטן פון סאָלדאַטישע מיטלען. אָבער קאָניצקי איז נישט אָפּגעטרעטן פון זיינס. ער האָט טאַקע אויספּרובירט זיין מעטאָדע אין עטלעכע שטעט, איבערהויפּט אין ליטע און אין פּוילן, וואו ער איז געווען אַ היימישער מענטש, און ס'האָט געבראַכט גוטע רע-זולטאַטן. איצט, ווען אין לאָדזש האָט זיך דאָס פייער פון דער רע-וואָלוציע צעפלאַקערט, האָט מען אים אַהער געשיקט, אין דער שטאָט פון פּאָליאַקן, אידן און דייטשן, כדי ער זאָל פאַרלעשן דאָס פייער מיט זיינע וועגן.

פּאָלקאָווניק קאָניצקי האָט זייער אויסגעטויגט זיך פאַר לאָדזש.

אליין א פאָליאַק, וואָס האָט זיך אויסגעהאָדעוועט ביי א טאַטן א הויז-וועכטער אין ביאַליסטאָק אויף דער אָרעמער אידישער כאַנאַי-קעס, שטענדיק צווישן אידישע קינדער, האָט ער גערעדט אידיש שיער נישט אַזוי גוט ווי פּויליש. אויך דייטש האָט ער געלערנט שפּע-טער אין די סטודענטישע יאָרן. ער האָט געקענט די באַפעלקערונג אין לאָדזש, ווי די אייגענע צען אויסגעצערטלטע פינגער. און טאַ-קע, ווי נאָר ער איז אָנגעקומען, האָט ער שטאַרק אין דער ארבעט זיך אריינגעוואָרפן אין דער פיל-פעלקערדיקער שטאָט, אין אינדוסט-ריע-צענטער, וואָס פארשפּרייט איבער גאַנץ רוסלאַנד מאַנופאַקטור, גאַלאַנטעריע און רעוואָלוציע.

אליין אַן אַרויפגעאַרבעטער אינטעליגענט, וואָס האָט דערפאַר פיינט דעם פּראָסטן עולם, מיאוסט זיך פון אים, פאַראַכטעט אים, האָט פּאָלקאָווניק קאָניצקי אין זיין זשאַנדאַרמישער ארבעט געשטעלט זיך אויף דער זייט פון פּראָסטן פאָלק קעגן דער אינטעליגענץ. פּאָל-קאָווניק קאָניצקי האָט נישט געגלויבט אין די מאַסן. ער האָט וועגן זיי זייער א שלעכטע מיינונג געהאַט, געהאַלטן זיי פאַר טייג, פאַר ליים און בלאָטע, וואָס די אינטעליגענטן קנעטן אויס דערפון אַלץ, וואָס זיי ווילן נאָר. און ער האָט געטאָן אַלץ, אומצוברענגען די אינטעליגענטן, דאָס זאַלץ און פעפער פון דער רעוואָלוציע, דעם פונק, וואָס צינדט אָן דעם גערדיכטן וואַלד. און אויסגעראָטן די אינטעליגענטן, פארניכטעט זיי, האָט ער נישט אַזויפיל מיט טורמעס און שטראָפן, וואָרום קאָניצקי האָט געוואוסט, אַז דאָס וואָרט איז שטאַרקער פון יעדן טורמע-מויער; פארניכטעט האָט ער זיי מיט אָנרייצן די ארבעטער קעגן זיי, מיט צעפלאַקרן א פייער צווישן די ארבעטער און די אינטעליגענטן. אַמליבסטן האָט ער געהאַט צו זוכן זיינע מענטשן און אַגענטן נישט צווישן די באַאַמטע, ווי אַנ-דערע, נאָר אין די פּאַרטייען אליין, צו שאַפן פּראָוואָקאַטאָרן אין יעדער פּאָליטישער גרופּע. געזוכט האָט ער זיי נישט צווישן די שפּיצן פון די פּאַרטייען, נאָר צווישן די האַלבע-אינטעליגענטן, צווישן די געקריוודעטע, אַמביציעזע און דערשלאָגענע, וואָס פאַלן אריין צו אים אין די הענט. געטאָן האָט ער עס מיט פּסיכאָלאָגישע וועגן, מיט אַן אייגענעם גאַנג.

ווי א חיה ווייסט תמיד דעם שוואַכסטן טייל קערפּער פון איר

קרבן און קליגט זיך אָט דאָס שוואַכע אָרט אָנצוקריגן מיט ציין און נעגל, אַזוי האָט אויך פּאַלקאָווניק קאָניצקי געזוכט אויסצוגע־פינען ביי זיינע קרבנות דאָס שוואַכסטע אָרט, דאָס עמפּינדלעכסטע, כדי פון דאָרט אָנצוהויבן זיין יאַגד. ער האָט געוואוסט, אַז די מענטשן, וואָס פאַלן אריין צום ערשטן מאָל אין ארעסט, זענען פאַר־שידן. ווער עס האָט מורא פאַר אַ קלאַפּ און ווער עס מאַכט זיך גאָרנישט פון אַ קלאַפּ, אָבער דערפאַר קאָן ער בשום אופן נישט ליידן קיין ליכט אין צעלע און ווערט ווילד, ווען מען לאָזט אים ברע־נען אַ גאַנצע נאַכט די עלעקטריע אין קאַמער. ווער עס קאָן גיין גלייך צו דער תליה, אָבער דערפאַר ציטערט ער אינגאַנצן, ווען מען זעצט אים אריין צווישן טורמע־שטשורעס אין קאַרצער, און ווער עס פלאַטערט פאַרן טויט, רייסט די האָר פון קאָפּ בלויז ווען מען דערמאָנט וועגן אַ תליה. ווע‏מען מען קאָן איבערשרעקן מיט גע־שרייען און וועמען מען קאָן געווינען מיט גוטע רייד און איידעלע געשפּרעכן.

תמיד, ווען נאָר מען פלעגט ברענגען פּאָליטישע ארעסטירטע, פלעגט פּאָלקאָווניק קאָניצקי אַליין זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ זייטיק צימערל ביים ארעסט־הויז און דורך אַ געהיים טירעלע באַטראַכט די מענטשן. מיט די קאַלטע העלע אויגן האָט ער דורכגענומען יעדנס פּנים, יעדנס ריר און באַוועגונג. ביז דער ערשטער אייגענער אויס־פאָרשונג האָט ער געהייסן זיינע מענטשן זיין גראָב מיט די ארעס־טירטע, שרייען אויף זיי, שלאָגן, טופּען אויף זיי מיט די פיס, דראָען. אין טומל און געשריי האָט פּאָלקאָווניק קאָניצקי גוט באַטראַכט דורך זיין טירעלע, ווי ווער עס נעמט אויף די ערשטע באַגעגעניש. ער האָט גוט געמערקט, ווער עס האָט שוואַכע נערוון און גיט זיך אַ וואָרף ביי יעדער טופּ פון אַ זעלנערישן שטיוול און ווער עס ווערט בלאַס, פאַרלירט דאָס בלוט פון פּנים, ווען מען גייט צו צו אים גאָר נאָענט און מען קוקט אים גלייך אין די אויגן אריין. ווער עס האַלט זיך פעסט צווישן אַלע, נאָר וואַקלט מיט די פיס, ווען מען טיילט אים אָפּ פון די חברים און מען פירט אים אַוועק באַזונדער, און ווער עס פאַרקרימט זיך פון עקל, ווען מען טוט אים אויס און מען באַ־טאַפּט אים דעם הויזן קערפּער מיט די הענט. וועגן יעדן האָט ער זיך סמנים אין זיין ביכעלע געמאַכט, כדי צו וויסן, ווי אַזוי יעדן

פון זיי ביים שוואַכסטן אָרט אָנצוגרייפן. דאָס האָט תמיד געהאַט אַ גוטע פּעולה.

אויך האָט ער ליב געהאַט צו שפּילן דעם צדיק פאַר די פּאָלי-טישע, דעם ליטוישן מענטש. ערשטנס, האָט ער פאַר די רעוואָלוצ-יאָנערן מורא געהאַט. זינט ער איז געווען אין לאָדזש, זענען אַ סך פון זיינע ליט אומגעקומען פון זייערע קוילן און מעסערס. פון אונטער דער ערד האָבן די רעוואָלוציאָנערן זיי דערשמעקט און נוקם געווען זיך אָן זיי פאַר זייער גרויזאַמקייט. פּאָלקאָווניק קאָניצקי האָט נישט בדעה געהאַט אוועקצוגעבן דעם קאָפּ פאַר דעם צאַר. ער האָט זיך אַליין ליבער געהאַט. ער האָט דאָס פאַרגונען די אַלערליי נאַרישע פּאָליציי-קאָמיסאַרן וואָס קעמפן טעמפּ, ווי סאָלדאַטן אויף די פעלדער.

צווייטנס, האָט ער זיך געהאַט זיינע חשבונות מיטן גענעראַל קוניצין, וואָס איז געווען דער באַלעבאָס פון שטאָט און קאָמאַנדע-ווער דאָ מיט זיינע סאָלדאַטן. ווי יעדער זשאַנדאַרם, האָט ער נישט געליטן קיין סאָלדאַטן און זייערע פירער, ווי זיי, די סאָלדאַטן, האָבן נישט געליטן די זשאַנדאַרמען. ער האָט דעריבער שטענדיק געזען, פּאָלקאָווניק קאָניצקי, צו שפּילן פאַר די פּאָליטישע דעם צדיק, דעם פיינעם מאַן. זאָלן זיך די סאָלדאַטן קאָמפּראָמיטירן מיט זייער שלאָגן און ממיתן די אַרעסטירטע, ביי אים אין דער זשאַנדאַרמיע איז מען גוט דערצויגן, מען ווייסט, ווי אַזוי אומצוגיין מיט אַ קעגנער.

דערפאַר טאַקע האָט ער אַזוי אייַנגעאָרדנט, אַז אין די ערשטע טעג, ווי מען האָט געבראַכט פּאָליטישע, האָט ער זיך נישט געוויזן. ער איז געזעסן אויסבאַהאַלטן אין אַ זייטיק צימערל און באַפוילן די אַגענטן וואָס צו טאָן. ער האָט געהייסן זיינע ליט נישט צו צאַצקען זיך מיט די אַרעסטירטע, נישט זשאַלעווען זיי, גוט די יאָרן זיי דערגיין, כדי שפּעטער, ווען זיי וועלן קומען צו אים אַליין אויף אַ פאַרהער, זאָלן זיי טרעפן דעם פּאָלקאָווניק אַ גוטן, אַ מלאך, אַ פאָטער אין אייגענעם. נאָך דער פריערדיקער גראָבער באַהאַנדלונג אין אַרעסט, האָט פּאָלקאָווניק קאָניצקיס צדקות און ליטישקייט באַזונדערס אַרויסגעשיינט. איבערהויפּט האָט ער גענומען דערמיט די „פריצעס“, די, וואָס זענען צום ערשטן מאָל אַריינגעפאַלן, די

נישט-אויסגעפּרואווטע אַרבעטער, וועמען מען האָט אַזויפיל שלעכטס שטענדיק אָנדערציילט וועגן די אויספּאַרשער.

נישט איינעם האָט ער דערפאַר גלייך אויף דער וואַנדקע גע-כאַפּט.

זיינע מעטאָדען האָבן זייער גוטע רעזולטאַטן געבראַכט. פאַר דער קורצער צייט, וואָס ער איז געווען אין לאָדזש, האָט פאַלקאָווניק קאָניצקי געהאַט זיינע אַגענטן אין אַלע פּאָליטישע פּאַרטייען. ער האָט זיי געהאַט אין דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, ביי די דייטשן, אין די פּוילישע טעראָריסטישע פראַקציעס. אויך האָט ער פּאַראַגיטירט אַ סך אַרבעטער, אָנגעהעצט זיי קעגען די פּאַרטיי-פירער, און זיי האָבן די פּאַרטייען געשפּאָלטן, צעבראָקלט. שווערער ווי מיט אַלע, איז אים אָנגעקומען מיט די אידישע אחדותניקעס. מער ווי אין אַנדערע פּאַרטייען איז ביי די אידישע אחדותניקעס געווען שטאַרק די קאָנספּיראַציע. אויך זענען די אידישע אַרבעטער געווען מער אויפגעקלערט און מען האָט זיי נישט געקאָנט קויפן פאַר אַ גוטן שנאַפּס, פאַר עטלעכע רובל. פאַלקאָווניק קאָניצקי האָט געהאַט עטלעכע פון זיי, אָבער נישט קיין באַדייטנדע, פּראָסטע פאַר-שווינדלער, וואָס האָבן ווייניק געוואוסט. אויך האָט ער צו זיי קיין צוטרוי נישט געהאַט, ווי צו מערסטנס די ביליקע לייט, וואָס זענען ליגנערס און שווינדלער. ער האָט געוואָלט האָבן אַ וויכטיקן מענטש דאָרט, אַן אָנגעזעענעם, וואָס זיצט אין קאָמיטעט אַליין.

איצט האָט קאָניצקי דורך זיינע לייט אַריינגעקריגן דעם קאָ-מיטעט אין זיינע הענט, מיט דער דרוקעריי, מיט פּאַפּירן, פּראָ-קלאַמאַציעס, טעזיסן און ליסטעס. און ער איז געווען גליקלעך און שטאָלץ.

— גלענצנד, — האָט ער געמורמלט צו זיך אַליין און געריבן די ווייסע ווייכע הענט. — איצט וועלן זיי זען אין פּעטערבורג, ווער קאָניצקי איז.

ער האָט געזען שוין די מינע, וואָס די גדולים אין דעפּאַרט-מענט וועלן מאַכן, ווען ער וועט זיי צושיקן די בשורה.

אין ציווילע קליידער, אין שוואַרצע ברילן אויף די אויגן, מען זאָל אים נישט דערקענען, איז עס געזעסן אין אַ זייטיקן צימערל ביים אַרעסט און באַטראַכט דעם רויב, וואָס איז אַריינגעפאַלן אין

זיינע הענט. ווי אַ פאַרצוקנדיקע חיה, וואָס שפּילט זיך פריער מיטן רויב, איידער זי פאַרצוקט עס, האָט פּאָלקאָווניק קאָניצקי געקוויקט זיך אין זיין קליין צימערל ביים אַרעסט, קוקנדיק מיט זיינע העלע אויגן אויף די קאָמיטעט-לייט, וואָס זענען געווען פאַרזאַמלט דאָ אין אַרעסט-הויז. ער האָט אויפגעכאַפּט יעדנס אָנבליק, יעדנס שאָקל פון אויג, באַוועגונג, ריר, כדי צו וויסן, וואָס ער האָט צו טאָן. מער ווי אויף אַלע האָט ער געקוקט אויף די „דרוקערס“, די צוויי מענטשן פון דער געהיימער דרוקעריי, וואָס זענען געזעסן צוזאַמען.

ווי, ווי, וויפל עס האָט געדויערט, ביז מען האָט זיי אַריינגעקריגן!

כאָטש זיי האָבן זיך אָנגעגעבן פאַר מאַן און ווייב, אָט די צוויי מענטשן פון דער דרוקעריי, האָט פּאָלקאָווניק קאָניצקי קיין איין רגע נישט געגלויבט, אַז אַזוי איז עס טאַקע. ער האָט שוין געקענט די פּאַרטייאישע מאַן און ווייב. צווייטנס, זענען זיי שוין גאָר קיין צוגעפּאַסט פּאָרל נישט געווען. די פרוי איז געווען יונג און שיין, נישט ווי זי וואָלט אין אַ געהיימער דרוקעריי פאַרבראַכט, נאָר ווי זי וואָלט צוריקגעקומען פון אַ זומער-וואוינונג. אירע באַקן זענען געווען רויט, די אויגן ליכטיק. אויך האָט זי זיך געהאַלטן שטאָלץ, ווען די אַגענטן האָבן זי געשטויסן.

— אַוועק מיט די הענט! — האָט זי געשריגן מיט צאָרן און אירע אויגן האָבן געבליצט.

פּאָלקאָווניק קאָניצקין איז גערונען די סלינע פון מויל פון תאוה צו אָט דער שיינער צאָרנדיקער יונגער פרוי.

— געוויס אַ פאַבריקאַנטישע טאָכטער, וואָס זוכט רעוואָלוציאָנערע ראָמאַנטיק, — האָט ער באַשלאָסן ביי זיך.

דער מאַנסביל, מיט וועלכע זי האָט צוזאַמען געוואוינט און אָנגעגעבן זיך פאַר זיין ווייב, איז געווען פּריציייטיק פאַרעלטערט, דאַר, באַוואַקסן, מיט רויטע אויגן פון אויפזיין אין די נעכט, מיט אַ בלאַסער הויט פון לעבן אָן פרישער לופט, מיד און איבערגעשראָקן. פון זיינע אויגן האָט געקוקט שרעק, נאָך מער זאָרג און הינטישע הכנעה צו דער שיינער און פרישער פרוי, וואָס האָט זיך אָנגעגעבן פאַר זיין ווייב.

ער זעט אויס צו זיין איר שקלאָף און פּאַרערער, — האָט פּאָלקאָווניק קאָניצקי אָפּגעמאכט ביי זיך אַ מיינונג וועגן דעם דערשראָקענעם מאַן, — און אַ פּחדן אַ גרויסער דערצו. הענט און פיס ציטערן אים.

ער האָט זיך גלייך אָפּגעשטעלט אויף אים. געוויס, די איבעריקע זענען וויכטיקע פיגורן, אָבער זיי וועלן בלויז זיין אַ גוטער ביסן פאַר די פּעטערבורגער גדולים אין דעפּאַרטמענט. זיי האָבן אַלע־מאָל ליב גרויסע העכט, קאָמיטעט־לייט. פאַר אים אַליין אָבער, פאַר זיינע מעטאָדן איז וויכטיקער אָט דער דערשראָקענער און פינסטערער מאַן פון דער געהיימער דרוקעריי. ער זעט אויס צו זיין אַ האַלבער אינטעליגענט, אַן אַרבעטער, וואָס די אינטעליגענטן פון קאָמיטעט האָבן אַריינגעצויגן, נישט אַזוי פאַר זיין נוצלעכקייט, ווי דערפאַר, כדי צו האָבן אויך אַן אַרבעטער, אַן אמתן פּראָלעטאַריער ביי זיך, וואָס עס טויג פאַר די מאַסן. קאָניצקי האָט געקענט אָט די לייט. זיי זענען מער נישט געווען קיין אַרבעטער און נישט קיין גאַנצע אינטעליגענטן, האַלב־דערבאַקענע, אָפּטמאָל זייער אַמביציעזע און באַליידיקטע, איבערזיכטיקע אויף די אמתע אינטעליגענטן, די פירער. דערצו, זעט אויס, אַז ער איז דאָס ערשטע מאָל אַריינגעפאַלן, אַ „פריץ“ נאָך. מען זעט עס פון זיין האַלטונג, פון זיין פאַרלוירנקייט. זיי זענען אַלע מאָל גוטער מאַטעריאַל. קאָניצקי האָט געביסן אַן עק העלע וואָנסע אין פאַרטראַכטקייט און באַשלאָסן נעמען דעם פאַרשווין אין די הענט אַריין.

— אָפּטיילן אים אין אַ באַזונדער קאַמער, — האָט פּאָלקאָווניק קאָניצקי באַפוילן זיינע לייט, — און אויסרעפּעטירן אים. נאָר נישט מיט קלעפּ, בלויז אָנשרעקן אים ביזן פאַרהער.

— לויטן באַפעל, האָכוואָוילגעבוירן, — האָבן די אַגענטן אָפּגעענטפערט, אויסציענדיק זיך פאַר זייער שעף.

די אַגענטן האָבן שוין געוואוסט קאָניצקיס רעפּעטיציעס. זיי האָבן דעם מאַן אָפּגעטיילט פון דער פרוי און אַראָפּגעפירט אין קעלער אין אַ באַזונדער קעמערל. אין קאַמער דערנעבן, וואָס איז בלויז אָפּגעטיילט פון אַרעסטירטנס קאַמער מיט אַ לייכט ווענטל, האָבן זיי אָפּגעשפּילט אַן אויספאָרשונג. איין אַגענט האָט געשפּילט די ראָלע פון אַ פּאָליטישן. די אַנדערע האָבן אים אויסגעפרעגט אויפן קול.

— זיי זיך מודה אין אַלעם, — האָט דער אַגענט-אויספאָרשער געשריגן צו זיין חבר דעם „פּאָליטישן“, — אַ נישט וועלן מיר ארויסשלאָגן פון דיר אַלץ מיט ריטער!

— איך וועל אייך נישט זאָגן, צארישע דינער, — האָט דער „פּאָליטישער“ געענטפערט. — איך וועל נישט פאַרראַטן מיינע חברים.

— שמייסן! — האָט אַ גרויזאַמע שטים באַפוילן. — אויפן בלויזן ליב.

דאָס קנאַלן פון בייטשן איבער אַ באַנק האָט גענומען פייפן אַזוי הויך, אַז מען האָט יעדן שמיץ געהערט דורך דער וואַנט. צוזאַמען דערמיט זענען געגאַנגען קולות און געוואַלטן פון „געשמיסענעם“.

ביי יעדער שמיץ איז דער אַרעסטירטער דערשראָקענער מאַן אויפגעשפּרונגען פון אָרט, ווי די ריטער וואָלטן איבער זיין ליב גע-שניטן. פּאָלקאָווניק קאָניצקי פון זיין זייטיק באַהעלטעניש האָט באַ-טראַכט דעם מענטש, וואָס וויקלט זיך אין זיין שרעק, און געקוואָלן פון זיין מיטל.

— איצט אים אָפּלאָזן אביסל, — האָט ער געזאָגט צו זיינע מענטשן, — נאָר אין אַ שעה אַרום ווידער אָפּשפּילן די עקזעקוציע. אַזוי עטלעכע מאָל אין דער נאַכט, איר ווייסט! נאָך עטלעכע טאָג ברענגען אים צו מיר אויף אַ פאַרהער!

פּאָלקאָווניק קאָניצקי איז אַוועק צו זיין קאַנצעלאַריע און גע-נומען זיך צו אַ ניי פילאָזאָפיש בוך, וואָס ער האָט אויסגעשריבן פון דייטשלאַנד. די אַגענטן זיינע האָבן געמאַכט „פּראָבן“ אין קאַמער, וואָס איז אין שכנות מיט דעם נייעם אַרעסטירטן. זיי האָבן קונציק געגרייט דעם נייעם צום פּאָלקאָווניקס ערשטן פאַרהער. יעדער שעה, ווי נאָר דער אַרעסטירטער האָט זיך באַרואיקט און גענומען איינ-דרימלען, האָבן זיי גלייך גענומען שפּילן דעם פאַרהער. זיי האָבן „געשמיסן“, „געגאָסן דעם פּאָליטישן קאַלט וואַסער אויפן קאָפּ“, „געברענט אים דאָס ליב מיט פּאַפּיראָסן“. די קולות פון „געפּיי-ניקטן“ אַגענט האָבן געשפּאַלטן די נאַכטיקע טויטע שטילקייט.

— גענוג! — האָט ער געשריגן. — הערט אויף, איך וועל זיך אין אַלץ מודה זיין.

ווען זיי זענען שפּעטער אריין צום אַרעסטירטן, איז ער געלעגן

א נאַסער פון שוויס, א פאַרחלשטער, ווי מען וואָלט אים אַליין געפּייניקט.

— באַלד וועלן מיר אייך אַריינפירן אויף א פאַרהער, — האָבן זיי אים געזאָגט. — זייט גרייט.

דריי טעג צייט האָבן זיי אים אַזוי געהאַלטן אין כסדרדיקער דערוואַרטונג צום פאַרהער. דאָס האָט דעם אַרעסטירטן אַזוי אויס־געפּייניקט, אַז ער איז געפאַלן פון די פיס, ווען מ'האָט אים ענדלעך אַריינגעפירט צום פּאָלקאָווניק.

— שיסט מיך בעסער, — האָט ער געבעטן זיך ביי די אַגענטן, וואָס האָבן אים צום פאַרהער געפירט, — נאָר נישט געפּייניקט.

ווען ער איז געקומען צו דער טיר מיט די שוואַרצע פלעקן אַרום דער קלאַמקע, האָט ער זיך איינגעקלאַמערט מיט די פיס און נישט געוואָלט גיין. די אַגענטן האָבן לאַבעדיקע אים אַריינגעשלעפּט אין דער טיר, אַליין אַרויס און פאַרמאַכט די טיר הינטער זיך. פּאָלקאָווניק קאָניצקי, א גוטמוטיקער, א ריין־אויסראַזירטער, מיט אַלע מעדאַלן אויף זיין גוט־ליגנדיקן מונדיר, איז מיט די שטילסטע טריט צוגעגאַנגען פון זיין גרויסן שרייב־טיש צו דער טיר, וואו דער דערשראָקענער מענטש איז געשטאַנען, און אים אויסגעשטרעקט א ווייכע, ווייסע און אויסגעצערטלטע האַנט.

— גוטן אָוונט, — האָט ער אים באַגריסט. — פאַרוואָס שטייט איר ביי דער טיר? — קומט נענטער, ביטע.

דער אַרעסטירטער האָט נישט געקאָנט קיין פוס שטעלן. פּאָל־קאָווניק קאָניצקי האָט אים גענומען ביי דער האַנט.

— איר זענט קראַנק? — האָט ער געפרעגט מיט א ליידנדער שטים. — קומט צו נענטער, זעצט זיך.

ער האָט אים אָנגעוויזן א ווייכן פאָטעל, ער אַליין האָט זיך אַוועקגעזעצט אַנטקעגן.

— טיי, — האָט ער באַפוילן, כאָטש קיינער איז אין קאַנצע־לאַריע נישט געווען, — און צובייסן!

מיט שטילע טריט האָט זיך אַן עלטערער געבויגענער זשאַנ־דאַרם אַריינגעשלייכט און אַריינגעטראָגן אויף א טאַץ צוויי גלעזער טיי, איין גלאָז פאַרן פּאָלקאָווניק, דאָס צווייטע פאַר דעם אַרעסטירטן.

— טרינקט, — האָט דער פּאָלקאָווניק איינגעלאַדן דעם אַרעס־

טירטן. — איר וועט זיך דערוואַרעמען. און בייסט צו, זייער גע-שמאַקער טאָרט.

דער אַרעסטירטער האָט אויפגעהויבן די אויגן, געבלאָנדזשעט מיט זיי איבער די ווענט, איבער די פּאָרטיערן ביי די טירן.

— וואָס זענט איר אַזוי אומרואיק, יונגערמאַן? — האָט פּאָל-קאָווניק קאָניצקי געפרעגט מיט וואַרעמקייט אין קול.

— שיסט מיך, — האָט דער אַרעסטירטער געבעטן, — נאָר נישט פּייניקט.

דער פּאָלקאָווניק האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט.

— וואָסערע ווערטער, יונגערמאַן! — האָט ער געזאָגט מיט שרעק. — זעט אויס, זייער שלעכטע זאַכן האָט מען אייך געמוזט אָנדערציילן וועגן אונז. אָבער איך בין בלויז אַ מיליטער-מאַן, נישט קיין תליון. יעדער טוט זיין פליכט. טרינקט טיי, איר זענט זייער איבערגעשראָקן.

דער אַרעסטירטער האָט אויסגעגלאָצט די אויגן.

— איר מיינט עס... — האָט ער געמורמלט, — טאַקע אויף אַן אמת?...

דער פּאָלקאָווניק איז צוגעגאַנגען צום אַרעסטירטן און אים אָנגענומען פאַרן פּולס פון דער האַנט.

— האָט אייך ווער שלעכטס געטאָן? — האָט ער געפרעגט פּאַטערלעך.

— ניין... — האָט דער אַרעסטירטער געציטערט, — נאָר אין דער אַנדערער קאַמער...

— וואָס איז אין דער אַנדערער קאַמער?

— מען האָט געשלאָגן, געשמיסן, געפּייניקט. אָ, ווי שרעק-לעך...

דער פּאָלקאָווניק קאָניצקי האָט זיך פאַרקרימט פון צער.

— עך, די עקלהאַפטע סאָלדאַטשינע, — האָט ער געזידלט. — חיות זענען דאָס, נישט קיין מענטשן. איך וועל עס אַלץ אין פּראָ-טאָקאָל אַריינטראָגן. איר מעגט זיין זיכער.

דער אַרעסטירטער האָט ביידע דאַרע הענט אויסגעשטרעקט.

— אָ, ווי שרעקלעך דאָס איז געווען. דריי טעג אַזוי.

דער פּאָלקאָווניק האָט אים באַרואיקט.

— טרינקט עפּעס, איר זענט אַזוי פאַרטריקנט. און זייט נישט איבערגעשראָקן. איצט זענט איר אונטער מיין שוץ. קיינער וועט נישט וואַגן אייך אָנצורירן!

ווי אַ פאָטער אַ קראַנק קינד, אַזוי האָט ער דעם אַרעסטירטן דאָס גלאָז טיי צוגעטראָגן צו די ליפּן. אַז דער אַרעסטירטער איז רואיקער געוואָרן, האָט ער אים מכבד געווען מיט אַ פּאַפּיראָס און אָנגעהויבן שמועסן מיט אים.

פּאָלקאָווניק קאָניצקי האָט נישט אויסגעפאָרשט אויפן געוויינלעכן שטייגער, וועגן נאָמען, אַדרעס, עלטער, באַשעפטיקונג, פּאָליטישע אָנגעהעריקייט און נאָך אַזעלכע זאַכן. פּאָלקאָווניק קאָניצקי האָט פיינט באַנאַליטעטן. ער האָט אין אַלעם זיין אייגענעם וועג. ער האָט גאָר ליב צו רעדן מיט זיינע אַרעסטירטע, דורכשמועסן זיך וועגן וועלט-זאַכן, פּאָליטישע פראַגן, פאַמיליען אַנגעלעגנהייטן, אַפילו אין דיסקוסיעס אַריינגיין. ער האָט אַלעמאָל ליב אַרויסצואווייזן זיין לומדות אין מאַרקסיזם פאַר די אַרעסטירטע רעוואָלוציאָנערן, וואָס ער פאָרשט אויס, גלאַנצן פאַר זיי מיט זיין וויסן און אינטעליגענץ. נאָך ערגער האָט ער ליב צו שיינען מיט זיין געלערנטקייט פאַר די האַלבע אינטעליגענטן, צו באַווייזן זיך פאַר זיי מיט זיין ליבעראַליזם, פריינטלעכקייט און שכל. דערביי באַנוצט ער זיך אויך, צוליב היימישקייט, מיט דער שפּראַך פון אַרעסטירטן. ער באַנוצט זעלטן אין זיין געשפּרעך מיט די מענטשן די אָפיציעלע רוסישע שפּראַך, די קאַזיאָנע און אָפּשרעקנדיקע אין פּוילן. ער גייט גלייך אַריבער אין פּויליש, דייטש אָדער אַפילו גאָר אין אידיש, ווען ער האָט צו טאָן מיט אַן אחדותניק, וואָס קאָן זיך אין קיין אַנדערער שפּראַך נישט אויסטענהן. אויך מיט דעם איצטיקן אַרעסטירטן, וואָס איז געזעסן פאַר אים, האָט ער גענומען זיין פאָטערלעכן טאָן.

— איך האָף, אַז איר האָט זיך שוין אַביסל באַרואיקט, הער טרילינג, — האָט ער געזאָגט אַ שטילער.

דער אַרעסטירטער איז געבליבן זיצן מיט אַן אָפן מויל, דערהערנדיק זיין אמתן נאָמען.

— מיין נאָמען איז... ראָזענבלום... ברוך ראָזענבלום... — האָט ער געמורמלט.

פּאָלקאָווניק קאָניצקי האָט געשמייכלט אין זיינע וואָנסן אַריין.

— אויב אייך איז ליב, קאָן איך אייך רופן מיטן נאָמען פון דאָקומענט, אָבער מיר ווייסן שוין אייער ריכטיקן נאָמען, ווי די נעמען פון אייערע פּאַרטיי-חברים. פאַר די עטלעכע טעג האָבן מיר עס אויסגעפונען ביי דער אויספאָרשונג. מיר ווייסן, אַז איר זענט באַקאַנט אַלס חבר בוטשע.

חבר בוטשע איז בלאַס געוואָרן. שוין-זשע האָבן די חברים זיך אַליין אויסגעגעבן? דער פּאָלקאָווניק האָט באַטראַכט אים, געזען דעם גיפט, וואָס ער האָט אים אַזוי קונציג אַריינגערוקט, איינגע-וויקלט אין העפלעכקייטן, און ער האָט גענומען צוריק זיין פּאַ-טערלעכן טאָן.

— אויב איר ווילט אָנשרייבן אַ בריוול צו אייערע, קאָנט איר עס איצט טאָן, — האָט ער פאָטערלעך גערעדט. — זיי זענען זייער אומרואיק, אייערע עלטערן, וועגן אייך. אייער פאָטער איז דאָ געווען, זייער אַ פיינער מענטש זעט ער אויס צו זיין, מיר האָט באמת ווי געטאָן פאַר אים. אַן עלטערער מאַן, און פון דער אַלטער וועלט, אַזוי צו זאָגן, איז ער זייער אומגליקלעך, וואָס זיין זון זיצט. איר ווייסט דאָך, ווי דער אַלטער דור קוקט אויף אַזעלכע זאַכן...

חבר בוטשע איז געוואָרן גערירט סיי פון פאָטערס קומען, סיי פון פּאָלקאָווניקס רייד. וויפל מען האָט אים נישט געגרייט אין קרייזל זיינעם צו יעדער פאַל, צו יעדן אַרעסט און אויספאָרשער, איז ער געווען נעגליכן איצט צום סאָלדאַט, וואָס מען גרייט אים יאָרן לאַנג אויף מאַנעווערעס צום קריג, דאָך אַז ער קומט אַרוים דאָס ערשטע מאָל אין שלאַכט-פעלד, איז ער דערשראָקן און פאַרלוירן און געדענקט גאָר נישט אין דער קאַזאַרמע-לערע.

— מיין פאָטער, — האָט ער געברומט און גלייך איבער-געריסן, דערמאָנענדיק זיך אין קאָנספּיראַציע.

פּאָלקאָווניק קאָניצקי האָט געשמייכלט אין זיינע וואָנסן אַריין איבער דער פאַרלוירנקייט פון אַרעסטירטן, איבער זיין נאַאיוויטעט אים צו וועלן נאַרן.

— ווי איר ווילט, יונגערמאַן, — האָט ער געמיטלעך גע-זאָגט. — איך האָב בלויז געטראַכט וועגן דעם אָרעמען אַלטן... אַ פיינער עלטערער מאַן...

און טאַקע גלייך, נישט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער, איז ער

פלינק איבערגעגאנגען צו אנדערע זאכן. ער האָט דעם ארעסטירטן א קאָמפּלימענט געמאכט.

— אייער שטאנד איז פאר מיר אן איבערראשונג, — האָט פּאָלקאָווניק קאָניצקי געדעדט צום ארעסטירטן. — איר זענט א וועבער פון פאך. און איך האָב אייך אָנגענומען פאר אן אינטעליגענט.

דער ארעסטירטער האָט זיך פארוואונדערט פון פּאָלקאָווניקס מיינונג.

— קאָן דען קיין ארבעטער נישט זיין קיין אינטעליגענט? — האָט ער געפרעגט.

— געוויס, געוויס, אָבער, ליידער, איז עס ביי אונז אין רוסלאנד א זעלטענער פאל, איבערהויפּט ביים רוסישן ארבעטער. שרעקלעך א צוריקגעשטאנען פאָלק, צום באדויערן...

דער ארעסטירטער האָט געעפנט ברייט זיינע רויטן אויגן. דער פּאָלקאָווניק האָט פארלעגן געשמייכלט.

— איר קוקט מיט אן איראָנישן בליק. נו, געוויס, ווי קומען אזעלכע ווערטער וועגן ארבעטער צו א צארישן דינער, א שונא פון ארבעטער-קלאס, א בלוט-זייגער?

דער ארעסטירטער האָט זיך דערשראָקן.

— איך האָב עס נישט געזאָגט, — האָט ער געזאָגט אין מורא.

— אָבער איר טראכט אזוי. איר מוזט אזוי טראכטן, ווייל אזוי האָט מען אונז אייך פאָרגעשטעלט. און נישט אָן א גרונט, מיין הער, ניין. מיר האָבן, ליידער, א סך צווישן אונזערע פארריסענע אריסטאָקראטן פון אלטן טיפּ, פארלעגענע פעאָדאלן, וואָס באַרעכטיקן מיט זייער באציאונג צום ארבעטער-פאָלק די געשאפענע מיינונג וועגן זיי. אָבער מיינט נישט, אז אלע פויגל קראָקען גלייך. מיר האָבן צום גליק געגוג מענטשן, מלוכה-לייט פון מערב-אייראָפּעאישן שניט, וואָס וואָלטן וועלן זען דעם רוסישן ארבעטער, דעם פויער, א פאָרטגעשריטענעם און אינטעליגענטן. איך, יונגער מענטש, בין איינער פון זיי... איך בין אליין פון פּראָסטן פאָלק, מיין פאָטער איז געווען אן ארבעטס-מענטש, און מיר איז דאָס לעבן נאָענט... זייער נאָענט. מיר פרייט ווירקלעך צו זען, ווי איינער פון אונז איז ארויף אויף דעם העכערן שטאפּל פון לייטער. דאָס איז א מין קלאסן-געפיל, ווי איר וואָלט עס אָנרופן, אָדער עס ליגט אין בלוט, ווי איך רוף עס אָן...

ביים אָרעסטירטן זענען אַרוים רויטע פלעקן אויף זיין בלוט־לאָז פּנים.

— איך פאַרשטיי נישט, — האָט ער געמורמלט. — אויב אַזוי, ווי קאָן מען עס פאַרשטיין...

פּאָלקאָווניק קאַניצקי האָט אים אַרויסגעכאַפּט די ווערטער פון מויל.

— איר קוקט אויף מיינע עפּאָליעטן, אויפן מיליטערישן מונ־דיר. געוויס, איר וואונדערט זיך. אָבער, אַלס אינטעליגענטער מענטש, זענט איר, גלויב איך, גענוג פאַרשטענדלעך צו וויסן, אַז אויך אונטער אַ מיליטעריש היטל, נישט בלויז אונטער אַ ברייט־ראַנדיקן שוואַרצן הוט, קאָן זיך געפינען אַ קאָפּ, וואָס דענקט, און הינטער אַ בלויען מונדיר קאָן קלאַפּן אַ וואַרעם מענטשלעך פאָלקס־האַרץ. די גרעסטע רוסישע דענקער, קעמפער און שריפטשטעלער, ווי איר ווייסט געוויס פון דער געשיכטע, האָבן געטראָגן מיליטערישע מונדירן.

ער האָט אַ גלעט געטאָן זיין מונדיר און געוואָרן ערנסט.

— מיינט נישט, מיין פריינט, אַז איך בין געבוירן געוואָרן אין מונדיר. פון אַן אַרבעטס־שטוב, פון אָרעמקייט און נויט בין איך אַרויס. מען איז אויך אַמאָל יונג געווען, געשטרעבט, אידעאַלן געהאַט, אומצופרידן געווען און אַפילו מיט רעוואָלוציאָנערע אידעען זיך אַרומגעטראָגן. שמייכלט נישט, יונגערמאַן, יעדער פון אונז האָט עס דורכגעמאַכט. געוויס, שפּעטער איז געקומען דינסט, האַרטע פליכט, ווי מערסטנס עס טרעפט ביי מענטשן נאָך דער ערשטער יוגנטלעכער אויסשוימונג. אָבער אויך איצט לעבן מיר נישט בלויז מיט ווייַן, ווייבער און געזאַנג, ווי מען זאָגט וועגן אונז. אויך נאָך היינט האָב איך אינטערעס פאַר אידעען און געדאַנקען. מיר פאַר־שאַפט נאָך אַלץ מער פאַרגעניגן דורכצושמועסן זיך מיט אַ דענ־קענדיקן מענטשן ווי איר, באַרירן העכערע פראַגן, איידער צו שפּילן מיט אָפיצירן אין קאָרטן. מיר קוקן נאָך אַפילו אַריין אין אַ פילאָ־זאָפיש בוך, ווען מען שלאָפט נישט אין די נעכט. און אַזעלכע נעכט זענען פאַראַן, אוי ווי זיי טרעפן! פאַרשידענע געדאַנקען קומען, און נישט ווייניק וועגן מענטשן און קלאַסן, וועגן רוסלאַנד, דעם אומגליקלעכן לאַנד און איר גרויסער באַפעלקערונג, וואָס ליידט

און בלוטיקט... ווענן אייגן בלוט און פלייש, ווענן די ארבעטנדיקע און אָרעמע, פון וואנען מען שטאמט... בלוט איז נישט קיין וואסער...

דער ארעסטירטער איז געוואָרן היימיש, פארגעסן אין זיין מורא, דרייסט אפילו געוואָרן.

— איך פארשטיי נישט, — האָט ער געמורמלט. — ווי אזוי האָט איר געקאָנט זיך שטעלן קעגן פאָלק? קעגן אייגענע?...

ער האָט זיך גלייך געכאַפּט און געבליבן זיצן א פארגליווערטער.

— אנטשולדיקט, — האָט ער געמורמלט. — איך האָב נישט געמיינט...

דער פאָלקאָווניק האָט אים ארויפגעלייגט א האנט אויפן שמאָלן אקסל, א האנט א ווארעמע, א ווייכע, א פאָטערלעכע.

— יונגער מענטש, אייער אָפנהארציקייט געפעלט מיר. דאָס איז עס, וואָס איך שאַץ אזוי ביי אונזערם אָ מענטש, ביי א פאָלקס-מענטש. אָן חנדלעך און אָן דריידלעך, וואָס איז אזוי כאראקטע-ריסטיש פאר דער אינטעליגענץ, פאר די פון די הויכע פענסטער... איר דארפט מיך נישט איבערבעטן. געננג האָב איך עס אין מיין דינסט א גאנצן טאָג, די שטענדיקע דינסט-פארטיקייט און צובאָמ-קעניש. עס בענקט זיך א מאָל מענטשלעך צו זיין, אָפנהארציק, רעדן מיט זיינס-גלייכן. איר האָט מיך זייער ריכטיק געפרעגט. און איך וויל טאקע מיט אייך רעדן וועגן דעם, עפּעס זיך, ווי פאר א טאָטן אָן אייגענעם.

ער איז צוגעגאנגען האסטיק צום שופלאָד פון שרייב-טיש, געזוכט דאָרט און ארויסגעצויגן א פאָטאָגראפיע.

— איר זעט דעם יונגנמאן אויפן בילד, — האָט ער אָנגעוויזן דעם ארעסטירטן. — ווּעמען דערקענט איר דאָ?

דער ארעסטירטער האָט זיך איינגעקוקט אין בילד. פאר אים איז געשטאנען א טיפיש יונגער רעוואָלוציאָנער-אויסזעענדיקער סטודענט, אין א העמדל, מיט גרעסערע האָר, זייער א פארחלומטער. נעבן אים איז געזעסן א מיידל, א געשוירענע, מיט א בוך אין דער האנט.

— ניין, איך דערקען קיינעם נישט, — האָט דער ארעסטירטער געזאָגט.

— איר וועט גלייבן, אז דאָס בין איך? — האָט דער פאָלקאָוו-

ניק געשמייכלט. — קוקט זיך גוט׳איין. דאָס איז פון די סטודענטן־יאָרן אין פּעטערבורג פאַר מיין ערשטן ארעסט.

— ארעסט? — האָט דער ארעסטירטער איבערגעפרעגט.

— יאָ, ארעסט, מיין פריינט, און נישט פאַר קיין גנבה, ווי איר קאָנט דאָס פאַרשטיין, נאָר פאַר רעוואָלוציאָנערער ארבעט. א זון פון אָרעמע עלטערן, האָב איך, פונקט ווי איר, געוואָלט קעמפן פאַר מיין קלאַס, קעגן די אויבערשטע פון שטויסל. זיי האָבן מיך אריינגעצויגן, די אינטעליגענטן, ווי אַלע אַנדערע. איך האָב גע־גלויבט אין זייערע רייד, ווי אין הייליקע, אינגיכן האָב איך זיי דערקענט און אָפּגעטרייסלט זיך פון זיי.

— וואָס מיינט איר? — האָט דער ארעסטירטער געפרעגט מיט שטוינונג.

— הערט, פריינט, — האָט דער פּאָלקאָווניק גענומען א וואַ־רעמען טאָן. — ווען איר וואָלט געווען איינער פון זיי, פון די אינטעליגענטן, וואָס לאָזן זיך אראָפּ צום פאָלק, אום עס גליקלעך צו מאַכן, וואָלט איך מיך אייך נישט גערעדט אזוי אָפנהאַרציק. איך וואָלט געטאָן מיין פליכט. ווייל איך קען זיי, איך ווייס, אז די מענטשן אינטערעסירט נישט דער ארבעטער, אז זיי זענען אין גרונט גענומען פרעמד דעם ארבעטער, אז זיי קוקן אויף אים פון אויבן אראָפּ, מיאוסן זיך פון אים. רייסט מיר נישט איבער, יונ־גערמאַן, — זיי קומען פון רייכע הייזער, זיי ווייסן נישט און פילן נישט דעם ארבעטס־מענטש. זייער גאַנצע רעוואָלוציאָנערישקייט נעמט זיך פון פאַנטאַזיע, פון ליידיקגייעריי, פון דער מאָדע צו זיין ראַדיקאַל. איר זענט אַן ארבעטער,׳ א מענטש פון ווערקשטאַט, געבוירן און דערצויגן אין אָרעמקייט, אונטערדריקט פון די באַזיצנ־דיקע און רייכע. אייער קאַמף איז ערנסט, פון בלוט אַרויס. איר וועט מיך פאַרשטיין. ווייל מיר קומען ביידע פון זעלבן קלאַס, פון דער אייגענער אָרעמקייט. און איך זאָג אייך, אז קיינמאָל וועלן מיר, די פּאָלקסמענטשן, נישט קאָנען גיין צוזאַמען מיט דער אינטעליגענץ, מיט די פון די הויכע פענסטער. איך האָב עס דערזען, אויף מיין אייגענער הויט עס דערפילט. דאָס האָט מיך פון זיי דערוויטערט. דאָס האָט מיך קעגן זיי געשטעלט, קעגן **זיי**, אָבער נישט קעגן **פאָלק**.

דעם ארעסטירטן האָט דער קנאַפּ אין האלז גענומען לויפן הין און צוריק. פּאַלקאָווניק קאָניצקי האָט אים נישט געלאָזט קומען צום וואָרט.

— קוקט זיך צו צום גאַנצן קאַמף אין רוסלאַנד און איר וועט זען, אַז דאָס איז נישט אַ קאַמף פון קלאַסן, פון אָרעמע קעגן רייכע, ווי עס וואָלט געווען נאַטירלעך, נאָר אַ קאַמף צווישן דער אינטעליגענץ אַליין, אַ רייסעניש צווישן די אויבערשטע קלאַסן וועגן מאַכט. ווער זענען געווען די ערשטע אָקיטאַבריסטן? אַריס-טאָקראַטן, פירשטן און גראַפן, וואָס האָבן געוואָלט אַליין זיך צוכאַפּן צו דער הערשאַפט. דאָס פאָלק האָבן זיי נאָר אויסגענוצט צו פאַרגיסן דאָס בלוט פאַר זייערע אַמביציעס. ווער זענען געווען די אַלע שפּעטערדיקע רעוואָלוציאָנערן? אַלץ פון די זעלבע הויכע פענסטער, פאַר וועלכע דאָס פאָלק האָט געלייגט די קעפּ. קוקט זיך איצט צו צום קאַמף. ווער פירט אים אָן? ווידער די זעלבע, וואָס שלעפּט אַריין די אַרבעטער. ווייל דער אינטעליגענט האָט אַלעמאָל ליב צו שאַרן פייער מיט פרעמדע הענט.

דער פּאַלקאָווניק האָט אויפגעקנעפּלט זיין בלויען ראָק אויף אַלע קנעפּלעך, וואָס האָט אים צוגעגעבן היימישקייט, ציווילקייט, און ער האָט אַריינגעקוקט טיף דעם אַרעסטירטן אין די אויגן אַזוי שטאַרק, אַז יעדער האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

— זאָגט מיר, מיין יונגער פריינט, — האָט ער אים גע-זאָגט, — קאָנט איר מיר ענטפערן קורץ און שאַרף: פאַרוואָס קעמפט איר?

— פאַר וואָס איך קעמף? — האָט דער אַרעסטירטער אי-בערגעפרעגט. — נו, איר ווייסט אַליין, פאַר דעם אַרבעטער-קלאַס, פאַר דער פרייהייט.

— איר וועט מיר דערלויבן אָפּטיילן די צוויי זאַכן, — האָט דער פּאַלקאָווניק אים איבערגעריסן. — רעדן מיר פריער וועגן דעם, וואָס אייך, אַן אַרבעטער, און אייער קלאַס אינטערעסירט צום ערשטן. — דאָס איז: קאַמף פאַרן אַרבעטער-קלאַס. די פרייהייט וועלן מיר דערווייל לאָזן.

— אָן פרייהייט קאָן קיין קאַמף פאַרן אַרבעטער - קלאַס נישט זיין.

— אַט דאָ רעדט איר נאַאיוו, — האָט דער פּאָלקאָווניק גע-שמייכלט מיט באַדויערן. — דאָ רעדט שוין נישט אין אייך דער אַרבעטער, די שטים פון קלאַס, פון בלוט, נאָר די אינטעליגענטע פּראַזע, די אַגיטאַציע.

— איך פאַרשטיי אייך נישט, — האָט דער אַרעסטירטער גע-זאָגט.

— לאָזט מיר אייך דערקלערן, — האָט אים דער פּאָלקאָווניק אָנגענומען פאַר דער קני. — פּריוויהייט, מיין פריינט, איז זייער א שיין קלינגענדיק וואָרט, וואָס די אינטעליגענטן נעמען דערמיט אוים ביי די מאַסן, אָבער זייער א טונקעלער באַגריף. איר זענט אמאָל געווען אין אויסלאַנד? ניין. איך בין יאָ געווען, א סך אַרומגערייזט, און לאָמיר אייך זאָגן, אַז אַט די קאָנסטיטוציאָנעלע פריייהייט, וועגן וועלכער איר שרייט דאָ אַלע, אַז די אַלע געהיימע, דירעקטע און גלייכע וואַלן, ווי די אַרבעטנדיקע האָבן אין די קאָנסטיטוציאָנעלע לענדער, האָט זיי וויניק גליקלעך געמאַכט. זיי האָבן די פריייהייט צו שטאַרבן פון הונגער, פּונקט ווי די דעפּוטאַטן זייערע, וואָס זענען אויף געהאַלט ביים שטאַאַט, האָבן די פריייהייט צו האַלטן רעוואָלוציאָנערע רעדעס אין די פּאַרלאַמענטן קעגן די אונטערדריי-קער. די פריייהייט איז בלויז אַן עסק פאַר די אינטעליגענטן, וואָס לאָזן זיך וויילן פון די אַרבעטנדיקע מאַסן...

— ביי א סאָציאַלער אָרדענונג וועלן מיר זיין די באַלעבאַטים, — האָט דער אַרעסטירטער איבערגעריסן.

דער פּאָלקאָווניק האָט אים אָנגעקוקט מיט דעם סאַמע מיט-ליידנסטן שמייכעלע, ווי מען קוקט אויף א ליבן נאָר אומזיניקן מענטש.

— לעכערלעך, — האָט ער אוועקגעמאַכט, — דער אַרבעטער וועט שטענדיק בלייבן דער שעפער, דער בויער, און דער אינטעלי-גענט וועט מיט אים פירן. עס גייט דאָך נישט אין דעם, צי איר פּערזענלעך וועט זיך אַרויסרייסן און אויך ווערן אַן אינטעליגענט; עס גייט אין אַרבעטער - קלאַס.

— אָבער ביים סאָציאַליזם וועלן קיין קלאַסן נישט זיין!

— פאַנטאַזיעס, יונגער מאַן! — שטענדיק וועלן בלייבן די צוויי קלאַסן, פיינטלעכע קלאַסן: אַרבעטער און אינטעליגענטן-ליי-

דיקגייער. די אַרבעטנדיקע זענען נישט מער ווי זעלנער אין דעם קאַמף, וואָס עס פירן די אינטעליגענטן צווישן זיך. אַזוי איז געווען אין דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. די אינטעליגענטן ראָבעספּיער און דאַנטאָן האָבן זיך געריסן ביי די קעפּ פאַר מאַכט און די אַר־בעטער האָבן פאַרגאָסן זייער בלוט. דאָס אייגענע האָבן מיר איצט אין רוסלאַנד. די אויפגאַבע פון די אַרבעטער, פון די אינטעליגענ־טערע פון זיי, איז אַוועקצוגיין פון פרעמדע קאַמפן און פאַראייניקן זיך פאַר דעם אייגענעם קאַמף, אויסשליסלעך פאַר די אייגענע אינ־טערעסן. דאָס האָט מ י ך, א מענטש פון אַן אָרעם הויז, אָפּגע־ריסן פון די אינטעליגענטן, געשטעלט מיך קעגן זיי. דאָס דאַרפן טאָן אַלע באַוואוסטזיניקע אַרבעטער, און איך פאַרזיכער אייך, אַז איר וועט אַלץ דערגרייכן. קיינער וועט זיך נישט שטעלן קעגן אייער גערעכטן קאַמף.

דער אַרעסטירטער איז געזעסן אַ פאַרפּלאָמטער. ער האָט אַ סך געהאַט צו זאָגן וועגן דעם. אָבער פּאָלקאָווניק קאָניצקי האָט אים נישט געלאָזט קומען צום וואָרט. ער איז אַריבער פון אַ פּאָליטישער דיסקוסיע צו אַ ריין פּערזענלעכער סטרונע.

— הערט, יונגערמאַן, — האָט ער גערעדט צו אים שטיל, גלעטנדיק, ווי מיט ליפּן פון סאַמעט, — איך קען אייער לעבן, איך קאָן עס אייך זאָגן, ווי פון אַ בוך אַרויס. ווייל אויך איך האָב אַזאַ לעבן דורכגעמאַכט. די אינטעליגענטן האָבן אייך אַריינגעצויגן. פון גלייכהייט און ברידערליכקייט גערעדט. אָבער ווי אַזוי האָט אָט די ברידערלעכקייט אין אייערע רייען אַליין אויסגעזען? זיי, די פירער, זענען געזעסן אין אויסלאַנד און אָנגענומען רעזאָלוציעס. און אייך, דעם אַרבעטער, האָט מען אַריינגעשטופּט אין אַ געהיימער דרוקעריי, וואו איר האָט חדשים־לאַנג געמוזט אָפּזיצן אָן לופט, אָן זען זיך מיט אַ מענטשן, אָפּגעריסן פון אייגענע, פון אַרבעטער, פון טאַטע־מאַמע, פון דער גאַנצער וועלט, אין אַ לעבן פון שטענדיקער שרעק און אומרואיקייט, ערגער ווי אין דער שווערסטער טורמע, איזאָלירט, באַגראָבן.

— אויך אינטעליגענטן האָבן אַזוי געלעבט.

— איך ווייס, איר מיינט אייער פּאַרטנערין, וואָס האָט גע־

נאַלטן אַלס אייער ווייב. אָבער לאָמיר נישט רעדן דערפון. איך וויל איך נישט ווי טאָן...

דער אַרעסטירטער איז אויפגעשפּרונגען.

— וואָס מיינט איר? — האָט ער געפרעגט — וואָס?

— גאָרנישט, — האָט דער פאַלקאָווניק געזאָגט מיט א געהיי־מען שמייכעל, — גלייכער נישט צו רעדן דערפון.

דער אַרעסטירטער איז פון דער הויט געשפּרונגען. דער פאַל־קאָווניק האָט נישט אויפגעהערט צו שמייכלען אין די וואָנסן אריין געהיימנישפול און מיטליידנדיק.

— מנע, — האָט ער גענומען פויקן מיט די פינגער אין שרייב־טיש, — ווי אומגעהויער נאַאיוו און גלויביק אונזערס א מענטש בלייבט שטענדיק, ווי גלאַטיק די אינטעליגענטן נעמען זיי אויף דער נעץ... זיי האָבן אייך געדרשנט וועגן מאָראַל, וועגן בלויז חברשע באַציאונגען, וואָס דאַרפן האָבן אַן אָרט צווישן חברים, אומאָפּהענגיק פון געשלעכט... בלויז אידעען, כע, כע, כע. נישט אמת?

דער אַרעסטירטער האָט זיך געקאָרטשעט ווי א שלאַנג.

— מיר זענען מאַן און ווייב.

— איר רעדט נארישקייטן, — האָט דער פאַלקאָווניק געזאָגט,

— איר וועט דאָך נישט האַלטן מיך פאַר אַזא שוטה... איך קען מיך אויף די פּאַרטייאישע מאַן־און־ווייב אויף קאָנספּיראַטיווע וואוי־נונגען. איר זענט געווען מאַן און ווייב פאַרן הויז־וועכטער. אין שטוב האָט זי זיך געהאַלטן ווייט פון אייך, נישט צוגעלאָזט צו זיך, געווייכט פון אייך, ווי שטענדיק אַזא אינטעליגענטין ווייכט פון א נידעריקן פון זיך, פון אַן אַרבעטער. מיט די אינטעליגענטן פון איר קלאַס האָט זי נישט גערעדט פון מאָראַל, פון חברישע באַ־ציאונגען. דאָרט זענען געווען אַנדערע באַציאונגען, גאָר אַנדערע...

דער אַרעסטירטער איז אַרויס פון די כלים.

— א ליגן! — האָט ער געשריגן, פאַרגעסנדיק זיך אין זיין פּחדנות.

דער פאַלקאָווניק האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט, געלאַכט הויך מיטן פולן מויל.

— ציט מיך נישט ביי דער צונג, — האָט ער געזאָגט גע־

היימנישפול, — זיי באהאנדלען אייך פיל, פיל ערגער, ווי איר זיי. איר זענט זייערע שקלאפן, בלינדע פארערער, גרייט אויסצושטיין אלע פיין און נישט ארויסכאפן זיך מיט קיין ווארט. זיי טרייסלען זיך אפ פון אייך, גיבן אייך אוים, ווייל זיי האבן מורא פאר פיין, פארטראגן נישט קיין קלעפ אויף זייערע אויסגעצערטלטע קערפערס... איך ווייס, וויפל אזא יונגערמאן, ווי איר, האט זיך אנגעליטן, שטענדיק צו זיין אין איין שטוב מיט א מיידל, וואס מען האט ליב, וואס מען גייט אוים נאך אירע טריט. לעבן ווי א מאן און ווייב, נאר האלטן זיך פון דערווייטנס, אויסשטייענדיק פאראכטנדיקע בליקן... זען פון יענעם צד עקל, באהאלטן אונטער א מאסקע פון מאראל... און אין דער זעלבער צייט פירט דיין הייליק „ווייב" זינ-דיקע ליבעם מיט די פירער... זיי האבן געלאכט פון אייך... חוזק געמאכט...

— איר האט נישט קיין רעכט! — האט דער ארעסטירטער געשריגן.

— מעגלעך. אבער איך האב ליבע-בריוועלעך, וואס מען האט ביי דער רעוויזיע אין אייער „ווייבס" פאפירן געפונען, זייער אינ-טערעסאנטע, זייער...

ער איז צוגעגאנגען צום שופלאד, געפורקעט זיך, ארויסגע-צויגן א פאפירל און עס צוריק אוועקגעלייגט.

— לײדער קאן איך אייך מיט געוויסע אינטערעסאנטע זאכן, אזוי ווענן דער דאמע ווי אויך ווענן פיל פון אייערע געטער, נישט באקענען נאך. צו פרי. אפשר אן אנדערש מאל, ביי א געלעגנהייט. דאן וועט מיך זיין לייכטער אייך איבערצוצייגן... איבעריקנס, איז אונזער געשפרעך געווען היינט בלויז א פערזענלעכער, נישט קיין אמטלעכער. איך וויל אייך בלויז צום סוף זאגן, אז איר זאלט ווענן מיינע רייד זיך פארטראכטן.

דער ארעסטירטער איז געזעסן מיט א געזונקענעם קאפ. קאניצקי האט גערעדט ווי א געטרייער פאטער, וואס שטראפט זיין קינד.

— געדענקט, אז ווען עמיצער האט אן אפענע טיר, מוז ער נישט דורכאוים דורכברעכן מיטן קאפ א לאך אין דער וואנט, — האט ער שטיל גערעדט. — טיילט אפ אייער קאמף פאר ברויט פון

ליגן דעם קאָפּ פּאַר פּוסטע אינטעליגענטישע אינטערעסן און מיר וועלן פאַרשפּאָרן פירן מלחמה איינער מיטן אַנדערן.

— אָבער איר שלאָגט דאָך אונז, איר שיסט אויף אונזערע דעמאָנסטראַציעס!

— דאָס איז דערפאַר, ווייל איר לאָזט זיך פאַרפירן פון די אינטעליגענטן — האָט פּאָלקאָווניק קאָניצקי געענטפערט.

דער אַרעסטירטער האָט נאָך געוואָלט רעדן, נאָר דער פּאָלקאָוו- ניק האָט אים אָפּגעשטעלט.

— ס׳איז מיר געווען זייער אָנגענעם, — האָט ער געזאָגט, — איך האָף, אַז מיר וועלן זיך נאָך זען. אַ גוטע רואיקע נאַכט...

די זשאַנדאַרמען האָבן דעם אַרעסטירטן אָפּגעפירט אין זייער אַ ריינער און באַקוועמער צעלע. אויך האָבן זיי אים געבראַכט עסן פון אַ רעסטאָראַן, זייער געשמאַק עסן. נאָר דער אַרעסטירטער האָט זיך דערצו נישט צוגערירט. ער האָט נישט געקאָנט עסן, נישט גע- קאָנט צומאַכן קיין אויג אַ גאַנצע נאַכט.

דעם פּאָלקאָווניקס רייד, די פּאָליטישע, נאָך מער די פּערזענ- לעכע, האָבן אים געפּרעסן, ווי ווערים ארומגעקראָכן אין מוח.

— שוין-זשע האָבן די זיך די חברים אויסגעגעבן? — האָט ער נישט אויפגעהערט טראַכטן. — אַ נישט פון וואַנען האָט ער דאָס אַלץ געקאָנט אַזוי וויסן? אַזוי, אַלץ ריכטיק וויסן?...

ער האָט איינגעגראָבן דעם קאָפּ אין דעם שטרויענעם טורמע- קישעלע און געוויינט, געשלוכצט אין דער נאַכט.

קאַפּיטל צוויי און צוואַנציק

לאָדזש האָט אויפגעלעבט:

די מלחמה אויפן וויטן מזרח האָט זיך פאַרענדיקט. דאָס גרוי- סע רוסלאַנד האָט זיך צוריק ברייט געעפנט פאַר סוחרים, קאָמיס- יאָנערן און וואָיאַזשאָרן. באַשטעלונגען זענען אָנגעקומען אַ סך און די פאַבריקן האָבן געיאָגט, צו צוויי שיכטן געאַרבעט.

קיין שטרייקן זענען מער נישט געווען. די באַפרייטע זעלנער פון פראָנט זענען איצט פיל געווען אין שטעדט און דערפער איבער

דער גאַנצער רוסישער אימפּעריע. אַנשטאָט שלאָגן די געצנדינערישע יאַפּאַנער, האָבן זיי געשלאָגן די רעוואָלוציאָנערן, די שונאים פון צאַר. די מאַכט איז צוגענומען געוואָרן ביי דער פּאָליציי און איבער־געגעבן געוואָרן צו מיליטערישע קאָמענדאַנטן, ווי אויפן פראָנט. אין די רוסישע שטעט האָט די פּאָליציי צונויפגענומען אַלע אונ־טערוועלט־מענטשן, שיכורים, בראָדיאַגעס, פאַרברעכער פון די טורמעס, און פאַר זיי טיי־הייזער געמאַכט, רוסישע „טשיינעס“, וואו עס האָבן געהאַנגען די אויסגעצאַצקעטע פּאָרטרעטן פון קייסער און פון דער קייסערינע, און פריסטאַוועס, גלחים און אַגענטן האָבן פאַר שיכורים און פּראָסטיטוטקעס גערופן אין גאָטס נאָמען צו שלאָגן אידן, רעוואָלוציאָנערן און שטרייקערס. לאַנג־בערדיקע און לאַנג־פּאָלעדיקע פּאָפּן מיט צלמים אין די הענט, נאָענט אין שווארצן מיט ברענענדיקע וואַקסענע ליכט, גראָבע רעסטאָראַטאָרס, מארק־זיצער־קעס, איבערגעטאָנענע פּאָליציאַנטן, שיכורים, גאַסן־פרויען, קאַלי־קעס, משוגעים, לומפּן, האָבן מאַרשירט איבער די גאַסן פון די שטעט, געזונגען צערקווע־לידער, געריסן זיך די העלזער ביי הימנען און געשלאָגן, גערויבט און געממיתט אין די אידישע גאַסן.

אין דער ליטע, אין ווייס־רוסלאַנד, זענען סאָלדאַטן מיט געווער אין די הענט באַפאַלן די אידישע קווארטאַלן און געהאָלפן די רווי־בער אין זייערע פּאָגראָמען: צעטריבן און געשלאָגן די אידישע זעלבסט־שוץ. אין די פּוילישע שטעט האָט מען פון רוסלאַנד בערדיקע קאַצאַפּעס געבראַכט אויף באַן־ארבעט און אויפגעהעצט זיי קעגן די אידן, די שונאים פון דער צערקווע און פון צאַר דעם פּאָטערל. אין די טורמעס איז געווען פול מיט אַרעסטירטע ארבעטער, שטריי־קערס, רעוואָלוציאָנערן. ווען די טורמעס זענען געוואָרן איבערגע־פּאַקט, האָט מען די אַרעסטירטע אין די קאַזאַרמעס איינגעזעצט, אפילו אין די גאַרניזאָן־צערקוועס, אין די זעלנערישע גאָט־הייזער. די מיליטערישע קריגס־געריכטן האָבן געארבעט שנעל, איילים. אין די נעכט האָט מען תליות געבויט אין די טורמע־הויפן. מיט יעדער פּאַסאַזשיר־צוג זענען מיטגעגאַנגען פאַרקראַטעטע וואַגאָנעס, גע־פּאַקטע מיט פאַרשיקטע צום ווייטן סיביר.

אין אידישע שטעט און שטעטלאַך האָבן אידן תעניתים גע־פאַסט צוליב די פּאָגראָמען, ויחל אין וואָכעדיקע טעג געלייענט, געלט

פאַר געבליבענע יתומים און אלמנות געזאַמלט. אנשטאַט די פריערדיקע אחדות-לייט, האָבן מגידים און רבנים צוריק פאַרנומען די באַלעמערס. זיי האָבן צו גאָטס וועגן גערופן, צו דאַוונען, טאָן מצוות און צו הכנעה און אונטערטעניקייט צו דעם מלכות און צו די געזעצן. טאַטעס האָבן קינדער געהאַלטן צוריק אין צוים. פון צייט צו צייט האָבן די אחדות-לייט נאָך געלאָזט זיך הערן, פּראָקלאַמאַציעס אויף די ווענט אויסגעהאַנגען, מיט אַ רויטער פאָן פלוצלינג אַרויס. אָבער זעלטן, אַז מען איז מיט זיי נאָכגעגאַנגען. פיל פון די רעוואָלוציאָנערע יונגעלייט פון באַלעבאַטישע שטובן האָבן אָוועקגעוואָרפן די קינדערישע פאַנטאַזיעס און וועלכע זיי האָבן זיך אַריינגעלאָזט אין די הייסע יאָרן. זיי זענען צוריק אַוועק אין די אוניווערסיטעטן, צו קאַריערעס זיך געגרייט. אַנדערע האָבן גוטע שידוכים געטאָן, געשעפטן פאַרלייגט, פאַבריקלעך, ווערקשטאַטן. מיידלעך האָבן חתנים געזוכט, אָדער גאָר אין פרייע ליבעס זיך אַריינגעלאָזט מיט געוועזענע רעוואָלוציאָנערן, געהוליעט און געטרונקען. אַ סך זענען קיין אויסלאַנד געלאָפן, קיין אַמעריקע, אַרגענטינאַ. די רעוואָלוציאָנערע פירער זענען אין דער שווייץ אַוועק, הייסע טעאָרעטישע דיסקוסיעס געפירט אין די סטודענטישע צימערלעך. אַנדערע זענען אין די טורמעס פאַרבליבן, אויף סיביר.

לאָדזש האָט צוריק געאַרבעט, געיאָגט אויף דער גאַנצער פאַרע. רוסלאַנד האָט געפאָדערט, געקויפט, אָנגעקויפט פאַר דער גאַנצער צייט פון די אומרואיקע צייטן. די לאָדזשער פאַבריקאַנטן האָבן אָפּט בעלער פאַר דער מיליטערישער מאַכט אין שטאָט איינגעאָרדנט, געלט ביי די אָפיצירן פאַרשפּילט, אויך אַ גרעסערן וועכנטלעכן געהאַלט דעם גענעראַל קוניצין, דעם באַלעבאָס פון דער שטאָט, אַריינגעטראָגן. אויך אַ קאַרעטע האָבן זיי אים געקויפט, אַ טייערע קאַרעטע מיט פערד אַ מתנה, ער זאָל די שטאָט האַלטן שטרענג, נישט דערלאָזן צו קיין שטרייקן און אומרוען. די אַרבעטער האָבן מורא געהאַט אַ וואָרט אויסצורעדן. קיין פּיפּס האָט מען נישט געטאָן. לאָדזש האָט צוריק געהוליעט אין די שאַנטאַנען. געשפּילט אין קאָרטן, געטרונקען און געלעבט אַ טאָג.

גאָר אין די פעדערן איז געווען מאַקס אשכנזי. עס איז אים זייער גוט געגאַנגען. ער האָט זיינס דורכגעפירט.

יאַקוב זיין ברודער האָט טאַקע געקעמפּט פאַר דינהלען זיין שוועגערין, געגעבן איר געלט, אַדוואָקאַטן אַרויסגעשטעלט, געלייגט זיך אין דער לענג און אין דער ברייט, אַבי נישט צו לאָזן זי אָפּנעמען פון מאַן, אָבער עס האָט אים נישט געהאָלפן. אין עקשנות איז ער, מאַקס, אַלעמאָל געווען שטאַרקער. ווען ער האָט זיך אויף עפּעס פאַרלייגט, האָט ער געמוזט דורכזעצן זיינס, מיטן קאָפּ אין וואַנט האָט ער זיינס דורכגעשלאָגן. יאַקוב האָט, ווי אַלעמאָל, גיך אין עפּעס זיך אָנגעבאַפּט, אויפגעקאָכט געוואָרן, אַריינגעוואָרפן זיך מיט ברען, אָבער ווי גיך ער האָט זיך אָנגעצונדן, אַזוי גיך האָט ער זיך אָפּגעקילט, אָנגעוואוירן דעם חשק צו מלחמה. ער האָט מער הנאה געהאַט פון אייגענעם פאַרגעניגן, וואוילטאָג, איידער פון מלחמה, אַנדערש איז עס געווען מיט מאַקסן. דאָס בעסטע פון אַלע פאַר-געניגנס איז געווען די הנאה פון אויספירן עפּעס, דערגיין צו דעם, וואָס ער וויל. נאָכמער — אויסצופירן ביי אַן אַנדערן, נקמה צו נעמען, באַזיגן. ווי די מאָל, וואָס האָט צייט און מיט קליינע ביסן צעפרעסט זי די שטאַרקסטע זאַך, אַזוי האָט ער געפרעסן, געגראָבן, נישט אָפּגעשטאַנען, נישט אָפּגעלאָזט, כסדר אָנגעגריפן, די יאָרן דערגאַנגען, ביז דער קעגנער איז מיד געוואָרן און נאָכגעגעבן.

ער האָט צום הונדערטסטן מאָל געשיקט שמשים רופן צו דין-תורהס, מענטשן אונטערגעשיקט, אַדוואָקאַטן אַרויסגעשטעלט, דעם הויז-פאַרוואַלטער שלמהלע קנאַסטער אָנגעזעצט, אַלערליי שטיקלעך אים געהייסן אָפּטאָן, ביז דינהלען איז מיאוס געוואָרן, דאָס לעבן איז איר נישט איינגעגאַנגען, און זי האָט געוואָלט פּטור ווערן. אויך די עלטערן האָבן אַראָפּגעלאָזט די פליגל. זיי זענען נישט געווען קיין בעלי-מלחמה, די אַלטערס, קיינער האָט עס אויף זיי נישט גע-קאָנט זאָגן. אויך איז מיאוס געוואָרן ביי יאַקובן געלט צו נעמען, און חובות זענען געווען פון אַלע זייטן. דער זון איגנאַץ אין אויס-לאַנד האָט געשריבן כסדר בריוולעך נאָך געלט. קיין זאַך איז אים נישט אָנגעגאַנגען אין שטוב. זאָל זיך טאָן וואָס עס וויל, אַבי די טשעקן זאָלן אים אָנקומען וואָס אָפּטער, אַנישט, האָט ער געסטראַ-שעט מיט נעמען זיך דאָס לעבן. און דינהלע איז מיד געוואָרן, נישט געקאָנט מער אויסטראָגן אויף אירע ווייבערישע אַקסלען די גאַנצע משא און איז איינגעגאַנגען אויף א גט.

מיט א שווער געמיט האָט מאַקס אַשכנזי געמוזט אויסצאָלן זיין ווייב גאַנצע הונדערט טויזנט רובל אין מזומנים. דאָס איז געווען פיל, פיל מאָל מער, וויפל זי האָט אים אריינגעטראָגן אין נדן אריין. הונדערט טויזנט רובל איז אַ סומע, מען קאָן אַ שיין פעקל אַקציעס צוקויפן פאַר דעם געלט. אָבער ער האָט עס געמוזט מקריב זיין צוליב דעם גרויסן פּלאַן זיינעם. זי אַליין, די אַלמנה מרגליות פון כאַרקאָוו, האָט אים געהייסן די סומע איינצאָלן. דערפאַר האָט ער אַרויסגע-קריגן א גט, א אידישן, ווי אַ ציווילן, אויך אַן אונטערשריפט פון זיין ווייב, אַז זי האָט מער נישט קיין פּרעטענזיעס צו איר געוועזענעם מאַן, שמחה מאיר (וועל מאַקס) אַשכנזי. מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ זענען זיי ביידע, מאַן און ווייב, געשטאַנען אין דער רבנישער שטוב, וואו מען האָט זיי פיל מאָל איבערגעפרעגט וועגן ווילן פון שיידן זיך און פיל מאָל געהייסן זיי איבערחזרן די זעלבע „יאָ׳ס“.

— גאָט מיינער, ווען וועט שוין אַן ענדע נעמען, — האָט די-נהלע געזאָגט צו דער מוטער, — איך קאָן שוין מער נישט.

— א גט איז נישט קיין קלייניקייט, — האָט דער רב זי גע-מוסרט, — אַזוי הייסט די הייליקע תורה.

זי איז אַרויס פון שטוב, קיין איין איינציקן בליק נישט טוענ-דיק אויף דעם מענטש, מיט וועלכן זי האָט אָפּגעלעבט א לעבן. זי איז געפאַלן דער מוטער אויפן האַלז אין דער פאַרמאַכטער דראָזש-קע און אריינגעפאַלן אין ספּאַזמעס.

— פאַרוואָס קומט מיר אַזאַ לעבן? — האָט זי געשלוכצט. — אַזאַ אומגליקלעך לעבן? פאַר וועלכע זינד, מאַמע?

פּריווע האָט זי געטרייסט.

— טאָכטער, וועסט נאָך חתונה האָבן, פירן א גליקלעך לעבן. מיט אַזאַ פאַרמעגן, קיין בייז אויג. און ביזט נאָך שיין ווי אַ בילד. בליסט, מיין טאָכטער, ווי א רויז...

— רעד נישט, — האָט דינהלע די מוטער געבעטן, — לאָז מיך!...

מאַקס אַשכנזי האָט יאָ אויף זיין געגט ווייב געקוקט. מיט איר בלאַס פּנים, אומעטיקע בלויע אויגן, אין די טונקעלע קליידער, אַ שטאָלצע, א פרעמדע, א שלאַנקע, האָט זי זייער שיין אויסגעזען, רייצנד און אומצוטריטלעך. פאַר זיינע אויגן איז געשטאַנען די

אלמנה מרגליות, די גרויסע,ברייטפּלייציקע, שטיינערנע, עלטערע פרוי מיט אירע מאַנסבילשע באַוועגונגען און מיט איר באַס־שטים, וואָס אַ קעלט יאָגט פון איר. אים האָט אַ ריס געטאָן ביים האַרץ, ווען דינהלע איז אַרויס פון שטוב, דאָס לעצטע מאָל פאַרשוואונדען פון זיינע אויגן. אַ פוסטקייט איז געבליבן, ווי מען לאָזט אַרויס אַ טייערע זאַך פון די הענט אין אַ טיפן אָפּגרונט אַריין און די הענט בלייבן מיט אַמאָל איבעריק. אָבער, ווי שטענדיק, האָט ער זיך געשטאַרקט. ער האָט געזען די מיליאָנען, וואָס די כאַרקאָווער אַלמנה טראָגט אים אַריין, די שווערע געלטער אירע, וואָס מען קאָן פאַר זיי אַ וועלט מיט אַקציעס קויפן, און ער האָט זיך פאַרגעסן אָן זיין פוסטקייט.

מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ, אויף די שפּיץ פינגער, ווי תמיד, ווען ער וויל זיך צוגעבן קוראַזש, איז ער אַרויס פון דער רבנישער שטוב און אַריינגעוואָרפן זיך אין דער קאַרעטע וואָס האָט אויף אים געוואַרט. נאָך אין זעלבן טאָג איז ער מיטן שנעל־צוג אַוועקגעפאָרן קיין כאַרקאָוו צו דער אַלמנה מרגליות מיטן גט אין דער האַנט.

* * *

לאָדזש האָט געוואוסט, וואָס זי האָט נביאות געזאָגט וועגן דער ליבע צווישן פאַבריקאַנט פלידערבוימס טאָכטער יאַנקאַ און יאַקוב אשכנזי.

מען האָט געזאָגט, אַז ס׳וועט האַלטן פון אסתר־תענית ביז פּורים, און אַזוי איז עס טאַקע געווען. ווי גיך די משוגענע פאַבריקאַנטישע טאָכטער האָט זיך צו דעם שיינעם מאַן צוגעכאַפּט, אַזוי גיך האָט זי אים אַוועקגעוואָרפן. ער איז פאַרבליבן טאַקע וואוינען ווייטער אין פּאַלאַץ, אין דער דירעקטאָרישער וואוינונג ביי דער פאַבריק. אויך איז זי מיט אים פאַרבליבן ווייטער פריינט, אַפילו אויף „דו״, אָבער אַרומגעפאָרן מיט אים מער מיט דער קאַרעטע איבער די לאָדזשער גאַסן איז זי נישט. זי איז געווען פאַרקאָכט אין נייעם טענאָר, דעם איטאַליענער, וואָס האָט אַ צייט געזונגען אין דער וואַרשעווער אָפּערע. זי האָט פּלוצלונג גרויס חשק געקריגן צו אַנטוויקלען די שטים, וואָס זי האָט אַמאָל געהאַט, און זי האָט איינגעלאַדן דעם טענאָר צו זיך אין פּאַלאַץ אויף אונטערריכט. ווי פריער מיט יאַקוב אשכנזי, איז זי איצט אַרומגעפאָרן איבער די

לאָדזשער גאַסן מיט דעם ברוין-הויטיקן איטאַליענער און געטוליעט זיך צו אים פראַנק און פריי פאַר אַלעמען, ווי נאָר די משוגענע האָט געקאָנט.

יאַקוב אשכנזי איז אַרומגעפאָרן גאַלאָפּ צוזאַמען מיט זיין ברודערס טאָכטער גערטרוד.

זי האָט מער קיין סוד נישט געמאַכט פון איר ליבע צום פעטער, די פריילעכע גערטרוד. נאָך טאַטע-מאַמעס גט איז זי געוואָרן זעלבשטענדיק און די מוטער אפילו נישט געפרעגט קיין דעה. זי איז געזעסן נעבן פעטער אַ פריילעכע און גליקלעכע, שאָקלענדיק מיט אַלע לעקעלעך, קרייזעלעך און רינגעלעך פון איר שיינעם קופּער-האָריקן קאָפּ. זי האָט גענומען ביים פעטער די לייצן אין די הענט, ווי ווען זי איז אַ קינד געווען, געלאַכט מיטן גלעקלדיקן געלעכטער און געקוקט דעם פעטער אין די שוואַרצע הייסע אויגן אַריין מיט בלויע פייערלעך.

— אָנקל יאַקוב, — האָט זי געזאָגט, — גיב מיר אַ קוש, אַ בעסערן, אַ שטאַרקערן.

דער זיידע אַלטער האָט גענומען זוכן זיין אייניקל שידוכים. ער, ווי פּריווע, זיין ווייב, האָבן שוין געהאַט אויפן אויג זייער אַ וואוילן מאַן, אַן אַלמן, אַ סוחר, פאַר זייער טאָכטער. דינהלע האָט, אמת, פון קיין שידוכים נישט געוואָלט הערן, נישט געלאָזט פאַרן מויל ברענגען אַזעלכע ווערטער און געזאָגט, אַז זי וועט שוין אַזוי אָפּפּטרן אירע יאָרן. אָבער סיי איר פאָטער, סיי די מוטער האָבן געגלויבט, אַז זי וועט זיך לאָזן איבעררעדן. זיי האָבן נאָך געוואָלט האָבן נחת פון איר, פאַר דעם שלעכטן לעבן, וואָס זיי האָבן איר געגעבן. די מניעה איז בלויז געווען אין דער טאָכטער, אין גערטרוד. פאַר איר חתונה האָט מען וועגן דער מוטער קיין שידוך נישט געקאָנט רעדן, און ר׳ חיים האָט געהאַלטן אין איין רעדן מיט שדכנים וועגן אַ לייטישן שידוך פאַרן אייניקל. פּריווע האָט פון מאַן געלאַכט.

— מוזט מיינען, אַז דאָס זענען אַמאָליקע צייטן. ניין, חיים, דיינע שידוכים טויגן נישט פאַר גערטרודן. איך וועל שוין פאַר איר עפּעס אויסזוכן אַ היינט-וועלטיקן בחור. מיט צען טויזנט רובל קאָן מען אפילו אַ דאָקטאָר פאַר איר קריגן...

אָבער גערטרוד האָט נישט געוואָלט הערן, נישט פון זיידנס סוחרים און נישט פון דער באָבעס דאָקטוירים.

—כ׳וויל נישט, כ׳דארף נישט, — האָט זי געלאַכט און פאַר-שטופּט זיך די אויערן מיט די קליינע פינגער.

— וואָס איז, דו האָסט שוין עמיצן? — האָט די באָבע פריווע געוואָלט וויסן. — א ליבע האָ, שיקסע?

— א ליבע, שוין איינמאָל א ליבע, — האָט דאָס מיידל גע-זאָגט א לאַכעדיקע און גענומען די באָבען דרייען אין א טאַנץ איבער דער שטוב.

אַן ענערגישע ווי דער פאָטער, וואָס שטעלט זיך פאַר קיין זאַך נישט אָפּ פארלייגנדיק זיך אויף עפּעס, א לעבנסלוסטיקע, א זוכערין פון עולם-הזה און פארגעניגען ווי די אַלטערס, האָט זי נישט באַ-גניגנט זיך בלויז מיט די משפחה צערטלעכקייטן פון פעטער יאַקוב. ער איז פאַר איר נישט געווען בלויז א פעטער נאָר א מאַן, א מאַן א שיינער, א קרעפטיקער, א פרייליכער, וואָס לעבן שפּראָצט פון זיינע שווארצע אויגן, פון דער ברוינער הויט, פון גאַנצן גע-זונטן קערפּער, וואָס ווייעט מיט כוח און מענלעכקייט. נאָך קינד-ווייז, א דרייצן-יעריק מיידל, זיצנדיק ביי אים אויף דער שויס, האָט זי אין אים נישט אזוי ליב געהאַט דעם אָנקל, ווי דעם מאַן. וואָס עלטער זי איז געוואָרן, אַלץ מער האָט זי געקלעפּט צום פעטער. זינט ער איז געוואָרן א גרוש, האָט זי גענומען מיט אים רעדן אָפענע רייד. זי האָט אים אויפגעהערט רופן מיטן פאַמיליארישן אָנקל, נאָר גאָר ביים נאָמען. קובוש—האָט זי אים גערופן פארצוייגן אנשטאָט יאַקוב. זי האָט זיך געטוליעט צו אים, אויף דער שויס זיך אים געזעצט, מיט די פינגער אין זיינע האָר און באָרד געקרייזלט און געגעסן אים מיט די אויגן.

— קוש מיך. שטאַרקער, פעטער, עס מיר אויף! — האָט זי געפליסטערט צו אים אין ליידנשאַפטלעכן פייער.

דער פעטער יאַקוב האָט מורא געהאַט פאַר דעם מיידל.

אויך ער האָט צו איר געפילט מער ווי אָנקלשע ליבשאַפט. ער האָט אין איר געזען דינהלען, אינגאַנצן די מאַמע. דאָס איינציקע, וואָס האָט זי אָפּגעטיילט פון דער מאַמען, איז געווען איר מויל. נישט אזוי שיין און צארט זענען דעם מיידלס ליפּן געווען ווי דער

מוטערס. צו דיקלעך זענען זיי געווען, שטארק רויט און אביסעלע פארקאשערט, דורך וועלכע די ציין, ווייסע, שטארקע און פארצוקנ־דיקע, האבן האלב פארהלשט שטענדיק ארויסגעקוקט. די גאנצע פאטערישע ירושה, די ענערגיע און גיריקייט האבן דורך דעם שטארקן מויל ארויסגעקוקט.

די פארקאשערטע דיקלעכע ליפן האבן אויסגעזען, ווי שטענדיק גרייטע צום קושן, קושן שטארק, ליידנשאפטלעך. מענער האבן זיך גלייך אויף די ליפן אפגעשטעלט, די אויגן נישט אראפגעלאזט פון זיי. דער פעטער יאקוב האט מורא געקריגן פאר זיך, ווען דאס מיידל האט מיט רייפע ווייבערישע קושן זיין מויל פון אונטער די וואנסן געזוכט.

— גערטרוד, אראפ! — האט ער זי געטריבן פון דער שויס. — גרויסע מויד, מאך זיך נישט נאריש...

אבער דאס מיידל איז פון אים נישט אפגעטרעטן.

— איך בין נישט מער קיין קליין מיידעלע, — האט זי געזאגט מיט כעס, — איך ווייס, אז דו האסט מיך ליב...

דער פעטער יאקוב האט געפרואווט לאכן פון איר, מאכן די זאך פאר א שפאס. אבער דאס מיידל האט זיך אנגעצונדן.

— לאך נישט, רעד צו מיר, ווי צו א פרוי! — האט זי גע־טופעט מיט די פיס און געצארנט מיט אויפגעוואכטער באליידיקונג פון א ווייב.

דער פעטער יאקוב האט זיך דערשראקן. אין אירע אויגן האבן רייפע ווייבערישע בלויע פייערן געברענט. ער האט זיך אויף די זאכן געקענט. ער האט שוין געזען, אז קיין שפאסן וועלן דא נישט אנגיין. פאר אים איז געשטאנען א פרוי, א רייפע, א פארליבטע, א דעספאטישע און א שקלאפין מיטאמאל. ער האט געזען, אז דער עסק ווערט ערנסט, און ער האט מורא געקריגן. ער איז, אמת, גע־ווען פריי, סיי פון ווייב, וואס האט אים א גט געגעבן, סיי פון פלידערבוימס טאכטער, וואס האט אים אויף דעם טענאר פארביטן. אבער ער האט מורא געהאט פאר דער קליינער גערטרוד. עס איז אים נישט אנגעשטאנען פאר דינהלען. וויפל עס האט אים צום מיידל נישט געצויגן, האט ער גענומען דערווייטערן זיך פון איר,

אנטלויפן, אויסמיידן זי. אָבער די קליינע איז פון אים נישט אָפּ־געטרעטן.

א רייפע, א שטאַרקע, פול מיט לוסט און ענערגיע, האָט זי נישט פּרובירט, ווי איר מוטער אַמאָל, דערטרינקען זיך אין ביכלעך, לעבן מיט פרעמדע לעבנס; האָט זי נישט דערטרונקען אירע גלוס־טונגען, ווי די חברטעס אירע, אין פּלאַטאָנישע ליבעס צו אַלערליי אָפּערע־זינגער און טעאַטער אַמאַנטן. זי איז געווען פול מיט לעבן און באַגערן. עס האָט ארויסגעשריגן דאָס יונגע לעבן אירס, דורך דעם בלויען גלאַנץ פון די אויגן, דורך דעם הייסן קופּער פון די האָר, דורך די פּאַרקאַשערטע דיקלעכע שטאַרקע רויטע ליפּן, דורך איר גאַנצן בויגיקן און רייפן מיידלערישן קערפּער. זי האָט באַגערט ליבע, א מאַן. אירע באַגערן זענען געווען שטאַרקע, גאַנצע, אומגע־צוימטע, און זי האָט זיך אפילו נישט געשעמט מיט זיי, אָפן האָט זי וועגן זיי מיטן פעטער גערעדט.

— איך ליב דיך, קובוש, — האָט זי אים געזאָגט, — און דו מיך — אויך. איך וויים עס. זיי מיין מאַן!

יאַקוב אשכנזי האָט זי געטריבן.

— נאַריש מיידל, וואָס דו ביסט, — האָט ער איר געזאָגט, — דו ווייסט נישט, וואָס דו רעדסט. רעד נישט דערפון. זאָלן מענטשן נישט הערן.

— וואָס גייען מיר די מענטשן אָן? — האָט דאָס מיידל גע־ענטפערט שטאַרק.

— קינד, איך קאָן דאָך דיין טאַטע זיין.

— מיר געפעלסטו, — האָט דאָס מיידל געזאָגט.

— גערטרוד, דו ביסט יונג, אלע מיידלעך אין דיינע יאָרן האָבן א שוואַכקייט צו מיטל־יאָריקע. אָבער דאָס גייט פאַרביי. דאַרפסט חתונה האָבן מיט דיינס גלייכן!

— איך בין א פרוי און איך וויים, וואָס איך וויל, — האָט זי פעסט געזאָגט.

אז יאַקוב אשכנזי האָט געזען, אז דאָס מיידל לאָזט זיך נישט מיט דער האַנט אָוועקמאַכן, האָט ער גענומען ארויסטראָגן פאַר איר אַלץ פון אונטערן האַרץ.

— גערטרוד, מיר קאָנען עס נישט טאָן צוליב דער מאַמען, —

האָט ער געזאָגט מיט האַרץ. — דו ווייסט, אַז מיר זענען זיך אַמאָל געפעלן געוואָרן. עס וועט זיין פאַר איר אַ שטאַרקער קלאַפּ. נאָך איצט דערצו.

— ווער איז איר שולדיק, אַז זי האָט איר לעבן נישט פאַרשטאַנען ? — האָט דאָס מיידל געזאָגט שאַרף.

יאַקוב האָט זי אָנגעקוקט מיט גרויסע אויגן.

— גערטרוד, — האָט ער זי געמוסרט, — אַזוי רעדט מען וועגן אַ מאַמען ? אינגאַנצן דער טאַטע ביסטו. שמחה מאירל מיטן אויג.

דאָס מיידל האָט זיך פאַנאַנדערגעוויינט.

— וואָס פייניקסטו מיך ? — האָט זי געקלאָגט. — נו, וואָס קומט מיר דערפאַר, אַז איך האָב ליב, אַז איך וויל ליבע ? נו, האָב איך דען נישט קיין רעכט דערויף ?

זי איז געפאַלן אויף די קני פאַר איר פעטער, די הענט אים געקושט.

— נו, נעם מיך אַרום, — האָט זי געבעטן ליידנשאַפטלעך. — נו, קוש מיך, ליב מיך.

זי האָט זיך איינגעביסן אים מיט די ציין אין האַלז, מיט די שאַרפע נעגל אין דער הויט זיך אים געקלאַמערט.

— נעם מיך אינגאַנצן, טו מיט מיר, וואָס דו ווילסט, — האָט זי געמורמלט. — נו, פאַרגעס ווער איך בין, וואָס איך בין. זע אין מיר בלויז אַ פרוי, אַ פרוי, וואָס ליבט דיך און דו ליבסט זי... געליבטער מיינער, האַר, קעניג...

ווי דער פאָטער אירער, וואָס פאַרלייגט זיך אויף עפּעס, לאָזט ער נישט אָפּ, ביז ער דערגרייכט זיינס, אַזוי האָט די טאָכטער זיינע אַריינגענומען דעם פעטער אין די הענט. זי האָט נישט געוואָלט וויסן פון קיין בושה, נישט הערן פון דער מוטער, נישט קימערן זיך וועגן מענטשן ; זי איז געגאַנגען צו איר באַגער מיט פעסטע טריט, אָפּראַמענדיק אַלץ אַרום זיך. זי איז דעם פעטער נאָכגעגאַנגען ווי אַ שאָטן, דאָס בלוט אין אים אָנגעצונדן, דעם מאַן אין אים געוועקט, ביז זי האָט אירס דערגרייכט. אַליין איז זי צו דער מוטער געגאַנגען, צום זיידן, צו דער באָבען, און מיט איר ליבע זיך אויסגעגעבן.

— מאמעשי, — האָט זי געקושט די מוטער, — נו, איך ווייס, אז איך בין שלעכט צו דיר, אז איך וואָלט עס נישט געדאַרפט טאָן; אָבער טו עס פאַר מיר, פאַר דיין טעכטערל, פאַר דיין גער־טרודס ליבע, פאַר מיין גליק... איך וועל נישט לעבן אָן אים...

דינהלע איז געבליבן זיצן אַ פאַרשטיינערטע אין איר טאָכטערס אָרעמס. עס איז פאַר איר נישט אומגעריכט געווען. גאַנצע נעכט האָט זי וועגן דעם געטראַכט, געזען, אז עס וועט קומען דערצו, אז עס וועט מוזן קומען. נאָך ווען זי איז אַ קינד געווען, די קליינע, האָט זי אַרומגעפּאַדערט אַרום פעטער, אויפן האַלז זיך אים אָנגע־האַנגען. זי האָט מיט איר מאַמיש אויג געזען, צו וואָס עס גייט. זי האָט געזען דעם גלאַנץ אין די אויגן ביי יאַקובן תמיד, ווען די קליינע איז אים אויפן רוקן געריטן, צום האַלז זיך אים געטו־ליעט. זי האָט געזען, אַז אין איר טעכטערל קושט ער זי אליין, זעט ער זי אליין, און זי האָט עס געפילט, ווי ער וואָלט זי אליין געטוליעט, ווי ער וואָלט צו איר אליין זיין ליבע אויסגעטיילט. אָבער צוזאַמען דערמיט האָט איר געשטאָכן אין איר ברוסט, האָט איר אַ ווייטאָק געקלעמט, אַ ווייטאָק פון אייגענעם פאַרלוירענעם לעבן, פון פאַרשפּילטן גליק און פון ווייבערישער קנאה, אייפערזוכט.

איצט איז עס געקומען, געקומען שאַרף, אָפן. און זי איז גע־בליבן זיצן ווי פאַרשטיינערט, ווען איר טאָכטער האָט זי געקושט, געהאַלזט און גליק ביי איר געבעטלט.

— שטיי אויף, — האָט זי געמורמלט, — טו, וואָס דו ווילסט, פרעג מיך נישט.

דאָס מיידעל איז אויפגעשטאַנען פון אָרט און געשטעלט זיך אויף די שפּיץ פינגער, ווי דער פאָטער, ווען ער דערגרייכט זיינס.

די מוטער האָט דאָס דערזען און אויפגעציטערט.

— לאָז מיך אליין, — האָט זי געבעטן, — לאָז מיך.

גערטרוד איז אַוועק צום פעטער יאַקוב מיט דער גוטער בשורה.

קאַפּיטל דריי און צוואַנציק

אין גרויסן קאַבינעט פון דער היינץ הונצע־מאַנופאַקטור אין לאָדזש זענען אויסגעשטעלט גרויסע טישן, איבערגעדעקט מיט גרינע

טישטוכער. טיפע לעדערנע פאָטעלן זענען אויסגעשטעלט פון אלע זייטן. די וויצע-דירעקטאָרן, דינער, דרייען זיך דאָ ארום מיט שטילע טריט. דער דינער מעלכיאָר, מיט גרויע באַקן-בערד שוין, אָבער נאָך פונקט אזוי רויט און געזונט, ווי אין דער פריסטער יוגנט, שטייט אויסגעצויגן ווי א סטרונע ביי דער טיר אין זיין גרינעם יעגער-קאָסטיום, מיט די הענט אויף די געפּאַסטע הויזן, גרייט צו דינען. די וויצע-דירעקטאָרן פון דער פאַבריק, די גלאַט-פאַרקעמטע בלאָנדע לייביקע דייטשן עפענען די קעסטלעך אויסלענדישע ציגאַרן און שטעלן אוים אויף די טישן.

עס איז נאָך ניי-יאָר, ווען די אַקציאָנערן פון דער פאַבריק קו-מען זיך צונויף, ווי יעדער יאָר אין דער צייט, אויף דער יערלעכער באַראַטונג. עס זענען זיך צונויפגעקומען די אָנגעזעענסטע און רייכ-סטע, וואָס לאָדזש פאַרמאָגט — בלאָנדע דייטשן, אויסגעפּילטע אין זייערע העלע קאָסטיומען, אידישע שוואַרץ-געקליידעטע באַנקירן, עפּעס א גרויס-וואָנסיקער פּוילישער פּריץ, א פאַרבלאָנדזשעטער צווישן די דייטשן און אידן, אַן עלטערע אויסגעדאַרטע פרוי אין שטאַרק אַלטמאָדישע קליידער, און זיי אליין, די באַראָנען הונצע, אויסגעגלייכטע, בלאַזירטע, מיט מאָנאָקלען אין די אויגן, מיט אַרויפגעצויגענער אריסטאָקראַטיע אויף זייערע פּלעבעאיש-גויאישע פּנימער, פון וועלכע די אַלט-הונציש‍ע וועבערישע פּראָסטקייט וויל אַלץ נישט אַראָפּ.

די פאַרזאַמלטע דייטשן חנפענען זיי, טיטולירן זיי כסדר מיטן הער באַראָן, צעגייען זיך אין זיסקייט און אין הכנעה פאַר די גע-אַדלטע אויסלענדער, אָבער די באַראָנען זענען בייז, אויפגערעגט. זיי וואַרפן זיך אויף די דינער מיט רציחה פאַר יעדער דינסט-פּערטיקייט, פאַר יעדער קריכן זיי אונטער די נעגל. דער הויפּט דירעקטאָר אשכנזי גייט אַרום א פייערלעכער. זיין ענגלישער קאָסטיום איז שוין אַ ביסל צופיל ברייט און געקראַטעוועט, זיין געזיכט איז ריין אויס-ראַזירט, אפילו דאָס שפּיץ בערדעלע אויפן קין איז נישט צעשויבערט ווי געוויינלעך, נאָך צוגעגלעט און צוגעקעמט, ווי דער פריזירער האָט עס געלאָזט. אויך זיין סאַמעטענע וועסט מיט די פּינטעלעך שיינט, יעדער פּינטעלע באַזונדער שפּאַרט זיך ארוים. ער האָט נישט קיין בויך, ווי מערסטע אַקציאָנערן, אויף וועלכן די וועסט זאָל זיך גוט

אויסלייגן, דער הויפט-דירעקטאָר אשכנזי. און ער שטופּט-ארויס דעם בויך זיינעם, שפּאַרט אים מיט געוואַלט ארויס. פּונקט אַזוי פאַרגעסט ער נישט אונטערצוהויבן זיך אויף די שפּיץ פינגער, איבערהויפּט, ווען ער רעדט מיט אַ גרויס-געוויקסיקן, כדי צוצוגעבן זיך ווירדע און הויכקייט.

די זיצונג האָט זיך נאָך נישט אָנגעהויבן, און די פאַרזאַמלטע דרייען זיך דערווייל אַרום איבער דעם גרויסן פאַבריק-קאַבינעט. זיי לאָזן וואָלקנס רויך פון זייערע ציגאַרן אויף די קייזערלעכע פּאָר-טרעטן, וואָס הענגען נאָך דאָ אַזוי, ווי דער אַלטער הונצע האָט זיי אַמאָל אויפגעהאַנגען. זיי באַטראַכטן אויף די ווענט די אַלע מע-דאַלן, דיאַגראַמען, פאָטאָגראַפיעס פון מאַשינען, פּלאַנען, סכעמעס, אַלערליי צייכענונגען און טאַבעלן. דירעקטאָר אשכנזי ווייזט אָן מיט שטאָלץ אויף די דיאַגראַמען. פאַר די לעצטע יאָרן, זינט ער איז דאָ אריינגעקומען אַרבעטן, האָט די פאַבריק געהאַט דריי טויזנט אַר-בעטער, איצט האָט זי אַכט טויזנט אַרבעטער. פּונקט אַזוי האָט זיך פאַרגרעסערט די צאָל פון שטולן.

— אָט זעגען די צייכענונגען, מיינע הערן, — ווייזט אשכנזי אָן אויף די בלויע דיאַגראַמען, — מיט יעדן יאָר, — ווי איר זעט, גייט די ליניע העכער און העכער. דאָ, מיינע הערן, פאַלט די ליניע עטוואָס אַראָפּ. דאָס איז דאָס משוגענע יאָר, ווען לאָדזש האָט מער געשטרייקט ווי געאַרבעט. אָבער באַלד שפּרינגט זי ווידער אַרויף, יאָגט אָן אין קורצן די דורכגעלאָזטע צייט און גייט אין דער הויך, ווי איר קאָנט עס דאָ זען, מיינע הערן.

— שיין, — ברומען די צושויער, — זייער שיין...

— פּאַראַלעל דערמיט, קאָנט איר זען, מיינע הערן, — ווייזט אשכנזי מיט אַ פינגער, — דעם וואוקס פון אונזערע האַנדלס-דער-גרייכונגען. ביטע, נאָכפאָלגן די לאַנדס-קאַרטע. די פענדלעך, ווי איר זעט, זענען די אָנגעצייכנטע פּונקטן.

אשכנזי איז מיטן פינגער אַרומגעגאַנגען די גרויסע לאַנד-קאַר-טע פון דער רוסישער אימפּעריע אין אַלע זייטן, אָנגעוויזן אויף אַלע שטעט און געגנטן, וואו אַלע די אַקציען-געזעלשאַפט הייניץ הונצע-מאַנופאַקטור שפּאַרט אָן. די פענדלעך האָבן געשטעקט אין פאַר-

שידענע געגנטן, דערגרייכט פון דער ווייסל ביזן אמור, ביז די כי-נעזישע און פערסישע גרענעצן.

— אויך איבער די גרענעצן שפּאָרן מיר לעצטנס אָן, מיינע הערן, — האָט אשכנזי געזאָגט, אַריינקריכנדיק מיטן פינגער אין די פרעמדע גרענעצן אויף דער לאַנד-קאַרטע.

ער האָט אָנגעוויזן אויף פריערדיקע קאַרטעס פון אַ צייט צוריק, איידער ער איז אין פאַבריק אַריין.

— אָט דאָס אַלץ האָבן מיר איינגענומען, — האָט ער געזאָגט מיט שטאָלץ, ווי אַ זיגערישער גענעראַל ווייזט אָן אויף די לענדער, וואָס ער האָט געוואונען.

— שיין, זייער שיין! — האָבן די אַקציאָנערן געלויבט.

— צוזאַמען דערמיט איז געגאַנגען דאָס שטייגן פון אונזערע אַקציעס, פון ערשטן יאָר, ווען זיי זענען אַרויסגעלאָזן געוואָרן, ביז איצט, מיינע הערן. ביטע.

מער ווי ביי די אַנדערע פּאַפּירן, האָבן די אַקציאָנערן זיס גע-שמייכלט איצט.

— שיין, זייער שיין! — האָבן זיי געמורמלט, שאָקלענדיק מיט די קעפּ.

אַז אשכנזי איז דערמיט פאַרטיק געוואָרן, האָט ער געפירט די מענטשן זען די פאַבריק.

די אינזשעניערן האָבן געוואָלט פירן, נאָר אשכנזי האָט זיי אָוועקגעשאַרט. אָן אַ קאַרטע אין דער האַנט, אָן באַגלייטער, האָט ער אַליין די פאַרזאַמלטע געפירט איבער דעם ריזיקן שטח פון דער פאַבריק, וואָס איז אָפּגעצוימט פון דער וועלט מיט אַ הויכן ציגל-רויטן פּאַרקאַן, באַדעקט מיט שאַרפע אייזן-שפּיצן אין דער הויך.

אויפן גרויסן ריזיקן הויף האָט מען גאָרנישט געזען, אַ חוץ געביידעס און שפּייכלערס, זעלטן, אַז אַן אַרבעטער איז דורכגע-גאַנגען. בלויז די ערד און די ווענט האָבן געציטערט פון באַוועגונג. דאָס גאַנצע קעניגרייך האָט זיך געצויגן אונטער דער ערד, אַרויס-געקראָכן פון דאָרט אין דער הויך אַרויס, צו די ציגל-רויטע ווענט מיט די פאַרקראַטעטע ציטערנדיקע פענסטער.

— מיינע הערן, מיר וועלן זען מיט אַן אָרדענונג, פון דעם, ווי אַזוי די רוי-שטאָף קומט אָן מיט דער באַן, ביז דעם מאָמענט,

ווען די סחורה גייט ארויס פארטיק און פארפאקט אין לאגער אריין.

דורך אונטערערדישע גאסן, טונקל-באלויכטענע פון רויטע עלעקטרישע לאמפן, האט אשכנזי געפירט די מענטשן ביז דער באן-ליניע, וואס האט געפירט אין דער פאבריק אריין. הויב-מאשינען האבן מיט זייערע אייזערנע לאפעס אנגענומען לאנגזאם ריזיקע פעק ביינוול, פעסער פארב, מאשינען, אנגעקומענע פון אויסלאנד, און מיט גראציע אראפגעווארפן זיי צו די ארבעטער, וואס האבן זיי געכאפט, ארויפגעווארפן אויף וואגאנעטקעס און אוועקגעפירט זיי אין די שפייכלערס.

— פארזיכטיק מיינע הערן, פאר די קייטן און האקעס, — האט אשכנזי געווארנט. — איצט, מיינע הערן, ווייטער.

ער איז געגאנגען אין די קעסל-שטובן, וואו די היץ איז געווען שטארק. הייצער זענען געשטאנען ביי ריזיקע אויוונס, געשאטן קוילן אין די אפענע פייערדיקע פיסקעס. עלטערע האבן געקוקט אויף די טערמאמעטערס, וואס שטייגן פון היץ. די האלב-נאקעטע הייצער, פארקאפטשעטע, פארדרויכערטע, האבן מיט געשיקטקייט אויסגע-שפיגן די לעצטע שטיקלעך פון די געוויקלטע פאפיראסן און מיט פארגליווערטע בליקן באטראכט די אויסגעפוצטע פעט-לייביקע מענטשן.

— פפו, היים! — האבן די מענטשן געזאגט, אפרוקנדיק זיך.

— מען קאן זיך אפבראטן.

— העי, צושיטן קוילן, — האבן די עלטערע הייצער געגעבן באפעלן צו די אינגערע, וואס האבן מיט פארריסענע הענט געגעסן שטיקער ברויט און פארטרונקען מיט ציקאריע פון פלעשער ארויס.

פון די קעסל-שטובן איז אשכנזי ארויס מיט די מענטשן צו די שפינערייען, צו די וועבערייען. איבער די ריזיקע פאבריק-האליעס האבן זיך געצויגן מאשינען אן א שיעור, אן א סוף. פרויען, מערסטנס יונגע, זענען געשטאנען ביי די שטולן, געקניפט פעדים, ווען די מאשין האט עפעס איבערגעריסן, אויסגעגלייכט, ארויפ-געזעצט און אראפגענומען די שפוליעס. דאס קלאפן פון די מאשי-נען, דאס ציטערן פון די טראנסמיסיעס האט געהילכט אין די אויערן.

— אוממעגלעך צו הערן א ווארט, — האבן די מענטשן גע-זאגט, שטופנדיק זיך מיט די בייכער צווישן די שמאלע דורכגאנגען

פון די שטולן. — ווי אזוי הערט איר, הער דירעקטאָר?

— געוואוינהייט, מיינע הערן, — האָט אשכנזי געזאָגט און געוויזן מיט די הענט דעם גאַנג פון פאָדים, וואָס וויקלט זיך און דרייט זיך דורך מאַשינען, הענט, רעדלעך און וואַליקעס.

פון דאָרט איז מען אריין אין די וועשערייען, פאַרבערייען, בלייכערייען.

— פאָרזיכטיק, מיינע הערן, עס איז נאַס, — האָט אשכנזי געוואָרנט.

אין די גרויסע פינסטערע זאַלן איז געשטאַנען אַ פאַרע, פייכטקייט און געשטאַנק. אַלע האָבן זיך גלייך געכאַפּט פאַר די נעז. אסטאַמאַטיקער האָט פאַרכאַפּט דעם אָטעם.

— פוי, געפערלעך, — האָבן די מענטשן זיך געקרימט.

די אַרבעטער, האַלב-נאַקעטע, אין הילצערנע שיך, זענען אַרומגעקראָכן איבער די נאַסע שטיינערנע דילן, געוואַשן סחורות, געזייפט, געטריקנט אין די ריזיקע אויוונס, געפאַרעט, אין רעזערוואָאַרן אַריבערגעוואָרפן, אין דער דרוק דורכגעלאָזן. די מייסטערס האָבן געשריגן. די געסט האָבן זיך געקרימט, געוואָלט שוין וואָס גיכער אַרויס, נאָר אשכנזי האָט נישט אָפּגעלאָזט. ער איז אומעטום אַריינגעקראָכן, ביי אַלעם זיך אָפּגעשטעלט, אויסגעפרעגט זיך ביי די מייסטערס, געכאַפּט אַ שמועס מיט די כעמיקער, באַקוקט די צייכענונגען ביי די צייכענער. אפילו אין פּאַק-קאַמערן איז ער אַריינגעקראָכן, צוגעקוקט זיך ווי די מיידלעך פּאַקן די סחורות.

די איינציקע, וואָס זענען נישט מיטגעגאַנגען, זענען געווען די באַראָנען. זיי האָבן פיינט געהאַט די פאַבריק-האַליעס, נישט געקאָנט פאַרטראָגן דעם רויש, נישט געוואָלט איינריכטן די פיס אין די חזירישע דילן, נישט געהאַט קיין חשק צו רייבן זיך אין די אַרבעטער, די שלעכט-אָנגעטאָנענע און פאַרשוויצטע. זיי זענען געזעסן דערווייל אין פּאַלאַץ ביי זיך און געגאָסן אין זיך די קאָקטיילס איינעם נאָכן אַנדערן, וואָס די דינער האָבן זיי צוגעטראָגן.

זיי זענען געווען בייז, סיי דערפון, וואָס זיי האָבן געדאַרפט זיך אָפּרייסן אין מיט-ווינטער פון זייער ווינטער-ספּאָרט אין די טיראָלער בערג און אַהערקומען אין דעם שמוציקן לאָדזש, סיי דערפון, וואָס מיט זייער פאַבריק האָט עס געהאַלטן נישט געהויבן. זיי

האָבן קיין געגנויע חשבונות נישט געוואוסט. זיי האָבן נישט גע־רעכנט, אָבער געוואוסט האָבן זיי, אַז צופיל אַקציעס האָבן זיי פאַר די אַלע יאָרן פאַרקויפט, איבערהויפּט די לעצטע צייט. עפּעס ווי אָפּגערעדט, האָבן זיי לעצטנס קיין מזל נישט געהאַט נישט אין קאָרטן מיט קאָלעגן, נישט ביי דער רולעטקע אין מאָנטע־קאַרלאָ. זיי האָבן דעריבער פאַרגאָסן די שלעכטע געדאַנקען מיט קאָקטיילס און געלאָזט וואַרטן אויף זיך מיט דער יערלעכער אַקציאָנערן־קאָנפערענץ. וויפל מאָל די דינער זענען געקומען זאָגן, אַז די הערן זענען שוין פאַר־זאַמלט ביים טיש, האָבן זיי זיך דאָך נישט געאיילט אַראָפּצוגיין אין קאַבינעט.

ווען זיי זענען ענדלעך אַראָפּ, האָבן די פאַרזאַמלטע אָפּגע־אָטעמט. אַלע האָבן געוואַרט, אַז דער עלטסטער פון די הונצעס זאָל צוגיין צו דער שטול אויבנאָן און איבערנעמען די זיצונג, ווי יעדן יאָר. אָבער אין דער מינוט האָט דירעקטאָר אשכנזי א קלונג געטאָן מיטן גלעקל און פייערלעך אויסגערופן:

— מיינע הערן, איך האָב די ערע מיטצוטיילן, אַז צום טאָג פון דער היינטיגער פאַרזאַמלונג איז זעכציק פּראָצענט אַקציעס אין מיין באַזיץ, לויטן רעגולאַמין געהער מיר דער כבוד צו עפענען די היינטיקע פאַרזאַמלונג...

אין קאַבינעט איז געוואָרן שטיל. אַלע האָבן אָנגעשטעלט די אויגן צוערשט אויף די בראָנעו, דערנאָך אויף אשכנזין, באַלד ווידער אויף די בראָנעו. מען האָט דערוואַרט זייער וואָרט. אָבער אויך זיי האָבן זיך אָנגעקוקט א ווײַלע און געשוויגן. דאָס האָט אָנגעהאַלטן א לאַנגע ווײַלע, א פּײַנלעכע, אַן אָנגעשטרענגטע. אי־בערגעריסן זי האָט אשכנזי.

— מיינע הערן, דערמיט עפן איך די זיצונג, — האָט ער אויס־גערופן און זיך אַרײַנגעזעצט געמיטלעך אין גרויסן פאָטעל אויבנאָן.

אין זיין קלינגען מיטן גלאָק, אין זיין פעסטער שטים איז שוין געלעגן די ברייטקייט און זיכערקייט פון מאַנופאַקטור־קעניג פון לאָדזש.

די דייטשע פאַבריק־באַאַמטע האָבן אים אונטערגערוקט מיט אָפּשיי די פּאַפּירן, אונטערגערוקט מיט הכנעה, ווי פריער פאַר די בראָנעו.

— ביטע, הער פּרעזעס, — האָבן זיי אים טיטולירט מיטן טיטול.

מיטן זעלבן טיטול האָבן אים גלייך גענומען טיטולירן די פאַרזאַמלטע אַקציאָנערן. דער פריערדיקער „הער דירעקטאָר" איז גלייך פאַרגעסן געוואָרן. די באַראָנען זענען נישט אויסגעזעסן די זיצונג. זיי זענען אַריבער צו זיך אין פּאַלאַץ.

— שנעל פון דיזען מיסט-קאַסטן, — האָבן זיי געיאָגט די דינער ביים פּאַקן די זאַכן. ביזן אָפּגיין פון צוג האָבן זיי נישט אויפגעהערט צו טרינקען.

אין אָוונט האָבן די לאָדזשער צייטונגען, די פּוילישע ווי די דייטשע, מיט פעטע אותיות צוגעגרייט פאַר די לאָדזשער איינוואוינער גלייך צום פרישטיק די וויכטיקע נייעס פון דער אַקציען-געזעלשאַפט הונצע-מאַנופאַקטור. אָבער דאָס איז געווען איבעריק. שוין אין אָוונט האָט גאַנץ לאָדזש אַליין געוואוסט דערפון. אומעטום, אין די פּאַלאַצן און רעסטאָראַנען, אין טעאַטער און אין די קראָמען, אין די בתי-מדרשים און אויף די מערק, אין ווערקשטאַטן און אין קאַפעשאַנטאַנען, אין אַלע ווינקעלעך און לעכער האָט מען נישט אויפגעהערט רעדן וועגן דעם נייעם קעניג פון לאָדזש.

קאַפּיטל פיר און צוואַנציק

אין דעם עקספּרעס-צוג פּעטערבורג-וואַרשע-פּאַריז פון די אינטערנאַציאָנאַלע שלאָף-וואַגאָנען, אין אַ ברייטן באַקוועמען קופּע, אויסגעשלאָגן אינגאַנצן מיט רויטן וואַרעמען פּליוש, איז געפאָרן אויף דעם האָניק-חודש פון לאָדזש קיין ניצע דער דירעקטאָר פון פּלידערבוימס פאַבריק יאַקוב אשכנזי מיט זיין יונג ווייב און ברודערן-טאָכטער געטרוד אשכנזי.

אויף דער פּוילישער זייט זענען די וועגן געלעגן אין שניי און אין פראָסט. דער גרויסער לאָקאָמאָטיוו האָט פרייליך געסאָפּעט, געשניטן זיך אַ וועג דורך די פאַרשנייטע וועגן, וואָס זענען אָפּגעריי-ניקט געוואָרן פון פויערן אין פּעלצן. פאַרביי דורך די ברייטע, קלאָרע וואַגאָן-שויבן זענען געלאָפן הינטער זיך וועלדער באַדעקטע

מיט שניי, פֿאַרפֿרוירענע טעלעגראַף־דראָטן, וואָס בויגן זיך אונטער דער שנייאיקער משא, דאָרפֿישע הייזלעך, וואָס די שווערע דעכער דריקן זיי אַראָפּ ביז דער ערד, אויסגעקרימטע צלמים מיט נאַקעטע פֿאַרשנייטע געקרייציקטע יעזוסעס, באַרגיקע דאָרפֿישע צווינטערס מיט קרייצן, מצבות און קאַפּליצעס, פֿאַרהילטע אין ווייסן. קראָען האָבן זיך געטראָגן מיט זייער קאַלטער שוואַרצקייט איבער די רויט־לעך־געפֿרוירענע הימלען, אָנגעזאָגט אויף קעלט און פֿרעסט.

— גערטרוד, האָסט מיטגענומען באָד־קאָסטיומען? — האָט יאַקוב געפֿרעגט זיין ווייבל, פֿירנדיק מיט די פֿינגער אין גאָלד פֿון אירע קרייזלעך.

— באָד־קאָסטיומען? — האָט גערטרוד איבערגעפֿרעגט און געקוקט מיט בלויע אַפּלען דעם מאַן אין די אויגן.

— געוויס, אין צוויי טעג אַרום וועלן מיר זיך באָדן אין מיטל־לענדישן ים, — האָט יאַקוב געזאָגט, קוקנדיק אַרויס אויף די רייען פּויערים אין פּעלצן, וואָס זענען געשטאַנען מיט די לאָפּאַטעס אין די הענט און אָפּגעוואַרט דעם פֿאַרבייפֿליענדיקן צוג, כּדי באַלד ווידער זיך נעמען רייניקן דעם וועג.

— וואָסער וואונדערבאַרע וועלט, יאַקוב, — האָט גערטרוד געזאָגט אַ גליקלעכע. — ווי שיין דאָס וועט זיין איצט צו פֿאַר־ברענגען אין ווינטער אַ חודש אונטער זון און פּאַלמעס... איך וואָלט שוין וועלן זען די גרענעץ... ס׳ערשטע מאָל ווי איך וועל זיין אין אויסלאַנד. ביסטו גליקלעך, יאַקוב?

— געוויס.

— אָבער נישט אַזוי ווי איך, — האָט דאָס יונגע ווייבל זיך געפּיעשטשעט, — אַ מאַן קאָן גאָר נישט זיין אַזוי גליקלעך ווי אַ פֿרוי... אוממעגלעך...

זי האָט זיך געטוליעט צום מאַן, באַדעקט אים מיט קושן די ליפּן, די אויגן, די הענט.

— בער, גרויסער האַריקער בער מיינער, — האָט זי געפּלים־טערט, — נו, עס מיך אויף...

זי האָט נישט געוואָלט אַרויסגיין פֿון קופּע, נישט אָפּגעלאָזט דעם מאַן אויף קיין פֿרייע מינוט, אויסצורויכערן אַ ציגאַר אין רעסטאָראַן־וואַגאָן, צו רעדן מיט אַ מענטשן. אפֿילו ביים עסן אין

רעסטאָראַן האָט זי נישט אויפגעהערט טוליען זיך צו אים, קושן אים די הענט, איינרוימען אים אין די אויערן ליבנדיקע, קינדערשע, אומזיניקע צערטלעכקייטן.

— גערטרוד, זיי אַרטיק, — האָט זי דער מאַן געשטראָפט ווי אַ קינד. — מענטשן קוקן אויף אונז.

— איך וויל נישט זיין אַרטיק, — האָט דאָס ווייבל אַנטקעגן גערעדט. — וואָס גייען מיך די מענטשן אָן, אז איך האָב דיך... דיך...

אין לויפנדיקן צוג, איבער פינסטערע נעכט, איבער גרענעצן און לענדער, האָבן זיי זייער גליק מיט פולע בעכערס געטרונקען. אין עקסטאַז האָט גערטרוד זיך צו דער ערד פאַר איר מאַן און באַגוועלטיקער אַראָפּגעלאָזט, אויף די קני פאַר אים, פאַר אַן אָפּגאָט זיך געשטעלט, די פיס אים געקושט און שקלאַפיש ווייבעריש ביי אים ליבע געבעטלט.

— האַר מיינער, הערשער, — האָט זי היים געפליסטערט, — פּרינץ... קעניג!

*

אויף אַ ליידיק פאַרשנייט פעלד, איבער געפרוירענע טייכלעך און וואַסערלעך, מיט אַ שווערער וואַליזע אין די הענט, וואָס שלעפּט מיט דער משא אַראָפּ צו דער ערד, פאַרוואָרפן אין אַ שפּעטערער פראָסטיקער נאַכט, האָט ניסן איבעשיץ, מיט צוויי גרענעץ-שוואַרצע, האַרטע און שווייגנדיקע לייט, וואָס שלעכטס קוקט זיי פון די אויגן, געשאַרט זיך וויאָרסטן לאַנג צו דער פאַרוואָרפענער רוסיש-דייטשער גרענעץ, כדי אַריבערצוקריכן זי בסוד אין דער נאַכט.

ער איז גרויס געוואָרן ניסן, אין צעקאַ פון דער פּאַרטיי אויסגעוויילט געוואָרן. איצט איז ער דאָס ערשטע מאָל קיין אויסלאַנד אויף אַ פּאַרטיי-צוזאַמענפאָר געפאָרן. און ער האָט געשוואַרצט די גרענעץ, געשלעפּט זיך אין דער קאַלטער נאַכט, געפאַלן אין די טיפע שנייען, אויפגעהויבן זיך, אויסגעלייגט זיך אויף דער ערד אין שניי אַריין, ווען אַ פאַרדעכטיק קול האָט זיך אָנגעטראָגן פון ווייטן, דעם אָטעם איינגעהאַלטן און געשאַרט זיך אַלץ נענטער און נענטער מיט צוויי אומהיימלעכע לייט צו דעם פרעמדן לאַנד, וואָס איז געלעגן איבער אַ קליין געפרוירן וואַסערל.

— גיכער, נישט אָפּשטיין, — האָבן אים די צוויי לייט גע-מונטערט און געטריבן אין די טיפע שנייען. — באַלד וועלן מיר אַרויסקומען.

*

אין געוועזענעם פּאַלאַץ פון היינץ הונצע, אין דער קאַלטער שטאָט לאָדזש, ווי דער שניי איז צעטרעטן אין בלאָטע פון טריט און שוואַרץ פון רויך, האָט געוואוינט דער קעניג פון מאַנופאַקטור מאַקס אשכנזי מיט זיין צווייט ווייב, די אלמנה נאָכן צוקער-פאַב-ריקאַנט מרגליות, וואָס האָט איצט גערופן זיך אשכנזי.

נאָכדעם ווי דער איד מאַקס אשכנזי, וואָס די באַראָנען הונצעס האָבן אים געדענקט נאָך פון די צייטן, ווען ער איז געקומען צו זיי אין פּאַלאַץ אין לאַנגע אידישע קליידער, א פאַרלוירענער און צעטראָגענער, האָט אויף דער אַקציאָנערן-פאַרזאַמלונג אַזוי ברייט איבערגענומען די פירונג און געזעצט זיך אויבנאָן אויף דעם פּאָטעל, האָבן זיי גאָרנישט מער געוואָלט קענען די פאַרפלוכטע שטאָט לאָדזש.

זיי האָבן זי קיינמאָל נישט ליב געהאַט, נאָך פון די צייטן, ווען זיי זענען ביים פאָטער געווען. נאָכן פאָטערס טויט האָבן זיי זי אינגאַנצן אויסגעמיטן, בלויז געלט פון דאָרט געצויגן, ווען נאָר זיי האָבן גענויטיקט. נאָר איינמאָל אין יאָר האָבן זיי מיט פאַרדרוס אָפּגעריסן זיך פון זייערע אויסלענדישע שטעט און אַראָפּגעכאַפּט זיך אויף עטלעכע טעג אין דער פאַררויכערטער שמוציקער שטאָט, כדי אָנוועזענד צו זיין ביי די יערלעכע זיצונגען פון די אַקציאָנערן. זיי האָבן קיינעם אין שטאָט נישט באַזוכט, קיינעם צו זיך נישט איינגעלאַדן אין פּאַלאַץ. זיי האָבן בלויז פאַרבראַכט פון איין באַן צו דער צווייטער, אָפּגעזעסן ביי זיך אין פּאַלאַץ און פאַרזיסט זיך די לאַנגע צייט מיט וויין און ליקערן. בלויז צוליב אָט די געציילטע טעג, וואָס זיי האָבן פאַרבראַכט דאָ איינמאָל אין יאָר, איז געשטאַנען זייער פּאַלאַץ און געפּוסטעוועט; אויך די קאַרעטן, פערד, קוטשערס, דינער און לאַקייען.

איצט, ווען זיי האָבן שוין מער נישט געהאַט נאָך וואָס צו קומען אין דער שטאָט, האָבן זיי געוואָלט פון אַלץ פּטור ווערן, אי

פון די רעשטלעך אקציעס, וואס זיי האָבן נאָך געהאט, אי פון דעם פּאַלאַץ, וואָס שטייט און פּוסטעוועט.

— קיין געמיינזאמעס מיט דיזען פּאָלניש-אידישן מיסט-לאָך, — האָבן זיי וועגן דער שטאָט גערעדט מיט האס.

מאקס אשכנזי האָט דעם פאָרשלאג פון די בארָאנען אָנ-גענומען.

ער האָט דעם פּאַלאַץ נישט געדארפט, פּונקט ווי ער האָט נישט געדארפט די קארעטן, קוטשערס און לאָקייען. אָבער ער איז געוואָרן איצט דער קעניג פון לאָדזש, דער באַלעבאָס פון דער הונצע-פאב-ריק, און ער האָט געוואָלט האָבן די מלוכה אינגאנצן. ער האָט נישט געקאָנט דערלאָזן, אז נעבן זיין מלוכה זאָל עמיצער אנדערש הערשן אין פּאַלאַץ. די פאבריק מיטן פּאַלאַץ זענען געווען איינס. איבע-ריקנס האָבן אלע גרויסע פאבריקאנטן געהאט זייערע פּאַלאַצן ביי זייערע פאבריקן אין לאָדזש. און ער האָט געוואָלט זיין א גלייכער, נאָך איבעריאָגן. אויך האָבן די בארָאנען פארקויפט דעם פּאַלאַץ פאר ביליק געלט. זיי האָבן וואָס גיכער געוואָלט פּטור ווערן, געלט זען פאר די אויגן. און אשכנזי האָט אים איבערגענומען. איבער-גענומען מיט אלעס, מיט די טייערע מעבלען, בילדער, הירשן-הער-נער, בראָנזן, געפעסן, גלאָזווארג, מיט די לאָקייען און קארעטן, קוטשערס און קאמערדינער. אפילו דער בארָאנישער הערב איז געבליבן אויף אלעם.

אָט אין דעם פּאַלאַץ, דעם גרויסן און שווערן, האָט איצט גע-וואוינט איינער אליין מיט זיין צווייט ווייב מאקס אשכנזי.

קלענער ווי שטענדיק האָט ער אויסגעזען אין די הויכע ריזיקע פּאַלאַץ-זאַלן און צימערן. אליין, אין צווייען בלויז, איז דאָס פאָר-פאַלק אשכנזי געזעסן ביי מיטאָג אין ריזיקן עס-צימער, ביים שווערן לאנגן טיש, וואָס איז געווען גענוג פאר צענטליקער עסער. די ברייטע געשניצטע בופעטן, די פיל פארצעלייען און גלאָזווארג, די ברוינע דעמבענע ווענט, די פארצווייגטע קרישטאָלענע לאָמפּן, די בילדער פון געשאָכטענע פארביקע קאטשקעס, פאזאנען און פערל-הינער האָבן געדריקט מיט זייער גראנדיעזקייט און שווערקייט. דער אויסגעפּוצטער דינער, אין פראק און אין קורצע זיידענע הויזן מיט הויכע זאָקן, האָט קאלט און פייערלעך צוגעטראָגן די פרעמדע

מאכלים צו די צוויי שווייגנדיקע מענטשןביים טיש, וואָס האָבן אין זיי קיין טעם נישט געפילט. זיי זענען נישט געוואוינט געווען צו די אויסגעזוכטע פרעמדע מאכלים, צו די פויגל-פליישן, גרינסן און סאָוסן, נישט געפילט קיין טעם אין זיי און געגעסן זיי מיט אומווילן, פונקט ווי זיי האבן נישט געפילט די גוטסקייט פון די וויינען, וואס די דינער האָבן געבראכט פון פּאַלאַץ-קעלער. זיי זענען נישט געוואוינט געווען דערצו. דער קאַלטער אויסגעפּוצטער קאַמערדינער האָט מער אראָפּגעטראָגן פון טיש, ווי ער האָט דערלאנגט. דער גרויסער וואָלף-הונט, וואָס איז פארבליבן אין פּאַלאַץ ביי די נייע באַלעבאַטים, איז געלעגן אויף דעם טעפּיך א פרעמדער און שווייגנדיקער און געקוקט מיט האלבע פארלאנגווייליקטע אויגן אויף די נייע באַלעבאַטים זיינע.

דער הונט האָט גלייך דערפילט, אז ער איז נישט מער קיין ליבלינג ביי אָט די נייע מענטשן. נישט זיי האבן אים געצערטלט, נישט זיי האָבן אים די הענט אין פּיסק אַריינגעשטופּט. זיי האָבן גאָר מורא געהאַט פאר אים, געהאַלטן זיך פון אים אין א זייט. וויפל מאָל ער האָט פּרובירט א לעק טאָן מיט דער צונג דער באַלעבאָסטעס האנט, כדי ארויסצואווייזן זיין טריישאַפט און ליבע, האָט זי זיך אָפּגערוקט פון אים מיט שרעק, די האנט זיך אָפּגעווישט. פונקט אזוי האָט דער באַלעבאָבס אים אויסגעמיטן, ווען ער האָט זיך געלייגט נעבן זיינע פיס. און ער איז געלעגן א זייטיקער אויף דעם ווייכן טעפּיך אין גרויסן עס-צימער און געקוקט מיט האלבע אויגן, פרעמדע און אומצוטרויאיקע, אויף די שווייגנדיקע מענטשן. ער האָט זיך אפילו נישט אויפגעהויבן פון אָרט, ווען די באַלעבאָסטע האָט אים גערופן, אונטערשטעלנדיק אים א טעלער מיט איבערבלייבעכץ. עס איז אים נישט אָנגעשטאַנען אין זיין זאַטיקייט.

— פּראָטיוונאַיאַ סאָבאַקאַ, — האָט די פרוי געזאָגט צום מאַן א באַליידיקטע. — איך ווייס נישט צו וואָס מען דאַרף אים דאָ.

— זאָל ער זיין, — האָט אשכנזי געזאָגט שטיל, כאָטש ער אליין האָט אויך געוואָלט פון אים פּטור ווערן, נאָר נישט געקאָנט. ער איז געווען א טייל פון פּאַלאַץ, דער הונט, א טייל פון קעניגרייך, וואָס איז צו אים, אשכנזין, איבערגעגאַנגען.

דאָס עסן האָט זיך געצויגן לאַנג, פייערלעך. דער קאַמער-

דינער האָט געטראָגן געשיקט אויף די זילבערנע טאַצן אַלערליי נייע שפּייזן, דעסערטס און געטראַנקען. פון איין עסן צום צווייטן האָט היפּש געדויערט. אשכנזין האָט עס פון אָרט געטראָגן, ער האָט שוין געוואָלט וואָס פריער אַראָפּ אין פאַבריק, וואו ער פילט זיך אַמבעסטן, אָבער עס איז געווען אוממעגלעך צו זאָגן עפּעס דעם הויכגעוויקסיקן, קאַלטן, העפלעכן און עלעגאַנטן קאָמערדינער, וואָס אין זיין גאַנצער לאַקייאישקייט, האָט ער געהאַט אַ מין קעניג־לעכן שטאָלץ אין יעדער באַוועגונג זיינער, אין יעדן ריר. זייער גע־שיקט איז ער מיט זיינע געטאַקטע פיס אין די זיידענע הויכע זאָקן געגאַנגען איבער די גלאַנציקע דילן פון פּאַלאַץ און געטאָן זיין קאָ־מערדינערישע עבודה. אשכנזי האָט נישט געוואַגט אויפצוהויבן זיך פון טיש פריער, איידער דער דינער זיינער האָט אים נישט אונטערגעטראָגן דאָס קעסטל אויסלענדישע ציגאַרן נאָך דער גאַנ־צער פייערלעכער סעודה.

מיט דער גיכקייט פון אַ חדר־אינגל, וואָס אַנטלויפט פון אַ לאַנגער שבתדיקער סעודה צו זיינע שטיפעריייען, איז אשכנזי גע־לאָפן פון עסן אין פאַבריק אַריין, אין זיין גרויסן קאַבינעט. דאָ איז ער געשוואומען, ווי אַ פיש אין וואַסער.

נאָך שווערער איז געווען אין די נעכט.

שעהן לאַנג האָט דאָס קאַמער־מיידל געהאָלפן דער מאַדאַם אשכנזי צוגרייטן זי צום שלאָף. זי האָט איר געפלאָכטן צעפּלעך פון די גרויליכע האָר, די קורצע און די גלאַטע, וואָס ליגן אויפן קאָפּ ווי דראָטן. זי האָט איר געוואַשן מיט וואַסערן און פּאַרפומען דאָס לייב, דאָס טונקל־הויטיקע, שווערע און האַרטע, ווי ביי אַ מאַנס־ביל. זי האָט איר געפּוצט און געפודערט, געשמירט די הענט מיט אַלערליי זאַלבן און קרעמען. אויך האָט זי איר אין טייערע זיידענע העמדער, מיט שפּיצן און אויסנייעכצן, אָנגעטאָן. דאָס בעט אין סטיל פון לואי דעם פופצענטן, באַהאַנגען מיט אַ בלויען אַטלאַס־נעם באַלדאַכין, אויסגעבעט מיט זיידענע קאָלדרעס, געהאַפטענע קישנס און קישעלעך, באַלויכטן מיט געדעמפּטער רויטלעכער נאַכט־לעכער ליכט, איז געווען ברייט, גאַסטפריינטלעך און האַלב אָפּגע־דעקט, גרייט אויפצונעמען אין די ווייכקייטן. אָבער אַלע פּאַרפומען, זאַלבן, זיידענע העמדער, שפּיצן, טיולן, פוכן און געדעמפּטע ליכט

זענען נישט געווען אומשטאַנד צו פאַרדעקן די שווערקייט, האַרט-קייט און באַלייבטקייט פון דער באַאַרטער פּרוי מיט די קליינע גרוילעכע האַרטע צעפּלעך, אין גרויסע זיידענע מיידלשע סטענגעס פאַרפלאָכטן. א קאַלטקייט האָט געווייעט פון אירע שטייפע צוגע-לייגטע האָר, פון דעם שווערן פאַרמלאָזן קערפּער, וואָס איז אַרויס-געקראָכן פון אַלע גאַרסעטן, שנורן און בענדעלעך. דורך דעם דינעם זיידענעם העמד האָט זיך געפאַלדעוועט דער בויך, האָבן זיך שווער געלייגט די צעגאָסענע איבערגעוויזענע בריסטן. די דיקע פיס האָבן אויסגעזען ווי קלעצלעך. די גוידערס אויפן קין האָבן געציטערט ווי געפרוירענע פיש-יויך. דאָס בעט האָט געקרעכצט אונטער דער ווייבערישער משא.

— מאַקס! — האָט זי גערופן פון ברייטן בעט אַרויס. — פאַרוואָס גייסטו נישט שלאָפן?

זי האָט געוואָלט אַרויסברענגען די עטלעכע ווייבערישע ווער-טער דין און צאַרט, אָבער די פעטסן האָבן זיי פאַרגרעבט, אין אַן אַלט מענעריש קול געענדערט. אשכנזין איז קאַלט געוואָרן. דאָס גרויסע בילד איבערן בעט, דאָס פאַרביקע בילד פון א יונג נאַקעט מיידל, וואָס אַנטלויפט פון אַן אַלטן סאַטיר מיט ציגענע פיס, האָט געקוקט אויף אים מיט שפּאָט. אין דעם מיידלס קערפּער אויפן בילד האָט ער פּלוצלינג דערזען דינהלען זיין ווייב. פּונקט אַזאַ שלאַנקע איז דאָס מיידל אויפן בילד געווען. פּונקט אַזעלכע ברוינע גע-קרייזטע לאָקן, קרייזעלעך און רינגעלעך האָבן אַרומגענומען איר קאָפּ.

מיט שווערע טריט, נישט ווי מען גייט צום בעט פון א ווייב אין האָניק-חודש, נאָר ווי מען גייט צו דער תליה, האָט אשכנזי זיך דערנענטערט צום ברייטן געלעגער, וואָס האָט אים מיט א האַלב אָפּגעדעקטער קאָלדרע גערופן צו זיך.

ער איז שלעכט געשלאָפן, מאַקס אשכנזי, אין ברייטן באַקווע-מען בעט, אין אַלע פּוכן, זיידנס און שפּיצן. די געדעמפּטע קלאַנגען פון אַלע פּאַלאַץ-זייגערס האָבן אויסגעקלונגען איינער נאָכן אַנדערן זייערע נאַכטיקע שעהן, לאַנג און פייערלעך, ווי גלאָקן אין א קירכע. מאַקס אשכנזי האָט זיי געציילט אין דער לאַנגער ווינטער-נאַכט. די קישנס זענען אים פּלוצלינג געוואָרן האַרט. אויף וועלכער זייט ער

האָט זיך נישט אָוועקגעלייגט, איז אים געווען דערווידער, האָט געקוועלט.

ער האָט אָנגעטאָן דעם שלאָפראָק און שטיל ארוים פון בעט.

מיט א לייכטער אין האנט איז ער געגאנגען איבער די פילע זאלן און צימערן פון גרויסן פאלאץ זיינעם. אלץ איז אים געווען פרעמד. די הירשן־קעפּ מיט די געדרייטע הערנער האָבן געקוקט אויף אים מיט זייערע גלעזערנע אויגן. די שווערדן, שפּיזן און קינזשאלן אויף די ווענט האָבן געבליצט מיט רציחה און גויאישקייט. אשכנזין זענען איינגלשע געדאנקען געקומען אין קאָפּ, חדר־מעשיות וועגן גזלנים, כמיעלניצקים צייטן, שפּאנישע שייטערהויפנס און אידן, וואס שטעבן זיך אויף קידוש־השם. ער איז ארוים גיך פון איין שטוב און אריין אין אַן אנדערער.

א סך האָבן זיי זיך געצויגן, די שטובן פון זיין פאלאץ, פול מיט מאַרמאָרן, טייערע מעבלען און בילדער. די בילדער זענען געווען גרויסע, ריזיקע, מיט יעגערס, וואס טראָגן געשאָסענע פויגל, פון וועלכע דאָס בלוט רינט נאָך, מיט ריטער אלערליי אין טיולן און שפּיצן, מיט יאַגד־הינט, וואָס שלאָגן זיך מיט בערן, מיט נאקעטע ווייבער, סאטירן, באקכוס־טענץ. אשכנזי האָט זיך איינגעקוקט אין זיי. זיי זענען געווען זיינע, אָבער האָבן געקוקט אויף אים פרעמד, ווייט, גאָרנישט מיט אים זיך אָנגעהערט. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אז זיי לאַכן פון אים, דעם קליינעם איד אין שלאָפראָק, וואָס שלעפּט זיך ארום איינער אליין אין א פרעמדן גוישן פאלאץ אין א שפּעטער ווינטער־נאכט.

ער איז אריין אין עס־צימער, וואו די ברוינע דעמבענע ווענט און געשניצטע באלקנס האָבן זיך געטונקלט אין נאכטיקע שאָטנס. עס איז געשטאנען ווייץ אין קרעדענס. אבער ער האָט נישט געטרונקען, כאָטש אים איז ביטער געווען. ער האָט זיך אָנגעשפּארט אויף א שטול. דער הונט האָט זיך אויפגעכאפּט, א קוק געטאָן מיט האלב־געעפנטע אויגן אויף דעם באלעבאָס, אויפגעעפנט א גרויס מויל און א געניץ געטאָן, צוריק איינטוליענדיק זיך אין ווייכן טעפּיך.

אשכנזי האָט געזען אין געדאנק זיין ערשטע ווייב, דינהלע, דערמאָנט זיך אין פארשידענע צייטן מיט איר. וואו איז זי איצט? — האָט אים פּלוצלינג גענומען מאַטערן א געדאנק וועגן איר. וואָס

מוט זי? וועט זי חתונה האבן, אָדער זי וועט בלייבן אליין? ער האָט מיט א סוחריש פּראַקטישן קאָפּ פּרובירט אָפּוואַרפן די גע-דאנקען וועגן איר. וואס אינטערעסירט זי אים? זיי זענען נישט מער מאן און ווייב. פאנאנדערגעגאנגען זיך. ער האָט איר אויסגע-צאָלט א סך מער, וויפל זי האָט אים נדן אריינגעבראכט. איצט איז אַלץ געענדיקט. ער האָט דאָס אַלץ איבערגעטראַכט, געיאָגט די פרעמדע געדאנקען פון קאָפּ, וואס דאַרף נאָר האָבן צו טאָן מיט פּראַקטישע זאכן. אבער זיי האָבן נישט געוואָלט אַוועק, די פרעמדע געדאַנקען, אין דער שפּעטער שלאָפלאָזער נאַכט. פון ווייב זענען זיי אריבערגעגאנגען צו די קינדער.

אינגאַץ איז אין פּאַריז. א גרויסער בחור שוין. אינטערעסאַנט צו זען, ווי אזוי ער זעט אויס. ער איז טאַקע נישט קיין לייט, א גראָבער קאָפּ, אינגאנצן נישט ענלעך צו אים. חיים אַלטערס קאָפּ האָט ער געירשנט. דאָך וואָלט טשעקאַווע געווען אים צו זען. ער מוז זיין א הויכער, פיל העכער פון אים אליין, דעם פאָטער. ער איז געראָטן אין דער מוטער. און זי, גערטרוד? זי האָט אים מיאוס באהאנדלט, אפילו קיין איין וואָרט אים נישט געלאָזט וויסן וועגן זיך. נישט אָנגעפרעגט וועגן איר ניי לעבן. און מיט וועמען איז זי אוועק? מיט דעם גאָרנישט, מיט דעם פּויערן-יונג, וואָס איז מער ווי טאָפּלט אַלט פאר איר, וואָס האָט געקאָנט איר טאַטע זיין. און צוליב וואָס? אז א נדן האָט איר די מוטער געוואָלט געבן א ליי-טישן. דעם בעסטן יונגנמאן האָט זי געקאָנט קריגן. איצט פאָרט זי טאַקע מיט אים קיין אויסלאַנד, אויפן האָניק-חודש. זיין הויז-פּאַר-וואַלטער שלמהלע קנאַסטער האָט אים גלייך דערציילט. קיין פראנקרייך פאָרן זיי אין די וואַרעמע לענדער.

אשכנזי האָט דערזען זיין ברודער, יאקובן, געזען ווי ער איז איצט מיט זיין טאָכטער, דער יונגער און דער שיינער, אין וועג צו זיין גליק. אים האָט ביים הארץ פאַרקלעמט. דאָס האָט ער זי אריינ-געגאַרט, אויף צו-להכעיס אים, ווי שטענדיק. א נאַרישע ציג, האָט זי זיך געלאָזט איבעררעדן פון אים, געלאָזט זיך פארדרייען דעם קאָפּ. שפּעטער וועט זי חרטה האָבן. ער האָט אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, איינ-געטוליעט זיך אין שלאַפראָק, א קעלטל דערפילט אין די ביינער.

פאַרוואָס קומט עס אים, דעם יעקב בונמען? אז סך-הכל איז

ער א גאָרנישט, א פלאַטער־קאָפּ, א טויגעניכטס. אָט, אין סאַמע בעסטן סעזאָן, לאָזט ער איבער אַלץ מיט אַלעם און פאָרט גאָר קיין פראַנקרייך. א הולטאַי, וואָס וועט סוף־כּל־סוף מיאוס ענדיקן. דאָך וואָסער מזל ער האָט! די ווייבער לויפן צו אים, אַלע. פריער קלמן אייזנס אייניקל, שפּעטער פּלידערבוימס טאָכטער. פיל אַנדערע. איצט זי אַליין, זיין טאָכטער, זיין גערטרוד. ווי געמיין דאָס איז! ער לאַכט איצט פון אים, דער אויסוואורף, האָט אין אים נקמה. פון א ברודער איז ער, מאַקס, יענעם גאָר אין מיטן דערינען א שווער געוואָרן. די טאָכטער איז אים, דעם פאָטער, אפילו נישט געקומען פרעגן. קיין וואָרט נישט צוגעשריבן. הפקר!

ער איז געזעסן א קליינער אין איינגעשרומפּענער, א פאַרלוירע־נער אין דעם גרויסן פּאַלאַץ זיינעם, אין נייעם קעניגרייך. די זייגערס האָבן נישט אויפגעהערט ציילן מיט זייערע קירכן־קלאַנגען די שפּעטע נאַכט־שעהן. דער בראָנזענער מעפיסטאָפעל אין ווינקל שטוב האָט געלאַכט מיט אַלע ציין פון זיין ברייט־צעצויגן מויל גלייך אשכנזין אין די אויגן אריין.

אשכנזי האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט און פאַנאַנדערגע־רוקט די שטאָרן פון ווענעציאַנער פענסטער. ער האָט ארויסגע־קוקט צום גרויסן פאַבריקס־הויף, וואָס האָט מיט אַלע קוימענס זיך געשוואַרצט אין דער טונקל־באַלויכטענער רויטער ליכט.

די פאַבריק איז געשטאַנען א שווערע, א פינסטערע, א צו־דריקנדיקע מיט איר מאַסיוויטעט. די גלייכע הימל־קריכנדיקע קוי־מענס האָבן אויסגעזען ווי לאַנגע צונגען, וואָס די מויער וואָלט ארויסגעשטעקט.

דער קעניג פון לאָדזש האָט דערפילט א קעלט אין דער שפּע־טער שלאָפלאָזער נאַכט און צוריקגעגאַנגען צום געלעגער אן איינ־געשרומפּענער און קליינגעוויקסיקער. דער בראָנזענער מעפיסטאָ־פעל האָט נעשטשירעט אויף אים די שפּיציקע ציין, געלאַכט מיטן גאַנצן ברייט־צעצויגענעם אָפענעם מויל.

(ענדע פון צווייטן טייל)